STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06733

IN TOKH GENUMEN

Jacob Glatstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאַטשטיין

אין תוך גענומען

קיום

20

משה פייגענבלום.

אין תוך גענומען

עסייען 1959-1949

פון

יעקב גלאַטשטיין

בוך איינס

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס, ה׳תש״ך — 1960

אין דעם געזאַמלטן באַנד „אין תּוך גענומען״ זענען נישט אַריין קיין עסייען
פון די פריערדיקע צוויי ביכער, וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן 1947, אַרויס־
געגעבן דורך דעם פאַרלאַג „מתּנות״, ניו־יאָרק, און 1956, אַרויסגעגעבן דורך
דעם פאַרלאַג פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק.

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון

פרוי חנה בלינדער דע העקמאַן

אין אָנדענק פון איר פרי־פאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם
קולטור־עסקן, למדן און לאַנג־יאָריקן פועלי ציון חבר

יוסף דוד העקמאַן ע״ה

צו זיין ערשטער יאָרצייט.

I

דער קאַמף מיטן קריטיקער / ש. ניגער — ה. לייוויק / אין קלוגן ייִדישן קרייז / ייִדיש אין ווענעציע / אַ פרילינגדיקע באַמערקונג / מחשבות וועגן אומשטערבלעכקייט / העברעיִזמען און פתגמים / ביאַליקס ייִדישע לידער / מעשות וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב / אַכט הונדערט יאָר ייִדישע מאכלים / מורא פאַר פּראָבלעמען / אונדזער גלותל / שמעון ראַבידאָוויטש / שרייבערס אָן אַ ליטעראַטור / דער חודש פון ייִדישן בוך / אויפקלייבן און אָפּקלייבן / מחשבות וועגן קריטיק / מעשהלעך און משלים פון נפתלי גראָס / אַ נאָטיץ וועגן די געזאַמלטע לידער פון נפתלי גראָס / די קינסטלערישע יענע וועלט / מענטשן און ווערק / אַ דעבאַטע וועגן פּאָעטישן לשון / לידער וואָס ברענגען נאָך אַרויס פון די כלים / י. מ. ווייסענבערגס „געקליבענע שריפטן” / אויפן פּריפּעטשיק פון וואַרשאַווסקיס פאָלקסליד / לייב ניידוס / מאָריס ראָזענפעלדס בריוו / ר׳ שמואל אושקיס „טרייסט צו די ליידן פון ישראל”.

דער קאַמף מיטן קריטיקער

ביים צוזאַמענפאָר פון „פען" אין לאָנדאָן, האָט מען היי־יאָר גענומען אויף דער האַצקע, ווי מען פלעגט זאָגן אין פוילן, דעם קריטיקער, מען האָט אים פשוט געמאַכט אומבאַקוועם צווישן די פאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן און אָפּגעפרעגט זיין נוצלעכקייט; מען האָט פאַקטיש געוואָלט וויסן, וואָס דער דאָזיקער דאַרמאָיעדניק טוט צווישן אָנשטענדיקע שרייבערס. די ראשי תיבות פון „פען" באַשטייען, ווי מיר האָבן אויסגערעכנט — פון פאָעטן, עסייאיסטן און נאָוועליסטן, נאָך מיט אַ צושפרינג פון דראַמאַטורגן און רעדאַקטאָרן. אָבער דעם קריטיקער האָט מען אַפילו נישט געוואָלט אַריינגעמען אין דער קאַטעגאָריע פון עסייאיסטן. אַן עסייאיסט האָט די פרייהייט צו שרייבן וועגן וואָס זיין האַרץ גלוסט, די וועלט איז זיינע און ער קען זיך דורכשפּאַצירן און מאַכן זיין אויסוואַל. אָבער אַז ער רירט זיך צו, אין זיינער אַן עסיי, צו אַ בוך פון אַ שרייבער, זאָגט אים דער שרייבער: פּאַוואָליע, פעטער. איך וויל דיר נישט שענקען מיין בוך [illegible] אַ טעמע. זיי בכלל נישט מיינער קיין פעטער און ניי זיך נישט קי׳, ׳אַפּטשעס פון מיין גייסטיקער פראַצע.

די אינטערנאַציאָנאַלע שרייבערס פון די אַלוועלטלעכע פען־קלובן האָבן זיך פשוט גענומען אַרומזען, אַז צווישן זיי דרייט זיך אַרום אַ פען־מענטש, וואָס פאַרמאָגט העכסטנס אַ ווירטואָזישע עקזיסטענץ און נישט קיין קאָמפּאָזיטאָרישע. ער שפּילט אויף זייערע געפילן, אָפטמאָל אויף זייערע נערוון, ער שאַפט אָבער נישט קיין אייגנס. זיין שרייבן, הייסט עס, איז אַ צווייט־מדרגהדיקע. אָבער ווען אַ ווירטואָז שפּילט און אינטערפּרעטירט, מוז ער זיך אונטערוואַרפן צום פסק־דין, וויאַזוי ער אַליין שפּילט. מען הערט זיך איין אין דעם אופן פון זיין שפּילן און מען וויל כאַפּן, ווי אינדיווידועל דער ווירטואָז שפּילט — יענעם.

דער קריטיקער אָבער קומט גלייך מיט אַ גרייטער אימוניטעט. ער פאַררעדט אַזוי די ציינער, ער לייגט די גאַנצע וואָג נאָך אַלץ אויף יענעם, אויף דעם שרייבער, צו וועמען ער האָט זיך צוגעטשעפּעט און באַשלאָסן אויף אים שבת צו האַלטן. ער האַלט אין איין דרשנען, ווי יענער שפּילט, אַז מען פאַרגעסט זיך איינצוהערן, צי איז ער אַליין אַ שטיקל מוזיקאַנט.

איז עס נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען וויל דעם קריטיקער מעביר

נחלה זיין, ריכטיקער געזאָגט, וואָס מען וויל אים גלייך נישט פאַרקויפן קיין אייביקייט־קרקע און מען זוכט אים צו סעגרעגירן, באַזייטיקן און אויסווייזן פון דער ליטעראַרישער משפחה.

די דעבאַטע אַרום דער קריטיק, ביים הײַ־יאָריקן צוזאַמענפאָר פון „פען" האָט זיך אייגנטלעך נישט געדרייט אַרום דער פראַגע צי האָט קריטיק אַן אייגענע קינסטלערישע עקזיסטענץ, ווי מען האָט עס שוין פיל מאָל אַרומגע־רעדט. ניין, מען האָט לכתחילה אָנגענומען אַז דער קריטיקער איז העכסטנס פאַרקויפט צום שרייבער, איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון זיין ווערק און עס פאַרמעקלערן צום לייענער. און אויף דעם ליגט טאַקע דער גאַנצער טראָפּ. פאַר אונדז יידן איז זייער שווער צו כאַפּן די וויכטיקייט פון אַזעלכע שרייבערישע באַזאָרגטקייטן. ביי אַ פען־קלוב דעבאַטירט מען נישט נאָר גייסטיקע פּראָ־בלעמען, נאָר אויך ריין־מאַטעריאַליסטישע פראַגן, ווי למשל ווי צו באַשיצן דעם „קאָפּירייט", ווי אַזוי זיך צו פאַרזיכערן, אַז מען זאָל אויפמאָנען ראָ־יאַלטיס אין די ווייטסטע לענדער, אין אַנדערע ווערטער, ווי אַזוי אויסצו־שלאָגן וואָס מער חיונה פון דעם שרייבערישן אייגנטום. ביי אונדז יידן איז אַ שרייבער טיף דאַנקבאַר, וואָס מען דערזעט אים און מען דרוקט אים אי־בער, וואָס מען פאַרגעסט נישט אין אים. ווען מען וועט עס איינפאַלן אויפצו־מאָנען האָנאָראַר פאַר דעם נחת, וואָס מען פאַרשאַפט מיט איבערדרוקן. ביי אונדז איז שרייבעריי נאָך אַלץ אַ רוחניותדיקער ענין. ביי זיי, ביי די אומות העולם, איז עס שוין אַ גראָב־מאַטעריעל געשעפט. ס'האָט מיר אַן ענגלישער שרייבער שוין אַמאָל מסביר געווען ביים פען צוזאַמענפאָר, מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען מען האָט אויפגענומען די פראַגע פון ראַיאַלטיס, אַז אייז־לאַנד, למשל, צאָלט נישט גערן קיין ראַיאַלטיס, און אַז אין אינדיע איז אויך נישט פריילעך. מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי די וויכטיקע דאגה, איז געוואָרן אַ טייל פון מיינע יידישע דאגות, אַז מען וועט מיך חלילה אין אייזלאַנד, אָדער אין אינדיע, באַרויבן פון מיינע שרייבערישע פּראָצענטער.

די שרייבערס פון אַלוועלטלעכן „פען", ווו יידישע שרייבערס זענען אַגב גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער, גייט עס אין מאַטעריעלע אינטערעסן. אַט האָט למשל, עלמער רייס געדונערט, וואָס מען לאָזט די שרייבערס נישט צו צום עגל הזהב פון טעלעוויזיע. עלמער רייס, דער אַמעריקאַנער דראַמאַ־טורג, האָט זיך צעריסן דעם יאַשטשיק, אַז מען זאָל דעם פען־צוזאַמענפאָר חלילה נישט פאַרוואַלקענען מיט קיין פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער האָט מיט זיין רעזאָלוציע, שיר נישט אַוועקגעהרגעט די יידישע פּראָטעסט־רעזאָלוציע, קעגן דער סאָוועטישער ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור און דער אומברענגונג פון די יידישע שרייבערס. פון די מאָגערע באַריכטן אין דער

פּרעסע, זעט אויס, אַז עלמער רייסעס חרם אויף אַזוי־גערופענער פּאָליטיק, האָט טיילווייז געשעדיקט די ייִדישע רעזאָלוציע, ווייל זי איז שטאַרק פאַרוואַסערט געוואָרן.

מען האָט, הייסט עס, בלויז געוואָלט ריידן וועגן ריין־שרייבערישע ענינים, אויף וויפל זיי ליגן אויף דעם שטח פון שרייבערס באַלדיקע אינטערעסן. זייענדיק אַליין אַ מיטגליד פון „פּען", וויל איך נישט זאָגן — אַז מען האָט געזוכט די פּראָבלעמען פון געלט־אינטערעסן, וועל איך בעסער זאָגן, ענינים פון שרייבערישער נוצלעכקייט.

דער ווידערשטאַנד צו פּאָליטיק, וואָס מען שטויסט זיך אָן אויף אים, ביי די מייסטע פּען־צוזאַמענפאָרן, פאַרדינט אַ באַזונדער אַרטיקל, ווייל ס'איז אַ גאָר־גאָר וויכטיקער ענין. מען וויל כלומרשט האַלטן די שרייבערס פון דער וועלט אין אַ צוזאַמענדיקער נייטראַליטעט. מען וויל נישט אַרויסרופן קיין קריגערייען און דורך דעם שפּאַלטן די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון פּען־מענטשן. אָבער אין תוך, איז עס מער ווי לעכערלעך, אַז די סמעטענע פון וועלט־שרייבערטום זאָל, ביים היינטיקן טאָג, קענען קומען צו אַ צוזאַמענפאָר מיט אַן אַרויפגעלייגטן שלאָס אויפן מויל, מיט אַן אַנטי־פּאָליטיק צוים. יעדער איינער פאַר זיך איז ביי זיך אין לאַנד, אָדער שטאָט, אַ גאַנצער מנהיג, אָבער צום פּען־צוזאַמענפאָר וויל מען דווקא קומען ווי כשרע שמייכלענדיקע בהמהלעך.

אָבער מיר האַלטן איצטער ביי קריטיק, און ס'פאַרבינדט זיך דווקא מיט דעם נוצלעכקייט־מאָטיוו ביי די פּען־צוזאַמענפאָרן. געווען אַ צייט, ווען ביעלינסקי, טען, אָדער אַ סען בעוו האָבן געשריבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען, יעדע אָפּהאַנדלונג איז געווען אַזוי גרינטלעך, אַזוי צעגראָבן און אַזוי ברייטאַרומגערעדט, אַז ביז דער ספּעציעלער פאַרזיכטיקער לייענער האָט די לאַנגע קריטישע אַרבעט גוט צעקייעט און גוט פאַרדייעט, האָט דאָס בוך פון מחבר, וועגן וועמען דער חשובער אָפּהאַנדלער האָט טיפזיניק געדרשנט, זיך דערווייל איינגאַנצן פאַרקויפט. דאָס בוך האָט געלעבט אַ באַזונדער לעבן, און דער קאַבינעט־קריטיקער האָט זיך געלעבט זיין לעבן. מען האָט דעם קריטיקער דערפאַר נישט געלייענט ווי אַ בוך־מעקלער. מען האָט אים בכלל זייער ווייניק געלייענט. מען האָט אים נישט געלייענט, אין אַ צירקולאַציע פון הונדערטער טויזנטער, נאָר אין די בעסערע זשורנאַלן, וואָס דער בעסערער און זעלטענער לייענער האָט אויסגעזוכט. היינטיקע צייטן האַלט דער טיפּ פון דעם באַריכותדיקן קריטיקער אינגאַנצן ביי פאַרשווינדן. דער היינטיקער קריטיקער — מען רופט אים רעצענזענט, ווייל מען וויל אים באַליידיקן און זיך אָפּרעכענען מיט אים — איז בליציק ווי ראַדיאָ, ווי די גאַנצע ציוויליזאַציע

אונדזערע. ער שרייבט קורץ און רעאַגירט היינט אויפן בוך, וואָס איז היינט, אָדער אָקאָרשט דערשינען. דער לייענער האָט קיין צייט נישט צו קויפן דאָס בוך. דער קריטיקער פאַרלויפט אים דעם וועג. אים גייט אַפילו נישט אָן דער מחבר, ער רעכנט זיך נישט מיט זיינע געפילן און אַפילו נישט מיט זיין נעכ־טיקער גוט־איינגעפעסטיקטער שרייבערישער רעפוטאַציע. ער זוכט דאָס בוך פון היינט, גלייך אין טאָג, ווען עס ווערט צעלייגט אין די פענצטער פון די שענסטע בוך־האַנדלונגען. נאָך איידער דער לייענער האָט זיך צוגעריירט דער־צו, האָט זיך שוין צוגעריירט, מיט אומאָרטאָדאָקסישע הענט, דער קריטיקער־רעצענזענט און ער האָט שוין אָפּגעפּסקנט.

דער היינטצייטיקער שרייבער מוז דערפאַר באַטראַכטן דעם דאָזיקן רע־צענזענט, נאָך ערגער ווי אַ קאָנקורענט — ממש אַ דם־שונא. ער מאַכט קאַליע דאָס גאַנצע געשעפט. אַ פאַרשוין וואָס נישט ער שפּינט אַליין, נישט ער וועבט, נאָר וואָס זעצט זיך אָן אויף יענעמס בלומען און גיט זייער אָפּט נישט קיין האָניק, נאָר ער דערלאַנגט דעם ריכטיקן ביס, וואָס רופט זיך אָפּ זייער שטאַרק אויף דעם בוך־שרייבערס קעשענע.

און היות אַט די קעשענע־אינטערעסן פאַרנעמען ביי די צוזאַמענפאָרן דעם סאַמע אויבנאָן, איז געוווען נאַטירלעך, אַז מען זאָל איינמאָל פאַר אַלע־מאָל וועלן פאַרטרייבן דעם נייעם בליציקן מעקלער פון ביכער. מען האָט עס געזאָגט ביים צוזאַמענפאָר גאַנץ קלאָר, אַז די עובדה פון אַ קריטיקער איז צו זיין אַ ג ו ט ע ר מעקלער פון ביכער, אָבער נישט אַ ב יי ז ע ר אַרונטעררייסער. ער שרייבט נישט קיין ביכער, און אויב ער האָט זיך גע־בויט אָן אייגן געשעפטל אויפן יסוד פון יענעמס ביכער, מוז ער זיין אַ מזג־טוב, אַז מען זאָל צו אים כאַטש קענען שמייכלען פון אַלע זייטן, פאַר זיינע גוטע פאַרקויף־מעטאָדן.

אַ קריטיקער מוז זיין אָן עלעגאַנטער ביכער־אַגענט, טאָמער איז ער עס נישט, וויל מען אים פאַרטרייבן פון דער משפחה פון שרייבערס. מען וויל אייגנטלעך באַוואָרענען און פאַרחתמנען די ווערק קעגן אים און אים זאָגן, אַז אויב ער איז אָן עסייאיסט און ער פאָדערט דערפאַר אָנערקענונג, זאָל ער ווייזן וואָס פאַר אַ פלאַקנשיסער ער וועט זיין, ווען מען וועט ביי אים צונע־מען די טעמע — יענעמס בוך.

שטעקט דערינען אַ שטיק אומגערעכטיקייט, ממש אונטערדריקונג. ס'איז ווי מען וואָלט געזאָגט צום אַמאָליקן עסייאיסט, טשאַרלס לעם, אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט צו שרייבן זיין עסיי וועגן געבראָטענעם חזיר, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו שרייבן וועגן שעקספּירס שיילאָק. ער האָט, הייסט

עס, אַ רעכט צו שרייבן וועגן אַ פּאַרטיקער אַפּבראַטעכץ, אָבער ער אַליין טאָר נישט ברענגען און בראָטן.

הכלל ס׳איז געווען אַן אַנגעהייצטע שטימונג ביים צוזאַמענפּאַר פון די שרייבערס, כ׳מיין שטאַרק אַנגעהייצט פאַר דעם קריטיקער וואָס מען האָט אים געוואָלט „קאַלט מאַכן״. כ׳גלייב קוים צי ס׳וואָלט געהאָלפן אָפּקילן די געמיטער, ווען ס׳וואָלט ביים צוזאַמענפּאַר זיך געפינען אַזאַ קריטיקער ווי יחזקאל בראַנשטיין, און ער וואָלט געגומען לייענען פאַר דער פאַרזאַמלונג פון זיין נאַר־וואָס דערשינענעם בוך „אונטער איין דאַך״, אַן אויסצוג פון זיין עסיי וועגן קריטיק. לאָמיר זאָגן ווען ער זוכט אויס די דאָזיקע פּסוקים:

„די קריטיק אין דער ליטעראַטור דינט דעם זעלבן צוועק, ווי אַ לאָמפּ אין דעם חושך פון דער נאַכט. דער לאָמפּ פאַריאָגט דעם חושך פון דער נאַכט. די קריטיק צעהעלט דעם פּלאָנטער אין דער ליטעראַטור. די אויפגאַבע פון דער קריטיק איז און באַדאַרף זיין אינטוּיטיוו צו באַלייכטן אַלע פּאַזן פון דער ליטעראַטור, וואָס באַצוועקט איין זאַך: צעזונען דעם מענטש וואָס איז באַשאַפן אין דעם געשטאַלט פון גאָט, ווי די קרוין פון דער יצירה״.

זייער פיינע פּסוקים — אַ לאָמפּ וואָס באַלייכט חושך, צעזונען דעם מענטש וואָס איז באַשאַפן, כידוע, אין דעם געשטאַלט פון גאָט, אָבער, ווען איך גיב אַ טראַכט, וויאַזוי די דאָזיקע ווערטער וואָלטן אויפגענומען גע־וואָרן, ביים פעגן־צוזאַמענפּאַר, און צי וואָלטן זיי איבערצייגט די דאָזיקע וועלט־שרייבערס, וואָס באַטראַכטן דעם קריטיקער פאַר זייער ביטערסטן שונא, און צי וואָלטן זיי כאָטש געשענקט דעם קריטיקער די ראָלע פון אַ לאָמפּן־צינדער, וואָס דאַרף ערשט באַלייכטן די צעזונונג פון מענטש — באַ־פאַלט מיך אַ טיפער יאוש און איך ווער שטאַרק מסופק, צי יחזקאל בראַנ־שטיין וואָלט מיט זיינע ערלעכע פּסוקים געווונען באַרעכטיקונג פאַר דער מלאכה און מלוכה פון קריטיק, וואָס איז געוואָרן דער אמתער אבן נגף, אויפן וועג צום מחברס בוך, וואָס מוז ברענגען וואָס מער פּרנסה.

ווען מען וואָלט דעם גאַנצן געראַנגל מיט דער קריטיק ביי די אומות העולם, געוואָלט איבערזעצן אויף ייִדיש, כדי צו געפינען אַ ייִדישן מוסר השכל, וואָלט מען געמוזט זייער שווער האָרעווען מיט דער איבערזעצונג, ווייל ביי אונדז האַנדלט זיך עס לגמרי נישט אין שרייבערישער פּרנסה. די שרייבערישע מלך אביונס גיטער אונדזערע, ליידן נישט פון קיין שלעכטער קריטיק, און דער מאַטעריעלער ווּילזיין הייבט זיך נישט פון פייערלעכע לויבגעזאַנגען. קריטיק איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן, ווען דער גוטער לייע־נער האָט זיך גענומען אויספּיקן פון אַ נאָך נישט אַנזעעוודיק איי. איז ביי אונדז קריטיק געוואָרן נאָך חשובער ווי דאָס בוך, ווייל ס׳האָט דעם לייענער

פאַרשפּאַרט די טירחה צו לייענען דאָס בוך. ביי אונדז איז דער קאַמף מיט דער קריטיק, פאַר און קעגן, גאָר אַן אַנדערער — און מיר וועט נאָך אויסקו־מען צו ריידן וועגן דעם מער ווי איין מאָל. מיר איז בלויז געגאַנגען אין אָנ־וואַרפן עטלעכע איינדרוקן, אַרום דעם פאַרלוירענעם קאַמף, וואָס עס פירן איצטער וועלט־שרייבערס. זיי זענען כלומרשט אין תוך קעגן קריטיק, ווייל ס׳איז נישט, לויט זייער מיינונג, קיין זעלבסטשטענדיקע קונסט. אָבער ווילן ווילן זיי דווקא, אַז דער קריטיקער זאָל ווערן וואָס וויינִיקער זעלבסטשטענ־דיק, און דינען דעם שרייבער, נישט ווי אַ „לאָמפּן־צינדער״, נאָר ווי אַ צע־פּויקער און צעשרייער פון זייערע ווערק.

.1956

ש. ניגער — ה. לייוויק

מיט אַן ערך 27 יאָר צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיט ש. ניגערן ביי אַ צוזאַמענפאָר אין דעם נאָך־יונגן און נישט־צעוואַקסענעם בויבעריק. ש. ניגער איז געווען אַ סך יינגער, אָבער נישט אויף די גאַנצע 27 יאָר, ווייל ניגער איז פרי רייף און צייטיק געוואָרן און ער איז שוין דעמאָלט געווען אונדזער קלאַסישער קריטיקער. קיינער האָט נישט אָפּגעפרעגט זיינע איינגעפונדעוועטע מיינונגען, אויפן גרונט פון זיין עלטער, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען מי יודע ווי אַלט. מיר דאַכט זיך אָפּט, אַז ש. ניגער איז ביי אונדז אין אַמעריקע אַ סך יינגער געוואָרן, אָבער דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך און דאַרף אונדז איצטער נישט אינטערעסירן.

איך בין דעמאָלט, מיט 27 יאָר צוריק, יינגער געווען אויף אַ גאַנצער העלפט. דיכטעריש בין איך ערשט קוים אַלט געווען פינף יאָר, אָבער טומל האָב איך שוין געמאַכט פאַר אַ גאַנצן דזשאַז־אָרקעסטער. ס'איז מיר געווען גוט און ווויל און איך האָב הנאה געהאַט פון דעם גערודער. מיר האָט זיך נאָך דעמאָלט געדאַכט, אַז מען רודערט פאַר אַ ריזיקן עולם, וואָס וויל בשום אופן פון מיר נישט וויסן, אָבער וואָס איז גרייט פון מיר צו הערן און פאַרנעמען דעם ווייטן געטומל.

ה. לייוויק האָט שוין געהאַט הינטער זיך דעם „גולם" און הגם ער איז ערשט פאָעטיש אַלט געווען אַ דרייצן יאָר, איז ער שוין אין דער יידישער פאָעזיע געווען מער ווי אַ בר־מצווה. אויף לייוויקן פאַסט זיך גראָד צו זאָגן — געוואָרן בר־מצווה, ווייל אין זיין דיכטונג האָט ער גענומען אויף זיך נישט נאָר דעם עונש פאַר אייגענע ליידן און אייגענע זינד, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ וועג פון אידענטיפיקאַציע מיט די ליידן פון די אייגענע העלדן. דאָס איז אַן אַנטשיידנדיקער מאָמענט אין שאַפן פון אַ שרייבער, מען קען דערפון אַרויס שטאַרק געניזוקט. מען גייט אַריין אין פּרדס פון דער אייגענער לאַבאָראַטאָריע און מען טרינקט אויס אַלע פלעשעלעך גיפט, וואָס מ'האָט אַוועקגעשטעלט פאַר די העלדן, אַז זיי זאָלן טרינקען געזונטערהייט. עס מוז דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז לייוויק איז פון זיין אייגענעם פּרדס נישט אַרויס קיין באַשעדיקטער. אין אָנהייב האָט עס אויסגעזען, אַז ער נעמט אויף זיך אַ גרויסע פיזישע און גייסטיקע משא פון אַ דיכטער, וואָס נעמט איין זיין אייגענע מעדיצין פיר און צוואַנציק שעה אַ מעת־לעת.

לייוויק האָט אָבער שטאַרק הנאה געהאַט פון דער צוזאַמענשמעלצונג מיט זײַנע הויפּט־העלדן, ער האָט אין זײַן אייגענעם מעטאַד געפונען די בײַטיקע שרײַב־וויטאַמינען און ער איז געוואָרן דער גרעסטער לייוויק, וואָס ה. לייוויק האָט בדעה געהאַט צו ווערן, פון דעם טאָג ווען ער איז אַריבער דעם פּרוזדור פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

אין יענעם נאָכמיטאָג, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט ש. ניגערן אין בוּיבעריק, איז שוין לייוויק געהאַט אַרויס בשלום פון זײַנע היילן און טורעמס און ער האָט שוין געטראָגן אויף זיך אַ היפּשן אָפּשטראַל פון דעם טונקעלן דיכטעריש־טעאַטראַלן ליכט, וואָס מיט אים האָט ער אַזוי עפעקטפול באַ־לויכטן די קעפּ פון מהר״ל, פון זײַן גולם און פון זײַן נישט־דערמאָנטן קריס־טוס. מען דאַרף געדענקען, אַז קריסטוס איז בײַ אונדז אין דער ייִדישער פּאָעזיע שוין דעמאָלט געווען אַ שטיקל יסורימדיקער קרוב. קיינער האָט אים נאָך נישט געהאַט געקרוינט פאַר אַ גאָט. דאָס איז אַ שפּעטערדיקער עטאַפּ, די פאַרוואַנדלונג פון תהלים־ייִד אין אַן אמתן געקרייציקטן מענטש־גאָט איז נאָך דעמאָלט קיינעם נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה.

די באַצי̇ונגען אונדזערע — כ׳מיין מײַנע און ש. ניגערס, זענען דעמאָלט, מיט 27 יאָר צוריק, נישט געווען פון די בעסטע און זיי האָבן זיך געפונען אויפן וועג צו נאָך אַן ערגערער פאַרערגערונג. אָבער אין דער פרעמד, ווען צוויי שרײַבערס באַגעגענען זיך, זאָל זײַן די צוויי אומגלייכסטע, צעקרימט־סטע, אָדער צעקריגטסטע שרײַבערס, מוזן זיי שליסן אַ צײַטווײַליקן פרידן. פאַראַן אַזאַ אײַנזאַמקייט, וואָס באַפאַלט אַ שרײַבערישן מענטשן צווישן אומשרײַבערישע מענטשן, אַן אײַנזאַמקייט וואָס קען בלויז געהיילט ווערן ווען מען דערזעט דאָס פּנים פון אַ צווייטן שרײַבער און מען איז אים צײַט־ווײַליק מוחל אַלע חטאים. ס׳גיט אַן אַטאַוויסטישן צי און אַ ברי און אַקאָרשט מען קוקט זיך אַרום, שפּאַצירט מען שוין צוזאַמען און מען רעדט וועגן ענינים, וואָס זענען נענטער ווי אַלע פּראָבלעמען פון דערצי̇ונג, וואָס ווערן בציבורדיק אויסגעקעמפט אין אַ סעריע רעפעראַטן.

אין יענעם וווּנדערלעכן נאָכמיטאָג, מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט ש. ניגער פאַר מיר אויסגעדריקט זײַן גרויסע אַנטוישונג אין דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע. עס זענען דערמאָנט געוואָרן גאָר אַ סך נעמען פון לעבעדיקע ייִדישע דיכטערס, וואָס האָבן שוין, יעדער אויף זײַן שטייגער, אײַנגענומען גאַנצע פּעסטונגען, אָבער ניגער האָט דערקלערט, אַז זיי שפּײַזן אים נישט. זיי צעקריכן אונטער די הענט, ווען ער רירט זיך צו זיי צו. איך געדענק נישט צי דאָס האָט צווישן אונדז פאַרקניפּט אַ שטיקל דיסקוסיע וועגן דער ייִדישער פּאָעזיע, אָבער איך געדענק בפירוש דעם ערנסטן טאָן

פון אַנטוויקלונג, וואָס האָט געקלונגען אין ש. ניגערס רייד. כ׳שטעל זיך איצ־טער פאָר, אַז ניגער האָט דעמאָלט גערעדט, נישט אַזוי ווי אַ פּריוואַטער גע־ניסער, נאָר ווי אַ קריטיקער וואָס זוכט עפּעס אין דער ייִדישער פּאָעזיע אַזוינס, וואָס זאָל אים געבן אַרבעט, און אַרבעט פון וואָס ער אַליין זאָל הנאה האָבן. מיטאַמאָל האָט ש. ניגער אויסגערופן:

— מיין איינציקע גרויסע האָפענונג אין דער ייִדישער פּאָעזיע איז ה. לייוויק.

— די איינציקע? — האָב איך איבערגעפרעגט מיט אַן אומזיכער קול און מיט אַ סך געקראַכטע אַקציעס, אין יענעם טייל פון דער שרייבערישער אַנאַטאָמיע, ווו עס צאַפּלט זיך יונגער גלויבן, אַז מ׳וועט אַמאָל דאָך איינ־נעמען דעם גרעסטן עקשן און נייך־זאָגער און אים מאַכן פאַר אַ הייסן יאָ־זאָגער. יעדער דיכטער איז דאָך בבחינת יוסף, וואָס וויל דווקא אַז זיינע נישט־פאַרגינערישע ברידער זאָלן זיך קומען בוקן צו אים. ערשט אַז די ברי־דער קומען זיך בוקן צו אים, ווערט ער ווייך ווי וואַקס און ער דערזעט, אַז דאָס גאַנצע בוקעניש איז ווערט אַ שמעק־טאַבאַק.

אָבער ש. ניגער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז פון דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע שטעקט פאַר אים אַרויס בלויז ה. לייוויקס אימפּאָזאַנטער קאָפּ. אין זיין באַפליגלטער ווילן צו דערגרייכן אַזעלכע הויכן, וואָס צו זיי האָט אַ קריטיקער ליב מיטצופליען.

ש. ניגער האָט אויף יענעם שפּאַציר גערעדט מיט אַ סך אויפריכטיקער ליבשאַפט צו לייוויקן און זיינע דיכטערישע פאַרמעסטן, וואָס זענען שוין געווען גאַנץ באַדייטנדיק. איך בין זיכער, אַז איך בין דעמאָלט געווען אי־בערצייגט, אַז ניגער, דער וועלט־באַוווסטער ייִדישער קריטיקער, נייטיקט זיך אין אַזאַ פּאָעט ווי ה. לייוויק, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו שפּאַ־צירן הין און קריק, צווישן פּראָזע און פּאָעזיע, און וואָס זאָל דעם קריטיקער געבן די מעגלעכקייט איינצוראַמען דאָס געשטאַלט אין דער גרויסער גאַלע־ריע פון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט. ניגער האָט געזוכט אַזאַ פּאָעזיע וואָס ס׳זאָל זיין וואָס איינצובייסן, קייען און צעקייען.

דערפאַר, ווען ס׳איז מיט 27 יאָר שפּעטער דערשינען דאָס גרויסע, פינף הונדערט זייטיקע בוך פון ש. ניגער — „ה. לייוויק 1888—1948" איז עס פאַר מיר געווען אַ קנאַפּע איבעראַשונג. איך האָב אַזאַ בוך דערוואַרט, אפשר מער פון אַ סך נאָענטע לייוויק־פריינט האָב איך דערוואַרט אַקוראַט אַזאַ בוך, וואָס ניגער זאָל מיט דער צייט אָנשרייבן. קיין איין פּאָעט ביי אונדז האָט ניגערן נישט געקענט געבן בוי־מאַטעריאַל פאַר אַזאַ בוך, ווי ה. לייי־וויקס שטאַפּלדיקע אַרבעט. מיר איז נישט באַקאַנט קיין איין דיכטער ביי די

אומות העולם, וואָס זאָל זיין דעם קריטיקערס פּאָעט ווי לייוויק, וואָס זאָל נישט נאָר זינגען, נאָר זאָל אויך געבן דעם גאַנצן בלוי־שריפט פאַר קריטיק־צעזונגענקייט. ה. לייוויק גיט דעם קריטיקער דרייפאַכע הנאה, די הנאה וואָס ער האָט ביים לייענען, די הנאה וואָס ער האָט ביים אַנאַליזירן און די הנאה וואָס ער האָט פון זיין אייגענעם פּיתום ורעמסס, וואָס ער קען אַרויפבויען ממש אויף יעדער זאַץ, וואָס בעט זיך — דרשן מיך.

זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז די דערשיינונג ה. לייוויק אין דער יידישער ליטעראַטור איז, ווי מען זאָל עס נישט וועלן אויסטייטשן, איינע פון די מערקווירדיקסטע אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור. פּריינט און שונאים, גרויסע פאַרגינערס און קלענערע פאַרגינערס קענען זיך האָבן זייערע אייגענע פּירושים, קיינער קען נישט לייקענען דעם עצם פאַקט, אַז ה. לייוויקס שטייגן און שטאַפּלען האָט אַרויסגערופן די גרעסטע אויפמערק־זאַמקייט אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך פּרצן און ווייט אַריבערגעשטיגן פּרצס פּערזענלעכן און מאַגישן איינפלוס אויף יידן אין אַלע לענדער. געווען אַ צייט ווען פּרצס באַרימטקייט איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ סך אָפּגע־קילט און פאַרקלענערט, אָבער לייוויק האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג אין דער גאַנצער וועלט, ווו יידן האָבן געלייענט יידיש, אַפילו ביי אַזעלכע וואָס האָבן אים נישט אינגאַנצן גורס געווען.

די וואָס ווילן דאָס נישט צוגעבן זענען גרויסע נאַראָנים, זיי וואָלטן גי־כער באַדאַרפט פאַרווענדן זייער נישט־פאַרגינערישע ענערגיע אויסצופאָרשן פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור איז געווען גרייט פאַר לייוויקס טריומפאַלן אויפטריט, און ווי אַזוי לייוויק האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געטרייע און האַרץ־צאַפּלדיקע דערוואַרטונג. אויב לייוויק איז אַמאָל אַרונטער פון די דיכ־טערישע רעלסן, האָט ער אָבער זייער זעלטן איבערגעפירט בידים דאָס גע־שטאַלט לייוויק, וואָס האָט באַדאַרפט זיין דער ענטפער אויף דער צאַפּלענ־דיקער דערוואַרטונג.

האָט דאָס אַלץ עפּעס צו טאָן מיט פּאָעזיע? אי יאָ, אי ניין. שעלי איז געווען אַ געשטאַלט אין דער דיכטונג, בייראָן האָט געוועקט נייגער, פּושקין איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן, היינע איז אַלעמען דערגאַנגען די יאָרן, ביאַ־ליק איז געווען דער הערצל פון דער העברעישער ליטעראַטור.

אין זיין בוך געלינגט ש. ניגערן ערטערווייז צו באַווייזן אַז ס'איז פאַראַן אַ שייכות צווישן ה. לייוויקס פּאָעזיע און דער גרויסער באַוווּנדערונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אַפילו ביי נישט־לייענערס, ביי בלויז דערוויי־טערטע הערערס און קלייבערס פון שיריים. ניגער טוט עס נישט דירעקט, נאָר אומדירעקט מיט זיין ליבלינג־צוגאַנג פון מיטאָס. אַז מען לייענט ניגערס

בהדרגהדיקע צעגלידערונג פון לייוויקס קלענערע און גרעסערע לידער באַ־פאַלט אַן אימה און מען הייבט אָן גלייבן, אַז אין דער פּאָעזיע ליגן פאַר־באָרגן אַזעלכע כוחות, וואָס קיינער ביז לייוויקן האָט זיך נישט דערוועגט אויסצונוצן.

דאָס בוך ניגערס מאַכט אַ געמישטן איינדרוק. פאַראַן אין דעם אַ סך אָריגינעלע אַרבעט, וואָס ניגער האָט געטאָן פאַרן בוך און אַ סך צוזאַמענ־געשרויפטע אַרבעט, וואָס ניגער האָט געטאָן אַ סך פריִער און נישט דירעקט פאַר דער גאַנצקייט פון אַזאַ בוך. פאַראַן אין בוך אַ סך ליבשאַפט, וואָס שאַפט דעם איינדרוק, אַז דער קריטיקער רוט זיך אָפּ פון אָנשטרענגונג. דאָרט ווו ניגער האָט ליב איז ער ווייניקער דער קריטיקער, כ׳מיין אויך מיט ווייניקער ווערדע. אין בוך זענען פאַראַן שטעלן, וואָס האָבן נישט באַדאַרפט זיין אין ש. ניגערס אַ גרעסערער אַרבעט, ווייל זיי קלינגען ווי גערעדטע און נישט געשריבענע זייטן. ניגער פאַרגעסט אין דער ראָלע פון קריטיקער און ער ווערט אַ קריגער, ער קריגט זיך אַקטיוו און פאַסיוו מיט לייוויקס אַראָפּ־דינגערס. דאָס בוך פאַרמאָגט אויך דעם חסרון פון צו־אָפטער פייערלעכקייט. אַ סך זייטן זענען געשריבן אין אַ יובילײ־טאָן, ווי אַ יובל־רעדע. אָבער דער גרעסטער חסרון פון בוך איז וואָס ער דרייט זיך בלויז אַרום לייוויקס איינ־זאַמקייט און נישט אַרום זיין אָנגעהעריקייט צו דער ייִדישער ליטעראַטור. כ׳וואָלט פאַר לייוויקן געווען מער מנוחהדיק, ווען ניגער וואָלט גערעדט פון לייוויקס 1888 ביז 1948 אין טערמינען פון אַ גרויסער, באַדייטונגספולער ייִדישער ליטעראַטור. לייוויק וואָלט נישט געהאָנגען אין אַ מיטאָס־חלל, וואָס איז ווי ספּעציעל און פּריוואַט צוגעשניטן געוואָרן פאַר אים.

אָבער דאָס בוך האָט בפּרוש גאָר אַ סך מעלות. די גרעסטע מעלה איז וואָס ש. ניגער בויט פאָרט אויף אַ גרויסע געביידע און אויף דעם פונדאַ־מענט פון לייוויקס וואָרט. ער באַגלייט אים אויף טריט און שריט און ער ווייזט ווי ער נעפּלט זיך איין און נעפּלט זיך אַרויס פון אַ גרויסער אומ־קלאָרקייט, וואָס איז אַפילו ביי דער גרעסטער טונקלקייט געווען אָן אַרויס־פאָדער צו טייטשערס און פאַרטייטשערס.

אויב מ׳נעמט אָן ניגערס מעטאָד, וואָס פּאַסט זיך גוט אַריין אין זיין גאַנץ שאַפן, אויב מ׳נעמט אָן אַז מען דאַרף אַזוי אַרויפטרייבן דעם קוועק־זילבער פון דעם שרייבערישן טעמפּעראַמענט, אויב מ׳דערלויבט אַ קריטיקער צו ריידן וועגן אַ דיכטערס צוקונפט־זעונגען, אין אַנדערע ווערטער וועגן זיין נביאישער קראַפט, קען מען אָננעמען דאָס בוך ווי אַ וויכטיקן צושטייער צו דער ייִדישער ליטעראַטור. ווייל דאָס בוך איז געשריבן אין שליסל פון ליב־

שאַפט און באַוווּנדערונג, אַ באַוווּנדערונג וואָס זוכט בוכשטעבלעך טרייסט אין לייוויקס לידער.

אַפילו די שאַרפסטע קעגנערס פון לייוויקס ליד מעגן דאָס בוך פאַרגינען דעם דיכטער, ווייל ניגערס בוך איז אַ פּינקטלעכער אַנאַליז פון לייוויקס וואָרט. אויב לייוויקס וואָרט פאַלט, פאַלט עס איין צוזאַמען מיט דער גרויסער באַוווּנדערונג, וואָס איז געבויט אויף לייוויקס ליד. לייוויקס פריינט וועלן אין ניגערס בוך געפינען אַ סך געטרייע און אויפקלערערישע אַרבעט, וואָס וועט נאָך מער העלפן פאַרפעסטיקן דאָס געשטאַלט לייוויק אין דער יידישער ליטעראַטור. די בינונים וועלן אויך מוזן באַוווּנדערן — די אויפריכטיקע באַוווּנדערונג, וואָס אַ באַרימטער יידישער קריטיקער האָט אַריינגעטאָן אין זיינס אַ בוך, אַפּטמאָל איבערפירנדיק דעם קלאַסישן קריטיק־טאָן פון זיין אַרבעט, מיט פשוטער, אומקריטישער (אָדער אפשר אַנטי־קריטישער) חברשער התפעלות.

1951.

אין קלוגן ייִדישן קרייז

(רעדע ביי דער פייערונג פון אַ לאַמעד־פרעמירונג)

די פּראָבלעמען פון ייִדישן פּאָעט היינט־צו־טאָג זענען: זיך פּרוּוון פאַרצושטעלן דעם ייִדישן לייענער, וואָס נייטיקט זיך אין פּאָעזיע; אָדער האָבן דעם מוט און דעם כּוח זיך איינגאַנצן צו באַפרייען און אָפּצורייסן פון געדאַנק, אַז עמיצער וואַרט אויף זיין ליד. אָבער ביידע ברירות זענען זייער שווערע — כּמעט אוממעגלעכע.

אמת איז, אַז קיין ייִדישער פּאָעט ווייסט נישט אַקוראַט, ווי אַזוי ס׳זעט אויס זיין לייענער. דער פאַרקויף, בעסער געזאָגט, דער נישט־פאַרקויף פון זיין בוך, קען אים אַוודאי נישט העלפן זיך שאַפן אַ קלאָר בילד פון זיין לייענער. אין בעסטן פאַל, קען ער מיט גרויס אָנשטרענג זיך פאָרשטעלן אַ מטושטשדיק בילד; און דער פּאָעט וואָס האַלט אַז זיין ליד מוז זיין געבונדן מיט דער אחריות פון — אַ דע לפני מי אתה עומד, איז אין אַן הילפלאָזער לאַגע. זאָל ער זיך ווידער דערלויבן דעם צווייפלהאַפטיקן לוקסוס איינגאַנצן צו באַזייטיקן דאָס בילד פון זיין לייענער, בעת ער שרייבט זיין ליד, איז ער אַ פאַרמשפּטער צו אַן איינזאַמקייט, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב און וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ יוגנטלעכן ניהיליזם, וואָס איז נישט פּאַסיק פאַר אונדזער צייט — אַפילו ווען אונדזערע פּאָעטן וואָלטן נאָך געווען אין דעם עלטער, ווען ס׳וואָלט זיי געפּאַסט צום דיכטערישן פּנים, איבעראַשנדיקע און טראָציקע דערוועגעניש.

איז דעם ייִדישן פּאָעט פון אונדזער דור נישט מקנא צו זיין. ער זעט נישט דאָס מאָנענדיקע פּנים פון זיין לייענער און ער קען אויך מער נישט שאַפן זיין ליד אין אַ וואַקוּאום פון זיך־צופרידנשטעלנדיקער איינזאַמקייט. די האַרבע צייט הויקערט אויף אים שווער, אַז ער מוז אַמאָל סימבאָליש אַרויסלויפן אין גאַס און שרייען: ליבע מענטשן, ראַטעוועט! אָדער ליבע מענטשן פרייט זיך מיט מיין ייִדישער פרייד, ווי זי זינגט זיך אין מיר, מיט אַ צומיש פון אַ טראָפּעלע טרויער, אַן אַריינטריף פון אונדזער צייט; אָדער, זעט ליבע ייִדן, ווי ס׳רוקן זיך נייע וואָלקנס אויף דער וועלט און דער ייִדישער סייסמאָגראַף ציטערט שוין באַצייטנס, ווי תּמיד, ווייל מיר זענען די אַלאַרמי־

רערס פאַרן שטורעם, אַ ניצוץ, אפשר אויך אַ שטראָף פון אונדזער נביאיש פּאַטעטישן אַפּשטאַם.

אַוודאי וואָלט דער פּאָעט געקענט פּראָקלאַמירן פאַר זיך אַ שטיקל באַ־זייטיקטע סיסטעמאַ און דערוויילן פּאַרצייכענען פּינקטלעך, ווי ער פּלעגט עס תמיד טאָן, געטריי צו זיינע פּאַטעטישע חושים ווי אַזוי אַ יונג פרעסטל האָט היינט פאַרזילבערט די פרימאָרגנדיקע טעלעגראַף־דראָטן, צי ווי אַ בוים אָן בלעטער האָט געכאַפּט אַ ציטער אין זיין פאַרגליווערטער נאַקעטקייט, אָדער ווי דער ים האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואָרפן און געקרעכצט. אָבער אַזאַ לע־גיטימע דיכטערישע כראָניק, וועגן אייגן־געזעענע און פאַרצייכנטע צעפּייער־טע זשאַווער־גאָלדענע האַרבסט־בלעטער, אָדער ציטערדיקע רעגנפעדים אויף די שויבן, קענען שוין מער נישט אינגאַנצן באַפרידיקן דעם פּאָעט, וואָס שאַרפט זיינע אויגן און אויערן אויף דער מאָנאָטאָנער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער נאַטור. ווי ער זאָל נישט פאַרשיידנאַרטיקן די דאָזיקע דורכגע־זונגענע און איבערגעלירישטע לידער מיט אַן אויבערהייטל פון אייגענע גראַמען, מוז ער דערשפּירן אַז אין אונדזער צייט, איז עס אַ פּאַטעטישע צו־פרידנשטעלונג מיט קנאַפּ; אַז ס'איז פּאַטעטישע הונגער־דיעטע, וואָס פאַר־געצט אים צו דער מדרגה פון אַ „פלאַטאָנישן" באַוווּנדערער; און אַז אומבאַ־וווּסט גייט ער נאָך אַן אַלטן איינשטעל אַז פּאָעזיע דאַרף זיך נישט מישן אין ברייטערע עסקים, נאָר זי מוז אויספּילן און באַשיינען די קליינע שפּאַרעס פון אַ פאַרנומענער וועלט. בינו לבינו ווערט די דאָזיקע פּאַטעטישע פלעגמאַ־טיק אַ צווייטע געוווינהייט און אַן אָפּגעוווינטקייט פון זאָגן אַ מענטשלעך וואָרט.

אויב דער יידישער פּאָעט פאַרלאַנגט מער ווי אַ קליין מעסטל שעפע־רישע אומרו, וואָס די חושים זיינע זאָלן אים קענען געבן באַלדיקע באַרו־קונג, און אַ גרעסערע ראָלע פאַר זיין וואָרט אין אַקטיוון לעבן פון זיין צייט; אויב ער גלייבט נישט אַז זיין דיסציפּלין מוז ממילא טרייבן פּאָעזיע צו פאַר־שמעלערונג און קליינקונסט, און אַז יעדער אַמאַלגאַם פון פּאַטעטישן „גאָלד" מיט אַנדערע וואָרט־מעטאַלן איז אַ חילול, איז ער אין אַ קלעם, ווייל ער האָט היינטיקע צייטן פּאַקטיש נישט צו וועמען צו ריידן און אים ווערגט דער געדאַנק, אַז ער זאָל מוזן ריידן צו דער אייגענער איינזאַמקייט. לאָמיר דאָ גלייך קלאָר מאַכן, אַוודאי האָבן מיר אַ סך אַנערקענטע גרויסע פּאָעטן, אַנערקענט, אָבער נישט געשעצט דירעקט פאַר זייער ליד, אַ חוץ אויפן סאַמע אויבנאויפיקסטן אופן, פון אַנגעמען גרייטע פּאַטאַסטאַטן אָן אייגענער אינ־טימער פאַרקניפּונג מיטן ליד פון דיכטער. די דאָזיקע פּאָעטן, אויב זיי האָבן זיך יאָ דערוואָרבן אַן עולם, האָבן זיי עס געקראָגן, מיט דער הילף און אַדאַנק

פֿאַרשיידענע דרויסנדיקע מיטלען און אומשטענדן, וואָס האָבן זייער ווייניק, אָדער כמעט גאָרנישט צו טאָן מיט זייער ליד. אַזעלכע באַרימטע פּאָעטן זע־נען, אין פּרט פֿון זייער ליד, אויך אויפֿן באַראָט פֿון זייער איינזאַמקייט.

לייענערס וואָס זאָלן דערשפּירן דעם טעם פֿון אַ פּאָעטישער שורה אויפֿן גומען, זענען געווען קליין אין צאָל אין אַלע צייטן, און נאָך ווייניקער אין אונדזער צייט, ווען די ייִדישע פּאָעזיע האָט געטאָן אַזאַ שפּרונג פֿאָראויס, אין די לעצטע 40־50 יאָר, אַז די אויסשולונג פֿון לייענער האָט געמוזט בלייבן הינטערשטעליק און ס'רוב לייענערס זענען געבליבן שטעקן און רוען ביי געוויסע סטאַנציעס און פּעריאָדן; און פּאָעטן וואָס קערן זיך אום צו געפֿי־נען זייערע לייענער מחנות אויף די אַלע צוריקגעשטאַנענע וועגן, פֿאַר־בלאָנדזשען זייער אָפּט, און אַז זיי געפֿינען שוין זייערע לייענערס, פֿאַרלירן זיי זיך אַליין.

קומען מיר צו דער קרעדיט־זייט, מעגן מיר פֿאַרצייכענען, אַז דאָס לשון פֿון פּאָעזיע, די לעקסיק, אַזוי צו זאָגן, איז אין אַ בעסערער לאַגע פֿון דער פּראָזע. אויב די בעלעטריסטישע פּראָזע מוז הערן ווי מענטשן ריידן, כדי דערמיט צו העלפֿן געשטאַלטיקן אַ וועלט מיט ריידנדיקע און לעבעדיקע פּאַר־שוינען, און אויב דאָס גערעדטע לשון ווערט צו ווייניק אָדער צו געמיין באַ־נוצט, געפֿינט זיך די קינסטלערישע פּראָזע אויף אַ טויטן יאַריד — איז דער פּאָעט אָבער נישט צוגעבונדן צום לשון פֿון — רייד, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, ווייל ער איז בכלל ווייניק דיאַלאָג מענטש, ער מאָנאָלאָגיזירט דאָס לשון פֿון זיין דורס מחשבה.

ער הערט זיך איין אין פּולס פֿון דעם דורס טראַכטן. ער איז דער נישט־דערוויילטער שליח־ציבור פֿאַר זיין דורס טראַכטן. דערפֿאַר איז ער גיכער דער געוועלטיקער איבערן וואָרט ווי דער פּראָזע־קינסטלער. ס'איז פּאַראַ־דאָקסאַל, אַז וואָס אָרעמער דער מאַרק ווערט, וואָס מער עס צעגייען זיך די מענטשן און וואָס ווייניקער מען הערט דעם מקח וממכר, דאָס טאָג־טעגלעכע דינגעניש, אַלץ מער איז דער פּאָעט פֿריי און ער שמידט אויס פֿון דער אָרעמקייט און שטילקייט זיין שפּראַך אין איר רייכקייט פֿון ניואַנסן, ווייל דער פּראָזע־קינסטלער איז אין תוך אַן איינהערער און געדענקער, אַן אַראַנ־זשירער און סאָרטירער פֿון פֿאָלקישע אוצרות, בעת דער פּאָעט איז אַ שאַפֿער פֿון לשון. דער פּראָזע־קינסטלער נעמט און באַרייכערט דאָס גרייטע, דער פּאָעט איז מער געבער ווי נעמער. דעם פּאָעט שטויסט שפּראַך־שטומקייט און שפּראַך־גרייטקייט צו שעפֿערישקייט, בעת דעם פּראָזע־קינסטלער מוז שפּראַך־איינקוואָרונג בלויז פֿירן צום אַרסענאַל פֿון שפּראַך־זכרון און נישט צו פֿאָראויסיקע געוואַגטקייטן. ווען אונדזער פּראָזע האָט אָנגעהויבן איינ־

דאַרן שפּראַכלעך, ווייל די אויערן האָבן אויפגעהערט הערן אַ רעכט ייִדיש וואָרט, איז די ייִדישע פּאָעזיע געוואָרן דאָס קינד וואָס האָט זיך אַ צעשפּיל געטאָן מיטן ייִדישן לשון. ייִדישע פּאָעטן האָבן געטאָן, וואָס דאָס אור־קינד, אונדזער פאָלק האָט געטאָן, ווען עס איז אַוועק פון רייכן, מיט ווערטער אָנ־געזעטיקטן דייטש און זיך געפונען אויף אייגענע קעסט. עס האָט ערשט באַין ברירה געשאַפן אַן אייגן לשון. די אָרעמקייט האָט געצוווּנגען באַרייכערן דאָס ייִדישע לשון.

דער ייִדישער פּאָעט איז נישט דער געשטאַלטער, נאָר דער טראַכטער פון פאָלק, האָט ער דערפאַר ווייניקער מורא, וואָס דאָס פאָלק קערט זיך אום צו אים מיטן רוקן. מ׳קען זיינע ייִדישע רעיונות אים נישט איבערשלאָגן, ווייל טראַכטן איז בכלל אַ מיסטישער ענין און דאָס אַרומיקע ייִדיש־שווייגן, אָדער די באַרבאַריסטישע פאַרקלייענטע באַהאַנדלונג פון זיין לשון, איז אויף דעם ייִדישן פּאָעט נישט שולט. טראַכטן איז דאָס שמעלץ־פייער פאַר רייד, איידער זיי ווערן גוואַלטיק מיושבדיק און זיי קומען צום מויל אין דיסצי־פּלינירטער אָרדענונג.

אַלץ וואָס דער ייִדישער פּאָעט בייטיקט זיך, איז אין דעם באַשיידענעם מיטלוועג אַ געציילטער, גוטער, שעצערישער לייענער וואָס זאָל דעם פּאָעט נישט לאָזן זיך צופיל וווילגיין אין די אַלייען פון איינזאַמקייט; וואָס זאָל אים נישט לאָזן צופיל צעבראַסטען זיין עגאָ, און זאָל אים געבן דאָס געפיל, אַז ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס זעט אים און אַן אויער וואָס נעמט אויף זיין ליד. דערמיט ווי אַביסל סטימול, קריגט דער ייִדישער פּאָעט אַ ברייטן שטח פון אַ גרויס אחריותדיק פעלד, וואָס פאַרצאַמט אים נישט דעם וועג, נאָר וואָס צווינגט אים צו זען זיך ווי אַ יורש און קולטיווירער פון אַ גרויסער ירושה. קודם־כל מוז ער זיין באַוווּסטזיניק ביי זיך, איבער דער געשווירענער פאַר־קנסטער ליבשאַפט; געבונדענע, פאַרשטראָפטע ליבשאַפט — ווייל קנס מיינט דאָך שטראָף — צום ייִדישן לשון, די דאַזיקע ערלעכע און געטרייע ליבשאַפט קען קלעקן אַ ייִדישן דיכטער אויף אַ גאַנץ שעפעריש לעבן.

דער ייִדישער היינטצייטיקער פּאָעט, אויב מיר נעמען אָן אַז ער נעמט אויף זיך צו זיין דער שליח־ציבור פון זיין דורס מחשבות, מוז אויך אין זיך כסדר איינזאַפן די נערנדיקע קווינטעסענצן פון אַלע ייִדישע ווערטן. ער מוז תמיד זיין דער געשיכטלעכער פינצטער־זייגער און זון־זייגער פון — ווי־שפּעט ס׳איז אין ייִדישן לעבן. ער מוז זיין דער פאַרצייכענער פון דער היס־טאָרישער פרייד, מיט וואָס די צייט האָט אונדז באַשערט און באַשווערט. ער איז מחויב צו טראָגן דעם עול פון דער פרייד און די משא פון בטחון.

נאָך מער. דער ייִדישער פּאָעט דאַרף זיך אויפסניי איינהערן — און

ס׳זענען דאָ בולטע סימנים אַז דאָס ווערט שוין געטאָן אין דער ייִדישער פּאָע־זיע — אין די נייסטע מעגלעכקייטן פון אַ דערנענטערונג מיט העברעיִש. ייִדיש האָט זיך אין איר קינדהייט געראַטעוועט, אַדאַנק דער דערנענטערונג. מיר דאַרפן שענקען העברעיִש פונקען פון אונדזער נסיונות־באַרייכערטער — פאָלקסטימלעכער פּיקחות; פון אונדזער גלייכווערטלדיקער פּאַרטרויערדיק־טער פרייד און מיר מעגן באָרגן ביי העברעיִש איר טיפע תמציתדיקייט, אירע אָרגלדיקע טענער, איר ביבלישע רמזדיקייט.

דאָס איז אַ בערך ניי געביט פאַרן ייִדישן פּאָעט, אויף דער קאַנווע פון גרויסע היסטאָרישע געשעענישן און גראַנדיעזע מעגלעכקייטן, פאַר דער נייער באַרייכערונג, פאַרזיכערונג און באַשיצונג פון אונדזער לשון.

דער ייִדישער פּאָעט טאָר אָבער נישט חוני־המעגלן אין אַן איינשלע־פערנדיקער ליריק, וואָס איז אַנאַכראָניסטיש פאַר אונדזער צייט און אַ סכנה פאַר דעם פּאָעט גופא, וואָס האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געניטיקט אין וואַכזאַמקייט און אין אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פאַר זיין דיסציפּלינירט ליד. בלויז אַ דיסציפּלין וואָס שליסט נישט אויס קיין פרייהייט און וואָס פאַרמשפּט נישט דעם פּאָעט צו אַן ענגער קליינקונסט, איז די קינסטלערישע דיסציפּלין וואָס אַ הייַנטצייטיקער פּאָעט מוז זוכן און געפינען פאַר זיך.

דער ייִדישער פּאָעט מוז אַנטקעגנגיין דער צייט, אָן מורא אַז ס׳וועט אים אויספּעלן אָטעם, אָדער אַז ער וועט זיך קאַליע מאַכן דעם לירישן מאָגן. אַוודאי איז עס אַ דערוועגעניש פאַר אַ פּאָעט צו באַגעגענען זיין צייט, אַנשטאָט צו אַנטלויפן און צו געפינען זיך און דאָס אייגענע קול, אין דעם האַרמידער פון געשעענישן, אָבער בלויז אין דער דערוועגעניש ליגט די האָפענונג פאַר דעם פּאָעט פון אונדזער דור, אַז ער זאָל איבערלאָזן אייגענע צייכנס אויף די זאַמדן. אַפילו ווען מיר ווילן זיך ראַטעווען פון דער צייט מוז מען זי גוט קענען, כדי צו שאַפן פאַר זיך בכבודע אַנטלויף־מעגלעכקייטן און נישט פּחדנותדיקע און לייכטע קינסטלערישע קאָמפּראָמיסן מיט זיך און מיטן איי־גענעם ליד.

די נייגונג איז תמיד — נאָכצוגעבן דעם אַלטן האַרץ, וואָס קען זיך געוויינלעך באַפרידיקן מיט שהי־פּה׳ און דער עיקר מיטן גרייטן, מיט אַלץ וואָס אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט — אין מו־זיק, מאָלעריי און פּאָעזיע. אַ מענטשלעך האַרץ קען זיין פויל און לעטאַר־גיש. גיב אים אַביסל ראָמאַנטיק און ס׳וועט באַפּעלן די אויגן, אַז זיי זאָלן זיך פייכטן פון נחת. אָבער, קינסטלערישער שומר פון אונדזער נאַכט, וואָס הערט זיך? לאָז הערן דיין אייגן קול און דיין אייגן וואָרט.

אין תוך איז די שווערע, נאָך נישט אינגאַנצן געפונענע ראָלע פון

פּאָעט אין אונדזער צייט, אַן אוניווערסאַל פּראָבלעם. אַלע פּאָעטן פון אַלע לשונות, געפינען זיך אין דעם זעלביקן מצב, צו געפינען זיך אין דער צייט, און אויב איר ווילט, צו ראַטעווען דאָס נייטיקע ביסל איינזאַמקייט, וואָס איז אַ חיוב פאַר יעדן קינסטלער, אויב די איינזאַמקייט איז ניט קיין הפקרדיקע, נאָר פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון פאָלק־באַרייכערנדיקער שעפערישקייט. אָבער מ'האָט די פּאָעטן פּאַקטיש אַרויסגעשטעלט אויפן גאַס מיט די פּאָע־טישע בעבעכעס און חרוב געמאַכט אַלע קליינע לאַבאָראַטאָריעס, ווו מ'האָט נאָך געקוועטשט פּאָעטישן האָניק. ווי אוניווערסאַל דאָס פּראָבלעם זאָל נישט זיין, מוז אָבער דער ייִדישער פּאָעט זיך זוכן און געפינען און לייזן זיינע שוועריקייטן, אין די ראַמען פון זיין אייגענער נאַציאָנאַלער צוגעשפּאָרטקייט און געפינען דאָרט זיין באַקוועמלעכקייט. מיר טאָרן קיינמאָל נישט באַוווסט־זיניק גלוסטן צו דער לייכטער אוניווערסאַלקייט, וואָס עספּעראַנטיזירט לשון, געפילן און נאַציאָנאַל־קינסטלערישע אידענטיטעט. מיר מוזן זיך קודם־כל גוט פאַרטיפן אין אונדזערע אייגענע אומאויסשעפּלעכע רייכטימער.

לאָמיר קיינעם פון די פעלקער נישט לויפן אַנטקעגן, מיט שעפערישע קאָמפּראָמיסן. מיר האָבן צייט צו וואַרטן, ביז זיי וועלן קומען צו אונדז און ביי אונדז אויסזוכן אונדזערע נחמן בראַצלאַווערס, אונדזערע ביאַליקס, אונ־דזערע שלום עליכמס, אונדזערע פּרצס. מיר האָבן געוואַרט שיינע הונדער־טער יאָרן, ביז זיי זענען געקומען צו אונדז פאָדערן אונדזערע נביאים, פאַר זייערע סעפּטואַגינטאַס, ווולגאַטאַס און קינג־דזשיימסעס. מיר פון אונדזער דור מעגן אויך האָבן צייט. לאָמיר נישט לויפן צו זיי מיט גרייטע אָפּקויפּע־רישע געשאַנקען, וואָס זענען אויף זייערע פעלדער געוואַקסן, כדי צו דער־גרייכן צווייפלהאַפטיקע וועלט־באַרימטקייט. זאָלן זיי קומען צו אונדז שעפּן פון אונדזער ברונעם, איידער מיר זאָלן זיי אונטערחנפענען מיט זייער יין־נסך.

אין דעם קלוגן קרייז פון ייִדיש, העברעיִש און העברעיִש־ייִדישער ייִדיש־קייט ליגן אַזויפיל צוקונפטיקע, אומאויסשעפּלעכע אוצרות פאַרן הײנטציי־טיקן ייִדישן פּאָעט, אַז ער קען לעבן אייביק, איינגעוויגט אין דער ענגער וואַרעמער באַרימטקייט פון אַ גרויס ייִדיש פאָלק, מיט אַ ליכטיקער צוקונפט, אין ליכטיקן שיין פון אַ שענערער וועלט.

מיינט עס אויך אַז אַ ייִדישער פּאָעט דאַרף מוטיק קעמפן אויף אַלע שענסטע מענטשלעכע באַריקאַדן פון אונדזער דור, אָבער ער מוז עס טאָן מיטן ייִדישן קול און ייִדישן ליכטיקן בטחון, אַז דער זעם וועט אַריבער און דאָס קינסטלערישע ייִדישע וואָרט אויף אונדזערע ביידע לשונות, אין פאַר־שטענדיקער ברודערשאַפט, וועט לעבן אייביק.

.1954

יידיש אין וועניציע

(רעדע געהאַלטן ביים 21סטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פּען־קלוב אין וועניציע)

פאַר דעם יידישן פּען־צענטער איז דער איצטיקער פּען־קאָנגרעס אַ מזל־דיקער צופאַל. דערמיט וואָס דער קאָנגרעס ווערט גראָד הייגטיקס יאָר אָפּ־געהאַלטן אין וועניציע קריגן מיר די גליקלעכע געלעגנהייט צו לייגן אַ סימ־באָלישן קראַנץ אויף דעם קבר פון אליהו בחור, ווען מיר באַטראַכטן פאַר דעם פאָטער פון דער יידישער נאָוועלע.

אליהו בחור איז געשטאָרבן אין וועניציע מיט 400 יאָר צוריק. דאָ איז ער געווען אַקטיוו דעם גרעסטן טייל פון זיין רייך און פאַרביק לעבן. בעת מיר ערן זיין אָנדענק, פילן מיר, אַז מיר גייען דאָך נישט אַרונטער פון דער צענטראַלער טעמע פון אונדזער איצטיקן צוזאַמענקום. קריטיק מיינט דאָך אויך דער צוגאַנג צו אַ גאַנצער ליטעראַטור, דאָס עפענען אַ טירל צו אַן אומבאַקאַנטער ליטעראַטור געהערט אַוודאי און אַוודאי צו די אויפגאַבן פון קריטיק.

אַז מיר קומען צו די מייסטערס פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיר זוכן ביי זיי טרייסט אָדער אפשר גאָר באַשייד פאַר די יסורים פון אונדזער שווער־געטראָפענעם דור, טוען מיר אויך די אַרבעט פון קריטיקער, אפשר גאָר די געבענטשטערע אַרבעט פון דער קריטיק. כ׳האַלט אויך, אַז דורך דעם וואָס איך וועל אייך דאָ זוכן צו באַקענען מיט געוויסע פּראָבלעמען, וואָס באַ־שעפטיקן די מוחות פון יידישע שרייבער, וועט דאָס שוין ממילא אויך ווערן טיילווייז אַ צושטייער צו דער פאָרשונג און אויך צו דער רעאָריענטאַציע פון קריטיק אין אַלגעמיין.

אליהו בן אשר אשכנזי לעוויטאַ, אָדער פּשוטער אליהו בחור, איז גע־שטאָרבן אין וועניציע אין 1549, אין דער זאַטער עלטער פון אַכציק יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין נוישטאַט, לעבן נירענבערג, איז אַנטלאָפן קיין וועניציע ביים אָפּשלוס פון פופצענטן יאָרהונדערט, אַלס רעזולטאַט פון איי־נעם פון די צו־אָפטע דייטשע גירושים פון יידן. אליהו בחור איז אין זיין צייט געווען דער גרעסטער קענער פון העברעיִש. זיינע פאָרשונגען אויף דעם געביט פון העברעיִשער גראַמאַטיק האָבן אים געמאַכט זייער פּאָפּולער אויך

צווישן אַ סך באַרימטע קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האָבן געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט. אליהו בחור איז בכלל געווען זייער אַ פאַרגעשריטענער מענטש. ער האָט גוט געקענט לאַטיין און ער האָט באַהערשט אויסגעצייכנט די דייטשע שפּראַך. ער איז געווען אַ בן־בית ביי גאָר אַ סך פּראָמינענטע מענטשן און באַרימטע איטאַליענישע געלערנטע זענען געוואָרן זיינע נאָענטע פריינט און אויך זיינע תלמידים. עדזיא פון וויטערבי, אַן איטאַליענישער אַריסטאָקראַט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ קאַרדינאַל, איז גאַנצע דרייצן יאָר געווען בחורס נאָענטער פריינט, פּאַטראָן און בעל־יועץ. ער איז אויך געווען בחורס פלייסיקער העברעיִשער תלמיד. זשאָרזש דע סעלוואָ, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ בישאָף, האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון בחורס העברעיִשע ידיעות, אַז ער האָט אים איינגעלאַדן צו ווערן פּראָפעסאָר פון העברעיִש אין אַ באַרימטער פראַנצויזישער אוניווערזיטעט. דער שטאָלצער אליהו בחור האָט אָבער דעם כבוד מוחל געווען, ווייל פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען אַנטיסעמיטיש און ער האָט נישט געוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַ געלייטזעליקטן ייִדישן אויסנאַם. אין אָנהייב פון זעכצנטן יאָרהונדערט האָט בחור געוווינט אין פּאַדואַ און ווען די שטאָט איז באַלאַגערט געוואָרן פון אַ פיינטלעכער אַרמיי, איז ער אַנטלאָפן קיין ווענעציע.

צו יענער צייט איז אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל דייטשע ייִדן אַנטלאָפן קיין איטאַליע. די דאָזיקע אימיגראַנטן אָדער פּליטים, אויב מיר זאָלן באַנוצן אַ ביטער־באַקאַנטן מאָדערנעם טערמין, האָבן געשאַפן זייער אייגענע קליינע קאָלאָניע און זיי האָבן אָפּגעהיט די ריינקייט פון זייער שפּראַך, וואָס האָט בלויז מיט הונדערט יאָר פריִער זיך אָנגעהויבן אָפּרייסן פון דייטש און שטעלן אייגענע איבעראַשנדיקע שפּראַכלעכע טריט. דער אומגעדולדיקער ייִד האָט קודם־כל גענומען באַפרייען דייטש פון דעם קאָמפּליצירטן זאַץ־בוי. אפשר איז דאָס אויך געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, ווייל אין יענע צייטן האָבן די דייטשע הערשער, די עלטער־זיידעס פון היטלערן, אויך זעלטן געגעבן די ייִדן די גלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. די דייטשן האָבן זיי כסדר געהאַלטן אין איין יאָגן, אַזוי אַז די ייִדן האָבן פּשוט נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרענדיקן אַ שווערן פלוס־קוואַם־פּערפעקטום.

די געשיכטע פון ייִדיש און פון העברעיִש איז ענג פאַרקניפּט מיט איטאַליע. די ווערק פון העברעיִשע געלערנטע, דענקער און פּאָעטן זענען געדרוקט געוואָרן אין באַרימטע איטאַליענישע דרוקערייען. דאָ אין איטאַליע, איז געשעצט געוואָרן דאָס העברעיִשע וואָרט, דאָ האָט עס געלעבט און איז געווען די שפּראַך פון האָפענונג. אליהו בחור, אַליין אַ העברעיִשער שריפטשטעלער און אַ מאַן פון ברייטער ערודיציע, האָט טראָץ זיין וועלטלעכקייט

און צוטריט צו די שענסטע איטאַליענישע הייזער, קיינמאָל נישט פאַרגעסן די יונגע ייִדישע שפּראַך. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט ייִדיש און דאָס האָט אים געהאַלטן נאָענט צו זיינע גלויבן־ברידער, וואָס האָבן אויך געטריי געצערטלט זייער שפּראַך, ביי דער גאַנצער דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו זייער נייער היים. די ייִדישע שפּראַך איז געווען דאָס איינציקע, וואָס די רויבערישע דייטשע באַראָנען האָבן זיי איבערגעלאָזט.

אליהו בחור האָט געשריבן ייִדיש און העברעיִש. ער האָט געאָטעמט דורך ביידע נאָזלעכער, ווי ס׳האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט איינער פון אונדזערע קלאַסיקער. אין 1510 איז אין פּעסאָרי דערשינען זיין באַרימטע „בבא־מעשה“ — אַ פאַריידישטער נוסח פון אַ דעמאָלט פּאָפּולערער איטאַליענישער נאָוועלע „בעוויס פון העמפּטאָן“. דאָס בוך האָט גלייך ביים דערשיינען געהאַט הצלחה און איז געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג. מיט בחורס „בבא־מעשה“ הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דער ייִדישער נאָוועלע.

ייִדישע בעלעטריסטיק איז שולדיק אַ גרויסן חוב דער ייִדישער פרוי. הגם ייִדיש איז געווען די גערעדטע שפּראַך פון דעם דורכשניטלעכן ייִדישן מאַנסביל, וואָלט ער זיך פון דעסטוועגן געפונען אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט, ווען מען וואָלט אים געכאַפּט לייענענדיק אַ ייִדיש מעשה־ביכל. אַלע מעשיות, נאָוועלעס און לידער איז געווען זיין חוב צו געפינען אין תנ״ך אָדער אין תלמוד. דערפאַר אָבער האָט די ייִדישע פרוי געהאַט די פּריווילעגיע אַריינצוקוקן אין אַ מעשה־ביכל, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון איר שווערער און מאָנאָטאָנער טאָג־טעגלעכער הויז־האָרעוואַניע. זי איז געווען די ערשטע צו פאָדערן פאַפּירענע אַוואַנטורעס און שיינע ליטעראַטור און פאַר איר איז אייגנטלעך די „בבא־מעשה“ געשאַפן געוואָרן.

די ערשטע שאַפערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זיך באַטראַכט פאַר דערציִערס און פּעדאַגאָגן, מער פאַר אויסבילדערס פון זייער פאָלק ווי פאַר שרייבערס. ייִדיש, האָבן זיי געהאַלטן, איז עפּעס אַזוינס, וואָס דער ייִד וועט מיט דער צייט דערפון אַרויסוואַקסן. אָבער ס׳איז געשען, אַז דער ייִדישער שרייבער איז, קעגן זיין אייגענעם ווילן אַריינגעוואַקסן אין זיין קונסט און איז געפאַנגען געוואָרן פון דער שפּראַך, וואָס האָט אים געהאַלטן פעסט און אים מער נישט אָפּגעלאָזט. ייִדיש איז שוין דעמאָלט געווען מער ווי אַ שפּראַך. זי איז געווען אַ גאַנצע גערעדטע ליטעראַטור. אַן אינטימער פאָלקלאָר האָט גלייך פון אָנהייב אָן באַהנט אונדזער לשון. יעדער וואָרט איז פאַקטיש געווען אַ ווונק אויף ייִדישע צרות און יעדער זאַץ איז געווען אַ שאַרפע און שאַרפזיניקע לעבנס־חכמה.

אונדזער ליטעראַטור איז געוואַקסן להכעיס אַלע שוועריקייטן, שווערי־

קייטן וואָס קיין ליטעראַטור אין דער וועלט האָט נישט געהאַט אויסצושטיין. דווקא די רייכקייט פון אונדזער לשון, מיט די אַלע הלוואות און איבערמאַ־כונגען פון רוסיש און פּויליש, ווערטער פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט — דווקא די פאַרביקייט האַלט אין זיך פאַרבאָרגן די געשיכטע פון אונדזערע וואַנדערונגען און פון די גרויסע שטרויכלונגען, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט געמוזט בייקומען.

אליהו בחור מיט זיינע אַפּטע, געצוווּנגענע ויברחס פון לאַנד צו לאַנד און פון שטאָט צו שטאָט, מיט איבער 400 יאָר צוריק, האָט אָנגעצייכנט דעם שווידערלעכן וואַנדער־וועג פאַר אונדזער שפּראַך און פאַר אונדזערע שריי־בערס, וואָס לויפן שוין אַזוי יאָרהונדערטער, זוכנדיק שעפערישע רו.

די יידישע שפּראַך לאָזט טאַקע דעם יידישן שרייבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם יסורים־וועג פון זיין פאָלק, וואָס איז פאַרצייכנט אויף אייביק אין די בלעטער פון אונדזער ליטעראַטור, אָבער מיר פאַרמאָגן אַ געזונטן יידישן הומאָר, וואָס האַלט אונדזער שפּראַך און אונדזער ליטעראַטור אויף אַ געהעריקער הויך און לאָזט זיי קיינמאָל נישט אַרונטערפאַלן צו דער מדרגה פון טרערנדיקן זעלבסט־רחמנות. די יידישע ליטעראַטור האָט תמיד פאַר־מאָגט דעם פאַרנעם פון אַן אוניווערסאַלער ליטעראַטור. מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו איבערזעצן פון פרעמדע שפּראַכן. מיר זענען אַלעמאָל געווען אַ נאַטירלעכער אינטערנאַציאָנאַלער פּען־קלוב. פּושקין, בייראָן, שי־לער, טאָלסטאָי זענען געווען נעענטערע קרובים פון אַן אינטעליגענטן יידישן יונגנמאַן, ווי זיינע פעטערס און מומעס.

אָבער טראָץ איר אוניווערסאַלקייט, איז די יידישע ליטעראַטור אַלעמאָל פאַרזען געוואָרן. אַז די וועלט האָט שוין אַמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף איינעם פון אירע שעפער, האָט זי געוויינלעך פאַרשפּעטיקט. איר אינטערעס איז דע־מאָלט געוואָרן מער אַן אַרכעאָלאָגישער, ווי אַ קינסטלערישער. איצט אַז שלום־עליכם האָט שוין געפונען אַ רוסישן לייען־עולם און ער האָט שוין אויך ביי קריגן אַ צוטריט צום ענגלישן לייענער, איז די וועלט, וואָס ער האָט געשילדערט, טראַגיש פאַרשוווּנדן, די שטעטלעך, וואָס ער האָט באַשריבן, זענען אָפּגעווישט, די מענטשן, וואָס צווישן זיי האָט ער געלעבט, זענען טויט. דאָס איז דער גורל פון פאַרשפּעטיקטער פּאָפּולאַריטעט — אַן אויטאָר פון אַ טויט פאָלק.

דער לעצטער יאָרצענדליק, וואָס איז געווען דער עדות פון אַזוי פיל חורבן און וואָס האָט געפירט צו דער פאַרניכטונג פון אַ דריטל פון יידישן פאָלק, האָט אַ טייל יידישע שרייבער געשטעלט פאַר אַ טראַגישן נסיון. אין זייער פאַרצווייפלונג און צעטומלעניש האָבן זיי זיך גענומען פרעגן, אויב

ס'האָט אַ ווערט אויפצוהאַלטן די לעבעדיקע ייִדישע שפּראַך און איר ליטע־ראַטור, צי ס'לוינט זיך די גאַנצע אַנשטרענגונג. ווי לאַנג איז דער שיעור צו לויפן מיט דעם משכן פון ייִדיש פון לאַנד צו לאַנד, מיט דער סוכה פון אַ ליטעראַטור, וואָס מוז אויף גיך איינגעלייגט ווערן אין אַן עת צרה, נאָר כדי מ'זאָל מיט איר ווייטער קענען לויפן? אפשר, האָבן זיי אין זייער פאַרצווייפ־לונג, גענומען טראַכטן, איז גלייכער אינגאַנצן אויפצוגעבן. אָבער דער גע־דאַנק וועגן די מיליאָנען, וואָס זענען אומגעקומען מיט ייִדיש אויף זייערע ליפּן, איז דער ענטפער, אַז צו טאָן אַזאַ זאַך וואָלט געווען נאַציאָנאַלער פאַר־ראַט. ס'וואָלט בכלל געווען גרויזאַמע און נאַרישע פאַרשווענדריי, אויב מ'זאָל אַוועקוואַרפן אַזאַ האָב און גוטס פון שפּראַך און ליטעראַטור.

פיל יאָרן האָט די פּאָעזיע מער ווי די פּראָזע פאַרנומען דעם אויבנאָן אין אונדזער ליטעראַטור. די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן האָבן ווידער אַרויסגערופן אַ שטראָם פון פּאָעזיע, וואָס איז געווען דער אָפּרוף אויף דעם מאָמענט, דער יאָמער אויף די ליידן פון אַ פאָלק. ביי אונדז זענען נישט נאָר געשאַפן געוואָרן לידער פון עדות, וואָס זענען געבליבן לעבן, נאָר ס'האָבן אויך געזונגען פּאָעטן, וואָס האָבן געוווסט, אַז זיי גייען צום זיכערן טויט. דערהויבענע שוידער־לידער זענען געשריבן געוואָרן אין שאָטן פון קרעמאַ־טאָריומס. הונדערטער אַנדערע זענען געשריבן געוואָרן פון פּאָעטן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די אוממענטשלעכע יסורים און דעם שרעק פאַר די יסורים.

יצחק קאַצענעלסאָן, אַ גרויסער העברעיִשער און ייִדישער פּאָעט, האָט אין אַ פלאַש באַהאַלטן אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט געשריבן צוזעענדיק די אויסשלאַכטונג פון זיין פאָלק. ער אַליין איז אומגעקומען, אָבער זיין גרויס און אויפטרייסלענדיק ליד איז צו אונדז דערגאַנגען נאָך דער באַפרייונג. די פּאָעמע איז אַ טראַגישער לעסטער־דאָקומענט פון אונדזער גרויליקער צייט, אָבער נאָך מער פון איובן האָט דער פּאָעט געוווּנען זיין רעכט צו לעסטערן.

ייִדישע שרייבערס וואָלטן געוואָלט, אַז אַ טייל פון די לידער זאָלן דער־גיין צו דער וועלט. אויב ייִדישע ליטעראַטור מוז דווקא דערגיין צו דער וועלט דורך איינשלעפערנדיקער פּיעטעט, דורך זיסע, אויפגעבלאָזענע טעאַ־לאָגישע משלים, דורך פאַרלירן איר אידענטיטעט, קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז שטאָלצע ייִדישע שרייבער וועלן מיט צופרידנקייט ווייטער אַרבעטן אין איינזאַמקייט, אין דער זעלביקער איינזאַמקייט, וואָס אין איר שאַפן זיי שוין איבער 450 יאָר. אונדזער ליטעראַטור מוז קומען צו דער וועלט מיט איר אייגן קול, אַ קול, וואָס מאָנט גערעכטיקייט, ווי די נביאים האָבן עס געטאָן, אָבער וואָס איז אפשר אַביסל ווייניקער צאַרנדיק ווי זיי; אַ קול, וואָס פאָ־

דערט פונקט אַזוי פיל מאָס און באַלאַנס, ווי די גריכן, אָבער וואָס איז מער פון די גריכן דורכגעזאַפּט מיט רחמנות.

דאָס ווערק, וואָס שאַפט גרעסערע שוועריקייטן פאַר דעם איבערזעצער, איז גאַנץ אָפּט קינסטלעריש פון אַ העכערער מדרגה און איז אַ פיל רייכע־רער שפּיגל פון אַ פאָלק, ווי אַ ווערק, וואָס איז לכתחילה געשריבן פאַר דעם איבערזעצער־מאַרק. דער מחבר, וואָס אַרבעט גיך באַרימט צו ווערן, קען פונקט זיין אַזאַ אָפּשטויסנדיקער פאַרשוין, ווי דער פאַרוועניו, וואָס ווערט גיך רייך. דער וועג צו אוניווערסאַלקייט איז אַ שווערער. עס איז זיכער נישט קיין וועג געפלאַסטערט מיט גרינגע ווערטער. דער מחבר קען נישט אויסמיידן די שמאָלע שלענגלדיקע סטעזשקעס פון זיין אייגן פאָלק, אויפן וועג צו דער גרויסער וועלט. עס איז אַן אמתע וויאַ דאָלאָראָזאַ. אַזוי געדרופענע אוניווערסאַלע טעמעס, געשריבן אין נוסח פון אַן אוניווערסאַלן אידיאָם, פאַר לייכטער וועלט־פאַרדייונג, געבערן געוויינלעך זייער שמאָלע ווערק. מיר טאָרן נישט פאַרזען די קליינע אוצרות פון אַ פאָלק, וואָס געפינט מיט גרוי־סע שוועריקייטן דעם וועג צו וועלט־אנערקענונג. ס׳איז כדאַי דאָס גוט צו נעמען אין זינען אַריין, ווען מיר ריידן וועגן איבערזעצונגען.

די ייִדישע ליטעראַטור, וואָס אליהו בחור האָט פאַרפלאַנצט מיט אי־בער 400 יאָר צוריק, איז אַ לעבעדיקער יש, טראָץ אַלע שוועריקייטן. די ייִדן האָבן שוין פון לאַנג אויפגעפּראַלט די טויערן פון די געטאָאָס, וווהין זיי זענען מיט געוואַלד פאַרשפּאַרט געוואָרן. אונדזער ליטעראַטור פאָדערט פון דער וועלט אַ סך מער ווי ציטטוויליקן אינטערעס, וואָס דריקט זיך אויס אין פונאויבן אַראָפּיקע עקסקורסיעס. אונדזער ליטעראַטור פאַרדינט א בכבודיק אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

.1949

אַ פֿרילינגדיקע באַמערקונג

זונטיק, דעם ערשטן מאַי, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אמת פֿרילינגדיקן רושם אַ נאָטיץ פֿון ש. ניגער, וואָס איך האָב געפֿונען אין זיין „געלייענט און געשריבן". די נאָטיץ איז בלויז אויף אַ העלפֿט געווידמעט מיר, די אַנדערע העלפֿט געהערט צו א. לעיעלעסן. איך האָב די נאָטיץ, מוז איך זיך מודה זיין, געלייענט עטלעכע מאָל, ווייל כ׳האָב הנאה געהאַט פֿון דער נישט־צו־קלאָרער־פֿאַרשטענדלעכקייט, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן. ש. ניגערן האָט נישט געאַרט, וואָס די באַמערקונג איז געווען בלויז אָנגעוווּנקען און נישט דערקלאָרט ביזן לעצטן טראָפּן. די באַזונדערע נאָטיץ הייסט טאַקע — „גוט ביזן לעצטן טראָפּן". דער אַלגעמיינער צייטונג־לייענער האָט זיך באַדאַרפֿט גוט אָנשטרענגען צו דערגיין, אין וואָס עס האַנדלט זיך אייגנטלעך. דעם גוטן פֿריינט און טייערן קאָלעגע ש. ניגער האָט זיך פֿאַרגלוסט צו שרייבן דאַסמאָל אין פֿרילינגדיקע רמזים.

אָבער די אמתע יוגנטלעכע פֿרילינגדיקייט פֿון דער נאָטיץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער גרויסער ייִדישער קריטיקער האָט דאַסמאָל, אין אַ זונטיק פֿון אַן ערשטן מאַי, אַרויסגעוויזן אַ פֿיינע, דורכשניטלעכע מענטשלעכע שוואַכקייט — און ס׳איז נישטאָ קיין שענערער שטריך ביי אַ שטאַרקן קריטיקער, ווי ווען ער ווייזט בולט, אַז ער ליידט אויך פֿון שוואַכקייטן.

איך האָב זיך פּשוט מחיה געווען. אָבער לאָמיר זשע אויך נישט ריידן מיט קיין רמזים. איך האָב אין „קעמפֿער" געשריבן וועגן דעם ענציקלאָפּעדיע־באַנד — „דזשויִש פּיפּל — פּעסט ענד פּרעזענט" וואָס איז געווידמעט צום 300־יאָריקן יובל פֿון ייִדן אין אַמעריקע. א. לעיעלעס האָט פֿריִער געשריבן אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" וועגן דעם זעלביקן ענגלישן באַנד, וואָס איז אַ טייל פֿון דער סעריע „ייִדן". מיר האָבן ביידע אָנגעוויזן אויף דעם פֿאַקט אַז דער יובל־באַנד שפּילט אַריין אין די הענט פֿון די אָפּגעפֿרעמדטע קרייזן אונדזערע, וואָס ווילן אָפּווישן און פֿאַרגעסן דעם לעבעדיקסטן טייל פֿון ייִדישער פּרוכטבאַרער טעטיקייט אין אַמעריקע, אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע פֿערציק יאָר.

איך האָב אַרויסגעבראַכט, אַז אויב ש. ניגער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו שרייבן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך 1914, דערפֿאַר ווייל ער האָט עס שוין געטאָן אין אַ פֿריִערדיקן באַנד, איז די רעדאַקציע פֿון דער

ענציקלאָפּעדיע מחויב געווען צו קריגן אַזאַ אַרטיקל, כדי אַרויסצובריינגען די לעבעדיקע המשכדיקייט פון אונדזער ליטעראַטור, ספּעציעל פאַר אַזאַ יובל־אויסגאַבע. ס׳איז נישט שייך געווען צו זאָגן מבינות אויף ניגערס פאַר־נעמיקער אַרבעט, וואָס איז אַריין אין דעם ענגלישן ענציקלאָפּעדישן באַנד, און וואָס דערפירט אונדזער ליטעראַטור ביז 1914. אַלע ווייסן, אַז ניגער קען אויסגעצייכנט דאָס פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור, און אַז צו זיין באַ־האַוונטקייט ביז 1914 איז אפשר נישטאָ קיין גלייכן. צו זאָגן אַז ש. ניגער קען געבן אַ גוטן און פאַכמענישן געשיכטלעכן איבערבליק איבער די אַנט־וויקלונג־שטראָמען פון אונדזער ליטעראַטור, מיינט פשוט „צו באַגילדן אַ ליליע״.

אָבער אין זיין נאָטיץ פון ערשטן מאַי, האָט ש. ניגער קלאָר געגעבן אויסדרוק צו אַ שרייבערישער שוואַכקייט. ער האָט געהאַט פאַראיבל פאַר־וואָס נישט איך און נישט מיין חבר א. לעיעלעס, האָבן נישט געזאָגט קיין מבינות אויף דער לאַנגער און אויטאָריטעטער אָפּהאַנדלונג זיינער. ווען כ׳האָב אַרויסגעלייענט ש. ניגערס יוגנטלעכן פאַרדרוס פון איבער, און צווישן די שורות, איז מיר ש. ניגער אַ סך נענטער און אייגענער געוואָרן, ווי ווען עס איז פריִער. אויך ער, וואָס טיילט אויס דיפּלאָמען און מבינותן, חלשט נאָך אַ מיינונג און אַ גוט וואָרט, ער וויל נישט פאַרשוויגן ווערן; און אַפילו ווען מען שרייבט וועגן אַן ערנסטן, תוכיקן ענין, ווי וועגן דעם אַסימילאַציע־שד אין אונדזערע רייען, גייט אים קודם־כל, אין אַ שרייבערישן אַכצן און דרייצן, ווי אַזוי האָט אויסגענומען זיין אייגענע אַרבעט!

דאָס איז לעגיטימע שרייבערישע שוואַכקייט, וואָס איך האָב געמיינט, אַז אונדזער ש. ניגער ליידט שוין נישט דערפון, אָבער אַז זי האָט זיך אַנט־פּלעקט אַזוי גרויסאַרטיק, נאַיִוו און פרילינגדיק אין אַ נאָטיץ, באַגריס איך עס מיטן גאַנצן האַרצן און לאָז אַרויס אַ רוף צו די אַלע פון אים געלויבטע און געליטענע, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען און נאָך מער שאַצן דעם באמת פאַרדינסטפולן קריטיקער אונדזערן און אים צושרייבן נאָך אַ מעלה — ער איז ווי מיר אַלע, אַ שרייבער וואָס וויל הערן אַ מיינונג וועגן זיין ווערק.

קריטיק, האָט שוין ש. ניגער מסתמא לאַנג אויסגעפונען, איז אַן אומ־דאַנקבאַרע אַרבעט. מען האָט מורא צו שרייבן וועגן דעם קריטיקער, פשוט דערפאַר ווייל מען וויל אים נישט דערצערנען און מען וויל אים אויך נישט חנפענען. וויפל האָט מען געשריבן וועגן ש. ניגערס אויסשעפּלעכער אַרבעט וועגן פּרצן, אָדער לייוויקן? זיכער אַ סך ווייניקער ווי וועגן אַ דורכשניטלעך בוך, פון אַ נישט־קריטיקאַנטישן מחבר. איך קען איבערציילן די קריטיקן אויף מיין „אין תוך גענומען״. — אַ בוך פון קנאַפּע זעקס הונדערט זייטן, —

אויף עטלעכע פינגער פון איין האַנט. מיין פריינט ש. ניגער אַליין האָט עס קיינמאָל נישט דערמאָנט, אַפילו נישט כלאחר יד, משמעות דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז קריטיק איז נישט שייך צו קריטיקירן, און אַז קריטיקער קריטיקירן זיך סייווי, ווען זיי שרייבן וועגן יענעם.

אָבער וואָס ווייזט זיך אַרויס? אין ש. ניגערן, ווי אין מיר, ווי אין יעדער איינעם פון אונדז שרייבערס „שלומערט" אַ טיף־באַגראָבענער פאַרלאַנג צו הערן אַ מיינונג פון אַ חבר. און ווייל ש. ניגער, אַ קריטיקער וואָס מען האָט שוין געפייערט זיין 70סטן געבוירנטאָג, און וועמען מיר ווינטשן אַלע נאָך אַ כך פרוכטבאַרע יאָרן, האָט געהאַט דעם מוט אין אַן ערשטן מאַי, אַזוי גוטמוטיק אויסצושרייען זיין פאַרדרוס אויף קאָלעגן, הלמאי זיי האָבן זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין איין וואָרט מבינות אויף זיינס אַן אַרבעט — באַגריס איך אים ווי אַן אייגענעם, אין לאַנד פון שרייבערישע פאַראיבלען און פאַרדרוסן.

1955.

מחשבות וועגן אומשטערבלעכקייט

אומשטערבלעכקייט איז אַזאַ שטיק אומבאַגרענעצטע צייט, אַז ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווי לאַנג קען אומשטערבלעכקייט געדויערן. וויפל מען זאָל וויסנשאַפטלעך נישט חוזק מאַכן פון דער יידישער צייטרעכענונג, וואָס שטעלט אַוועק שאַפונג און אַנטשטייונג אין אַזאַ נאָענטשאַפט מיט אונדזערע באַגריפן פון צייט, מוז מען צוגעבן אַז אין פּרט פון פּערזענלעכער אומשטערבלעכקייט, האָבן מיר לעת־עתה זייער ווייניקביישפּילן פון גרויסע יחידים, וואָס זייערע נעמען און ווערק, לעבן שוין אין מענטשלעכע פּאַרצייבענונגען, אַ סך מער פון פיר טויזנט יאָר. האַמוראַבי דער געזעצגעבער, אָדער דער משה פון בבל, איז געבוירן געוואָרן, אַזוי זאָגט מען, מיט פיר טויזנט יאָר צוריק. אונדזער אייגענער משה רבנו האָט געלעבט, אַזוי שאַצט מען, מיט אַ 3500 יאָר צוריק. האָמער איז אומשטערבלעך אינגאַנצן אַ 2700 יאָר, און אונדזער גרויסער מקונן ירמיה הנביא האָט נביאות געזאָגט מיט אַ 2500 יאָר צוריק.

דאָס זענען שוין אונדזערע עלטסטע אומשטערבלעכע, די זקנים, וואָס זענען בייגעקומען די טויטן פון אַזויפיל דורות נאָך זיי; אויב מען זאָל, הייסט עס, איבערזעצן אומשטערבלעכקייט אין צאָלן, וואָס מיר וויסן, וואָס מיר קענען באַגרייפן און וואָס מיר האָבן מער־ווייניקער איבערגעציילט.

ווען מיר טראַכטן דערפאַר פון אַ גוואַלדיק־באַשערטער אייביקייט, מוז מען טראַכטן אין טערמינען פון פאַרשריבענער געשיכטע, און מיר מוזן קומען צום אויספיר, אַז אומשטערבלעכקייט ווי מיר קענען זי, און וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז אַפילו ריין־היסטאָריש נאָך נישט אַזאַ גרויס שטיק אייביקייט. אויב משה רבנו האָט געגעבן די תורה, ערשט מיט אַ 3500 יאָר צוריק, איז עס נאָך אַלץ נישט אַזאַ שטיק צייט־אַפּלויף, וואָס מען זאָל קענען דערפון גוואַלדיק נתפעל ווערן, געמאָסטן מיט דעם אומפאַרשטענדלעכן וואָרט — אייביק.

אַז מיר גיבן אַ טראַכט פון אַן אומשטערבלעכן, וואָס איז שוין נענטער צו אונדז אין שטח פון צייט, פון אַ שעקספּיר למשל, וואָס איז געשטאָרבן ערשט מיט 340 יאָר צוריק, און מיר פרעגן זיך, צי אים וועט געלינגען צו ציִען זיין אומשטערבלעכקייט אַזוי לאַנג, לאָמיר זאָגן, ווי האָמער, אין אַנדערע ווערטער, צי די קומענדיקע ציוויליזאַציע־גערעגלען וועלן אָפּהיטן און

אויפהיטן זיין נאָמען אַ 2700 יאָר, אָדער ער וועט ערגעצווו פאַרפאַלן ווערן און אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווערן פון געדעכעניש, ווי ס׳איז זיכער געשען מיט אַ סך אומשטערבלעכע, מוזן מיר שוין יאָ קריגן גרויס אָפּשיי אַפילו פאַר דער מיניאַטור־אייביקייט, וואָס איז איינגעשלאָסן און באַגרענעצט אין עטלעכע טויזנט יאָר.

האָמער האָט, 300 יאָר נאָך זיין טויט, זיכער נישט זוכה געווען אַז אַזויפיל פּראָפעסאָרן און געלערנטע זאָלן זיך לערנען אויף זיין גריכישער באָרד שערן, ווי מען לערנט זיך אויף שעקספּירס אַנאָנימער ענגלישער באָרד. די שעקספּיריאַנאַ־ביבליאָטעק שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ. יעדער אוניווערזיטעט־לערער האַלט עס פאַר זיין חוב צוצולייגן אַ האַנט, און יעדער אַקטיאָר חלומט נאָך ביים היינטיקן טאָג צו שפּילן אַנטאָני, האַמלעט, שיילאָק, אָדער מאַקבעט. ווען מען גיט אַ טראַכט אַז האָמער איז זיך גאַנץ גוט באַגאַנגען אָן אונטערשטופּערס און פּאָפּולאַריזירערס, און זיין נאָמען איז אַלץ נישט אויפגעפרעסן געוואָרן פון אַזויפיל פאַרשיידענע ווילדע צייטן, מוז מען פאָרט קריגן אַ שטיקל דרך־ארץ אַפילו פאַר אַן אומאויפהערלעכער אומשטערבלעכקייט וואָס זאַמלט אָן און שפּאָרט אָפּ אַ פאָר צענדליק יאָרהונדערטער.

אומשטערבלעכקייט איז בכלל אַן עלאַסטישער באַגריף. ס׳איז אויך אַ פאָלק־באַגריף. ביאַליק און פּרץ זענען ביי אונדז יונגע אומשטערבלעכע, און הגם זיי שפּאַצירן נישט צווישן די וועלט־פּאַראייביקטע, וועלן מיר זיי נישט אויסבייטן אויף צען שעקספּירס. מיר וועלן זיי טראָגן אַזוי לאַנג אין אונדזער געדעכעניש, ביז מיר וועלן זיי אַריינפירן אין דעם גרויסן היכל פון וועלטנעמען. שלום־עליכם שטייט שוין אויף דער שוועל פון אַזאַ צעשטערנטער־פּאַראייביקונג. יעדער פאָלק הייבט קודם־כל אָן פון זיך, און מעסט אומשטערבלעכקייט, מיט אייגענער מאָס. צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט איז מ. ל. האַלפּערין אומשטערבלעך און אייביק. ווי לאַנג, ווי ברייט, ווי טיף און ווי ווייט לויפיק די דאָזיקע אומשטערבלעכקייט וועט אָנהאַלטן, און ווי גרויס ס׳וועט זיין דער חלק אומשטערבלעכקייט וואָס אים וועט באַשערט זיין, ווענדט זיך אין אַ סך אומשטענדן און אַמאָל אויך פּשוט אין צופאַל. הלוואי זאָל אים אַנטקעגנקומען אַ לעבעדיקע פלעיאַדע יידישע שרייבערס, וואָס זאָלן זיך שטאַרק קריגן מיט אים, וואָלט דאָס געווען דער סימן מובהק, אַז זיין נאָמען וואַקסט אַריין און אייביקט זיך אין דער ליטעראַטור.

אומשטערבלעכקייט איז אַ גרויסער וועט־לויף, אַ קאָנקורס פון מענטשן, זייערע זאַכן אָדער זייערע גרויסע געדענקלעכע מעשים וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך. ס׳ווענדט זיך אַ סך אין דער געטריישאַפט פון די לעבעדיקע, וואָס זאָלן כאָטש די ערשט־געשטאָרבענע שאַפערס, טוערס און

קינסטלערס געבן אַ געלעגנהייט צו קומען אויפן גרויסן יאַריד, אָדער אויף דער גרויסער בירזשע פון אומשטערבלעכקייט. אַ סך שרייבערס שטאַרבן אַזוי עלנט און פאַראייַנזאַמט, אַז זיי קריגן גאָרנישט די געלעגנהייט צו קומען צום גרויסן יאַריד, אויף צו פאַרלירן אָדער געווינען — אַ גרויס אָדער אַ קליין געווינסל. די צוקונפט פון פאַרשטאָרבענע שרייבערס, ספּעציעל ביי ייִדן, ביי וועמען דער אָפּהילך איז אַ קלײנער, איז אָפּהענגיק אָפט אין דערפֿאַלגרייכן גידול בנים, אין דערצי̇ען גוטע און געטרייע קינדער, אָדער אין לכתחילה דערצי̇ען גוטע, קלוגע און איבערגעגעבענע אלמנות. אָט־די אײדעלע, געשוווי־רענע געטריישאַפט נעמט אָן קודם־כל, אַז אומשטערבלעכקייט, ווי צדקה, הייבט זיך פרי̇ער אָן אין דער אייגענער היים. ביי דער משפּחה איז דער פאַר־שטאָרבענער גלייך אומשטערבלעך, און די משפּחה טוט אים דעם ערשטן חסד של אמת, זי פירט אים אַרויס אויפן וועג, צום גרויסן יאַריד. זי שטעלט אַוועק זיין נאָמען אין מיטן מאַרק און האַלט אים לעבעדיק אַזוי לאַנג, ווי ס׳לאָזט זיך, ביז דער פאַרשטאָרבענער קריגט כוח צו גיין אין פאַרמעסט — אויף געווינען אָדער פאַרלירן.

ס׳איז אַ טרייסט צו זען, ווי פאַרצייכנט ס׳זענען ביי אונדז אַ סך פרישע יאַרצייטן וואָס זייערע נשמה־ליכטלעך ווערן געצונדן פון ציטערדיקע און גע־טרייע הענט יאָר־איין, יאָר־אויס. אַן אלמנה, איבערגעגעבענע קינדער, אַ משפּחה־קרייז, וואָס הייבן אָן דעם קאַלענדאַר פון אומשטערבלעכקייט ביי זיך אין הויז, אין די אייגענע דלד אמות, פון באַשיידענער אייביקייט.

אָבער הינטער דער באַשיידנקייט ליגט אַ שטאַרקע עקשנות, וואָס לאָזט נישט דעם נאָענטן נאָמען אָפּגעמעקט ווערן. מען רעדט נישט פון אַזעלכע איבערגעגעבענע טעכטער וואָס שמר האָט איבערגעלאָזט, אָדער דעם זון פון אליקום צונזער, פון די צוויי געקנופּט־און־געבונדענע־משפּחות, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו געדענקען און צו אייביקן זייער פאָטערס נאָ־מען, אין העברעי̇ש און אין ייִדיש, מיט פאַרשיידענע זאַמלונגען און געדענק־ביכער. דאָ רעדט זיך גיכער וועגן דער אײדעלער טראַדיציע אויפצוהייבן און אָפּצוציטערן דעם איבערבלייב פון דעם אייגענעם און אים געבן די ערשטע „געלעגנהייט״ צו פלאַטערן כאָטש די ערשטע עטלעכע יאָר נאָכן טויט, די שווערסטע און אומזיכערסטע עטלעכע יאָר.

> נאַכט איז אַ שוואַרצע בלום —
> טאָג, די מלכה מיט געלע פינגער,
> רייסט אָפּ די בלעטער.

אין תוך גענומען

אָדער —

דער טויט איז אַ בלאַט
צעשפּאָלטן פון בלויע אָדערן
און באַפלעקט מיט שימל.

כ׳האָב די צוויי קליינע לידער אַרויסגענומען פון אַ בוך — „די וועלט ווערט קלענער״, פון דער יונג־פאַרשטאָרבענער און גערעטענער ביטריס גאָלדסמיט, וואָס איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער וועלט אין עלטער פון 35 יאָר. דאָס בוך איז אַרויס אין ענגליש און יידיש און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אירע קרובים. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שפּינען איר אומשטערבלעכקייט אין אייגענעם משפּחה־קרייז, מיט דעם גלויבן אַז מען דאַרף דעם נאָמען נישט לאָזן פאַרגעסן ווערן, מען מוז אַפילו ברענגען אירע פאַרשניטענע צוזאָגן און זיי ווייזן דער וועלט. אַזוי לאַנג ווי די פאַרטרויערטע נאָענטע פון ביטריס גאָלדסמיט וועלן לעבן, וועט לעבן איר נאָמען. אפשר וועט אַ צוקונפטיקער יידישער שרייבער נעמען דאָס ביכל אין דער האַנט און ברענגען ראיות דערפון, וויפל נחת מיר וואָלטן געוווען געקענט האָבן פון יינגערע הי־דערצויגענע, ווען מיר וואָלטן דעם נחת עקשנותדיקער אָפּגעהיט.

איז דאָס אומשטערבלעכקייט! דאַרף מען עס מעסטן מיט צייט, אָדער פאַרנעם? ניין, מען מעג עס פריער פון אַלץ מעסטן, מיט דער מאָס פון צערטלעכקייט, אין אַן איינציקער שטוב.

ס׳איז דערפאַר גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס לאה באַטשעליס־שמר, שמרס טאָכטער, וואָס ווייס ווי צו שאַצן און שעצן ירושות, האָט גלייך, נאָכן טויט פון איר מאַן, דעם באַקאַנטן לאָס אַנדזשעלעסער יידישן פּאָעט ברוך באַטשעליס, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון איר מאַנס אָריגינעלע לידער און איבערזעצונגען. ברוך באַטשעליס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 66 יאָר, און אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיין בוך זוכה געווען צו דערשיינען, אַדאַנק דער געטריישאַפט פון דער אַלמנה עליזאַבעט־לאה באַטשעליס, און זון פון פאַרשטאָרבענעם — ראָבערט באַטשעליס, וואָס האָט געשריבן די ענגלישע פאָררעדע צו זיין פאָטערס בוך — „מענטשן פון מיין דור״.

שרייבט דער זון וועגן זיין פאָטער: „ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט גופא, די צייט און דעם פּראָצעס פון זיין שאַפן״. זאָגט זיין אַלמנה אין איר הקדמה: „ער איז געווען פאַרליבט אין שיינקייט, געזאַנג, פילאָזאָפיע, געלעכטער, ביכער און חלומות״.

דער עיקר איז וואָס דער ערשט־פאַרשטאָרבענער דיכטער האָט איבערגעלאָזט יורשים, וואָס זענען גרייט אויסצוטראָגן די ערשטע פּיינלעכע יאָרן פון דעם פאַרשטאָרבענעמס גרויסן שיידוועג, צווישן פאַרגעסן ווערן און געדענקען.

די משפחה קעמפט פאַר זיין אייביקייט, און וויפל יאָר געדענקשאַפט זי קעמפט אויס פאַר דעם נאָענטן, ווי קליין ס׳זאָל נישט זיין דער שטח פון דער צוגעקאָרגטער אייביקייט, קען מען קיינמאָל נישט וויסן, ווו און ווען ס׳וועט זיך דערשלאָגן אַ וואָרט, וואָס קריגט די ערשטע מעגלעכקייט, נישט פאַר־שטומט צו ווערן, און צו לייכטן יאָרצייט־מעסיק, אין דער טויזנט־יאָריקייט.

דערפאַר האָט מיר געגעבן אַ ריס ביים האַרצן די פאַטעטישע איינזאַמ־קייט, וואָס איז באַשערט דעם פאָעט יואל סלאָנים, וואָס איז געשטאָרבן מיט איבער צען יאָר צוריק און קיינער האָט אים נישט אויפגעשטעלט קיין בוך־מצבה. ער האָט נישט געהאַט קיין טאַלאַנט צו דערווערבן זיך די העכערע געטריישאַפט, אין זיין אייגענעם משפחה־קרייז, און ס׳האָט זיך אויך נישט געפונען קיינער, אין דער שרייבער־משפחה, וואָס זאָל אים טאָן דעם חסד של אמת און אַרויספירן זיין בלאָנדזשענדיקן נאָמען אויפן ברייטן יאַריד, ווו די ערשטע יאָרן פון טויט ראַנגלען זיך פאַר אַ שטיקל געדעכעניש־אַנהאַלט.

סלאָנים איז געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע אין עלטער פון צוויי יאָר. ער איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַניש־דערצויגענער ייִדישער פּאָעט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע באַוווסטזיניקע חובבי־ייִדיש אין אַמעריקע. ער איז אָבער אויך געווען פון די סאַמע ערשטע ייִדישע דיכטער, וואָס איז געווען פאַרליבט אין ענגליש און אין דער ענגלישער ליטעראַטור.

ער האָט זיך שרעקלעך פאַרשווענדט. אַן אויסערגעוויינלעך פעיִקער זשורנאַליסט פון גרויסן אַמעריקאַנער שניט, האָט ער אין דעם זשורנאַליסטישן אימפּעט פאַרפלייצט אַ גרויסן חלק פון זיין טאַלאַנט און צייט. ער האָט נישט געהאַט קיין טאַלאַנט צום לעבן הגם אים זענען באַשערט געווען הונ־דערטער פּראָמינענטע פריינט, מיט וועמען ער איז געווען אין די נאָענטסטע „דו״־באַציִונגען. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 61 יאָר, אָבער ער האָט אַ לאַנגע צייט געטראָגן אין זיך די שרעק און די פאַראַנונג פון אַ פריִען טויט. עס איז ממש געווען פאַרצווייפלט, וואָס מען גלייבט אים נישט, אַז ער וועט פלוצים אָוועקפאַלן. סלאָנים האָט אַלע שרייבערישע חברים זיינע געפירט צו די גרעסטע דאָקטוירים, און זיי פאַרזיכערט אַז ער אַליין איז דער ערגסטער חולה.

סלאָנים האָט פאַרמאָגט אַן אומדיסציפּלינירטן, גרויסשטאָטישן טאַ־לאַנט. ער האָט געשריבן אַ סך לידער פון ניו־יאָרק און, יאָר־איין, יאָר־אויס, געקליבן קאָמיטעטן פון דער סאַמע פּני, וואָס האָבן געזאָלט אָט־אָט אַרויס־געבן זיינע געזאַמלטע ווערק. אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן, וואָס איז דערשי־נען אין 1927, שטייט בפירוש פאַרצייכנט, אַז „ער גרייט צום דרוק צוויי

בענד לידער און אַ באַנד קריטישע אַרטיקלען״. ער איז געשטאָרבן דעם 27סטן אָקטאָבער 1944, אָן איין זאַמלונג פון זיינע לידער.

אוודאי קען מען זאָגן, אַז זיין אומשטערבלעכקייט רוט ערגעץ אין לעק־סיקאָנען און אַנטאָלאָגיעס, אָבער דער פאַקט, וואָס מען האָט זיך אין זיין אייגענעם משפחה־קרייז נישט מרחם געווען אויף דעם לעבעדיקן אימפּעט פון זיינע גרויסשטאָטישע לידער, און ביזן היינטיקן טאָג נישט באַוויזן מקיים צו זיין דעם צוזאָג, וואָס ער האָט זיך געגעבן אין רייזענס לעקסיקאָן, זיבעצן יאָר פאַר זיין טויט, מאַכט אַ ווייטאָגדיקן איינדרוק.

בלעטערנדיק מ. באַסינס זאַמלונג — „יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַ־נער מאָטיוון״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון יידישן קאָנגרעס, צום יובל פון 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף יואל סלאָנימס אַ ניו־יאָרקער ליד, וואָס ווייזט ווי דורך און דורך אַמעריקאַניש ער האָט באַנומען די גרעסטע יידישע גרויסשטאָט, ווי גרינטלעך באַקאַנט ער איז געווען מיט די גרויסע אַמעריקאַנער שעפערס — פון דעם ברייט־ברוס־טיקן וויטמאַנען, ביז דער ווערטער־מאַגיק פון „עמיליס (דיקינסאָן — י. ג.) לידער, פון ערגעץ נישט־הי״. ווי אַ שטיקל אויסלייז פאַר די פאַרשעמטע יאָרן פון זיין שטומער אומשטערבלעכקייט, ברענג איך דאָ זיין ליד „אונדזער ניו־יאָרק״, וואָס איז, מיט אַלע חסרונות, אַ ליד פון וואַרעמער יידישער, יידיש־געטריישאַפט צו אַמעריקע.

אונדזער ניו־יאָרק

אונדזער ניו־יאָרק איז אונדזער אַמעריקע
שטאַרק איז זי, ברייט איז זי, שטורעמדיק גרויס;
די גאַסן מיט מאַסן צעברויזט און צעצונדן,
דער פלאַם פון נשמות, וואָס לעשט זיך נישט אויס.

די ברייטקייטן ווייטע, די פּרעריס צעשפּרייטע,
די וועלדער, וואָס שפּאַרן אין הימל אַריין;
די ראַקיס, וואָס שטייען אין זומער פאַרשנייטע,
די אָדלערס מאַיעסטעטיש אין זוניקן שיין.

צי מעין, אָדער טעקסעס, צי פלאָרידאַ, קאַליפאָרניאַ,
ניו־יאָרק — דער ריזן־סימבאָל פון דעם לאַנד;
די פולסן פון יעטוועדן שטאַט שלאָגן קרעפטיק
אין האַרץ פון ניו־יאָרק, אינעם אייביקן שטאַנד.

יעקב גלאַטשטיין

די ימען, וואָס קושן די ברעגן צעשוימטע,
די שטעט, ווי די טורעמס, אין וואָלקנס צעשטעלט;
ניו־יאָרק, די שטאָט פון די שטעט, ווי פּלאַנעטן
צעוואָרפּסטו דיין ליכט רונד־אַרום אויף דער וועלט.

גיגאַנטישער גייסט פון וואָלט וויטמאַן, די מיסטיק
פון לירישן פּאָו, דער פּראָפעטישער פלאַם
פון לאָועל און לאָנגפעלאָוס דראַנג נאָך אוראַלטער,
דער אימפּעט פון ברייענט אין ווינט און אין ים.

ס׳האָט אַלץ זיך פאַראייניקט, אין דיין האַרץ האַרמאָניש,
מיט עמערסאָנס פרומקייט און עטישן גלי,
און וויטיערס צאַרטע, פאָלקסטימלעכע תפילות,
און עמיליס לידער פון ערגעץ נישט־הי.

געזאַנג דיינס פון חברשאַפט, ברודערשאַפט, פרייהייט,
און וואַשינגטאָנס, לינקאָלנס און רוזוועלטס געזיכט,
איך ליב דיך, ניו־יאָרק, מיט אייביקער טרייהייט,
און גרינג יעדער קרבן און לייכט יעדע פליכט.

איז זינג איך דיין גלאָריע, אַמעריקעס גלאָריע,
דיין רולאָזער לעבן, דיין גליִענדער טרוים,
דיין גרענעצלאָזער ווילן צו ריזיקע צילן
צו הויכקייט און העכער אַפילו פון רוים.

איז זינג איך פון דיר, דו ניו־יאָרק, מיט גלויבן,
אַמעריקע און דו טיילן קיינמאָל זיך אָפּ;
צי לעבן, צי טויט — איך גיי אום דאָ דערהויבן
און פריי איז מיין האַרץ און געהויבן מיין קאָפּ.

.1955

העברעיזמען און פּתגמים

עס איז אַן אַקאַדעמישע פראַגע וויפל העברעיִש אונדזער ייִדיש לשון קען פאַרטראָגן, וואָסערע העברעיִזמען זענען נייטיק און ווען די פאַרהעברעיִזירונג טוט דער ייִדישער שפּראַך קיין טובה נישט. אַן איבערלאַדונג פון העברעיִשע ווערטער איז אַוודאי נישט געזונט פאַר ייִדיש, אָבער העברעיִזמען בכלל, ווען זיי וואַרפן אַרויס פריקרע דייטשמעריזמען, זענען אַ רפואה שלימה פאַר ייִדיש, זיי זענען ממש לעבנס־נייטיק, ווייל זיי העלפן קרעפטיקן ייִדיש און עס דערהאַלטן ביים לעבן.

אָפטמאָל דינען העברעיִשע ווערטער ווי גוטע סינאָנימען אין איין זאַץ, ווען מ׳וויל זיך אויסהיטן פון איבערחזרונג. אין איין זאַץ קען מען אַמאָל נוצן מלחמה און קריג, דאגות און זאָרגן, שלום און פרידן. ס׳מאַכט רייכער און פעטער דאָס לשון. אַ העברעיִש וואָרט גיט אַמאָל צו אַ באַזונדערן ניואַנס. דאגות קאָרבן און קנייטשן דעם שטערן אַ סך גיכער און קאַנטיקער ווי זאָרגן. אַ תפילה איז וואַרעמער ווי אַ געבעט.

איך האָב ביי אַן אַנדער געלעגנהייט געטענהט, אַז מיר דאַרפן בכלל באַטראַכטן אונדזער ייִדיש לשון געשלאָסן פאַר דייטשן איינפלוס. די ווערטער וואָס ייִדיש האָט ביז איצט איבערגענומען און זיי פאַרבירגערט האָבן שוין געקראָגן אַ תיקון, אָבער איך וואָלט גיכער געגעבן אַן ענגליש וואָרט בילכער־קייט אין אונדזער לשון, אויב אַזאַ וואָרט איז אונדז בפירוש נייטיק, איידער נאָך אַלץ שעפּן פון דייטש. אַוודאי און אַוודאי וואָלט איך זיך נישט אָפּגעשטעלט און גענומען פון העברעיִש די אַלע נייע צוגעקומענע פּירות, חיות, בלומען, פיש, פייגל, שרצים, רמשים אוןביימער. אויב כלב און אריה־לייב און צבי־הערש פילן זיך גאַנץ היימיש אין ייִדיש, וואָלט מען מיט דער צייט געקענט פאַרהיימישן אַלע צוגעקומענע צמחים און פרחים, איידער מ׳זאָל דאַרפן אָנקומען צו דייטש אָדער צו אַ פאַרייִדישטן דייטש.

אינטערעסאַנט איז, אַז יהואש און ד״ר חיים ספּיוואַק האָבן זייער ווערטערבוך פון העברעיִזמען אין ייִדישן לשון אָנגערופן — „ייִדיש ווערטערבוך״. זיי האָבן פּשוט פאַרשטאַנען, אַז די אַלע אַזוי־גערופענע העברעיִזמען זענען אַ שוץ און אַ נחת פאַר אונדזער לשון און זענען אין תוך נישט קיין פרעמד־ווערטער, נאָר אַ קרעפטיקער און אינטעגראַלער טייל פון ייִדישן ווערטערבוך. אַזאַ פאַרעלטערט ווערטערבוך פון העברעיִזמען אין ייִדיש, וואָס איז

דערשינען אין 1910 אין ווילנע, א. נ. — „מלים בלשוני", פון צ. נ. גאָלאָמב, איז נאָך געגאַנגען ווייטער און אָנגעוויזן, אַז אַזאַ ווערטערבוך (דער ווילנער מחבר רופט עס אויך „ווערטערבוך") דערשיינט „אום ער זאָל נוצליך זיין פיר אונדזערעביידע עלענדע שפּראַכן, ווי העברעיִשע אַלס נאַציאָנאַל שפּראַך און פיר די זשאַרגאָנישע ריידענדע פאָלקס־שפּראַכע — זיי זאָלן באַלעבט ווערן איינע דורך די צווייטע און געאַכטעט ווערן יעדערע נאָך אירע אייגענשאַפטען און ווערטה".

ס'איז קלאָר אַז דער מחבר האָט ליב געהאַט די „זשאַרגאָנישע ריידענדע פאָלקס־שפּראַכע" און אַז ער האָט זי געשטעלט זייער הויך, אויסדריקנדיק די האָפענונג, אַז זי איז ביכולת אויך עפּעס צו טאָן פאַר איר עלנדער שוועסטער.

„מלים בלשוני" איז אין דער פאַרטייטשונג פון די העברעיִשע אויסדרוקן כמעט אַ קאָנקאָרדאַנץ, מיט אַ מראה־מקומות פון תנ"ך און גמרא. למשל מיט אַזאַ וואָרט ווי אכילה שיקט אונדז אָפּ דער צוזאַמענשטעלער צו אַזעלכע מרחקים ווי מסכתא שבת, פּסחים, מכילתא, ברכות און אַנדערע ווייטע אָנווייזונגען און קוואַלן.

אינטערעסאַנט איז, אַז יהואשס ווערטערבוך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין 1911, און צ. נ. גאָלאָמבס בלויז מיט אַ יאָר פריִער, און דאָך זעט אויס גאָלאָמבס ווי אַן אמת אַנטיקל, אין פאַרגלייך מיט דעם מאָדערניזירטן ווערטערבוך פון יהואש און ד"ר חיים ספּיוואַק.

לאָמיר נעמען אַזאַ העברעיִזם ווי „ארצה". יהואש פאַרטייטשט עס פשוט — „אויף דער ערד, זייער נידעריק, זייער געפאַלן".

אין „מלים בלשוני" געפינען מיר אַ לאַנגע אויפקלערונג. קודם־כל שיקט אונדז אָפּ דער צוזאַמענשטעלער צו בראשית ל"ו, פּסוק י'. דער פירוש לייענט זיך אַזוי: „צו דער ערד. אויף אַן אַרטיקל וואָס איז געפאַללן איר פּרייז, אָדער אַ רייכער מאַן וואָס האָט געהאַלטן צו פיעל פאַרריסן דעם קאָפּף און איז געוואָרן אַ געדריקטער — איז געזאָגט: «ער ליגט ארצה»".

בכלל איז גאָלאָמבס ווערטערבוך אַ לומדישער. ס'באַווייזט אַז גאָלאָמב האָט געהאַלטן, אַז אַפילו גרויסע לומדים טאָרן זיך נישט אָפּקערן פון יידיש. ער לאָזט זיך נישט בעטן, טאָמער דאַרף מען האָבן אַ שטיקל מוסר השכל, אַ מאָראַלישע לעקציע; פאַרשטייט ער, אַז ביי אונדז יידן זענען נישטאָ קיין צוּשאַרפע און ענגע גרענעצן פאַר חיבורים. אין אַ ווערטערבוך מעג זיך אַ יידישער מחבר פאַרגינען צו דרשענען.

פאַר „בראשית", למשל, זאָגט אונדז דער ווערטערבוך־צוזאַמענשטע־

לער, אַז „די סדרה לערנט אונדז אויך פון די געשיכטע מיט קין והבל, אַז אַ מענטש זאָל ניט דענקען אַז דער צווייטער מאַכט אים ענג די וועלט, דען ווען די וועלט האָט געהערט נאָר צו צווייען, האָט איינער דעם צווייטן ערמאָרדעט זייענדיק זאַגאָר אַ ברודער. יעדער איינציקער אין געגענטייל ברענגט נוצען דעם מענשלעכן געזעלשאַפט; איין מענש אין דער וועלט וואָלט געוויס ניט געהאַט אַליין אויסגעאַרבייט פיר זיך אַזוי פיעל בעקוועמלעכקייט, און וואָלט אויסגעיין פון מאַנגעל און הונגער, איידער ער וואָלט אוספייען איינער אַליין צו פערפערטיקן פיר זיך וואָס אים איז נייטיק״.

אָבער אַזאַ סלאָוויזם ווי „אוספייען״ איז נישט אינגאַנצן כאַראַקטעריס־טיש פאַר דעם מחבר, ווייל „ברית־מילה״ פאַרדייטשט און פאַרטייטשט ער „די צערעמאָניע פון בעשניידונג דעם ק נ אַ ב ע צום אַכטן טאָג נאָך זיין געבאָרן״.

ס׳דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די הערות אויף יעדער זייטל זענען געשריבן אין אַ טיף־לומדישן העברעיש. נאָך אַ באַווייז, אַז ער האָט זיין זשאַרגאָניש ווערטערבוך נישט געשריבן פאַר אַמעראַצים. ביים סוף פון ווערטערבוך קריגן מיר אַן אמתע מתנה. דער מחבר פאַרענדיקט זיין ווערק מיט פתגמי אוריתא. דאָס, זאָגט אונדז צ. ב. גאָלאָמב, זענען „גאַנצע תלמודישע זאָגן, וועלכע ווערן באַנוצט אַלס שפּריכווערטער״. די איבערראַשונג איז נאָך גרעסער, וואָס די תלמודישע שפּריכווערטער זענען איבערגעזונגען אין טייערע גראַמען. מיר וועלן זיך מוזן באַגנוגענען מיט עטלעכע טשיקאַווע ביישפּילן: אווירא דארץ־ישראל מחכים — די לופט פון יודישע לאַנד גיט אַריין פערשטאַנד. אוי לרשע ואוי לשכנו. פון דעם בעזינס ווערען בעלאָהנט, געניסט אויך דער וואָס מיט אים וואָהנט. אל תרבה שיחה עם האשה — מיט אַ פרויענצימער קום ניט אין אַ טיפן געשפּרעך, דען עס קען ברייגגען צו אַ גרעסערין פאַרברעך. אין מרחמין בדין — דער זאַקאָן שאַנעוועט קיין פערזאָן.

גאָלאָמב איז נישקשה פון אַ גראַמיסט, אָבער בשעת הדחק לאָזט ער זיך בשום אופן נישט באַזיגן, ווי, למשל, מקדים רפואה למכה — גאָט שיקט טאָקע, די רפואה פאַר דער מכה. נהרג על פחות משוה פרוטה — איבער ווייניקער פון אַ גראָסען, קען ער ווערן דער שאָסן. דאָס קען נאָך ווערן גראַמענ־דיקער, אויב מען וועט נאָך דערצו לייענען — „דערסאָסן״ מיט אַ „סין״.

אָבער בדרך־כלל קומט אים אָן דאָס גראַמען זייער לייכט. רשעים אַפילו על פתחו של גיהנום אינם חוזרים בתשובה — די בייזע אַפילו פאַרן טויט אַ מינוט ווערן זיי אויך ניט גוט. תפסת מרובה לא תפסת — ווילסטו אָננע־מען ביז פול, פאַרבלייבסטו ביי דעם נול. און צום סוף — ניתי ספר ונחזה — נאָמיר ברייגגען אַ בוך, און געבן אַ זוך.

אָט די מחיהדיקע פּתגמים זענען באמת אַן אַנטיק שבעאַנטיק. כ׳בין זיך משער, אַז גאָלאָמב האָט די פּתגמים געוואָלט אַריינפירן אין ייִדיש ווי שפּריכווערטער, נאָר ס׳איז אים נישט געראָטן.

ס׳איז שוין געקומען די צייט צוזאַמענצושטעלן אַ נייעם ווערטערבוך פון העברעיִזמען אין ייִדיש, ווייל אַפילו פון יהואשס ווערטערבוך אָן, האָבן אַ סך נייע העברעיִשע ווערטער געפונען אַ גוטע אכסניה אין ייִדיש. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז כמעט אומפאַרשטענדלעך פאַר אַזעלכע, וואָס קענען קיין העברעיִש נישט. ניי־ייִדיש איז פאַקטיש אַ צווייג פון העברעיִש. דאָס נייע ייִדישע ווערטערבוך, וואָס ווערט איצט צוזאַמענגעשטעלט, וועט זיכער כולל זיין די אַלע העברעיִשע ווערטער, וואָס זענען געוואָרן תושבים אין ייִדיש, אָבער ביז דעמאָלט וואָלט בפירוש געווען אַ נוצלעכע זאַך אַרויסצוגעבן אַ נייעם אויפלאַג פון יהואשס „ייִדיש ווערטערבוך" מיט מילואים.

1953.

ביאַליקס יידישע לידער

ווען ביאַליק האָט אָנגעשריבן זיין ערשט ליד אויף יידיש, אַ קינדער־ליד — „אויף אַ הויכן באַרג״, איז ער שוין געווען אַ העברעיִשער דיכטער. ער האָט שוין געהאַט געמאַכט אַ רושם מיט אַ קליינער צאָל העברעיִשע לידער, וואָס האָבן באַוויזן ווי טיף פאַרוואָרצלט ער איז געווען אין העברעיִש, אָבער זיין נעמען זיך צו דער יידישער פען איז בשום אופן נישט געווען קיין זייטיקע סטעזשקע, נאָר אַ גיין דורך אַ צווייטן וועג, צום זעלביקן ציל.

ווען ער איז געקומען צום יידישן ליד, איז דער באַרימטסטער יידישער דיכטער פון זיין צייט און נאָך מער — פון זיין קרייז, געווען שמעון פרוג. אָבער פרוג האָט נאָך אַפילו נישט געהאַט אַרויסגעגעבן קיין איין זאַמלונג פון זיינע יידישע לידער, אַלע זיינע לידער זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט, נאָר ס׳איז נישט קיין סוד פאַר קיינעם, אַז ביאַליק האָט געוווּסט פון זיי און זיי האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה.

פרוג האָט אינערלעך געליטן דערפון וואָס ער האָט געמוזט אָנקומען צו יידיש, צום „יאַטקע־לשון״, ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט. מיט רוסיש האָט ער געוואָלט עפענען אַ פענצטערל צו דער וועלט, אָבער מיט יידיש איז ער געקומען זינגען פאַר זיין אייגן פאָלק, און די מוזיק האָט ער אַליין געשאַפן. אין רוסיש זענען אַ סך פּאָעטישע מכשירים געלעגן פאַר אים אָנגעגרייט, דער עיקר, דער בייג און קנייטש פון פערז. אין יידיש האָט ער נישט געפונען די גרייטע פּאָעטישע לעקסיק, אַפילו נישט די גרייטע פּאָעטישע באַנאַליטעטן, ווי אין רוסיש. ער אַליין האָט זיי ערשט געמוזט שאַפן.

זאָל מען מיך נישט שלעכט פאַרשטיין. פרוג איז געווען אַ גרויסער אויפטוער ווי אַ יידישער דיכטער. אין רוסיש, ווו ער האָט געוואָלט געפינען זיין פּאָעטישע היים, האָט ער קוים איבערגענעכטיקט און אַוועק ווי אַ גאַסט, וועמענס נאָמען איז אַפילו נישט פאַרשריבן אין דער אכסניה. אָבער אין יידיש איז ער געווען אַן אָנהייבער פון אַ גרויסער יידישער געזאַנג־תקופה. ער האָט געשריבן יידיש מיט אַלע זיינע פּאָעטישע חושים, די פּאָעטישע חושים וואָס ער האָט פאַרמאָגט (און אַ פּאָעט פאַרמאָגט מער ווי פינף גע־ציילטע חושים), אָבער ער האָט געליטן פון זיין צווייִשפּראַכיקייט.

ביאַליק איז געקומען צו יידיש אָן יסורים. פאַר אים איז עס געווען אַ גלייכער גאַנג. העברעיִש מיט יידיש האָבן זיך אין אים נישט געקריגט. ווען

העברעיש האָט אים שפּעטער אינגאַנצן באַהערשט און באַצוווּנגען, איז ער אַלץ נישט אָוועק פון ייִדיש. ער האָט איבערגעזעצט אגדות אויף ייִדיש און עס געטאָן מיט אַ גאַטירלעכער פרייד. פון יענע צייטן ווען אַ סך ייִדישע שרייבערס זענען געווען צווייִשפּראַכיק, דורך העברעיש און ייִדיש — וואָלט מען גיכער באַדאַרפט ריידן ווי פון עשירותדיקער איינשפּראַכיקייט, אַ גרעסערער און ברייטערער ברייִהדיקער שעפערישקייט. טיף אינערלעך האָט פרוג אויך ליב געהאַט דאָס ייִדישע לשון, כאָטש ער האָט זיך פון צייט צו צייט געבריקעט, ווייל פרוג איז אויף אַן אמת געווען צווייִשפּראַכיק. זיין רוסיש האָט אים געשטערט צום ייִדיש, און פאַר זיין ייִדיש האָט ער מורא געהאַט — אויף רוסיש. ער האָט מסתמא געציטערט אַז מען זאָל אין זיינע רוסישע לידער נישט דערקענען דעם ייִדישן „אַקצענט", הגם ער האָט זיך דערפון נישט אויסגעהיטן. ער איז נישט ווילנדיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוסיש־ייִדישן פּאָעט.

ביאַליק האָט נישט געליטן פון אַזעלכע קאָמפּלעקסן. זיין העברעיש האָט אים גאָר געהאָלפן צו זיין ייִדיש ליד, און זיין ייִדיש האָט אים געטאָן מער ווי איין טובה, ווען ער איז געווען בלויז דער העברעישער פּאָעט. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ייִדיש, אַז ער האָט גאָר גיך געפונען פאַר זיך אַ העכערן שטאַפּל אין דער ייִדישער פּאָעזיע, פון זיין רבין — פרוג.

אין זיינע געציילטע ייִדישע לידער און אַפילו אין די עטלעכע איבערזעצונגען פון יהודה הלוי און היינען, זעט מען וואָס פאַר אַ רייכן ייִדישן שפּראַך־חוש ביאַליק האָט פאַרמאָגט, מיט וואָס פאַראַ גאַנץ האַרץ ער האָט געשמידט זיינע ייִדישע שורות און ווי ער האָט בפירוש מקפּיד געווען אויף יעדער וואָרט, וואָס איז פאַר זיין צייט געווען אַן אמתער חידוש.

מ'האָט שוין אַ סך גערעדט וועגן ביאַליקס ייִדישע שפּראַך־חידושים, אָבער ווייט נישט גענוג. מען האָט נאָך ווייניקער גערעדט וועגן ביאַליקס שפּראַך־געפיל — אויף ייִדיש. כ'רייד דאָ אינגאַנצן נישט פון דעם פּאָעטישן ווערט פון ביאַליקס ייִדישע לידער — דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך, דאָ גייט מיר נישט אין שאַצן און וועגן, נאָר אין אָנווייזן אויף זיין ייִדישער שפּראַך־אחריות. אַזאַ שפּראַך־אחריות איז אוממעגלעך, ווען מען שרייבט לידער אויף צוויי שפּראַכן. ביאַליק האָט אָבער געשריבן זיין ייִדיש ליד מיט די גערירשנטע טיפעניש פון זיין פאָלקס ברייטער און רייכער איינשפּראַכיקייט.

אין זיין ליד „גלוסט זיך מיר וויינען", וואָס ער האָט געשריבן אָריגינעל אויף ייִדיש, הייבט ער גלייך אָן מיט אַזאַ שורה:

גלוסט זיך מיר וויינען געשמאַקער פון האַרצן.

פאַרוואָס עפּעס „גלוסט זיך מיר וויינען", פאַרוואָס נישט „ווילט זיך מיר וויינען", וואָס פאַר אַ גלוסטעניש קען באַפרידיקן אַ געוויין? ווען מען לייענט אָבער די גאַנצע שורה און מען זעט, אַז ביאַליק נוצט, אין שייכות מיט וויינען, אַזאַ אויסדרוק ווי „געשמאַקער פון האַרצן". פאַרשטייט מען ערשט, ווי אויף אַן אָרט דאָס וואָרט „גלוסט" איז אין דעם באַגריף. ס'איז די הנאה פון אויסוויינען זיך, די פרייד פון אַרונטערוויינען אַ גרויסן שטיין פון האַרצן. געוויין ביי ייִדן איז בכלל געוואָרן אַ באַזונדערע פרייד. מען איז זיך געקומען געשמאַק אויסוויינען אין שול, און אַפילו, להבדיל, אין טעאַטער. דער שליסל צום „גלוסט זיך מיר" ליגט אין דעם „פון האַרצן", נישט פון די אויגן בלויז נאָר דאָס געוויין זאָל קומען ממעמקים, פון האַרצן, און דערפאַר האָט ביאַליק גענוצט דאָס ריכטיקסטע וואָרט, ווען ער האָט גלייך וואָרעם געעפנט זיין ליד מיט — „גלוסט זיך מיר וויינען".

בכלל איז דאָס גאַנצע ליד געשריבן אין אַ רייכן און, פאַר יענער צייט, אומגעוויינלעכן ייִדיש. נישט אויסגעוויינטע טרערן איז נאָך געווען ניי. דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן איז אויך געווען אַ פריש וואָרט.

אַז מיר קומען צו זיין ליד „אין שחיטה־שטאָט" וואָס ביאַליק האָט אַליין איבערגעזונגען, נישט איבערגעזעצט, נאָר איבערגעקנאָטן אויף ייִדיש, זעען מיר ווידער אַמאָל, ווי אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן האַרצן ביאַליק איז געווען, ווען ער האָט געשריבן ייִדיש. דאָס לשון פון דער פּאָעמע פאַלט פון שורה צו שורה ווי אַ מעכטיקער וואַסער־פאַל. ווען מען פאַרגלייכט דאָס ליד, געשריבן אין 1904, מיט דעם לשון פון אַנדערע ייִדישע לידער פון יענער צייט, דערזעט מען וואָס פאַראַ כוח ביאַליק האָט אַריינגעלייגט אין יעדער וואָרט און וויפיל שווונג יעדער שורה האָט פאַרמאָגט. אין זיינס אַן אויסגעצייכנטער עסיי וועגן ביאַליקן האָט ניגער געזוכט איינצוטיילן ביאַליקן אויף אַ ייִדישן פּאָעט, אַפילו אין העברעיִש, און אויף אַ העברעיִשן פּאָעט, אַפילו אין ייִדיש. מען דאַרף אָבער גיין נאָך ווייטער און אָנווייזן, אַז מיט זיין אייגענער איבער־זינגונג פון דער „בעיר ההריגה" איז ביאַליק אויסן געווען אַרויסצוברענגען די דורך דורות געשאַפענע איינשפּראַכיקייט, אין דער אַזוי גערופענער ייִדי־שער צווייששפּראַכיקייט. אין דער „שחיטה־שטאָט" איז ביאַליקן געגאַנגען צו ווייזן, ווי נאַטירליך ייִדיש פאַלט אַריין אין נביאיש און ווי העברעיִשדיק ייִדיש קען זיין, ווען מען אַנטפּלעקט די פאַרהוילענע אוצרות און מען פראַלט אויף די באַהאַלטענע טירלעך.

די ערשטע צוויי שורות פון „אין שחיטה־שטאָט" זענען אין העברעיִש נישטאָ. ביאַליק האָט אויף ייִדיש געזוכט אַ סימפּאָנישע עפענונג פאַר זיין

ליד, אַ באַלדיקן אָנשלאָג, אַ רוף וואָס זאָל האָבן עכאָס און וואָס זאָל גלייך קריגן אויערן. ער האָט עס אין יידיש געקראָגן דורך אַ פּאַראַד פון איינזיל־ביקע האַמער־ווערטער.

פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש — און קום.

דערפאַר איז דער איינדרוק אַ קאָלאָסאַלער. דאָס איינזילביקע פאַרבינד־וואָרט „און" וואָס ווערט אויסגענוצט אויפן ווירקזאַמסטן אופן —

קאַלט און האַרט און שטום

שווידערט גלייך אויף דאָס ליד, און מיר זענען גרייט אויפצונעמען אַן אומ־געוויינלעכע שליחות.

מען וואָלט בפירוש געקענט שרייבן נישט איין נאָר עטלעכע אָפּהאַנד־לונגען וועגן איינצלנע ווערטער פון דער דאַזיקער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער פּאָעמע, ווי ביאַליק האָט זי אַליין אויסגעזונגען אויף יידיש. די ווערטער זענען געקומען פון פאָלק, אָבער ביאַליק האָט זיי אַזוי צעשטעלט און אַזוי אויפגעפרישט און איבערגעפרישט, אַז זיי זענען געוואָרן באַנייטע און בייזע ווערטער, וואָס האָבן צוזאַמען געקראָגן אַ צווילינג פון גבורה און פון וויטיק, וואָס אונדזער יידיש האָט נאָך אין יענער צייט נישט געקענט אויסדריקן. טאַקע באמת ווי ביאַליק זאָגט אין זעלביקן ליד —

דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פּרילינג.

ס'איז אַן אומגעריכטער געשריי, וואָס פּראַלט אויף די טויערן פון הימל. צווילינג און פּרילינג איז דאָ נישט בלויז אַ גראַם, נאָר אַ בליץ. און וויפל סאַטירע ליגט אין דעם אויסדרוק — פון „גאָטס מילדער האַנט". די מילדע האַנט פון גאָטס שפע האָט דעם ייד באַשערט דעם דאָזיקן מאַקאַברישן צווי־לינג. באַלד קומען אַזעלכע בכיוונדיקע יידישלעכע בילדער —

דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן

און דער האַמער־שלאָג אין די שלייפן אַקאָמפּאַנירט פּלוצים די אי־דיליע —

און דער שוחט האָט געשאָכטן.

ביאַליק האָט נאָך אַלץ אינזינען דעם צווילינג, פאַרצווילינגט ער דער־פאַר אַזאַ מוראדיק בילד —

אין תוך געגומען

דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער ווונד
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט.

דאָס איז אַ בילד וואָס בלויז אַ גענימאַלער פּאָעט קען זען און ווייזן. ס׳איז גענימאַל דערפאַר ווייל ס׳איז אויך אַן אייביקער מאָראַלישער קאָמענטאַר. דער חלף גלאַנצט פון דער שיינענדיקער זון און ס׳פאַרצווילינגט זיך ווידער בלוט מיט גאָלד, מאָרד מיט זון.

מ׳האָט צו דער פּאָעמע געהאַט טענות פאַרוואָס ביאַליק אַליין האָט פאַר־צווילינגט זיין שטראָף, געמוסרט דעם רוצח און דעם קרבן, אָבער כ׳רייד דאָ בלויז פון דער פּאָעמע ווי פון אַ ווערק, וואָס יעדער וואָרט, יעדער קלאַנג, יעדער אַדיעקטיוו איז באַזעצט אויפן ריכטיקן אָרט. ביאַליק פאַרגעסט נישט קיין איין דעטאַל, ער פאַרלירט גאָרנישט אויפן וועג. ער זעט —

אַ דאַך, אַ שטומער דאַך. מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הענגט אַ שפּין — גיי פרעג דעם גרינעם שפּין!
ער האָט געזען אַלצדינג, ער איז אַן עדות,
איין לעבעדיקער עדות אויף דעם בוידעם.

ווער האָט דעמאָלט זיך פאַרגונען אַ „שטומען דאַך“ אין דער ייִדישער פּאָעזיע? און וויפל טראַגישער גראָטעסק עס ליגט אין דעם אייציקן עדות, דער גרינער שפּין, וואָס זעט הענגענדיק? און הערט ווי ביאַליק זאָגט נישט אַז דער שפּין האָט אַלץ געזען, נאָר אַ ל צ ד י נ ג, דאָס איז אויסגעשעפּט, ס׳איז פון שפּינס אויג גאָרנישט פאַרהוילן געוואָרן. אַלצדינג, מיינט דעם גאַנצן שוידער וואָס די ווייטערדיקע שורות דערציילן.

מ׳קען זיך אַזוי פאַרהאַלטן ביי יעדער ייִדיש ליד ביאַליקס, ביי זיינע אַזוי גערופענע, נאַציאָנאַלע לידער און ביי זיינע אויך אַזוי גערופענע פאָלקס־טימלעכע לידער, וואָס ניגער האָט איינגעטיילט אויף ביאַליקס גייסטיק־העב־רעיִשע לידער און גייסטיק־ייִדישע לידער, אָבער וואָס פאַר מיר זענען זיי ביידע טיף נאַציאָנאַל־ייִדיש און מקורדיק איינשפּראַכיק, פון אונדזער טיפן און שפּרודלדיקן איינשפּראַכן קוואַל.

וויפל פריילעכן טאַנץ־ריטם האָט ביאַליק באַשאַפן און אויסגעשלאָגן אין זיין „אַ פריילעכס“, און ווי ייִדישלעך עס ענדיקט זיך דאָס ליד, ווען ביאַליק כאַפּט זיך, אַז ער זינגט אַ ייִדיש פריילעכס —

הפקר, הפקר, אַלץ איז הפקר,
ווי ס׳איז הפקר אונדזער בלוט.

און ווי שמועס־מעסיק און פאָלקסטימלעך ס׳הייבט זיך אָן דאָס ליד „כ׳וואָלט“ —

יעקב גלאַטשטיין

כ׳וואָלט געווען אַ בעלן וויסן,
ווי וועט זיין מיין טויט?

ביאַליק האָט געשריבן ייִדיש מיט דער זעלביקער ליבשאַפט ווי העבּ־רעיִש און זיינע ייִדישע לידער זענען פאַר זיך מאַטעריאַל פאַר אַ טיפער שטודיע, פול מיט פאַרשיידענע ספּעקולאַציעס. וויפל מער וואָלט ביאַליק געווען אויפגעטאָן אויף ייִדיש, ווען ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן בלויז צום ייִדישן ליד. אָבער דאָס זענען ספּעקולאַציעס אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן איין גרויסן תירוץ: ביאַליק דאַרף גענומען ווערן אַ גאַנצער, מיט זיין ייִדישן טראַכט און מיט זיין העברעיִשער קרוין. אַפילו ביאַליקס איבערגעזעצטע לידער פון העבּ־רעיִש אויף ייִדיש זענען אי אָריגינעל ייִדיש, אי העברעיִש אין זייער אָטעם.

ס׳איז שאַ, ס׳איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגן ווי אַ פייל,
אַזוינס וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזנט מייל.

אָט די זעונג „וואָס שמעקט מיט קינד" איז אַ בליץ פון ביאַליקס וווּנ־דער־וואָרט, אַפילו ווען ער שטראָפט און שרייט אָן. ניגערס אַ געלונגענער אויסדרוק — ב י אַ ל י ק ש אַ פ ט איז זייער טרעפלעך, מ׳קען עס פאַראַ־פראַזירן, אויסברייטערן און זאָגן, אַז צווישן ביאַליקס העברעיִש ליד און זיין ייִדיש ליד איז פאַראַן מער ווי בלויז קרובהשאַפט. פאַראַן צווישן לידער פון זיין רייכער העברעיִש־ייִדישער איינשפּראַכיקייט — אַ ביאַליקשאַפט.

.1959

מעשׂות פֿון ר׳ ישׂראל בעל־שם־טובֿ

די סעריע „אונדזער אוצר״ פֿון דעם „קראָנשטאַט־פֿאָנד״ איז פֿאַרענדיקט געוואָרן מיט דעם פֿינפֿטן באַנד — „מעשׂות פֿון בעל־שם־טובֿ און זײַנע נאָענטסטע תּלמידים״. ווי די פֿריִערדיקע פֿיר בענד „מעשׂות פֿון בראשית״, „משה רבינו״, „פֿון גלות־בבֿל ביז רוים״ און „אליהו הנבֿיא״, איז אויך דער לעצטער באַנד דערשינען אין פֿאַרלאַג „ציקאָ״. די ווערטפֿולקייט פֿון דער גאַנצער סעריע קען דורך מיר איצטער נישט אָפּגעשאַצט ווערן. ס׳איז אָן ספֿק אַ גרויסער אויפֿטו צונויפֿצונעמען דעם לעגענדאַרישן מאַטעריאַל פֿון — אָדער בעסער געזאָגט וועגן די אַלע עפּאָכעס, זיי סיסטעמאַטיזירן און אין זיי — שווין דורך דעם אַליין — אַרײַנבלאָזן אַ נײַעם לעבעדיקן אָטעם. מ׳וואָלט באַדאַרפֿט גענויער שטודירן, וואָס נאָך די צונויפֿשטעלערס און אָפּקלײַבערס האָבן געטאָן מיט זייער מאַטעריאַל און צו זייער מאַטעריאַל. ס׳ווענדט זיך, פֿאַרשטייט זיך, וואָס פֿאַראַ אויפֿגאַבן די סעריע „פֿון אונדזער אוצר״ האָט זיך געשטעלט. ס׳רעדט זיך דאָ נישט פֿון די ברייטערע אויפֿגאַבן צו זאַמלען אונדזער רײַכן לעגענדע־מאַטעריאַל, ס׳גייט דאָ אין דעם צי די זאַמלערס און צונויפֿשטעלערס האָבן זיך געאײַניקט אויף דעם זעלביקן צוגאַנג — פּרומע פֿאָרזיכטיקייט און בוכשטעבלעכקייט ביים באַגיין זיך מיט די מאַטעריאַלן, אָדער גאָר פֿרײַער רעדאַקטירטער אויסוואַל. אַוודאי זענען די באַזונדערע זאַמלונגען פֿאַרזען מיט הקדמות, אָבער ס׳וואָלט געווען כּדאַי צו פֿאַרגלײַכן די פּאַרטיקע פֿאַרייִדישונג פֿון די מאַטעריאַלן מיט די מקורים.

ס׳האַנדלט זיך אויך אין דער גאַנצער אידייע פֿון קלײַבן אַזעלכע מאַטעריאַלן פֿאַר אונדזער דור אויף ייִדיש, און וויפֿל אַזעלכע „סעריעס״ אונדזער דור איז מחויבֿ צו „ראַטעווען״ פֿאַר זיך. כ׳קלײַב זיך דאָ נישט צו פֿאַרפֿירן אַ ברייטע דיסקוסיע, אָבער מיר דאַכט זיך אַז אַזעלכע לעגענדעס זענען נישט אַזאַ מוז פֿאַר ייִדיש, ווי, אַ שטייגער, די איבערזעצונג פֿון תּנ״ך. מיר זעען פֿאָראויס דעם לעבעדיקן וווּקס און די אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש, אָנגעלענט אויף דער לעבעדיקער אַנטוויקלונג פֿון העברעיִש, און נישט אויף איבערזעצונגען, ווי איבערגיסונגען אין דעם גליוווער פֿון אַן אונטערגייענדיקן לשון. ייִדיש־קענען וועט מיט דער צײַט מוזן זיך האַלטן גאָר נאָענט צו אַ גרינטלעכער קענטשאַפֿט פֿון העברעיִש. ייִדיש קען דערפֿאַר נישט צוריקגיין צו „טײַטש״, אָדער גאָר צו באַדינען די פּרוי, בעת די מאַנסלײַט האָבן אַ צוטריט צו די

שווערע און טיפֿע אָריגינאַלן. ייִדיש איז שוין לאַנג פֿאַר ביידע געשלעכטער און דער קערנדיקער ייִדיש־טייל — פֿון אונדזערע ביידע ייִדישע לשונות. בלויז אויף אַזאַ אופֿן און מיט אַזאַ צוגאַנג וועט ייִדיש פֿאַרבלייבן אין היכל פֿון אונדזער געשיכטלעכער מיסיע. ייִדיש טאָר ביים היינטיקן טאָג, און אויף אַלע להבאָס, נישט אָפּטרעטן פֿון העברעיִש.

דערפֿאַר וועט יעדער ייִדיש־קענער מוזן האָבן אַ צוטריט צו העברעיִשע מקורים; און דאַקעגן וועט יעדער העברעער פֿאַרדינען דעם טיטל — עם־הארץ, אויב ער וועט נישט קענען קיין ייִדיש, אין דעם ברייטסטן זין פֿון וואָרט, כ׳מיין נישט נאָר דאָס לשון, נאָר זיינע אַלע מקורים, קינסטלערישע און פֿאָלקלאָריסטישע.

אַרויסגייענדיק פֿון דער הנחה, מעג מען דערפֿאַר איינפֿירן אַ שטיקל עקאָנאָמיע אין אונדזער באַלעבאַטישקייט. באַרייכערן אונדזער לשון מיט אי־בערזעצונגען פֿון אַלערליי העברעיִשע מקורים, דערשיינט אָפּט, אין ליכט פֿון אונדזער צוגאַנג צו אונדזערע ביידע לשונות, ווי אַן איבעריקע באַשווע־רונג. כ׳רעד דאָ נישט פֿון די ביכער, וואָס זענען ביז איצטער דערשינען אין דער סעריע „אונדזער אוצר“. ס׳רעדט זיך דאָ אין אַלגעמיין וועגן נאַציאָנאַלן צוגאַנג צו דער אוצרדיקייט פֿון אונדזער לשון. אויב דאָס ייִדישע לשון ווערט דערמיט נישט באַרייכערט, איז אפֿשר נישט כדאי אין אונדזער צייט אויפֿ־צוּוועקן פֿון שלאָף מאַטעריאַלן, וואָס האָבן פֿאַר אונדזער דור אַ ווערט פֿון בלויז — לעגענדע, ווייל, ווי געזאָגט, דער מאַטעריאַל דרימלט סיי־ווי אין מקורים, וואָס וועלן דעם צוקונפֿטיקן ייִדיש־רעדנער און ייִדיש־קענער מוזן זיין צו־דער־האַנט אין אָריגינאַל.

קלאָרער געזאָגט: היינטצייטיקע איבערזעצונגען אויף ייִדיש טאָרן נישט זיין אויסגערעכנט אויף אַן עם־הארץ, וואָס עקזיסטירט פֿאַקטיש מער נישט ווי אַן אָפּנעמער פֿון ייִדישן בוך. דער עם־הארץ, וואָס קען נישט קיין העב־רעיִש און קען נישט קיין אַנדערע לעבעדיקע שפּראַך, האַלט ביים פֿאַרשווינדן, און אויב ער עקזיסטירט נאָך אין אַ קליינער צאָל, וועט ער פֿרעגן וואָס מען דרייט אים, ביים היינטיקן טאָג, אַ ספּאָדיק מיט אַזעלכע נישט געשטויגענע מעשׂות. פֿאַר אים וועט פֿאַרלוירן גיין דער קולטור־ווערט פֿון די אַלע לעגענ־דעס און ער וועט נאָר נעמען אָפּפֿרעגן דעם גלויב־טייל פֿון די מעשׂות. ער וועט זיך ווערן קעגן זיי מיט דעם גאַנצן כּוח פֿון אַ טראַגי־קאָמישער אַפּי־קורסות.

מיר ריידן דערפֿאַר פֿון דעם אינטעליגענטן ייִדיש־לייענער, און פֿאַר אים מוז אַן איבערזעצונג באַרייכערן דאָס לשון און הייבן דעם ניוואָ פֿון אונדזער

לשון. ס׳מוז זיך אַריינפּאַסן אין דער קולטור־אַטמאָספערע פון דער נאַטיר־לעכער אַנטוויקלונג פון אונדזער שפּראַך. ער מעג וועלן וויסן, צי מען גיט אים רעליגיעזן מאַטעריאַל אָדער קינסטלערישן מאַטעריאַל. מעג ער דערפאַר אויך פרעגן די קשיה, וואָס פּאַרא פּיעטעט ער איז שולדיק די ניי־איבערגעזעצטע מאַטעריאַלן, און וואָס אונדזער ייִדיש איז מחויב צו טאָן דערמיט.

דאָס איז גערעדט געוואָרן בכלל וועגן נאַציאָנאַלער שפּאַרזאַמקייט און וועגן אַ העכערן צוגאַנג צו אונדזערע אוצרות. פאַרשטייט זיך אַז אונדזער צוגאַנג צו היינטצייטיקער ליטעראַטור דאַרף און מוז זיין גאָר אַן אַנדערער.

ווען מיר ווענדן אַן די פריִער־געבראַכטע מאָס — צום סאַמע לעצטן באַנד פון „אונדזער אוצר" — די „מעשות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב", קו־מען מיר צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ גאָר־גאָר ווערטפול בוך, צוליב דעם וואָס די מעשות זענען דערשינען חוץ אין העברעיִש, אויך אין ייִדיש, און ווייל ייִדיש קען באַטראַכט ווערן פאַר דעם מקור זייערן, אַפילו ווען זיי זענען איבערדערציילונגען פון העברעיִשע אָריגינאַלן. גראַד אין דער איבערדערציי־לונג ליגט דער שפּראַכלעכער חן זייערער. אַ שאָד וואָס דער צונויפשטעלער זייערער י. אַפּאַטאָשו, וואָס האָט זיין אַרבעט פאַרענדיקט קורץ פאַרן טויט, האָט אונדז איבערגעלאָזט אַזאַ קורצע הקדמה און ער האָט אונדז נישט קלאָר געזאָגט, ווי ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע מאַטעריאַלן און וואָס פאַרא שי־נויים ער האָט אין זיי אַריינגעטראָגן. ער דערציילט אונדז בלויז, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט די צוויי ייִדישע אויסגאַבעס פון די שבחי־הבעש"ט, וואָס זענען דערשינען אין 1816, די נאָווידוואָרער און די קאָריצער. פאַרשטייט זיך אַז ס׳איז לייכט נאָכצוזוכן — ניתי ספר ונחזה, אָבער ס׳גייט גיכער אין אַפּאַטאָשוס קינסטלערישן צוגאַנג צו דעם שפּראַכלעכן אוצר. ער זאָגט אונדז בקיצור, אַז אין די מעשות זענען פאַראַן כמעט פאַרגעסענע ייִדישע ווערטער, וואָס מען דאַרף אויפלעבן, וואָס אַפּאַטאָשו האָט זיכער איבערגעלאָזט. פאַראַן אויך אין די מעשות אַ סך אינטערעסאַנטע העברעיִזמען, וואָס זענען צוזאַ־מענגעוועבט מיט ייִדיש און וואָס נעמען אויך אַרויספאַלן פון אונדזער לשון און ס׳וואָלט געוועזן אַ יושר זיי צוריק אַריינפירן אין דעם לעבעדיקן ייִדיש.

דער „ציקאָ" ביכער־פאַרלאַג האָט לכבוד דעם דערשיינען פון די בעל־שם־טוב מעשות געמאַכט אַ יום־טוב און ס׳איז געקומען, אין אַ פּראָסטן מיט־וואָך, אַ גאַנץ שיינער עולם. די ייִדישע שרייבערס, מיט מיר בתוכם, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער שמחה, האָבן מיט אַלע כוחות געזוכט זיך אַרויפצואַרבעטן אויף אַ פייערלעכן טאָן, מכוח דעם אינהאַלט פון די מעשות גופא. איסר גאָלדבערג, דער דירעקטאָר פון „ציקאָ", וואָס שטייט נאָענט צום

בונדישן לאַגער, האָט ביי דער געלעגנהייט גערעדט אַזוי „חסידיש“ וועגן די „שבחי בעל־שם־טוב“, אַז ער האָט ממש געפלאַקערט. איך האָב געוואָלט פאַרענטפערן די דאָזיקע פרומקייט מיט דער גוואַלדיקער התלהבות, וואָס ער פאַרמאָגט בכלל פאַר אַ ייִדיש בוך, און כ׳האָב באַמערקט, אַז וועגן אַן עראָטיש בוך אויף ייִדיש, וואָלט גאָלדבערג אויך גערעדט מיט ברען. דער דאָזיקער נישט־געמיינטער, אפשר נישט־געראָטענער וויץ איז אויפן אָרט אַרויסגעקומען אַביסל רוי, אָבער אָן שום הלצות האָב איך געוואָלט זאָגן, אַז גאָלדבערג איז פרום פאַרליבט אין אַ ייִדיש בוך און ער פאַרקויפט בכלל ייִדישע ביכער, ווי ער וואָלט אָנגעבאָטן מצוות און מעשים טובים. מיט מיין משל־עראָטיק האָב איך אפשר נישט צופיל געגרייזט, ווייל אויף זייט 244, אין דער אָפטיילונג „חסידות“, ברענגט דער צונויפשטעלער אַ זאָג, וואָס וואָלט זיכער נישט באַדאַרפט געבראַכט ווערן, וועגן דער נאָענטקייט פון חסידות צו עראָטיק. דער זאָגער איז געשטויכלט געוואָרן מיט אַ פאַרגלייך, וואָס איז שוין אַביסל צופיל אַריבערגעפעפערט.

אַלע באַטייליקטע שרייבערס אין דעם יום־טוב, לכבוד דעם ניי־דערשינענעם בוך, האָבן זיך אין זייערע רעפעראַטן באַמיט צו דערנענטערן אויך צום אינהאַלט פון בוך — און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַן איבעריקער אָנשטרענג.

ווען מיר זענען געווען יונג, האָבן מיר זיך באַצויגן צו אַזעלכע מעשות מיט גרינגשעצונג, אָבער די קולטיווירטע הויכשעצונג, וואָס מיר האָבן לעצטנס צו אַזעלכע ספרים, כאַפט אַמאָל אַריבער די מאָס, בעסער געזאָגט, זי קאָנצענטרירט זיך נישט אויף דער ריכטיקער מאָס.

דער ווערט פון די מעשות איז אין לשער, אָבער דער עיקר דערפאַר, ווייל עס באַרייכערט און פרישט אויף אונדזער שפראַכלעכן אוצר. דער ייִד, אָדער די ייִדן, וואָס האָבן דערציילט די מעשות, האָבן קודם־כל געקענט דערציילן אַ מעשה, לויט אַלע כללים פון דערציילן, פון אָנציִען און אָנשפאַנען דעם הערער. שוין די נעמען אַליין פון די קאַפיטלען זענען רחבותדיק־דערציילעריש: „אין פרק ווערט דערציילט וואָס פאַראַ ציטערניש און וואַכקייט ס׳באַפאַלט דעם בעל־שם־טוב, ווען ער טראַכט וועגן בורא“; „אין דעם פרק ווערט דערציילט וועגן אַן אדון אַ בר־מזל“; און „אין דעם פרק ווערט דערציילט ווי דער בעש״ט האָט פאַרלענגערט אַ קינדס אויסגעגאַנגענע יאָרן“.

דאָס לשון פון די מעשות דאַרף שטודירט ווערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די אַרויסגעפאַלענע ווערטער, אָדער צו די זעלטן־געניצטע. שוין אַזאַ וואָרט ווי „אויסגעגאַנגענע יאָרן“ דאַרף צוריק אַריין אין אונדזער לשון,

ווייל ס׳איז אַ גאַנצער באַגריף און מ׳דאַרף פאַר אַזאַ וואָרט האָבן אַ גאַנצע קוואָרט מיט ווערטער. מיר געפינען אַזאַ נייטיקן העברעיִזם „זאָלסט מסלק זיין דאָס געלט״. מסלק זיין מיינט מער ווי אָפּגעבן, ס׳איז אַ ניואַנס וואָס דאַרף געדענקט ווערן. אַזאַ זאַך, ווי — „דו האָסט געלאָזט דיין ווייב אַן עגיה, זי האָט גישט אויף איין טאָג צערונג״, איז ביי דער גאַנצער געשילדערטער אָרעמקייט — מיט גאָלד צוגלייך. אָדער אַזאַ צניעותדיקער אויסדרוק — „זיין איידעם האָט פירגעהאַט מיט אַ גויה אויף דעם בעטל״.

דאָ און דאָרט געפינט מען אין די מעשות שטיקער שטייגער געשיכטע, הויכע מאָראַל און אויך אַ מאָראַל וואָס איז נישט אַזוי מאָראַליש, דער רבי פאַרשעלט און זיינע קללות ווערן מקוים. די אָרדענונג פון דער וועלט איז אַ פעסטע און באַשערטע — דער אָרעמאַן איז אַ ביטערער אָרעמאַן און דער גביר איז אַ גביר אדיר — און אַלץ מיט דעם רבינס הסכמה. אָבער דווקא די מידות, ווי זיי ווערן אויף זייער אופן אָפּגעשפּיגלט אין די מעשות פון אַ פעסט־איינגעשטעלטער וועלט־אָרדענונג, זענען אינטערעסאַנט. אַמאָל קריכט אַן אָרעמאַן יאָ אַרויס פון זיין ביטערן מצב, אָבער ער מוז האָבן אַ ספּעציעלע זכיה און קריגן אַ ספּעציעלן רבישן שטויס.

די אמתע העכערע מאָראַל פון חסידות דאַרף מען פון דעסטוועגן אין די מעשות נישט זוכן, ווייל אין די חסידישע דערציילעניש איז די דערהייבונג פון חסידות פאַרגשמיותט געוואָרן און ס׳פעלט אין זיי דער קאָנדענסירטער עפּיגראַם פון חסידישער תורה.

זוכן דאַרף מען אין די נאָווידוואָרער און קאָריצער אויסגאַבעס, וואָס אָפּאַטאָשו האָט זיי צוזאַמענגעוועבט, אין זיין צונויפשטעל פון די בעל־שם־טוב מעשות — לשון. כמעט אין יעדער מעשה קען מען געפינען אַ ראָזשינקע און נישט נאָר אַ ראָזשינקע אויף צו לעקן די פינגער, נאָר נוצלעכע ראָזשינקעס, וואָס מ׳קען מיט זיי פאַרזיסן אַ היינטצייטיק זייטל יידיש.

דאַכט זיך מיר דערפאַר, אַז פון אַלע פינף ביכער, אין דער סעריע „אונדזער אוצר״, איז דער לעצטער באַנד „מעשות פון בעל־שם־טוב״ דער נוצלעכסטער, ווייל מ׳קען די מעשות נישט אויפנעמען אין קיין אַנדער זין, אַחוץ וואָס דער צונויפגעשטעלטער מאַטעריאַל ברענגט צוריק דעם נאַטירלעכן חן פון יידישן זאַץ־בוי און דערפאַר איז אַזאַ ספר אַ דירעקטער נוץ פאַר דעם יידישן לשון.

מיר געפינען אין דעם מעשה־בוך אַ מעשה וועגן אַן אשה, וואָס פלעגט איטלעכן זאָגן „זיין גוטס און זיין שלעכטס״. אָט די לאַקאָנישקייט געפינט מען אין די מעשות אויף שריט און טריט; אין דעם גאַנצן באַריכותדיקן טאָן

פון נישט־געאײלטער, פּאַמעלעכדיקער דערצײלערישקײט איז פֿאַראַן דאָס גאָלדענע טרעפֿן אין פּינטל מיט דעם טײערן ייִדישן זאַץ, וואָס איז צום באַדויערן געוואָרן אַ זעלטענער גאַסט אין אונדזער בעלעטריסטיק און פּובליציסטיק. „זײַן גוטס און זײַן שלעכטס” וואָלט מען געקענט צעקײען און צעשפּרײטן, אָבער די מעשה־דערצײלערס האָבן פֿאַרשטאַנען, ווען דאָס צעלײגן אויף טעלערלעך מוז זיך ראַטעווען מיט דעם קורצן און בליציקן זאַץ, כּדי די מעשה זאָל קריגן דעם נאַטירלעכן ריטם פֿון אַנטוויקלונג און שטײגערונג און זי זאָל אויך האָבן דעם חותם פֿון אַ ייִדיש מויל.

.1958

אַכט הונדערט יאָר יידישע מאכלים

מיט אַ צייט צוריק האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז מען וואָלט געדאַרפט געבן יערלעכע אויסצייכענונגען פאַר ווערק וואָס הייבן די חשיבות פון ייִדיש, אָדער צו ייִדן וואָס האָבן, אין משך פון יאָר, מיט מעשים אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט צום ייִדישן לשון. אוודאי זענען וויכטיקע ליטעראַרישע ווערק פון ייִדישע פּאָעטן, בעלעטריסטן עסייִסטן סיִיוּי אַ דערהויבונג פאַר ייִדיש, אָבער מיר איז געגאַנגען אין פּרעמירן פאַר דירעקטע אויפטוען אויפן געביט פון לשון, אָדער צום לויב פון דער ייִדישער שפּראַך. ווען מען וואָלט מיך געוווען געפאָלגט און טאָקע באַשטימט אַזעלכע פּרעמיעס, וואָלט מיין קאַנדידאַט היי־יאָר געוווען מרדכי קאָסאָווער; און אַריינגעכאַפּט וואָלט ער ביי מיר אַ טאָפּלטע ייִדיש־פּרעמיע, אי פאַר זיין ווערק, אי פאַר גוואַלטיקער פּערזענ־לעכער ליבשאַפט און געטריישאַפט צו ייִדיש, וואָס זיין ווערק אַנטפּלעקט.

מרדכי קאָסאָווערס ווערק הייסט „ייִדישע מאכלים" און איז נישט מער ווי אַ סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון דעם „יודא א. יאפע בוך", וואָס דער ייִוואָ האָט אַרויסגעגעבן לכבוד דעם אַכציקסטן געבוירנטאָג פון דעם עלטסטן לע־בעדיקן ייִדיש־פאָרשער. דאָס דאָזיקע יובל־בוך האָט רעדאַקטירט יודל מאַרק און מרדכי קאָסאָווער איז באַטייליקט אין דעם בוך מיט אַ טייל פון אַ גרע־סערער שטודיע. איצט איז דער טייל דערשינען אין אַ סעפּאַראַטן אָפּדרוק, וואָס האָלט 145 זייטן — אָנגעפּיקעוועטע מיט אַלדאָס גוטס, מיט הערות, קאָמענטאַרן, באַמערקונגען צו די הערות, השערות, ביבליאָגראַפיע, ציטאַטן פון זעלטענע קוואַלן, אין פאַרשיידענע שריפטן, מיט אַריינגעוואָרפענע אָפּ־שטאַם־ווערטער און פאַרטייטשונגען, אויף העברעיִש, רוסיש, פויליש, אַלט־פּראַנצויזיש, פּראָווענסאַל, איטאַליעניש, פּאָרטוגעזיש, בעמיש און פאַרשיי־דענע דייטשע דיאַלעקטן. שוין די דרוק־אַרבעט אַליין איז אַן אימפּאָזאַנטע, און אויב דער זעצער האָט נאָכן אויסזעצן די זעלטן־פּאָרזיכטיקע אַרבעט גע־קראָגן אַ וואַקאַציע, פאַרגינען מיר עס אים מיטן גאַנצן האַרצן.

די דאָזיקע אינטערעסאַנטע אַרבעט איז דער רעזולטאַט פון צוואַנציק יאָר פאָרשונג, אויף אַ געביט וואָס איז אַ יחיד במינו — ייִדישע מאכלים. דער אָדערויף וואָס איז דערוויל פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נעמט אַרום בלויז מעל־עסנס און דאָס אויך — חוץ יום־טובדיקע מאכלים. דורך די מאכלים עפנט זיך אַ גרויסע פּאַנאָראַמע, וואָס איז אַ ווונדערלעכער אַריינבליק אין

יידישן לעבן און יידישע זיטן, אין משך פון אַכט הונדערט יאָר, אין פאַר־
שיידענע מדינות. די נעמען פון עסנס האָבן באַרייכערט און אַנטוויקלט דאָס
יידישע לשון; אַ סך לאָקאַלע יידישע מאכלים האָבן געהאַט מזל און זענען
דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלע יידישע מאכלים; געקעכצן
און געבעקסן, אויב זיי זענען אַפילו אַנטליִען געוואָרן פון די שכנים, וואָס
צווישן זיי האָבן יידן געוווינט, האָבן זיי אָבער גאַנץ אָפּט דורכגעמאַכט פאַר־
שיידענע ענדערונגען, אונטערן דרוק פון יידישע דינים, יידישע ברכות און
יידישע מנהגים.

דער מחבר זאָגט אונדז, אַז זיין אַרבעט איז „אַ טייל פון אַ גרעסערער
שטודיע אין יידישער קולטור־געשיכטע און שפּראַכפאָרשונג". אָט די אַלגע־
מיינע רייד גיבן אונדז אַ שוואַכן באַגריף, וואָס דער מחבר האָט שוין אויפ־
געטאָן מיט זיין דורכאַקערונג פון דעם דאָזיקן אכילה־געביט. וואָלט אוודאי
געווען דאָס גלייכסטע, ווען כ'וואָלט ציטירט דעם גאַנצן גלענצנדיקן אַריינ־
פיר צו דער שטודיע גופא, וואָס האַלט אַ זעכצן זייטן, אָבער איך וועל זיך
מוזן באַנוגענען מיט עטלעכע אָנווייזונגען, כדי אַרויסצוברענגען די ליבשאַפט
צו אונדזער מאַמע־לשון, וואָס מיט איר איז די גאַנצע אַרבעט דורכגעדרונגען.
ס'איז צו באַוואונדערן ווען מען באַנעמט וואָס מרדכי קאָסאָווער איז אויסגע־
זעסן און וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, כדי צוזאַמענצונעמען אויף אַ קלוגן,
אָפּט אַן אינטויִטיוון אופן, זיינע גוט־סיטעמאַטיזירטע באַטראַכטונגען.

מרדכי קאָסאָווער איז אַסיסטענט־פּראָפעסאָר פון העברעיִש אין ברוקלין־
קאַלעדזש, און גראָד דער פּראָפעסאָר פון העברעיִש האָט זיך גענומען צו אַזאַ
יידיש־אַרבעט. און ווייסט איר ווו ער האָט זיין אַרבעט אָנגעהויבן, זאַמלענ־
דיק זיינע מאַטעריאַלן אונטער דער אויפזיכט פון גרויסע יידישע געלערנטע?
אין העברעיִשן אוניווערזיטעט, ווו קאָסאָווער איז געווען אַ סטודענט מיט
וואָסערע צוואַנציק יאָר צוריק. אָן זיינע גרינטלעכע און אויטאָריטעטישע
ידיעות אין העברעיִש וואָלט קאָסאָווער נישט געקענט דורכפירן זיין אַרבעט,
צערטלענדיק אַ סך יידישע ווערטער, וואָס האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן פון
זייער אורשטאַם, מיט איבער אַכט הונדערט יאָר צוריק. פאַר זיין אַרבעט
האָט ער זיך באַנוצט מיט שאלות־ותשובות, פּוסקים, מוסר־ספרים, זעלטענע
מעשה־ביכלעך, ציטאַטן פון דער יידישער ליטעראַטור און עלטערער יידישער
מעמואַריסטיק, ווערק אויף אַלט־יידיש, פאַרשיידענע ווערטערביכער און אַנ־
דערע מקורות.

קאָסאָווערן איז אויך געגאַנגען אין אַרויסברענגען, זאָגט ער אונדז, דאָס
אַלגעמיינע יידישע מאַטעריעלע לעבן אין אַזעלכע לענדער, ווי איטאַליע,
פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, בעמען, פּוילן, וואָלין, רייסן,

ליטע. אומעטום איז ער געגאַנגען צום ייִדישן לעבן — דורכן מאָגן, האַלטנ־דיק אַן אויג אויף דעם ייִדישן געדעקטן טיש, פּאַקטיש אין אַלע איראָפּעיִשע גלות־לענדער, שוין באַרירנדיק אַפילו דעם בייגל מיט לאַקס פון די פאַריי־ניקטע שטאַטן.

ס׳איז נתפּעל צו ווערן פון די חידושים, וואָס מען געפינט שוין אין דעם ערשטן אַרויסגעגעבענעם טייל, וועגן די מעל־מאכלים אַליין, פון די אַזוי־געררו־פענע פינף מינים־חידושים שפּראַכלעכע, קולטור־געשיכטלעכע, זיטן־מעסיקע. אויב איר ווילט קען מען פון דעם ווערק אויסטיילן אַ היסטאָריש־ייִדישן קאָך־בוך, מיט אַלע פּישטשעווקעס. אפשר וועלן ספּעציאַליסטן געפינען דאָ און דאָרט אַ פּגם, אָדער אַז דאָס צוגרייטן פון די געבעקסן און געקעכצן איז אַ ביסל פאַרעלטערט און אויך נישט־פאַרדיילעך פאַר אונדזערע דעליקאַט גע־וואָרענע ייִדישע מאָגנס, אָבער מרדכי קאָסאָווער גיט אונדז די אויטענטישע מקורים און אַפילו די וואָרצנונגען פון אַלטע, ייִדישע ווייבערישע קאָך־ביכער, פון אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט, אַז מען דאַרף טאַקע זײַן פאַרזיכטיק מיט דעם פעטס און שמאַלץ.

אָבער דער עיקר איז, אַז מען גייט אַרײַן אין דעם ווײַנגאָרטן פון דעם רחבותדיקן ווערק, דערשפּירט מען די ליבשאַפטלעכע און אַרומנעמענדיקע אַר־בעט, וואָס איז דורך דער גשמיות פון עסן, געקומען צו האַלדזן יעדער ייִדיש געקעכץ און געבעקס־וואָרט, מיט אַלע זײַנע אור־וואָרצלען און מיט אַלע פאַרשיידענע בייגונגען און ענדערונגען, אין פאַרשיידענע ייִדישע קיבוצים.

אוודאי קען מען אַזויערנאָך אויך אויפשטעלן אַ קאָלאָסאַל בילד פון ייִדישן לעבן, דורך ייִדישע בגדים, ייִדיש מעבל, ייִדישן האַנדל און יאַרידן. כ׳וועל נישט מגלה זײַן דעם גאַנצן סוד, אָבער ווי מען אינפאָרמירט מיך קומט באַלד אַ גרויס ווערק וועגן ייִדיש געלט, געשעפּט פון אַלטע ייִדישע מקורים, ביז דער נײַסטער ייִדישער ליטעראַטור, — מיט אַלע דינים, ווערטלעך, נוצן, מנהגים — הכלל אַ ווערק וועגן ייִדישער נומיזמאַטיק, אָדער מ ז ו מ ע נ אָ־ ט י ק ע, ווי איך רוף עס. ווי מיר זעען, קען מען אויפשטעלן ריזן־געביידעס אויף דעם פונדאַמענט פון ייִדיש, וואָס זאָלן זיך צעבויען ברייט און רחבות־דיק און אָפּשפּיגלענדיק הונדערטער יאָרן ייִדיש לעבן, זאָלן זיי אַנטפּלעקן אין דער זעלביקער צײַט די קאָלאָסאַלע עשירות פון אונדזער ייִדיש לשון, זײַן חן, זײַן כּישוף, זײַן פּיקחות און זײַן גוואַלדיקן כּוח פון אַנטלייען, ענדערן און באַנײַען.

אַ פּאַנאָראַמיש בילד פון דער דאָזיקער עשירות זעען מיר הן אין דעם ווערק גופא — „ייִדישע מאכלים״ פון מרדכי קאָסאָווער, הן טאַקע אויך אין

דער ליבשאַפט, וואָס מיט איר איז דער מחבר צוגעגאַנגען צו זײן קוואַלי־קער שטודיע.

לאָמיר נעמען אַ קלײנעם בײַשפּיל. רש״י דערמאָנט ערגעץ אין זײַנס אַ בלע״ז דאָס וואָרט — קוילעטש. אַ בלע״ז בײַ רש״י מײנט דאָך גלײך אַלט־פראַנצויזיש, נו, לאָזט זיך אויס אַז אין פראַנצויזיש איז אַזאַ וואָרט לגמרי נישטאָ. לאָזט זיך דערפאַר טײטשן, אַז צו רש״ין איז דאָס וואָרט דערגאַנגען אַזש פון ייִדישן פּוילן. דאָס וואָרט תבואה, געפינען מיר אויך ווי אַ פײַנע השערה וואָס לײגט זיך אויפן שכל, איז פון די באַגריפלעכע העברעיִשע ווער־טער, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין אַלט־ייִדיש, אין די ערשטע פאָרמאַטיווע יאָרן פון ייִדישן לשון. עסנוואַרג־ווערטער געהערן בכלל צו די סאַמע עלטסטע ווערטער אין ייִדיש, און דער טשאָלנט, קוגל, פלאָדן און דער כמעט־פאַרשוווּנדענער פאַשטעט זענען פון די גאָר אַלטע ווערטער, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנשפּאַצירן אין ייִדישן לעבן און אין ייִדישן מויל, מיט וואָרט און עס.

מיטן עסן זענען פאַרבונדן ספּעציעלע ייִדישע אײַנגעשטעלטע עטיקע־טעס, סײ ריטועלע און סײ אײַגנאַרטיקע דרך־ארץ טיש־מאַניערן, אָבער דאָס וועט מרדכי קאָסאָווער באַהאַנדלען אין ווײַטערדיקע קאַפּיטלען.

די שטודיע וואָס נעמט אַרום בלויז מאכלים פון מעל האַלט, ווי גע־זאָגט, אַ 145 זײַטן. אין די אַנדערע טײלן וועלן געבראַכט ווערן מאכלים פון פלײש און פיש, שמאַלץ, מילך און מילכיקס בכלל, גרויפּן, פּירות, אײַנגע־מאַכץ, גרינסן, בשמים, צוקער, האָניק, ניס, משקאות, ווײַן, מעד, ייִש־בראָנפן, קוואַס, קאַווע, טײ, ציקאָריע, שבתדיקע מאכלים, יום־טובדיקע מאכלים. אויב דאָס אַלץ איז דורכגעפאָרשט געוואָרן, ווי דער ערשטער טײל וועגן מעל, גײט אויף אונדז אַ ווערק פון אַ טויזנט זײַטן — און אַלץ אָוועקגעשטעלט אויף דעם באַזיס פון ייִדישן לשון, מיט אַלע זײַנע דורכוואַנדלונגען, קנײטשן און טײטשן.

כ׳קען זיך נישט צוריקהאַלטן פון געבן אַ לענגערן אויסצוג פון דעם מחברס אַרײַנפיר, וואָס סקיצירט בלויז די שוין־אַרויסגעגעבענע אַרבעט, איר אַרומנעם אין די סאַמע טרוקנסטע דעטאַלן, וואָס ווערן ערשט רעכט צעגלי־דערט אין די באַזונדערע קאַפּיטלען:

„דאָ ברענגען מיר דעם ערשטן קאַפּיטל: מאכלים פון מעל, אײַנגעטײלט אין אַ באַשטימטן כראָנאָלאָגישן סדר, ווי מיר געפינען זײ אין אונדזערע מקורים: צו ערשט טרעפן מיר די עלטסטע מאכלים מיט די „ה׳מינים״, גע־קעכצן פון מעל און פאַרבראָקטן ברויט; דערנאָך באַקענען מיר זיך מיט די בעיקר געקאָכטע מאכלים, ווי לאָקשן, קרעפּלעך און דעם געפּרעגלטן פאַנקוכן:

נאָך זיי קומען פּאַשטעט און פלאָדן — די עלטסטע געפילטע געבעקסן; אַ באַזונדער אונטערקאַפּיטל גיט זיך אָפּ מיט די באַוווּרצטע און געפילטע צו־קער־געבעקסן; לעקעך, טאָרט, חתן־ברויט, מאַנדלברויט, מאַרציפּאַנעס און טייגלעך; נאָך זיי קומט אונדז אויס צוריידן, אויך אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, וועגן די טרוקענע געבעקסן, ווי: פּרעצן, זעמל, קוכן, קוילעטש, קוכעלעך, קיכלעך, בייגל און ביסקוויט; די צוויי לעצטע אונטערקאַפּיטלען האָבן שוין צו טאָן מיט ייִנגערע מאכלים וואָס שטאַמען מערסטן טייל פון די סלאַווישע לענדער, הגם טייל מאכלים טרעפן מיר אַ סך פריִער. פון זיי געהערן צו די געפילטע ווייכע געבעקסן: אַבלאַטן, וואַפלטקעס, „נאַסליניקס“, בלינעס, בלינצעס, פּאַמפּעשקעס, פּיראָגן און קנישעס; לסוף פאַרענדיקן מיר מיט די ייִנגסטע מאכלים פון פאַרקנאַטענעם טייג, וואָס מען טוט אַריין אין זופּ, ווי הויזבלאָזן, טריפלעך, קניידלעך, פאַרפל, קליסקעלעך און טשיפּעקלעך.

„דאָס אַלץ איז אייַנגעראַמט אין אַ קולטור־היסטאָרישער ראַם פון די געהעריקע תקופות: וואָס זייער הינטערגרונט איז די הלכה־ליטעראַטור מיט די פּראָבלעמען וואָס דאָס לעבן גופא האָט אַרויסגערופן. די שקלא־וטריא וועגן זיי גייט אַלע מאָל צוריק צו דער גמרא, און ווו נאָר מען דאַרף, האָבן מיר אָנגעוויזן דעם מקור צוזאַמען מיטן אויסטייטש ביי רש״י און די בעלי־התוס־פות פון צרפת און פון אַשכנז. זיי שפּיגלען אָפּ דאָס רעאַלע לעבן אין ביידע לענדער, און ווי זייער המשך, קומען שפּעטערדיקע פאַרשטייערס פון דער רבנישער ליטעראַטור“.

דאָ און דאָרט וועט דעם לייענער מסתמא אויספעלן אַ געקעכץ אָדער אַ געבעקס פון זיין אייגענער היים־שטאָט, אָדער ער וועט זיך דערמאָנען, אַז ביי אים אין דער היים האָט מען עס אַנדערש צוגעפּראַוועט, — און דאָס אַליין וועט וועקן דעם אינטערעס צו דער ספּעציפישער שטודיע. אַזעלכע קשיות דאַרפן מסתמא געשיקט ווערן צום מחבר גופא, אָדער צום ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ וועט זיכער באַרייכערן אונדזער לשון און וועט זיכער אַריינפאַלן אין נעץ פון יודל מאַרק און געפּי־נען אַן אָרט אין זיין ווערטערבוך. אָט בין איך געווען גוואַלטיק צופרידן, ווען כ'האָב דערזען אַז מיינע לובלינערישע „מלינצעס“, זענען גלייכבאַרעכטיקט מיט די בלינצעס. אמת, אין ווערק ווערן זיי אָנגעגעבן ווי אַ כעלמער שפּראַך־פּראָדוקט. פאַרגין איך עס כעלם. אָבער לובלין איז געווען אַ גרעסערע שטאָט און לובלינער ייִדן האָבן געשמאַק געגעסן מלינצעס. ס'האָט מיך, למשל, גע־חידושט וואָס קאָסאָווער פאַרפעלט צו זאָגן, אַז קרעפּלעך האָט מען אויך גע־פילט מיט געהאַקטע לעבער, וואָס האָט דעם געהאַקטן פלייש צוגעגעבן אַ ספּעציעלן טעם.

ווען מיר קינדער האָבן געבעטן ביי דער מאַמען מען זאָל אונדז געבן — נישט קיין קרעפּל נאָר אַ קראַפּ, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר רעדן קינדער־לשון, לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז טאַקע דאָ אַזאַ וואָרט. אין לובלין זענען נישט געווען קיין אַנדער קניידלעך אַחוץ מצה־קניידלעך. ביי אונדז אין לובלין האָט מען באַב־פּאַסאָליעס נישט גערופן קיין באָהנען, נאָר בוינע — בוינע מיט פערפל: אָט די עטלעכע לובלינערישע באַמערקונגען גלוסט זיך מיר מאַכן. כ'בין זיכער, אַז אַ סך ייִדן וועלן לייענען קאַסאָווערס אַלזייטיק ווערק און דערגיין צו זייערע פּערזענלעכע יוגנט־זכרונות. זיי וועלן זיך דערמאָנען אין דעם לאָקשענעם קוגל, געבלעטערטן קוגל און אַפילו אין טשאָלנט קוגל, אין המן־טאַשן, אָדער אין קליינע „המן־טעשלעך" — פּאַראַן, ווי איר זעט, אַפילו אַ פאַרקלענערונג פון די טאַשן; און מרדכי קאַסאָווער פאַרצייכנט אַ ציטאַט פון דעם זאַמאָשטשער, שלמה עטינגער אַז אויך פלאָדן האָט אַ פאַרקלענערונג און ביי אונדז אין לובלין פלעגט מען טאַקע אויך זאָגן — פלעדלעך. אליהו בחור האָט שוין אין זיינע ווערק דערמאָנט „גוט פאַשטידן און ולאָדן"; און וועגן פאַשטעטן און פלאָדנס. ווי אַ „מעלשפּייז מיט געפילעכץ" האָט מען זיך נאָך אין פריִערדיקע צייטן געחקירהט, וואָס פאַר אַ ברכה מען דאַרף אויף דעם מאַכן און געפּסקנט — „מזונות".

אָט דאָס אַלץ, מיט אַ ברייטער האַנט, בכל טוב, באַפּעפּערט און באַזאַלצן מיט שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך און ליטעראַטור־ציטאַטן, געפינט מען אין דער שפּראַך־פאָרשערישער אַרבעט — „ייִדישע מאכלים". אָט גיט זיך מענדעלע אַ זאָג, — דערמאָנענדיק אַ שיין־פאַרברווינטן לאָקשן־קוגל, אַז „אַ כפרה פאַר אים אַלע הייניטמאָדישע אויפגעיוירענע, אויפגעבלאָזענע פּאַשטעטן". גאָטלאָבער ברענגט אַז אָרעמעלייט „האָבן צעכאַפּט דאָס פלייש ווי פלאָדן". אין די בעל שם מעשיות געפינען מיר „וואַרפן אַ בייגל צו עמעצן פאַר אַ סגולה". בייגל איז אויך געווען אַ קללה און אויב קאַסאָווער דערמאָנט נישט, אַז מ'האָט געשאָלטן „ליגן אין דר'ערד און באַקן בייגל", דערגייט ער אַזש ביז דער ניו־יאָרקער „טיימס", וואָס רעדט פון בייגל ווי פון אַ ייִדיש געבעקס וואָס ווערט געגעסן „זונטיק אינדערפרי".

דאָס לעצטע קאַפּיטל איז אָפּגעגעבן צו „הויזנבלאָזן, טריפלעך, קניידלעך, פאַרפל, קליסקעלעך, אָדער קלוסקעס, טשיפּקעלעך". קאַסאָווער גיט זיך אָפּ שפּראַכלעך, „קאָכלעך" און קולטור־געשיכטלעך מיט יעדער באַזונדערן מאכל. ער ברענגט אַ ציטאַט פון אַ ייִדיש קאָך־בוך, וואָס דערקלערט אויטאָריטעטיש, אַז לאָקשן זענען פאַררעכנט „פאַר דער פּראָבן־שטיין פון דער קאָךפעיִקייט פון דער פרוי", אָבער דער בדחן־דיכטער אליקום צונזער, האָט געהאַלטן אויך פון פאַרפל. ער קלאָגט זיך אויף אַ יונג ווייבל, מיט אַזעלכע

איבערצייגנדיקע גראַמען: „אָבער קען זי דען זיין אַ באַלעבאָסטע, אַז זי פלעגט גאָר שפּאַצירן אין גאַס, פּאַרפל אַז זי קאָכט אויס גאָר פּראָסטע, איז אויך פּול מיט רויך און אַש״ — גאַס און אַש האָבן משמעות געגאָלטן פאַר אַ בדחנישן גראַם.

ס׳איז אַ טייער און לעבעדיק יידיש ווערק און מען דאַרף אָנערקענען די אַרבעט וואָס איז אין דעם אַריינגעלייגט געוואָרן, כדי דעם מחבר צוצוגעבן מוט אַז ער זאָל אַרויסגעבן די ווייטערדיקע טיילן פון דעם אויסשעפּלעכן ווערק, וואָס איז אַ קעניגלעכער שפּאַציר, אויף די מלכותדיקע שליאַכן פון יידישן לשון.

.1958

מורא פאַר פּראָבלעמען

ווען מיין שיף האָט געשפּאָלטן דעם ים און מיך געבראַכט קיין אַמעריקע, בין איך גופא געקומען אַ צעשפּאָלטענער וואָס שייך אַ סך ענינים און פּראָבלעמען; דער עיקר ווען איך האָב איינגעזען אַז איך אַליין מוז זיי רעווידירן און צופּאַסן צו מיינע באַדינגונגען. אַלץ וואָס איז אַמאָל פאַר מיר געווען דיסקוסיע־מאַטעריאַל, אויף יענער זייט, האָט פּלוצים גענומען צושטיין און מאָנען גלייך אַן ענטפער. אָט די צעשפּאָלטנקייט האָט היינטיקע צייטן אַ נאָמען, וואָס וואַרפט אַן אַ מורא און וואַרט אויף אַ פּסיכאָאַנאַליטיקערס קורשעטקע. אָבער דעמאָלט, אין 1914, בין איך געבליבן שטיין אַליין, אַן אַרומגערינגלטער מיט מיינע אייגענע אָנגעוואָרפענע פּראָבלעמען, וואָס זייער יאָ און ניין איז אַמאָל געווען אַ בייגזאַמער, און וואָס די לייזונג זייערע איז אין דער היים נישט געווען אַזאַ צודרינגלעכע, דערפאַר ווייל כ׳האָב זיך מיט זיי געקענט אָנלענען אויף טאַטע־מאַמע און חברים.

די צעשפּאָלטנקייט איז געווען די סיבה, וואָס כ׳האָב ממש־פיזיש אַזוי שטאַרק דורכגעווייטיקט די טיפע באַליידיקונג, אויפן חשבון פון דער ייִדישער אמונה, וואָס כ׳האָב אָנגעטראָפן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״. כ׳געדענק ווי דער אָפיציעלער אפיקורס פון מיין וואָכנבלאַט, ווו כ׳האָב שוין אַפילו געהאַט פאַרעפנטלעכט מיינע ערשטע דערציילונגען, ל. ראָזנצווייג, האָט זיך בילדלעך־מיאוס אויסגעדריקט וועגן ספר־תורהס, אָנרופנדיק זיי „טויטע קעלבער״. ראָזנצווייג האָט זיכער נישט געוווּסט וואָס פאַראַ פייל ער האָט אַריינגעשאָסן אין סאַמע האַרץ פון אַ זיבעצן יאָריקן בחור. כ׳בין אַרומגעגאַנגען אַ טיף־באַליידיקטער און זיך ממש געראַנגלט מיט דעם הפקרדיקן אויסדרוק, עפּעס ווי אויף מיר וואָלט געלעגן דער גאַנצער עול זיך אָנצונעמען פאַר דער באַליידיקונג, אָדער זי צו פאַרגלעטן, צו פאַרזאָלבן און זיך צופּאַסן צו איר, מיט דער פרייהייט וואָס כ׳האָב שוין מיטגעבראַכט פון דער היים; ווינציקסטנס די פרייהייט פון אויסדרוק וואָס איז שוין געווען פאַרשריבן אין מיין אייגענער קאָנסטיטוציע. כ׳האָב ראָזענצווייגס אויסדרוק פאָרט נישט געקענט אַראָפּשלינגען, און כ׳האָב בשום אופן נישט געקענט פועלן ביי זיך אַביסל טאָלעראַנץ פאַר דעם אַנטי־רעליגיע פאַנאַטיקער פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״.

אין דער ראַנגלעריי מיט זיך האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט,

וואָס כ׳האָב שוין אויף יענער זייט געלייענט בנימין פייגענבוימס בראַשורן, וואָס האָבן די יידישע אמונה אויך נישט איבעריק צאַרט באַהאַנדלט. די דאָזיקע פּאַמפלעטן וועגן כשר און טריף, וועגן מצוות און וועגן יום־כיפּור, האָב איך נישט געלייענט בשתיקה, נאָר כ׳האָב זיי אַפילו געוויזן דעם טאַטן מיינעם וואָס איז געווען אַ פרומער ייד און אַ שטרענגער שומר מצוות. ביי מיין טאַטן זענען די דאָזיקע בראַשורן געווען אַ קוואַל פון פאַרווײלונג. ער האָט זיי גאַרנישט באַדאַרפט טאָלערירן, ווייל דאָס איז געקומען ממילא, אָבער גאָר פון אַן אַנדער ווינקל. ער האָט געלאַכט פון די בראַשורן, ווי אַ קריסט האָט אַמאָל געלאַכט פון בורלעסק־ייד און פון זיינע משונהדיקע האַוואַיעס. ס׳האָט אים פשוט אַמוזירט אַז ס׳זאָל זיך געפינען אַ לאָבוס, וואָס זאָל קענען אַזוי ריידן פון דער יידישער אמונה. פאַר אים זענען פייגענבוימס הפקרדיקייטן געווען אַזוי קאָמיש, אַז ער האָט געלאַכט ווי מען לאַכט פון אַ קלאָון, וואָס טוט זיך אָן אַ הויקער און אַ פּעטע רויטע נאָגיע.

האָט דאָך דער טאַטע מיינער געקענט אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פון אַלטע מכירת יוסף שפּילן, מיט זייערע פּאָרנאָגראַפישע אָנצוהערענישן און גראָבע זלזולים אויף דעם אַלטן יעקב און זיינע קינדער. האָט ער דאָך יונגערהייט אַליין זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע פּורים־שפּילן, געטראָגן אַ מונדיר און אַ שווערד און דערלאַנגט די שאַרפע פראַזע. אָבער פּונקט ווי דער עצם קענען ברענגען אויף די ליפּן אַזעלכע פרייע רייד איז ביים טאַטן געווען פּורים־שפּיל און פאַרשיכורטע עד־לא־ידעדיקע דערלויבטע פאַרוויילונג, אַזוי זענען פאַר אים געווען פייגענבוימס בראַשורן. מיך האָט עס אַזש באַליידיקט, ווען כ׳האָב געזען ווי דער טאַטע נעמט אויף די אפּיקורסות פון דעם לץ, ווי פייגענבוים וואָלט געווען אַ פּורים־שפּילער. אים האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז ניכטערערהייט זאָל אַ ייד — נישט קיין לאָבוס — קענען ריידן אַזעלכע דיבורים.

אָבער ווען איך האָב זיך געפונען איינער אַליין אין ניו־יאָרק מיט ראָזענצווייגס זלזולים, האָב איך זיי געמוזט נעמען אויף זיך אינגאַנצן. אין דעם איז געלעגן דער באַוווסטזיין אַז איך בין שוין אַליין, אָן חברים און אָן דעם שאַרפשטיין פון קאָמיזם, וואָס אין זיי האָט זיך אָנגעשלאָגן די פרייהייט פון אַ פייגענבוים און פון דעם אַמעריקאַנער אַגנאָסטיקער „באָב“ אינגערסאָל, מיט וועמענס מיינונגען איך האָב זיך שוין אויך געראַנגלט אין דער אַלטער היים.

אַרום דער היימישער דורכביטערונג איז געלעגן די רחבות פון אַ גוואַלדיקן לוקסוס. כ׳האָב זיי געקענט דורכשמועסן מיט חברים, שפּאַצירנדיק אַרום שול, ווו מיר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אויף עטלעכע מינוט. כ׳האָב גאָר דער־

מאָלט אַליין נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַן אָנשפּאַר פאַר די פּראָסטע געדאַנקען ס׳איז אַ טאָלעראַנטע שול, וואָס עסט זיך נישט אָפּ ס׳האַרץ אַפילו ווען מען באַטרעט איר שוועל, מיט אַזאַ רעגולירטער זעלטנהייט; ווען מען כאַפּט זיך אַריין אַ קוק טאָן אויף די מתפּללים, אַפילו ווען מען קומט שוין צו עלינו.

אָן אַ טאַטן ביי דער זייט, וואָס האָט פון אַלץ וואָס האָט ביי מיר געזאָלט זיין שאַרפע געוווּנענע פרייהייט, געמאַכט ס׳גרעסטע געלעכטער און אַ גאַנצע קאָמעדיע; און אָן חברים וואָס האָבן די אַפּיקורסות אַזוי צעדיסקוטירט, אַז ס׳איז פון איר ווייניק געבליבן אַזוינס, וואָס זאָל טאַקע לעסטערן און טיף־איינשניידן, האָב איך איינער אַליין געמוזט באַשליסן פאַר זיך, פאַרוואָס האָט ל. ראָזענצווייג מיר אַזוי שטאַרק וויי געטאָן. אפשר איז אין דעם, ווי געזאָגט, געלעגן נישט מער ווי די שווערע בענקשאַפט, ווען כ׳האָב פּלוצים איינגעזען אַז אַלץ דאָ אין אַמעריקע איז מוטל אויף מיר אַליין אין אַן ענגן צימער, און איך קען עס נישט טיילן מיט קיינעם. אויף די ראָגן, אין מיין נייער היים, זענען געשטאַנען פּראָפעסיאָנעלע אַטעיִסטן, וואָס זענען אויך נישט געווען איבערקלייבעריש מיט אויסדרוקן, ווען זיי האָבן גערעדט פון גאָט און פוןביידע טעסטאַמענטן. דעמאָלט, מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק, איז נאָך אַמעריקע נישט געווען אַזוי אָפיציעל פאַרקריסטלעכט. היינט באַהאַלט זיך דער אַטעיִזם אָדער אַגנאָסטיציזם און ער קומט זעלטן אַרויס פון באַהעלטעניש צו פאָדערן פאַרשעמטערהייט רעכט פאַר זיך, אין אַ לאַנד, וואָס ווערט וואָס אַ יאָר אַלץ מער פאַרקירכלעכט; ווו די פּרעזידענטן און די געהויבענע באַאַמטע באַטראַכטן זייער רעליגיעז לעבן פאַר אַן אָנגענומענע עפנטלעכע שטאַט־פונקציע. וואַשינגטאָן און דזשעפערסאָן האָבן זייער רע־ליגיעז לעבן געהאַלטן פאַר שטרענג־פּריוואַטע דורכלעבונגען. פון אונדזערע אַמעריקאַנער פּרינציפּן, אַז דער שטאַט איז אָפּגעטיילט פון דער קירכע און אַז דער שטאַט איז דער פאָטער פון אַלע קינדער, אַפילו פון גאָטלאָזע קינ־דער, איז מער קיין שפּור נישט געבליבן. די פאַרייניקטע שטאַטן זענען אָפּי־ציעל אַ קריסטלעכע מדינה, וואָס שענקט רעליגיעזע פרייהייטן צו אַלערליי רעליגיעס, מיט אַ ברייטהאַרציקער טאָלעראַנץ, אָבער אַלץ פון שטאַנדפּונקט פון אָנגענומענעם און פיל־דענאָמינאַציאָנעלן קריסטנטום. דאָס דאַרף מען מיר געדענקען: אַמעריקע איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ פעסטונג פון אָפיציעלן קריסטנטום.

אָבער דעמאָלט ווען איך האָב דערקענט אַמעריקע, האָט ממש געשוויבלט און געגריבלט מיט אַטעיִזם אויף די גאַסן, אין די היימען, און אין די גרויסע פאַרזאַמלונג־צענטערן. די אַמעריקאַנער קריסטלעכע אינטעליגענץ איז נישט געווען רעליגיעז. רעליגיעזע אָפּנויגן זענען געווען — די אפּיקורסותן פון יע־

נער צייט. ווען דער פּאָעט עליאָט איז געוואָרן אָפיציעל אַ רעליגיעזער מענטש און ער האָט עס פּראָקלאַמירט ווי אַ טייל פון זיין טאָג־טעגלעכן קינסטלערישן לעבן, האָט עס געמאַכט אַ רושם ווי אַ קינסטלער וואָלט אַרויס לתרבות רעה. היינט קלינגט זייער נאַטירלעך, ווען דער מאָדערניסטישער פּאָעט אָדען ווערט אַ גלייביקער קריסט און ער שרייבט קריסטלעך־רעליגיעזע לידער. די ענגלישע פּאָעזיע האָט ביז אַ פופציק יאָר צוריק מייסטנס פאַרנוצט אַ טייל פון איר שעפערישן פייער אויף דעם אַלטן טעסטאַמענט, וואָס מיט זיין גאַלעריע פון בּיבּלישע מענער און פרויען, האָט ער ווייניקער שאָקירט ווי די קלאָרע פּאַראַבּלען פון קריסטלעכקייט.

אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז מיר געגאַנגען אין באַרירן די ערשטע טיפע שמועסן מיט זיך — מכוח אמונה, איך האָב געוואָלט פאַרצייכענען, אַז די דאָזיקע שמועסן זענען, וואָס אַ יאָר, אַלץ מער און מער פאַרלייגט און פאַרשטומט געוואָרן, און מיר דאַכט זיך אויך, ביי אַלע מיינע קאָלעגן און חברים פון דער פען, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, ביי די שרייבערס, וואָס רעליגיעזע פּראָבּלעמען זענען דער סאַמע עיקר פון זייער שרייבערישן היונהדיקן אינטערעס. מיר — כ׳רייד איצטער פון דעם רוב ייִדישע שרייבערס — האָבן זיך נישט אָפּט באַטייליקט אין די רעליגיעזע עטאַפּן פון אונדזער דור, כ׳מיין מיט אַ באַוווסטזיניקן אינטערעס, מיט דעם אינטערעס, וואָס מיט אים קומען מיר צו דער ייִדישער וועלט דיקטירן און פסקענען. מיר זענען געוואָרן פּאַסיוו צו דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע פון רעליגיע, און בעת אונדזער גאַנץ ייִדיש לעבן איז אַרומגעוואַקסן געוואָרן פון סינאַגאָגן, שולן און צענטערן און פאַרשיידענע רעליגיעזע כיתות אין שאַרפע צעטיילטקייטן, האָבן מיר זיך באַצויגן דערצו מיט אַ דערשראָקענער פּאַסיוויטעט. מיר האָבן נישט אויסגעדריקט קיין קלאָרע מיינונגען, מיר האָבן אויפגעגעבן אונדזער ווילן צו פירערשאַפט.

ביים היינטיקן טאָג האָבן מיר נישט קיין איין ל. ראָזענצווייג, אָדער בנימין פייגענבוים, און הגם ס׳בענקט זיך נישט נאָך זיי, איז עס אָבער מערקווירדיק וואָס אַפילו אַן עלעגאַנטער פייגענבוים פון אונדזער צייט, אָדער אַ ראָזענצווייג, וואָס זאָל נישט כאַפּן קיין קעלבערנע התפעלות פון זיין אייגענער קעלבערנער אפיקורסות, האָבן מיר נישט. מיר האָבן מער נישט קיין איין שרייבערישן אפיקורס. אַ ייִדישער שרייבער וועט זיך היטן אַרויסצורברענגען אין דער עפנטלעכקייט זיין אַגנאָסטיציזם. פאַרקערט, מיר האָבן צוגעקראָגן אַ סך רעליגיעזע שרייבערס, וואָס האָבן זיך פּראָפעסיאָנאַליזירט, און טייל פון זיי האָבן אַפילו אַנטוויקלט אַן אייגענעם סטיל. מיר האָבן לעצטנס עטלעכע רעליגיעזע אויסגאַבן אין ייִדיש, און די שרייבערס זענען

גאַנץ לייכט אויף דער פּען. אָבער מיר האָבן מער נישט קיין איין אַנטי־רעליגיעזן שרייבער.

זאָלן מיר אָננעמען אַז דער היינטיקער ייִדישער שרייבער איז געוואָרן מער רעליגיעז, אָדער ס׳קלעקט אים אפשר מער נישט קיין מוט אַרויסצוקומען מיט אפּיקורסישע געדאַנקען? און אויב ער איז געוואָרן מער רעליגיעז, פאַר־וואָס קומט ער נישט אַרויס מיט אַ קלאָרן רעליגיעזן אני מאמין, פאַרוואָס מיידט ער בכלל אויס די דאָזיקע שווערערע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט?

מיר לייענען אַ סך אַרטיקלען וועגן ייִדישער געמיינשאַפט, ייִדישער אָר־גאַניזירטער רעליגיעזקייט, אָבער מיר לייענען וועגן דעם מן־הצד. שרייבערס וואָס זענען געוויינלעך זייער קלאָר־אויסדריקלעך ווען ס׳קומט צו מדינת ישראל, צו ייִדיש, צו אַלערליי ציוניסטישע פּראָבלעמען, צו לאַנד־פּאָליטיק, ווערן אָדער קילע רעפּאָרטערן אַז זיי נעמען ריידן וועגן ייִדישע רעליגיעזן לעבן אין לאַנד, אָדער זיי ווערן ראָמאַנטיקער וואָס כאַפּן זיך אַריין אַמאָל אין אַ יובל, ימים נוראים, אין שוהל, אָדער זיי קומען צו הקפות ביי אַ חסי־דישן רבין און זיי פאַרצייכענען זייער התלהבות. וואָס שטעלן אָבער פאָר די שרייבערס אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן? זענען זיי רעליגיעזע — אויף ווי ווייט גרייכט זייער רעליגיעזקייט? זענען זיי רעליגיאָז — אויב דאָס וואָרט מיינט עפּעס — זאָלן זיי דערקלערן אַקוראַט, אין וואָס באַשטייט זייער רעליגיאָזקייט? זענען זיי מסכים, אַז די גאַנצע געמיינשאַפטלעכע צוקונפט פון אַמעריקאַנער ייִדן, זאָל ליגן אין די הענט פון ראַביים, אָדער האָבן זיי אויך קאָנקרעטע מיינונגען וועגן דעם? און קאָנקרעטע מיינונגען קענען זיי דאָך האָבן בלויז, אויב זיי אַליין ווייזן אַרויס אַ לעבעדיקן און דירעקטן אינ־טערעס אין די אַלע פּראָבלעמען.

מיר זענען נאָרוואָס געווען עדות פון עטלעכע קאָנפערענצן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שול און סינאַגאָגע, ראַביים און רבנים. אוודאי זענען די אַלע קאָנפערענצן באַריכטעט געוואָרן אין דער ייִדישער פּרעסע, אָבער ייִדישע שרייבערס האָבן אין זיי נישט גענומען קיין דירעקטן אינטערעס. אַ געוויסע אינערלעכע פאַרזיכטיקייט דיקטירט דעם ייִדישן שרייבער צו שטיין אַביסל פונוויטנס און צו קאָמענטירן אין אַלגעמיינע סטאַטיסטישע טערמינען — סטאַטיסטיש תרתי משמע, מיט טרוקענע סטאַטיסטישע ציפערן און ווי סטאַ־טיסטן, אָן פולע, אחריותדיקע ראָלן. מיר וואַרטן אויף די באַמערקונגען אָדער נביאותעריי פון עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע סאָציאָלאָגן און מיר וואַרפן זיך אַרויף אויף די אויספירן, ווייל מיר האָבן מורא צו זאָגן אַן אייגן וואָרט. אפשר האָבן מיר גאָרנישט קיין אייגן וואָרט, אפשר זענען מיר אָנגעשראָקן

פון דעם אַלגעמיינעם מאַרש צו סינאַגאָגאַלער רעליגיע, און מיר שטייען געפּלעפּט און מיר לאָזן זיך מיטשלעפּן?

דער עיקר, ווען ס׳קומט צום ענין רעליגיע, האָבן מיר יידישע שרייבערס זיך נישט צו באַרימען מיט קיין צו־גרויסן מוט. אָט באַרימען זיך אַלערליי יידיש־רעליגיעזע דענאָמינאַציעס, יעדער באַזונדער, די אָרטאָדאָקסן, קאָנסער־וואַטיוון, רעפאָרמערס — מיט גרויסע זיגן און פּאָרויסמאַרשן, און יידיש־אַמעריקאַנער לעבן. מען רעדט וועגן אַ רעליגיעזן רענעסאַנס. וואָס פאַראַ דירעקטע שייכות האָבן מיר צו דעם דאָזיקן רענעסאַנס? רירט ער אונדז אָן שעפעריש, אָדער כאָטש אין אייגענעם הויזגעזינט? וואָס פאַראַ צוקונפטיק יידיש לעבן ווילן מיר אַליין העלפן בויען אין אַמעריקע? ווילן מיר פון אַ רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, אַז ס׳זאָל זיגן דער אָדער יענער פליגל פון יידיש־רעליגיעזן לעבן, און זענען מיר גרייט צוצולייגן אַ האַנט און העלפן? אָדער זענען מיר פאַסיוו צום גאַנצן ענין פון רעליגיע, אָדער אַזוי גערופענער רעלי־גיעזער אויפלעבונג? פאַרוואָס זשע האָבן מיר נישט קיין מוט און מיר זאָגן עס נישט אַרויס אָפן און קלאָר, ווי קלאָר מירריידן אַרויס אַ סך ווייניקער וויכטיקע פּראָבלעמען פון אונדזער דור? ווילן מיר טאַקע אַרויסלאָזן פון די הענט די פירערשאַפט, וואָס מיר ווילן שטאַרק אָנהאַלטן בנוגע אַנדערע ענינים ווען מיר קומען פּנים אל פּנים מיט אַזעלכע שווער־יאָדערדיקע פּראָבלעמען, וואָס זענען נוגע דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן?

מיר דאַכט זיך אַז די יידישע שרייבערס האַנדלען גאַנץ וויסנשאַפטלעך־ערלעך. זייער כלומרשטע מן־הצדיקייט, ווען ס׳קומט צו ענינים פון רעליגיע, בעמט זיך דערפון, וואָס ווי עצה־געבערס פאַרן כלל, האָבן זיי זיך פריער אַליין נישט פּסיכאָאַנאַליזירט, צו נוצן אַ מאָדערנעם טערמין. זיי קענען זיך באָך אַליין קיין עצה נישט געבן.

.1957

אונדזער גלות

די יערלעכע סימפּאָזיומס פון דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט" זענען שוין געוואָרן אַ טראַדיציע אין יידישן ניו־יאָרק, און דער היי־יאָריקער דורכ־שמועס האָט זיכער די טראַדיציע נישט געבראָכן אויך אויף להבא, ווייל דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אַז דער עולם וואָס האָט געהערט די צוויי צענטראַלע רעדנערס פון אָוונט, ד״ר ש. ראַווידאָוויטש און ר. אַבראַמאָוויטש, איז אַוועק אַ צופרידענער, ווייל ס'איז אין אים אַריינגעדרייט געוואָרן אַ סך גייסטיקע שפּייז. אויב ס'איז ריכטיק, ווי כ'בין זיך משער, אַז אַ יערלעכער סימפּאָזיום דאַרף אָנכאַפּן ביי די הערנער אַ וויכטיק פּראָבלעם פון יאָר, איז דער היי־יאָריקער סימפּאָזיום געווען באַזונדער געראָטן דערמיט, וואָס ער האָט דורכגעדרעשט אַ פּראָבלעם, וואָס איז נישט נאָר היי־יאָריק, נאָר אויך פאַראַיאָריק און איבעראַיאָריק. און כאָטש אַ סימפּאָזיום איז נישט מחויב צו זיין אַ דעבאַטע, אַ מחלוקה, צווישן די הויפּט־רעפערענטן, האָט דער דורכגע־פירטער סימפּאָזיום פון הייגטיקן יאָר, נישט־ווילנדיק צוגעשטעלט אַ דעבאַ־טע, וואָס איז ביז גאָר געווען טעאַטראַליש, אפשר גאָר צירק, אין דעם אַלטן ספּעקטאַקולאָרן זין פון וואָרט, ווען צוויי לייבן, אָן די גלאַדיאַטאָרן, האָבן זיך דורכגעראַנגלט. ס'איז אפשר צו עלעמענטאַר אָפּצושאַצן דעם מהות פון אָוונט, אַז אַ „בונדיסט" ווי אַבראַמאָוויטש האָט גערעדט ווי אַ ציוניסט, און אַ ציו־ניסט, מיט דינערע געגנדזן־פּיסלעך, ווי ראַווידאָוויטש, האָט גערעדט ווי אַ בונדיסט, אָבער אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ שטיקל גייסטיקער איבערטו, פאַר אַלעמען אין די אויגן, קען נישט זיין דער מינדסטער ספק. דער סורפּריז האָט געפינקלט און ער איז געווען אויף אַ פיינער הויך, אַזוי אַז אין דעם איבערטו האָט זיך קיינער נישט באַדאַרפט גייסטיק אינגאַנצן עפּנטלעך אויסטאָן.

ביידע רעדנערס זענען געווען אינטעלעקטועל פאַרקנעפּלט אויף אַלע פאַר־זיכטיקע באַוואָרענישן, וואָס האָבן דערפאַר פאַרשאַפט נאָך מער פאַרגעניגן, ווייל ס'איז אויסגעקומען, אַז די איבערראַשונג איז געווען אַן אינערלעך־דער־וואָרבענע און נישט לשם עפעקט, אויב מען וויל ניצן העכערע ווערטער קען מען אַפילו זאָגן, אַז די איבערראַשונג איז געווען אַ היסטאָרישע.

פונדעסטוועגן וועט מען נישט זיין אינגאַנצן גערעכט אויב מ'וועט זאָגן אַז ד״ר ראַווידאָוויטש האָט צו־שטאַרק איבערראַשט, אַזוי שטאַרק ווי זיין אָפּאָנענט אין דעם סימפּאָזיום, וואָס איז, ווי שוין געזאָגט, פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין אַ דעבאַטע. אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט שוין אויך לעצטנס פּיל מאָל צוגעגרייט זיינע לייענערס, פאַר דעם נייסטן גייסטיקן עטאַפּ זיינעם, האָט פּאַרט אַרויסגערופן מער פאַרוואונדערונג, מיט זיין איבערפלאַנצן זיך אויף אַ באָדן, ווו ער וואָלט זיכער נישט דערוואַרט צו טרעטן, לאָמיר אָנ־כאַפּן, מיט אַ צען יאָר צוריק. אגב איז טרעטן דער ריכטיקער אויסדרוק, ווייל די איבעראַשונג מצד אַבראַמאָוויטשן, איז נאָך דערצו געקומען, ווי אַ רעזול־טאַט דערפון, וואָס טרעטנדיק אויף אַ פּאַר אים נייעם באָדן האָט ער מעשה ערשט־באַקערטער צעטראָטן אַ שפּאַר ביסל גרונט־עיקרים פון בונדיסטישן אני מאמין, באַווייזנדיק ווי ווייניק ער האָט זיך בכלל אָנגעהערט מיטן בונדיזם, ווו ער איז אַמאָל געווען אַ נכתב.

מיך למשל האָט געוואונדערט, ווי לייכט אַבראַמאָוויטש האָט זיך געספּראַ־וועט מיט דעם גזר אויף יידיש, וואָס ער אַליין האָט, אין משך פון זיין שטאַרק־צעהיצטער רעדע, ביטער גוזר געווען, און דעם מחק וואָס ער האָט אַזוי דעמאָנסטראַטיוו פּראָקלאַמירט אויף דער צוקונפט פון יידישן לשון, אַז ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן אַפילו קיין איין טרייסט־וואָרט. ער האָט אַפילו פאַרגעסן זיך איינצושטעלן ביי דער דעספּאָטישער געשיכטע און ביי איר אויספועלן געוויסע חשיבותדיקע איינזעענישן פאַר יידיש, ווי ס׳וואָלט אים, אַן אַלטן יידישן סאָציאַליסט (שוין נישט אַ בונדיסט!) זיכער אָנגעשטאַנען.

אָבער גאָר שטאַרק האָט מיך מיטגעריסן דער צווייטער גראַם־נאָמען פון אָוונט, ד״ר ראַווידאָוויטש, וואָס האָט זיך גייסטיק אָפּגעגראַמט פון זיין אָפּאָנענט אין גאָר אַ סך פּרטים, אַפילו אין אופן ווי ער האָט פאַרטיפט זיין רעפעראַט און ווי ער האָט אים ריין־שפּראַכלעך דערהויבן. דער פּריער־געזאָגטער משל מיינער מיט דעם ספּעקטאַקולערן איבערטו איז בלויז חל אויף ד״ר ראַווידאָוויטשן, אויף וויפל ס׳איז געווען דער עפעקטפולער איינדרוק פון מאָמענט, ווען ער איז אויפגעשטאַנען און אויפגענומען דעם געראַנגל מיט דעם פריערדיקן רעדנער, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון גלות.

אָבער ביי ד״ר ראַווידאָוויטשן איז די אַדוואָקאַטור פאַרן גלות נישט קיין נייע פּראַקטיקע. ער פאַרנעמט זיך שוין דערמיט שיינע יאָרן, און ער נעמט־אויף אַלערליי פּראָצעסן, היסטאָרישע און יורידישע, און ער האַלט אין איין צוריקקומען צו אַ פּינטל, וואָס איז ביי אים געוואָרן דער אינטערעס פון זיין לעבן.

יעקב לעשצינסקי האָט לעצטנס, דערגרייכנדיק די רייפע און באַדאַכטע עלטער פון אַכציק, אָנגעזאָגט אַז ער וועט נישט באַהאַלטן דעם גלות, הינטער דעם דעקאָראַטיוון טערמין — תפוצות. ער באַנוצט זיך דערפאַר כסדר מיטן וואָרט גלות, ווייל ער וויל תמיד קלאַפּן אויף דער ווייטיקדיקער מדרגה פון

אונדזער מצב, און נישט אויף די מילדערנדיקע אומשטענדן פון תפוצות, פון אונדזערע צעזייטע און צעשפּרייטע ישובים, מיט זייער אייגנאַרטיקן, ווי אויך אָנגענומענעם און פון דרויסן איבערגענומענעם קאָלאָריט. ד״ר ראַווידאָוויטש אָבער, ווען אַפילו ער נוצט דאָס וואָרט תפוצות, האָט ער נישט מורא פאַר דעם גלותדיקן קרעכץ פון אויסדרוק. פאַרקערט, ער זעט אין דעם דויער פון גלות די הויכע מדרגה פון ייִדישן אויסדויער.

אָבער ווי ווייט לעשצינסקי און ראַווידאָוויטש זאָלן נישט זיין איינער פון אַנדערן, אין זייער צוגאַנג צום מצב־גלות; ווי יעדער פון זיי זאָל נישט טראָגן די פאָן פון גלות, מיט דערנידעריקונג אָדער מיט שטאָלץ (ווייל דער אונטערשייד צווישן די צוויי צוגאַנגען איז נישט בלויז אַ ראָמאַנטישער, אַ שפּראַכלעך־געפּשטלטער, נאָר דער פולער אונטערשייד צווישן מינוס און פּלוס) טראָגן זיי ביידע אויף זיך אַ ייִדיש גלותל, וואָס איז איינגעשרומפּן געוואָרן, אפשר גייסטיק אַ סך מער ווי פיזיש. דער ייִדישער גלות, דער וואָס פון אים וויל לעשצינסקי אַנטלויפן, און וואָס אין אים וויל ראַווידאָוויטש זיצן, איז שוין מער נישט אַזוי גרויס ווי דער ייִדישער גלות נאָר אַ קליינע גייסטיקע טעריטאָריע, מיט זייער אַ קליינער ייִדישער באַפעלקערונג.

דער ענין גלות איז אַ טיפע סוגיא און ד״ר ראַווידאָוויטש פאַרטיפט עס מיט ריין־געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס. ער איז נישט קיין אַפּאָלאָגעט פאַרן גלות, נאָר אַן אַדוואָקאַט, כלפּי אַלערליי פּראָקוראָרן און אָנקלעגערס. אָבער ער באַשיצט שוין גאָר אַ קליין טעריטאָריעלע, ווייל ס׳גייט נישט אין דעם וואָס די תפוצות האָבן שוין נישט מער די היסטאָרישע מעלות פון גלות, נאָר וואָס די באַוווסטזיניקע טרעגערס פון די גלות־מעלות זענען שוין געוואָרן אַזאַ אומבאַדייטנדיקער מיעוט, אַז ס׳כאַפּט אָן אַ שרעק.

כ׳בין שטאַרק מסופק, צי אין ד״ר ראַווידאָוויטשעס אילוזאָרישן גלות געפינען זיך ביי היינטיקן טאָג, מער ווי ל״ו הונדערט ייִדן, וואָס שפּירן מיט אַלע רמ״ח אברים דעם גייסטיקן טעם פון גלות און דעם ווערט אים דורכצוטראָגן. מיר דאַכט זיך, אַז דער טראָפּ היינטיקע צייטן, פאַר אַלע אַדוואָקאַטן פון גלות, וואָלט באַדאַרפט פאַלן נישט אַזוי אויף באַזינגען דעם גלות, נאָר אויך באַשיצן אים פון גייסטיקן פונאַנדערפאַל. יעדער גלות וואָס פון אים רעדט ד״ר ראַווידאָוויטש, און מיר אַלע וואָס ריידן שוין פון אים אַזוי לאַנג מיט איבערגעגעבענער ליבשאַפט, איז ביים היינטיקן טאָג, אין זיין גייסטיקער געאָגראַפיע און גייסטיקן דיאַפּאַזאָן — אַ קליינער תחום, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך קלענער ווי מדינת ישראל, אין גייסטיקן שטח און אין אַרומנעם, מיט אַ גאָר קליינער באַוווסטזיניק־ייִדישער באַפעלקערונג. אויב ד״ר ראַווידאָוויטש באַגרענעצט נאָך דערצו דעם גלות צו אונדזערע צוויי לשונות

— יידיש און העברעיש, און נעמט נישט אריין דאס צו־לייכט איבערגעגעני־מענע לשון פון דער מדינה, מיט זיינע אַלע אַנוועדעניש, איז וויפל בלייבט און וואס ווערט בכלל פון דעם גלות, וואס מיר אַלע באַזינגען נאָך מיט אַזוי פיל ליבשאַפט?

די אַדוואָקאַטן פון גלות וואָלטן דערפאַר אַ סך גלייכער געטאָן, ווען זיי וואָלטן כסדר באַטאַנט, נישט אַזוי קאָ־עקזיסטענץ מיט מדינת ישראל, נאָר ווען זיי וואָלטן געזוכט צו אַרבעטן אין די ראַמען פון גלות נישט ווי באַזינגערס, נאָר גיכער ווי שטראָפּערס און מעוררים, ווייל מיר האָבן שוין באַלד נישט קיין גלות און נישט קיין גלות־יידן, אין זין פון באַוווסטזיניקע טרעגערס און אָפּהיטערס פון גלות־מצוות. אוודאי איז קאָ־עקזיסטענץ מיט מדינת ישראל אַ נייטיקע זאַך אויף דור־דורות, אָבער דווקא אויב מיר פאָדערן קאָ־עקזיסטענץ, מוזן מיר זען, אַז דער גלות זאָל נישט ווערן אַזאַ גייסטיקע מינדערוויכטיקייט, אַז דער גלות־ייד זאָל חלילה מער נישט קענען באַגעגענען זיין ברודער פון מדינת ישראל, ווי אַ גלייכער ברודער. וויפל גלות־יידן, וואָס זאָלן ווערט זיין ד״ר ראַווידאָוויטשעס באַזינגונג און באַזינגונג פון גלות, קען ד״ר ראַווידאָוויטש אָנציילן ביים היינטיקן טאָג?

דער גלות, ווי טיף ער איז נישט אריין יידן אין די ביינער, איז ער אריין אין פאַרשיידענע מדרגות, אָבער אין אַלע מדרגות, אין מדרגות פון וויטיק אָדער גייסטיקן שטאָלץ, טיף אָדער אייבערפלעכלעך, איז ער געטראָגן געוואָרן אויף מיליאָנען באַוווסטזיניקע יידישע פּלייצעס, וואָס ביי די שענסטע לשנה הבאהדיקע האָפענונגען האָבן זיי געוווּסט ווי אַזוי צו געפינען דעם האָניק פון דער צוגעדריקטער שטאַרקייט. אָבער פון די מיליאָנען, בן־ירבודיקע יידן אין אַמעריקע, וויפל יידן וווינען עס ביים היינטיקן טאָג אין דער גייסטיקער גלות־טעריטאָריע, ווו יידישע אויסהאַלטעוודיקע מעלות האָבן געשיינט ווי קרישטאָל, און ווו ס׳האָט זיך ספּעציאַליזירט אַ דערהויבענע יידישע עטיק, וואָס איז געווען ביי־נביאיש, אין האָפענונג ווי אין פאַרצווייפלונג? אַ קליינע צאָל וווינט איצטער אין אַזאַ גלות, נאָך אַ קלענערע צאָל וויל וווינען אין אַזאַ גלות.

מען וואָלט באַדאַרפט געפינען דעם יהושע, וואָס זאָל ערשט צוריק אריינפירן די יידן אין דעם קליינעם כנען פון גלות, ווי ד״ר ראַווידאָוויטש באַגרייפט אים און פאַסט אים אויף, ווייל דער גלות ווערט אונדז קלענער און מינערער פון טאָג צו טאָג, סיי ווען מיר ריידן אין אונדזער גלות יידיש אָדער העברעיש, האָבן מיר אַ גאָר קליינעם עולם; און ווען מיר ריידן פון די מצוות עשה, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט דעם אַלטן יידישן גלות, ריידן מיר אַ סך מאָל צו זיך אַליין, צו צוריקברומענדיקע און ליידיקע ווענט.

דערפאַר, ווען מיר קריגן זיך מיט מדינת ישראל, ווי מיט אַ „שבט“, און מיר שטעלן אַנטקעגן דעם גלות, מעגן מיר אינזינען האָבן, אַז ווען מיר ווילן באמת ריידן פון גייסטיקע ענטיטעטן, האָבן מיר שוין ביים היינטיקן טאָג מער נישט קיין גלות נאָר גלותן מיט אַ קליינער, אַלץ־קלענער ווערנדיקער ייִדישער פאַרטיפטער גלות־באַוווסטזיניקייט און מיט חיובדיקע גלות־מידות אויף די פלייצעס. פאַקטיש, אַלע מצוות פון גלות זענען ביים היינטיקן טאָג געוואָרן גלות־באַפרייערישע און פון גלות־אַנטלויפנדיקע, פאַר אַזעלכע ייִדן וואָס האָבן קיינמאָל אַפילו נישט טועם געווען דעם טעם גלות, זענען אַלע מצוות סיי ווי נעגאַטיווע און פליכטמעסיקע.

מיר וואָס אַרבעטן אין דעם קליינעם גלות־תחום, איבער דער גאַנצער וועלט, ווייסן ווי קליין ער איז און ווי קליין איז אין אים די ייִדישע באַפעלקערונג. אונדזערע גלות־ייִדן ציילן זיך שוין אין די הונדערטער, אין די גרעסערע ייִדישע שטעט — כ׳מיין די ברייט־פלייציקע ייִדן, וואָס קענען טראָגן אַלערליי ייִדישע פעקלעך אויף די פלייצעס און נישט אַריינלייגן אַלץ אין איין פעקל, כדי פטור צו ווערן פון פאַרשיידענע אַלטע עולן. מיר שטראָפן און מיר רופן און מיר שרייען, אַז אוי־ווי־געשריגן, ס׳וועט שוין באַלד גאָרנישט ווערן פון אונדזער גלות. ד״ר ראַווידאָוויטש שטייט אינדרויסן פון קליינעם תחום, שטאָט ער זאָל שטיין מיט אונדז אַלעמען אין דער קליין־שטחדיקייט, און טאָן אונדזער אינעווייניקסטע אַרבעט. ער שטייט אינדרויסן און באַזינגט אַ טיפן רעיון, אָבער אין תחום פון קליינעם גלותל צערינט דער רעיון און ס׳ווערן אַלץ ווייניקער די ייִדישע רעיון־טראָגערס און איבערטראָגערס. ס׳איז אפשר ראָמאַנטיש צו פאָדערן דרך־ארץ פון מדינת ישראל פאַר דעם טיפן רעיון, אָבער דער רעיון ווערט אַלץ מער און מער גייסטיקע ירושה, און אַלץ ווייניקער ממשות. דער העברעיִשער שרייבער הזז, קעגן וועמען ד״ר ראַווידאָוויטש האָט געקריגט אין זיין רעפעראַט, האָט אפשר געמיינט אַז ער איז אַן אונטערצינדער, אָבער ער האָט אין זיינס אַ דראַמע נישט פאַרברענט דעם גלות, נאָר אַ רעיון, אַ וויזיע פון אַמאָל. ד״ר ראַווידאָוויטש ווידער באַזינגט אַ וויזיע פון אַמאָל — און אינצווישן שרומפט אַ גייסטיקע טעריטאָריע, וואָס מען באַדאַרף זי, אויב מען וויל, מער ראַטעווען ווי באַשיצן.

.1957

שמעון ראַבידאָוויטש

דער אומגעריכטער טויט פון דעם אָריגינעלן און מוטיקן דענקער פּראָפעסאָר שמעון ראַבידאָוויטש איז אַ גוואַלט־ריס פאַרן ייִדישן לעבן. ער איז געווען אַ דעמב — אַן אַנזעעוודיקער, פאַרנעמער פון אַ גרויסן שטח און מיט אַ סך גוטע, זיכערע וואָרצלען. דער אַרויסכאַפּ לאָזט איבער אַ ווייטיקדיקע ליידיקייט, ווייל ס׳איז קיינעם פון אונדז נישט איינגעפאַלן אַז ער וועט מיט אונדז נישט זיין אַזוי לאַנג ווי מיר אַלע וועלן זיין. ס׳איז ווי מען האָט אַרויסגעריסן עטלעכע פאַרכאַפּנדיקע בלעטער פון דער טאָג־טעגלעכער ייִדישער געשעענדיקייט, וואָס שאַפט זיך פאַר אונדזערע אויגן און ווערט דאָס אַקטועלע דענקען פון אַ דור. וועל איך דאָ נישט שרייבן וועגן זיין אָריגינעלער פילאָזאָפישער שיטה, וועגן זיין היסטאָריאָזאָפיע וואָס איז געווען אַ דערוואַרעמונג פון אַלטער, גרויסער אַל־ייִדישער עקזיסטענץ־עקשנות. איך וועל בלויז פאַרצייכענען עטלעכע פּערזענלעכע איינדרוקן פון דעם דאָזיקן זעלטענעם ייִד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שעפערישן פאַנאַטיזם, אַ כמעט נישט־בנמצאדיקע מעלה אין אונדזער היינטצייטיקער וועלט פון מיטלויפעריי און וויכער קאָנפאָרמיטעט.

ער איז תמיד געווען אַ ווידערשטאַנדלער און אַזעלכער וואָס האָט געקענט פאַרוואַנדלען זיינע ווידערשטאַנדן אין זיילן פון קרעפטיקער איינזאַמקייט. מיר איז געווען דערעסן זיין פאַרצויגענע דעבאַטע וועגן דער „אומגערעכטיקייט” פון דעם „פאַרכאַפּטן” נאָמען ישראל פאַר אונדזער גרויסער אויפריכטונג, אָבער כ׳האָב שטענדיק איינגעזען אַז ביי ראַבידאָוויטשן איז עס געווען אַ גרויסע דעבאַטע מיט זיין אייגענער אויסגעשטערנטער מאַפּע פון אַ גרויס און אייביק ייִדיש לעבן, וואָס לייזט זיך קיינמאָל נישט, וואָס זיין עובדה איז אַ מין פיינפולע משיחישקייט, אַן אייביקע וויזיע פון אַ משיח אין קייטן, נישט אַ משיח אויף אַ קרייץ וואָס איז שוין אַמאָל געקומען און דאַרף צוריקקומען און ברענגען מילעניום און גליקזעליקייט, נאָר אַ משיח וואָס ציט אונדזער אויפמערקזאַמקייט אויף דער טראַגיק פון לעבן, ווו מיר — די גרעסטע טראַגיקערס פון דער געשיכטע — מוזן כסדר שפּילן די ראָלע פון גיין אין יאָך פון לעבן, און גיין אַנטקעגן מיט לעבעדיקע און שעפערישע איבערצייגונגען, אומעטום ווו ס׳איז אונדז באַשערט צו לעבן — אַ מין תוכיקער ייִדישער עקזיסטענציאַליזם.

וויפל אַזעלכע פּאַנאַטיקערס פאַרמאָגן מיר היינטיקע צייטן? ער איז שפּעטלעך געקומען צו דער פולער צוויי־ייִדישקייט פון העברעיִש און ייִדיש, אָבער האָט ער עס דערזען, איז אים געוואָרן קלאָר אַז דאָס איז גורל און אַז מיר טאָרן בידים נישט הייבן קיין האַק אויף אונטערצושניידן די דאָזיקע וואָרצלען, ווייל זיי פאַרמאָגן די פּאָטענצן פאַר דעם אַנגעצייכנטן שעפערישן המשך פון אונדזער ייִדישער מוז־געשיכטע, אין אַלע תפוצות. כ׳ווייס נישט אַקוראַט, צי תפוצות איז טאַקע זיין אייגענער אָריגינעלער קוק אויף דעם גאַנג פון ייִדישער געשיכטע, אָבער ער האָט דעם אויסדרוק געניצט מער פון אַלעמען און מיט אַ טיפערער באַגרינדונג. דערפאַר איז ער געווען אַזוי איינגעגעסן, ווען די געשיכטע האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און דעם ישראל פאַרפלאַנצט אין מדינת ישראל, מיט אַן אויסגעשטרעקטער דערוואַרטונג און מיט אַ רוף צו אַלע תפוצות. איז מיר אויסגעקומען צו קריגן קעגן אים, מכוח זיין ראָמאַנטיזירנדיקער אַדוואָקאַטור פאַר דעם גלות, וואָס איז אונדז איינגעשרומפּן געוואָרן און געוואָרן — אַ גלותל. מיר איז געגאַנגען אין אַריינציִען ראַבידאָוויטשן אין דער שוואַרצער טעגלעכער וועק־און־רוף־ אַרבעט. וואָס שטייט ער פון דערווייטנס און לויבט דעם גלות פון זיין טאַטן און זיידן, און ער שטייט נישט מיט אונדז צוזאַמען און ער באַשיצט נישט די מעלות, וואָס ער מיינט אַז דער גלות פאַרמאָגט נאָך, און וואָס רינען אונדז אויס. די תפוצות ווערן וואָס אַ טאָג אַלץ מער אָפּגעמעקטע צייכנס פון אונדזער ייִדישער עקזיסטענץ, און דער גלות, יענער גלות וואָס אים באַזינגט אַזוי שטאַרק פּראָפעסאָר ראַבידאָוויטש, נייטיקט זיך אין ביטערע שטראָף־רייד און אין פירער־שאַפט. איך בין, ווי געזאָגט, מיט מיין קריגן אויף זיין געזאַנג צום גלות אויסן געווען אים אַריינצוציִען אין אַ וואַכזאַמקייט מיט אונדז אַלעמען, ווייל זיין פילאָזאָפיש שטיין פון ווייטנס איז אַ געפאַר פאַר דעם גאַנצן ענין וואָס איז אים טייער. ס׳דערמאָנט זיך געבירטיגס „דאָס שטעטעלע ברענט” און מען טאָר נישט שטיין פון ווייטנס „מיט פאַרלייגטע הענט”. נישט דער העברעיִשער שרייבער הזז האָט אונטערגעצונדן דעם גלות מיט אַ דראַמע, נאָר מיר אַליין האָבן עס, צום גרויסן טייל, געטאָן מיט אונדזער פּאַסיוויטעט.

ווען איך בין מיט עטלעכע חדשים צוריק געווען דער גאַסט פון בראַנדייס אוניווערזיטעט, האָב איך געוווּסט אַז ראַבידאָוויטש האָט געהאַט פאַראיבל אויף מיר פאַר דער פּאָלעמיק, וואָס איך האָב מיט אים פאַרפירט. ער האָט עס געלאָזט וויסן מיט עטלעכע בריוו צו פריינט אין ניו־יאָרק, און איך בין געווען זיכער אַז פּראָפעסאָר ראַבידאָוויטש וועט זיך נישט ווייזן, בעת איך וועל פאַרברענגען אַ טאָג אין בראַנדייס אוניווערזיטעט.

אָבער דער גרויסער תלמיד חכם און בעל מידות איז נישט נאָר געקר־

מען מיך מקבל פנים זיין, נאָר ער האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק נישט אָפּצו־טרעטן פֿון מיר. מיר האָבן פֿאַרבראַכט גוטע פֿינף שעה צוזאַמען, אין דער אַנוועזנהייט פֿון דעם חבר פּראָפֿעסאָר טשעסקיס. מיר האָבן נישט אויפֿגע־הערט צו ריידן און באַריידן מענטשן און פּראָבלעמען, און ראַבידאָוויטש האָט נישט מעשה־סנאָב אויסגעמיטן מיין אַרויסטריט קעגן אים, נאָר מיר האָבן אים דאָרטן, אין בראַנדייס אוניווערזיטעט, ווייטער פֿאַרגעזעצט און אַריינ־געגאַנגען נאָך טיפֿער און ווייטיקדיקער אין דער גאַנצער פֿראַגע.

פֿון ערשטן מאָמענט, ווען דער קרעפּטיק־אויסזעענדיקער וויכטיקער זייל פֿון אַקאַדעמישן לעבן אין בראַנדייס אוניווערזיטעט האָט זיך באַוויזן ביים אינטימען איבערבייס מיט מיר און נאָך עטלעכע פּראָפֿעסאָרן, צווישן זיי: טשעסקיס, זיין פֿרוי, דער יונגער פּראָפֿעסאָר אוירווינג האַו, אונדזער אייגענע מערי סירקין, די אַלמנה פֿון לודוויג לואיסאָן, און אַנדערע, האָט ער מיך גלייך פֿאַרטשעפּעט. ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז מיין שאַרפֿער אַרויס־טריט האָט פֿאַרטונקלט די הויפּט־טענות און ס׳האָט זיך ראַבידאָוויטשן אויס־געוויזן, אַז איך בין אויך אַ שולל פֿון גלות. כ׳האָב אים דערויף געענטפֿערט, אַז ווען ער וואָלט מיך געלייענט אַזוי אָפּט, ווי איך האָב אים געלייענט, וואָלט ער אַזאַ טעות נישט געקענט מאַכן. פֿון דעסטוועגן, האָב איך צוגעגעבן, האָט דעם טעות אויך געמאַכט מיין פֿריינט יעקב לעשצינסקי, וואָס האָט מיך אין אַ פּריוואַטן בריוו באַגריסט ווי אַ מענטש וואָס איז סוף־כל־סוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער גלות איז מיאוס.

זעט איר שוין, האָט ראַבידאָוויטש טריומפֿירט — איר דאַרפֿט עס מתקן זיין, כדי מען זאָל אייך נישט טאָן קיין עוולה.

איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַמאָל צוריקקומען צום זעלביקן ענין און קלאָרער מאַכן מיין שטאַנדפּונקט, אַז באַזינגענדיק דעם גלות, באַ־זינגט ראַבידאָוויטש מעלות און מידות וואָס זענען שוין כמעט נישטאָ און די באַזיצערס פֿון די מעלות זענען ביי אונדז שוין אויך געוואָרן אַ געציילטע מינדערהייט, און אַז כדי צוריקצוראַטעווען די שיינקייטן וואָס דער גלות האָט אַריינגעבראַכט, מוז מען אַליין גיין אין גלות און אַריין אין אים נישט נאָר ווי אַ ראָמאַנטישער באַזינגער, נאָר ווי אַ מאַנער און שטראָפֿער און ווי אַ בויער פֿון ייִדישע פּערזענלעכקייטן וואָס זאָלן קענען טראָגן דעם עול גלות אַזוי לאַנג ווי די געשיכטע וועט אים אונדז צוטיילן.

אָבער דאָס דערשטוינענדיקע פֿאַר מיר איז געווען דער פֿאַקט, וואָס ראַ־בידאָוויטש האָט זיך גענומען די מי אויסצוטייטשן פֿאַר דער קליינער מסיבה די, לויט זיין מיינונג, טרעפֿלעכע אויסדרוקן אין מיין פּאָלעמיק, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט קרענקונג. דער שרייבער אין אים האָט גענומען די איבער־

האַנט און ער האָט געהאַלטן אין איין לויבן מײנע עטלעכע געלונגענע אױס־דרוקן, און דווקא די פײלן. ער האָט זיי איבערגעזעצט פאַר דער ענגער מסיבה און געוויזן ווי הנאה ער האָט געהאַט. ער האָט גאָר פאַרגעסן אַז דאָס איז געווען געווענדט קעגן אים, און אויב די שאַרפקייט איז טאַקע געווען געלונ־גען, איז עס געווען אויף זיין חשבון.

און דאָ האָט זיך גלייך פאַרצויגן אַ שמועס אַרום מיין קליינער שליחות אין בראַנדייס אוניווערזיטעט. איך האָב „איבערגענומען" פּראָפעסאָר אירווינג האַוס אַ קלאַס אין יידישער ליטעראַטור און פאַר דעם פול־באַזוכטן קלאַס גערעדט אין ענגליש וועגן פיר וויכטיקע פיגורן אין דער יידישער פּאָעזיע — פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, רייזען, יהואש. ראַבידאָוויטש האָט ביים טיש אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַז ער איז לגמרי קעגן אַזעלכע קלאַסן, אַז דער גאַנצער שניט פון לערנען וועגן יידישער ליטעראַטור, אויף ענגליש, אָדער אויף אַנדערע לשונות, איז אַ ביטערער דורכפאַל, אַז אונדזער יידיש לעבן איז אַנדערש און אונדזער אמתע יידישע ליטעראַטור איז אַנדערש און איז גע־בענטשט אַנדערש. מען דאַרף עס נישט לייכטער מאַכן פאַר די בחורימלעך און מיידלעך. זיי זענען נישט חולה זיך אָוועקצוזעצן און זיך אויסלערנען יידיש און טאַקע לייענען יידיש און הערן יידיש און פאַרשטיין יידיש. מיר צעקייַען עס פאַר זיי און עס ווערט גאָרנישט דערפון.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט קעגן זיך אַלעמען, און מיך בתוכם. מען האָט אים דרך־ארצדיק נישט געשאַנעוועט. מען מוז דאָך זיך שטעלן מיטן פּנים צו די געשאַפענע אומשטענדן און טאָן דאָס וואָס לאָזט זיך נאָך טאָן, ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען.

אָבער דער גרויסער עקשן ראַבידאָוויטש איז נישט צוריקגעטראָטן פון זיין מיינונג, אַז יידישע דערציִונג איז אָן עול און נישט קיין צוקערלעקעכל, אַז מען מוז עס אַרויפוואַרפן אויף אונדזער יוגנט, און אויב מיר וועלן קריגן ווייניקער קינדער, וועט אָבער דאָס קליינע געווינס זיין קערנדיק און תכלית־דיק און אַן אָריגינעלע, נישט איבערגעזעצטע יוגנט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ראַבידאָוויטש איז בכלל קעגן איבערזעצן יידישע ליטעראַטור אויף פרעמדע שפּראַכן. אויב ס'איז טאַקע מתיקותדיק־יידיש, איז אַרויסגעוואָרפן די אַרבעט עס איבערצוזעצן. מיר דאַרפן אויפ־הערן פאַרשווענדן ענערגיע אַז די וועלט זאָל אונדז פאַרשטיין. לאָמיר זיך אַליין פאַרשטיין. לאָמיר קריגן דרך־ארץ פאַר זיך אַליין און לאָמיר שעצן אונדזערע גדולים, איידער די גויים אָנערקענען זיי.

ראַבידאָוויטש האָט געקראַגן מיין קוואַליפיצירטע צושטימונג. איך האָב אָבער נישט געקענט מיטגיין דעם גאַנצן מהלך, אַז מען טאָר זיך בכלל נישט

לאָזן איבערזעצן, אַז די לשונות פון אונדזער לעבן זענען העברעיִש און יידיש און אַז איבערזעצונג איז עבודה זרה. די תשוקה צו איבערזעצונג האָט אונדז געגעבן אַשס קריסטלעכע ווערק, האָט ער באַמערקט.

ער האָט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער ייד־פאַרליבטער עקשנות און ער האָט אָנגעהאַלטן זיין איינזאַמע פּאָזיציע, מיט אַ פאַרקלאַמערטער איבערגעגעבנקייט, צו געפיל פון פונדאַמענטאַלער יידישקייט, וואָס מען מוז אויף זיך נעמען, מיט אַלע חומראס, בכדי ס'זאָל אונדז גאָרנישט פאַרוואָסערט ווערן.

שפּעטער איז אַריינגעטראָטן אַ שטיקל סיעסטאַ. נאָך דעם מיטאָג איז מען זיך צעגאַנגען. איך האָב נאָך באַדאַרפט פאַרברענגען אַ צוויי־דריי שעה, ביז מיין צווייטער שליחות, צו לייענען מיינע לידער (אויף יידיש!) מיט ענג־לישע אויפקלערונגען און קאָמענטאַרן, פאַר אַ געקליבענעם עולם סטודענטן און לערערס. מיין לאַנג־יאָריקער פריינט פּראָפעסאָר טשעסקיס איז מיט מיר געבליבן, אָבער אויך פּראָפעסאָר ראַבידאָוויטש האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז מיט מיר פאַרברענגען ביז צו דער פאַרלייענונג פון מיינע לידער. און אַזוי זענען מיר — אַ מזומן — געבליבן זיצן און שמועסן, גוטע צוויי שעה, אין אַ חדר מיוחד פון גרויסן בראַנדייס אוניווערזיטעט. מיר האָבן באַרירט צענד־ליקער פּראָבלעמען, אָנגערירט צענדליקער באַקאַנטע מענטשן. ראַבידאָוויטש איז געווען אַ ווונדערלעכער שמועסער און זיין שפּרודל איז געווען אַ לעבעדי־קער, אַ קרעפּטיקער און אַ גופיק־רוחניותדיקער ווי זיין טונקל־ברויניק פּנים. ס'האָט זיך מיר נישט געקענט חלומען אַז אַזאַ דינאַמיק טראָגט שוין אין זיך דעם גיכן איבערשלאָג פון טויט.

מיט ביטערניש האָבןביידע, פּראָפעסאָר ראַבידאָוויטש און פּראָפעסאָר טשעסקיס גערעדט וועגן דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס ביז איצט האָט קיין איין יידישער גביר נישט געוואָלט העלפן שאַפן אַ יידיש־קאַטעדרע אין בראַנ־דייס אוניווערזיטעט, ווו ס'איז דאָ אַ געזונטער באַדן דערפאַר און ווו ס'קע־נען געשאַפן ווערן געזונטע מעגלעכקייטן*. ווען כ'האָב צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן וועגן דעם, העלפן שאַפן אַן עפנטלעכן אויפרודער, האָט ראַבידאָוויטש דערקלערט זיין אייגענע גרייטקייט צו קומען קיין ניו־יאָרק און העלפן פער־זענלעך פאַרווירקלעכן אַזאַ פּלאַן, וואָס וואָלט געווען אַ כבוד פאַר אַמערי־קאַנער יידן. אַ יידיש־קאַטעדרע, טאַקע אין יידיש, און נישט אויף צעקייעו־דיקן גויִש, האָט ראַבידאָוויטש זיך געהיצט.

---

* אַזאַ יידיש־קאַטעדרע איז געשאַפן געוואָרן און וועט אָפיציעל געעפנט ווערן הייב־טיקס יאָר, 1960.

מ׳האָט שוין גענומען אַריינבערענגען די בענקלעך פאַר מיין עולם, וואָס האָט געזאָלט קומען הערן מיינע לידער. ראַבידאָוויטש האָט מיט מיר לכתחילה אויסגענומען אַז ער וועט זיצן אַ פינף מינוט און ער וועט מוזן פאַרלאָזן דעם זאַל, ווייל ער האָט שוין אַ סך פאַרנאַכלאָזיקט און ער איז שרעקלעך פאַר־נומען. ביידע, ראַבידאָוויטש און טשעסקיס, האָבן גוטמוטיק אויסגעלאַכט דעם אָפּטימיסטישן גוי מיט די בענקלעך, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין איין שלעפּן שטולן.

זייט נישט אַנטוישט, האָבן מיר ביידע טייערע פריינט געוואָרנט פאַר־אויס, וואָס איר וועט האָבן אַ טוצן צוהערערס און צענדליקער ליידיקע בענק־לעך.

אָבער אַלע בענקלעך האָבן געהאַט לעבעדיקע צוהערערס און נאָך וואָסע־רע לעבעדיקע מענטשן — שיינע, יונגע, קוועקזילבערדיקע, ליכטיקע, קלוגע יידישע אויפמערקזאַמע פּנימער. די פאַרלייענונג איז געוואָרן לעבעדיקער פון מינוט צו מינוט. דער עולם האָט געלאַכט ווען מ׳האָט באַדאַרפט לאַכן און געוואָרן ערנסט, ווען די שורות פון די לידער האָבן עס געפאָדערט. נישט אַלע, אָבער גוטע דריי פערטל האָבן גאַנץ אָדער דריי פערטל פאַרשטאַנען און זיך אַקטיוו באַטייליקט. די אַנדערע זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין ריטם פון יידישן ליד.

כ׳האָב פּלוצים דערזען אַז פּראָפעסאָר ראַבידאָוויטש זיצט נאָך אַלץ. זיינע ערשטע פינף מינוט זענען שוין לאַנג אַריבער, אָבער ער איז געבליבן זיצן און אַפילו אָנגעהויבן אָפּטע צווישנרופן, צווישן ליד און ליד, און כסדר אַרויסגעכאַפּט יידיש־העברעיִשע גראַטענע אויסדרוקן, כדי צו באַקרעפטיקן זיין טעזע, אַז יידיש ווי העברעיִש איז אומאיבערזעצלעך און דאַרף פאַרבלייבן אין אָריגינאַל, לכל הפּחות פאַר יידישע קינדער וואָס זענען מחויב צו נעמען אויף זיך דעם אָריגינאַל.

ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען אַן אויטאָמאָביל האָט מיך אַרויסגע־פירט פון בראַנדייס אוניווערזיטעט־שטעטל, איז דער גרויסער תּלמיד חכם געווען ביי מיין זייט, געשטאַנען הויך און קרעפטיק, פול מיט לעבעדיקן לשון. ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט ריכטן, אַז דאָס וועט זיין מיין לעצטע באַגע־געניש מיט דעם טייערן ייד. די אבידה איז אַ ביטערע און שווערע. אויך זיין אַוועקגיין מאַכט פון זיין באַזונגענעם גלות — אַן איינגעשרומפּן גלותל, אָרע־מער און איינזאַמער.

.1954

שרייבערס אָן אַ ליטעראַטור?

כ׳האָב שוין אַ סך מאָל געשריבן וועגן דעם, אָבער ס׳איז אַ טעמע וואָס צו איר גלוסט זיך צוריקצוקומען פון צייט צו צייט און זי ווידער באַטראַכטן פון אַן אַנדער ווינקל. כ׳האָב אַנומלט געלייענט ביי אונדזער מרדכי שטריגלערן, אין נאָמען פון ש. ניגער, אַז מיר האָבן נישט קיין ליטעראַטור — מיר האָבן בלויז שרייבערס. אַזאַ זאָג איז נישט קיין זעלטנקייט ביי ניגערן, ווייל אויך ער האָט זיך זייער אָפט אַ שפּיל געטאָן מיט קיילעכדיקע, אַפאָריזמישע סענטענצן. אים איז אויך לאַנגווייליק געוואָרן צו האַלטן פּאַסאָן און צו פאַרגריבלען זיך אין יענעמס ווערק, מיט דעם ערנסט פון אַ ריכטער, וואָס אין אים ווענדט זיך דער לעצטער ווערדיקט. האָט ער פון צייט צו צייט זיך דערלויבט די עקסטראַוואַגאַנץ פון שפּילעוודיקע זאָגעכצער.

מ׳קען אַזעלכע ווערטלעך געפינען ביי אים לרוב, דער עיקר אין אַרטיקלען איבער אַזעלכע שרייבערס, וואָס ער האָט פאַר זיי קיין גרויסן אָפּשיי נישט געהאַט. פלעגט ער זיך אין אַזעלכע אַרטיקלען צעקנעפּלען, אַזוי צו זאָגן, און ווערן שפּראַך־שטיפעריש. דאָס האָט גורם געווען — און איך האָב עס שוין אַמאָל אָנגעוויזן — אַז אַ סך אַרטיקלען זיינע, וואָס ער האָט זיי נישט גענומען ערנסט, ווייל ער האָט לכתחילה די קרבנות פון די אַרטיקלען נישט גענומען ערנסט, זאָלן אָנגעשריבן ווערן מיט מער עלעגאַנץ און עספּרי, ווי אַנדערע שווערע אַרטיקלען וועגן שווערע שרייבערס, וואָס ער האָט געשריבן וועגן זיי, אָנגעטאָן אין דער טאָגע פון אויבער־שופט. אויך אין די אַרטיקלען וועגן שרייבערס וואָס זענען אים נישט שטאַרק אָנגעגאַנגען, האָט ער אָנגעהאַלטן דעם טאָן פון דעם — אין ווען ס׳ווענדט זיך — אָבער אַפילו ווען ער האָט געמשפּט די דאָזיקע צווייט־קלאַסיקע, אָדער דריט־קלאַסיקע בירגער קאַנדידאַטן פון זיין איינגעשטעלטער ליטעראַרישער רעפּובליק, האָט ער זיי געמשפּט ווי קליין־פאַרברעכערס; אַפילו זייערע ליטעראַרישע עבירות זענען נישט געווען קיין גרויסע זינד, פּונקט ווי זייערע קליינע מעלות האָבן ביי אים נישט אַרויסגערופן קיין גוואַלדיקע התפּעלות. ער האָט זיי באַהאַנדלט אין זיין קינסטלער־רעפּובליק, אָבער ער האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנט, גוט אָנגעדרייט אַן אויער, אַמאָל אַפילו ברייטהאַרציק צוגעוואָרפן אַ קאָמפּלימענטל, אַז ס׳איז דעם פאַרברעכערל שיר געלונגען אַריינצונאַרן זיך,

אָבער ער, ניגער, האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט און אים באַצייטנס אַרויס־געשליידערט.

און גראָד ביי אַזעלכע לייכטע געלעגנהייטן האָט זיך ש. ניגער אַביסל אָפּגערוט און זיך דערלויבט אַ שפּיל צו טאָן מיט דער פּען. האָט זיך זיין סגנון צעזונגען און ס'איז אים געווען אַ מחיה צו לייענען. כ'מוז זאָגן אַז ש. ניגער האָט בכלל געהאַט אַ נייגונג צו ציטירלעכע זאַצן. האָבנדיק צו טאָן מיט ציטאַטן אַ גאַנץ לעבן, האָט ער אַליין געוווסט דעם ווערט און טעם פון אַ ציטאַט און ער האָט אים לכתחילה געשריבן מ'זאָל אים קענען ציטירן. אָבער געשפּרודלט מיט אַזעלכע לעבעדיקע זאַגעכצער האָט ער אין זיינע אַזוי־גערו־פענע אַראָפּרייסערישע אַרטיקלען, וואָס איך האָב שטאַרק ליב געהאַט צו לייענען. כ'האָב אין זיי געזען אַ סך מער ווי אין אַ צאָל שווערערע, געפּשטל־טע אַרטיקלען זיינע. דאָס וואָלטן, מיין איך, געמעגט געדענקען די צוזאַ־מענשטעלערס פון ניגערס פאַרבליבענע ווערק. אויב זיי וועלן בלויז אַריינ־נעמען זיינע שווערע סוגיאָס וועגן רעפּוטאַבעלע און רעספּעקטאַבעלע שריי־בערס און אַרויסלאָזן די קלענערע, נעגאַטיווע שפּילעוודיקע אַרטיקלען, וואָס אין זיי האָט זיך צעשפּילט ניגערס שרייבערישער טעמפּעראַמענט אויפן חשבון פון קריטיקירטן קרבן, וועט מען ניגערן טאָן אַ גרויסע עוולה, ווייל עס וועט פעלן יענער ניגער, וואָס האָט אפשר אַליין נישט־ווילנדיק און נישט־וויסנדיק געשריבן פריי און אומגעשטערט. אַ שרייבער וואָס פון אים האָט ער גאָר־שטאַרק געהאַלטן, איז אים געווייגלעך געווען אין וועג. ער האָט מורא געהאַט צו שטערן די פייערלעכקייט פון אַ הויכן שמועס. ער האָט געשריבן אין פּראַק, אָבער די שרייבערס וואָס צו זיי האָט ער זיך באַצויגן לייכטער און פונאויבנ־אַראָפּיק, האָבן אים אַליין געהאָלפן ווערן שרייבערישער און געמיטלעכער.

קומען מיר צוריק צום זאָג, אַז מיר האָבן שרייבערס אָבער נישט קיין ליטעראַטור, וואָס ש. ניגער האָט גאָר אפשר נישט אָנגעשריבן, נאָר אַזוי פּאַרטרויט שטריגלערן בעל־פּה, אין אַ לייכטן שמועס, מוז מען צוגעבן אַז אין דעם איז פאַראַן אַ פונק אמת, אָבער ס'איז אַן אמת וואָס מען מוז אים אַרומריידן, כדי דער אמת זאָל אויפגעקלערט ווערן. מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַ קליינע ליטעראַטור, אָבער דער קליינער גאָרטן איז גוט באַהאַנדלט געוואָרן, לויט אַלע גוטע האַרטי־קולטורישע כללים. דער עיקר, דער גאָרטן איז אויפ־געגאַנגען און זיך צעבליט, איבער דעם גאַנצן שטח פון אונדזער ייִדישער וועלט, ווו מען האָט אָנגעהויבן צו לייענען אַ ייִדיש בוך, ווייל די ערשטע יונגע קריטיקערס האָבן נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען, ציטירן און פּראָ־קלאַמירן די געציילטע העלדן פון דער דעמאָלט־באַגרענעצטער ליטעראַטור. מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם זענען דערמאָנט געוואָרן ביי יעדער געלעגנ־

הייט. זיי זענען ממש אַריינגעטריבן געוואָרן אין באַוווּסטזיין פון יעדער ייִדישן לייענער. אַז ס׳זענען שפּעטער געקומען די ייִנגערע — רייזען, אַש, ווייסענבערג, זענען די קריטיקערס אויך צוגעפאַלן צו זיי און זיי ציטירט און דערמאָנט און נישט אויפגעהערט אָנווייזן אויף די ניי־געקומענע.

פון דעם שטאַנדפּונקט זענען קריטיקערס די ברייטהאַרציקסטע מענטשן. ווען זיי קריגן אַריין אין די הענט אַ שרייבער, וואָס קען געבן ציטאַטן־חיונה, ווען זיי נישט אויפהערן צו באַאַרבעטן דעם נאָמען און אים גרויס מאַכן, ווען ס׳מאַכט זיך די געלעגנהייט, און אַפילו ווען די געלעגנהייט לאָזט זיך שאַפן. נאָך ברייטהאַרציקערע דערמאָנערס און ציטירערס זענען טייל פּאָעטן וואָס שרייבן קריטיק. זיי זענען אמתע פּאַרגינערס, — אי צום גוטן, אי צום שלעכטן, — זיי ווילן קיין נאָמען נישט אַרויסלאָזן ווען דער נאָמען באָט זיך אָן.

אונדזער ליטעראַטור איז זיך היפּש צעוואָקסן, און אַ צייט לאַנג איז די גאַנצע ליטעראַטור־קריטיק געלעגן אין די הענט פון איין מענטשן, טאַקע ש. ניגער אַליין. ווי האָט ער, ביים בעסטן ווילן, געקענט דערמאָנען אַזויפיל שרייבערס, ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן, ווען די ליטעראַטור איז געווען אַ קליינע און די שרייבערס קליין אין צאָל? יעפים ישורין, אונדזער היטער און וואַכמייסטער, קען עדות זאָגן, וויפל מאָל אַ שטייגער ש. ניגער האָט דער־מאָנט אַשן אָדער בערגעלסאָנען אין אַרטיקלען און גלאַט אַזוי פאַרבייגייענ־דיק. כ׳בין זיכער אַז פון ניגערס דערמאָנונגען האָט מען געקענט צוזאַמענ־שטעלן פּופּציק פּראָצענט פון זייערע אַמאָליקע פּאָזיציעס אין ייִדישער בי־בליאָגראַפיע. כ׳רעד, פאַרשטייט זיך, פון יענער צייט, ווען די צוויי שריי־בערס האָבן זיך נאָך געניי׳טיקט אין ניגערס הדרכה און פּרסום־מעגלעכקייטן.

די גרעסטע הייַנטצייטיקע ייִדישע שרייבערס זענען נישט דערמאָנט גע־וואָרן אַפילו אַ הונדערטסט חלק פון דעם, ווי די געציילטע קריטיקערס האָבן אַמאָל געהאַלטן אין צעפּויקן אַ גרויסן אַמאָליקן שרייבער. פון די אַלע דער־מאָנונגען איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. מען האָט מיך קיינמאָל נישט געלאָזט פאַרגעסן די נעמען פון ביאַליק, אברהם רייזען, בערגעלסאָן און דוד איינהאָרן. זיי זענען אַריינגעבויט געוואָרן אין מיין זכרון און גע־וואָרן — די גאַנצקייט פון אַ ליטעראַטור.

היינט, ביים בעסטן ווילן, קען מען נישט אויסטיילן דריי, פיר אָדער פינף שרייבערס און זיי האַלטן אין איין באַלויבן, באַזינגען און ציטירן. אַ שרייבער גיט אַרויס אַ בוך, קומט זיין יום־טוב, וואָס געדויערט עטלעכע וואָכן, אָדער עטלעכע חדשים, און ער פאַרשווינדט, ביז ער קומט אויפן יאַריד מיט אַ ניי בוך. אַמאָליקע צייטן האָט מען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אָנגע־

קלאַפּט אין טיר פון אַ שרײַבער, הײַנט װאָרט מען אויף זײַנס אַ בוך, כּדי אים אָפּצופּטרן.

בכלל פאַרמאָגן מיר איצטער זײער װײניק ברײטהאַרציקע ציטירערס. פאַראַן עטלעכע פּובליציסטן װאָס האָבן גראָד אַ נײגונג צו ציטאַטן, אָבער זײ װעלן נישט — מיר־נישט דיר־נישט — ריזיקירן מיט אַ לעבעדיקן ייִדישן שרײַבער. זײ פילן זיך הײמיש מיט אַ שרײַבער, װאָס שרײַבט שױן פון יענער װעלט. זײ האָבן הנאה, װען זײ מאַכן שאָקלען די לעפּצן פון אַ טויטן שרײַבער, װעמען זײ ציטירן. כ׳האָב שױן אַמאָל געזאָגט, אַז אַזעלכע שרײַבערס, אַפילו װען זײ ציטירן יאָ, גיבן זײ נישט קײן ציטאַטן נאָר — צ ו־ ט ו י ט ן פון לאַנג פאַרקלאַסישטע שרײַבערס. זײ האָבן גרינגשעצונג פאַר אַ שרײַבער װאָס דרײט זיך נאָך אַרום.

כ׳האָב זיך תּמיד געװוּנדערט איבער דעם גוזמאדיקן זאָג, אַז װער ס׳זאָגט אַ דבר בשם אומרו, ברענגט די גאולה אויף דער װעלט. אָבער ס׳ליגט דערין אַ טיפער מײן. װען מען ציטירט, מען זאָגט־נאָך אַ זאָג פון אַ לעבעדיקן שרײַבער, קײַטלט זיך, װערט עפּעס אויפגעבויט, װערט געשאַפן אַ לעבעדיקע ליטעראַרישע חברשאַפט, אָבער אין דעם באַװוּסטזיניקן, נישט־ציטירן און נישט דערמאָנען, לעבט יעדער שרײַבער פאַר זיך, ער װערט אויפגעלײזט אין זײַן אײגענער אײנזאַמקײט, אָבער ער װערט נישט אויסגעלײזט אין דער צוזאַמענדיקער חבֿרותא פון אַ גרויסער גײַסט־ברודערשאַפט.

דערפאַר איז ניגער געװען גערעכט, װען ער האָט פּלוצים דערזען די שרעקלעכע פאַראײנזאַמטע באַזונדעריש פון דער ייִדישער שרײַבער־װעלט, פון די נישט־דערמאָנטע, נישט־ציטירטע, נישט־באַװוּנדערטע, אויב איר װילט, צענדליקער ייִדישע שרײַבערס, װאָס זענען נישט צוזאַמענגעקײטלט אין חבֿרשאַפט פון אַ ליטעראַטור.

איך קען װינציקסטנס אַ פיר־פינף שרײַבערס, װאָס חלשן מיך צו דערמאָנען און אַמאָל ציטירן מײַנט אַ גוט װאָרט, נאָר זײ פאַרגינען זיך נישט דעם לוקסוס. זײ האָבן מורא, אַז ס׳װעט בײַ זײ װערן אַ טבע אַזאַ צו דערמאָנען אַ חבֿר און זײ קענען נישט באַהויפּטן צו אַנטװיקלען אַזאַ ביטערע געװױנהײט. מ׳זעט פּשוט װי אָט קומען זײ נאָענט צו מיר און אָט כאַפּט זיך בײַ זײ אַרויס מײַן נאָמען, אָבער זײ פאַרלײגן אַ שטיק װעג און זײ געלינגט, מיט גרויס אָנשטרענגונג, אויסצומײַדן די שטרויכלונג. כ׳האָב זיך גענומען פאַר אַ בײַשפּיל, אָבער יעדער שרײַבער האָט אַ געלעגנהײט צו זען אַמאָל, װי מען פראַװועט רשעות אויף זײַנע פּלײצעס, װי מען גײט אים פאַרבײַ, װי מען מײַדט אויס אים צו דערמאָנען.

װען ס׳קומט צו דעם געזונטן באַשטאַנד פון דער ליטעראַטור, צו אירע

לעגיטימע באַוווּינערס, איז אַן עוולה, וואָס מען לעבט נישט אײנער מיטן אַנדערן אין לעבעדיקן, דערמאָנענדיקן קאָנטאַקט. מען וועט גענוג צייט האָבן פאַרגעסן צו ווערן נאָכן טויט, ווען ס׳הייבט זיך אָן דער חיבוט הקבר פון — אומשטערבלעכקייט, וואָס איינעם געראָט עס יאָ, אַן אַנדערן נישט. אָט שרייבט מיר יוסף לעפטוויטש, אַז די פראַנצויזן קענען שוין באַלד נישט דעם נאָמען פון אַנאַטאָל פראַנס, אַז עמיל לודוויג איז אַ פאַרגעסענער, סטעפאַן צווייג אומבאַקאַנט, אין אַמעריקאַנער ליטעראַרישע קרייזן, בערנאַרד שאָ הייבט אָן פאַרגעסן צו ווערן אין ענגלאַנד.

הכלל, מיט פאַרגעסעניש וועט מען נישט פאַרשפּעטיקן. דער קאַמף קעגן ווערן פאַרגעסן נאָכן טויט, איז אַמאָל אַ פאַרלוירענער; אַמאָל ווערט אַ שרייבער אויסגעגראָבן, אַזוי צו זאָגן, און צוריק אויפגעלעבט, ווידעראַמאָל אַזוי צו זאָגן. ס׳איז אַ ביטערער קאַמף אַפּילו נאָכן טויט. מעג מען כאָטש דערוואַרטן אַז שרייבערס וואָס זענען ווערט דעם נאָמען פון זייער באַרוף, זאָלן ביים לעבן זיך האַלטן לעבעדיק און פריש. אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַוודאי אַ וויי־טיק, וואָס שרייבערס לעבן פאַר זיך, נישט נאָר אין דער קינסט־לערישער איינזאַמקייט, וואָס איז שעפעריש־וויכטיק, נאָר אין אָפּגעריסענער, פיינטלעכער באַזונדערקייט, וואָס באַשטראָפט שרייבער און די ליטעראַטור.

ווען ש. ניגער האָט געזאָגט אַז מיר האָבן שרייבערס, אָבער נישט קיין ליטעראַטור, איז ער געווען גערעכט, כאָטש ער האָט אפשר נישט פאַרדעכ־טיקט די אמתע סיבות דערפון.

.1959

צום חודש פון יידישן בוך

געווען אַ צייט ווען ייִדן האָבן פאַרמאָגט בלויז ספרים און קיין ביכער האָבן מיר אינגאַנצן נישט געהאַט. אַז ס׳האָבן גענומען אויפקומען מחברים פון ייִדישע ביכער, האָט מען די ביכער געהאַלטן אָפּגעשיידט פון די ספרים. גראָד די מחברים פון העברעיִשע מעשה־ביכער זענען געווען די ערשטע צו שטורעמען די פעסטונג פון ספר. אָבער ייִדישע מעשה־ביכלעך האָבן תמיד געמוזט געדענקען, אַז ספרים זענען ספרים, און נישט גלאַט דער מערצאָל פון ביכער. די ייִדישע געשיכטע האָט אונדז אָבער אָפּגעטאָן אויף — ייִדיש און אויף העברעיִש. אונדזערע עלטער־זיידעס וואָלטן עס אויף זיך נישט גע־גלייבט, אַז זיי וועלן קענען ביי זיך פּועלן צו כאַפּן אַ קוק אין אַ ייִדיש בוך פון אונדזער צייט. אַ ייִדיש בוך ציטערט ממש ווי אַ פיש אין וואַסער, פון גרויס יראה. כמעט אַלע ייִדישע ביכער זענען פול מיט ייִדישקייט. מען זינגט און מען זאָגט אַלץ ייִדישע פּראָבלעמען. ייִדישע ביכער מוז מען שוין באַלד מעביר זיין מיטן טראָפּ.

ווער האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף ייִדישע ביכער? די צייט האָט זיי געגעבן די אמתע טעמי הנגינה. די ייִדישע געשיכטע האָט אומגעוואָרפן דאָס ווענטל צווישן ספרים און ביכער, און מ׳דאַרף אַ ייִדיש בוך שוין זאָגן און אפשר לערנען. דעם עלטער־זיידעס ספרים זענען געפאַלן אויף די ביכער, די ביכער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ספרים. מ׳איז זיך געפאַלן אויף די העלדזער ווי ברידער, און מ׳האָט פון גרויס שמחה גענומען זאָגן צוזאַמען אויפן קול — אַ קאַפּיטל תהלים. און ס׳איז געשען אַז בעת מחברים פון ייִדי־שע ביכער זענען געוואָרן ספרים־שרייבערס, זענען די מחברים פון ספרים געוואָרן אַ סך שרייבערישער, ווי זיי זענען אַמאָל געווען. זיי האָבן אָנגעהויבן מקפּיד זיין אויף גראַמאַטיק. זייער דקדוק איז שוין מער נישט אַזאַ צעשווי־בערטער, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. זיי זענען געוואָרן ליטעראַרישער.

די מחברים פון ספרים, אייניקלעך פון אַלטמאָדישע מחברים, האָבן זיך אָנגעהויבן נעמען ערנסטער און זיי זענען געוואָרן גאַנצע ליטעראַטן. די תשוקה צו שרייבן איז ביי אונדז ייִדן סיי־ווי גרויס. אַ סך פון אונדזערע היינטצייטיקע מחברים פון ספרים שלינגען שוין נישט די ווערטער און זיי פאַרלאָזן זיך שוין מער נישט אויף די פייערדיקע און פלינקע קעפּ פון די לייענערס, אַז מ׳וועט סיי־ווי כאַפּן, וואָס דער מחבר האָט געהאַט אין זינען,

נאָר מ׳איז טאַקע מסביר אַן ענין און מ׳איז פּאָרזיכטיק אַז אַ זאַץ זאָל אַרויס מיט הענט און פיס און נישט בלויז בשן ועין. אַמאָל זענען מחברים פון ספרים געווען די אמתע אומפאַרשטענדלעכע „מאָדערניסטן״. אַ ספר וואָס מ׳האָט צו גיך פאַרשטאַנען איז געווען לייכט אויף דער וואָג. מ׳האָט אויף אַזאַ ספר געקוקט ווי אויף אַן אַריינדרינגער אין גבול פון העכערן שכל, וואָס דאַרף זיין פול מיט רמזים און טאָר זיך נישט עפענען גלייך, ווי מ׳גיט אַ דריק דאָס טראַכט־קנעפּל.

אַ ספר האָט מען נישט געקענט לייענען בלויז מיט די אויגן, נאָר מ׳האָט געמוזט איינשפּאַנען דעם קאָפּ. נישט־פאַרשטיין איז נישט געווען קיין טענה קעגן מחבר, נאָר אַן אָנקלאָגע קעגן לייענער. ווען ער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער זיין אומפאַרשטיין נעבעך צוגעגעבן מיט פאָרוווּרף צו זיך און מיט גרויס עניוות. פאַרקערט, ער האָט גאָר געהאַט תרעומות צום מחבר, אַז ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן איינצובייסן צו־לייכט דעם טיפן פירוש, אָדער דאָס פּשטל.

יאָ, דער „קולט״ פון אומפאַרשטענדלעכקייט האָבן ביי אונדז יידן אָנ־געהויבן די רעליגיעזע שרייבערס. אַ ספר מיט פירושים אויף תנ״ך האָט גע־ווינלעך געמיינט אַ נייער פאַרפלאָנטער און פאַרטונקל. איצט דערשיינען אין מדינת ישראל אַזעלכע ספרים מיט קאָמענטאַרן, און דווקא אין דער טראַ־דיציע פון גוט־יידישקייט און נישט פון ביבל־קריטיק, וואָס זענען אַזוי קרישטאָל־ריין, אַז ס׳עפענען זיך ממש די אויגן מיט אַ ניי ליכט. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע גאָר אַלטע ספרים זענען געשריבן געוואָרן מיט אמת קינסט־לערישער ווערדע, אַז זיי זענען געוואָרן מוסטערן פאַר שרייבערס. זיי זענען געקומען פריער פון שרייבערס און מ׳האָט זיך ערשט פון זיי געלערנט די קונסט פון שרייבן. טייל רעליגיעזע מחברים האָבן זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער ליכטיקער קלאָרקייט. אינהאַלט איז שטענדיק אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אַ שיינער כלי. ערשט אין די שפּעטערדיקע דורות האָבן געציילטע מחברים אָפּגעהיט די שיינקייט און געוואָרנטקייט פון וואָרט און געלייגט אַכט אויף דעם שיינעם בנין פון וואָרט.

די גרעסטע צאָל אָבער פון אונדזערע שפּעטערדיקע מחברים האָבן גע־האַלטן זייערע לייענערס פאַר גרעסערע חכמים פון זיך אַליין און זיי האָבן בלויז געגעבן אַ ווונק. אָבער היינטיקע צייטן, ווען אַ ייד קויפט אַ ספר, קריגט ער אַמאָל אַ גאַנץ שיין און קלאָר בוך, און דערפאַר ווען ער קויפט אַ יידיש בוך, וועט ער אין אים געפינען טיפּע ספר־מאַטיוון. די צייט האָט ביי אונדז גורם געווען, אַז די צוויי אָפּגעפרעמדטע, ספר און בוך, זאָלן זיך ווידער באַגעגענען און זיך געבן די הענט, ווי אין דעם בראשית פון שרייבעריי, ווען

אַלע מאָטיוון און עמאָציעס, אַלע טיפע רמזים און געדאַנקען, זענען געווען באַהאַלטן אין מעשהלע, אָדער אין ליד, אין נאַטירלעכן צוזאַמענמיש. דער געראַנגל פון מענטשלעכן גלויבן קעגן זיין אומגלויבן, און פאַרקערט: ווידערשטאַנד און דער מענטשלעכער ווידערשפעניק, איז אַלץ געווען צוזאַמענגעפלאָכטן אין דער אַלטער ליטעראַטור. ווען מען ענדיקט לערנען אָדער זאָגן ספר איוב, איז דער לייכטער גליקלעכער סוף, נישט מער ווי דער לייכטסטער אויסוועג צו פאַרענדיקן דעם ווייטיקדיקן געראַנגל, צווישן גוואַלדיקער אמונה און שטאַרקער סקעפטיק, וואָס ספר איוב דראַמאַטיזירט אויף אַ טאָלעראַנטן אופן, געפינענדיק וואָגיקע טענות פאַר ביידע צדדים. ביז מ׳דערהערט דאָס קול פון אויסגלייכער וואָס דעקט אַלע טענות מיט פייער און וואָלקן, און ס׳בלייבט דאָס הייליקע רעטעניש אויף אַלע זייטן און אַלע אייביקייטן.

אין אונדזער צייט אַז מ׳רעדט פון אַ ספרים־ און ביכער־פאַרקויף איז כדאַי אָנצווייזן, אַז אין די מייסטע פאַלן וועט דער קויפער נישט אַריינפאַלן — אַפילו ווען ער האָט געמאַכט אַ טעכנישן טעות און געקויפט אַ בוך, בעת ער האָט גאָר געוואָלט קויפן אַ ספר, אָדער פאַרקערט. די צייט האָט געגעבן דעם טיפן יידישן בוך — די עצבות פון דעם אַמאָליקן ספר און געשאָנקען דעם טיפן ספר — דעם חן פון אַ בוך. אין ביידע — יידישע ספרים און יידישע ביכער — איז פאַראַן יידישער טרויער און יידישע האָפענונג. ביי אונדז גייט עס גיכער אין צוריק איינשפאַנען דעם פלעגמאַטישן לייענער אַז ער זאָל צוקומען צום בוך. אויף אים ווערט געמאַכט די קאָנצענטרירטע אַטאַקע. ער דאַרף באמת זיין שטאַרקער פון אייזן, אויב אים געראָט זיך אַרויסצודרייען אין די ספעציעלע יאַרידן, וואָס מיר אַראַנזשירן לעצטנס פאַרן יידישן בוך. דער פלעגמאַטישער לייענער האָט אַמאָל יאָ געלייענט אַ יידיש בוך, אָבער ער האָט זיך אָפגעוווינט. ער האָט זיך פאַרטומלט און פאַרהאַוועט; אָט־אָט וועט ער זיך ווידער נעמען אַריינלייענען, אָבער ס׳מאַכט זיך אַלץ נישט. ער געדענקט נאָך נעמען פון צוויי־דריי יידישע שרייבערס, אַ צוויי־דריי העברעישע. זיי זענען ביי אים איינגעקנאָטן אין געדעכעניש, אָבער ער האָט זיך דערווייטערט פון לייענען אַ יידיש און אַ העברעיש בוך, אַז ס׳איז אים שוין שווער צוריקצוכאַפן דעם פאָדעם. ס׳האָט גענוג לאַנג גענומען זיך צו דערווייטערן פון אַ יידיש בוך, אויף ביידע לשונות, און איצטער, אין די שפעטע מיטעלע יאָרן, אָדער אויף דער עלטער, קומט אים אָן שווער זיך צוריק צו דערנענטערן. אָט דער פלעגמאַטישער לייענער איז נישט קיין אומסימפאַטישער ייד. ער איז נאָך אַלץ בבחינת לייענער, נאָר מען מוז אים סטימולירן און וועקן, אַז נישט וועט ער שוין פאַרבלייבן פאַסיוו צום יידישן אָדער העברעישן בוך, און ער וועט אָנווערן אַ סך פון זיין אייגענער חשיבות,

און פֿאַרלירן טײלװײַז דעם דרך־ארץ צו זיך. כ'רעד דאָ, פֿאַרשטײט זיך, פֿון דערװײַטערטע ייִדן און נישט אַנטלאָפֿענע, װאָס מ'קען זײ שױן נישט כאַפּן און ס'איז זײ שױן נישט כּדאַי צו כאַפּן.

געװײנלעך װען ס'קומט אָן דער חודש פֿון ייִדישן בוך, הערט מען פֿון פֿאַרשײדענע פּלענער און מען מאַכט אַ סך פֿאָרשלאָגן, װי אַזױ „אַרײַנצו־באַרן" דעם לײענער, אַז ער זאָל קױפֿן אַ ייִדיש בוך, אָבער אַ סך פּלענער זע־נען אונטער דער װערדע פֿון די פֿאָרשלאָגערס און אַװדאי און אַװדאי — פֿון די שרײַבערס. מ'װײַזט געװײנלעך אָן אַז מען דאַרף דעם הײַנטיקן ייִדישן לײענער געבן פּאָפּולערע ביכער, װאָס שלינגען זיך און לײענען זיך פֿון זיך אַלײן. ס'איז קלאָר װי דער טאָג, אַז מיר האַלטן נישט דערבײַ, און אַז מיר זוכן נישט דעם דאָזיקן לײענער. אפֿשר װאָלט געװען אַ מצוה צו זאָרגן װעגן אים און ס'איז מעגלעך, אַז אַ קלײנע צאָל מחברים האָבן אין זינען אַזאַ לײענער און זײ שרײַבן פֿאַר אים. אָבער װען מיר רײדן װעגן פֿאַרשפּרײטן און פֿאַרקױפֿן ביכער, רײדן מיר דערפֿון — אין קולטור־טערמינען. מיר זוכן נישט צו קנעלן מיט אלף־בית מעטאָדן.

זיכער איז אַז מען דאַרף נישט רײדן גלאַט װעגן ייִדישע ביכער און פֿאַרװאַנדלען דעם פֿאַרשפּרײט פֿון ייִדישע ביכער אין אַ דרדקי־חדר, אָדער אין אַ רחמנות־געשעפֿט. מיר מוזן זיך קאָנצענטרירן אױפֿן בעסערן לײענער פֿון אַ גוט ייִדיש אָדער העברעיִש בוך. דװקא בײַ אונדזער מצב קען מען זיך מער נישט װאָרפֿן מיט דעם װאָרט פּאָפּולער און מיט זוכן צוצוטרעפֿן פּרי־מיטיװע געשמאַקן. דער אמת פֿון אונדזער לאַגע איז, אַז דאָס בעסערע בוך זוכט אַ װעג צום בעסערן ייִדישן לײענער. דער ערגערער לײענער קױפֿט סײ־װי נישט קײן ייִדיש בוך, און ער זוכט זיך שױן אָפּ זײַן גײַסטיקע שפּײַז, אױסקומענדיק אָן ביכער.

ס'איז זײער מעגלעך, אַז דער בעסערער ייִדישער לײענער זוכט אױך אַ װעג צום בעסערן ייִדישן בוך, אָבער מען דאַרף זען, אַז װען ער געפֿינט דעם װעג, זאָל ער טאַקע קריגן אַ חשיבותדיק בוך, נישט קײן ליטעראַרישן קאָנ־טראַבאַנד. מ'קען אפֿשר אױך אַרױפֿצװינגען און אַרײַנצװינגען ייִדישע ביכער אין ייִדישע הײמען דורך דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַ מחברדיקן מוכר ספֿרים. אָבער אַזעלכע פֿאַרקױף־דערפֿאָלגן טאָרן נישט גענומען װערן אין באַטראַכט, װען מ'רעדט ערנסט און געזעלשאַפֿטלעך פֿון פֿאַרשפּרײטן דאָס בעסערע ייִדי־שע בוך. אַזעלכע דערפֿאָלגן זענען גיכער אַ האַרצװײטיק און אַ בזיון. מיר זענען נאָך נישט אַזאַ געזונט פֿאָלק, אַז מיר זאָלן עס קענען דערלױבן. אַ ייִדיש בוך טאָר מען נישט אָנװאַרפֿן אָדער אָנשיקן, אַז ס'זאָל ליגן און װײ־נען. מיר זוכן יאָ דעם קאָנטאַקט צװישן לײענער און שרײַבער, דעם לײענער

וואָס איז מסוגל אָנצוואַרעמען דעם שרייבער. מיר זוכן דעם לייענער, וואָס ס'איז פאַר אים גופא נישט קיין כבוד וואָס ער האָט פלוצים זיך דערווייטערט פון אַ יידיש אָדער העברעיִש בוך און זיין געוויסן פּלאָגט אים אַביסל. מיר זוכן דעם לייענער, וואָס איז בטבע אַ מענטש פון קולטור, אָבער די קולטור פון קויפן און דער עיקר אויך פון אַליין פּ אַ ר ל אַ נ ג ע ן אַ גוט יידיש בוך, איז ביי אים אויף אַ נידעריקער מדרגה.

קליין, גאָר קליין איז די צאָל פון דער אַרמיי פּ ר יי וו י ל י ק ע יידישע לייענערס. אַ גרעסערע צאָל מוז מען קאָנסקריפּטירן מיט פאַרשייידענע מעטאָדן, די גרעסטע צאָל באַשטייט פון „אַרויסדרייערס", זיי וועלן באַדיי ווערן גייסטיקע קאַליקעס, איידער זיך אָנצושליסן אין דער מחנה יידישע בוך־קויפערס. אַ יידישער שרייבער פון אַן ערנסטן בוך ווייסט לכתחילה אַז זיין לייענערשאַפט וועט באַשטיין פון געציילטע, געטרייע פרייוויליקע און ער בעט בלויז, אַז די אַנדערע, די וואָס וועלן קאָנסקריפּטירט ווערן דורך פאַרשיידענע אייינריידענישן, זאָלן זיין אַזעלכע לייענערס וואָס זאָלן נישט חרטה האָבן אויפן מסחר און נישט האַלטן אַז מ'האָט זיי חלילה אָפּגענאַרט, ווייל מ'האָט זיי אָנגעהאָנגען אַ יידיש בוך, וואָס זיי האָבן אַליין נישט געוואָלט אויסשרייבן. אַזאַ געצוווּנגענער לייענער איז מבזה דאָס יידישע בוך.

ס'איז נייטיק אַז די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען זיך מתעסק מיטן בעסערן יידישן בוך, סיי אַרויסגעבעריש, סיי פאַרשפּרייטעריש, זאָלן טאָן זייער אַרבעט אָן פּניות, טאַקע זוכן דאָס גוטע יידישע בוך און עס העלפן אַרויסגעבן. ס'זענען דאָ אַזעלכע שרייבערס, וואָס זענען זייער רירעוודיק און זיי קענען גיכער קריגן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זייער בוך, ווי אַנדערע, וואָס זייערע ביכער שלאָפן ביי זיי הילפלאָז אין די שופלאָדן. ליטעראַטור האָט גרויס דרך־ארץ פאַר פאַרדינסטפולע גרויסע נעמען, אָבער זי האָט נאָך אַ גרעסערן דרך־ארץ פאַר גוטע ביכער. ביי מיר איז אויך וויכטיקער צו העלפן אַרויסגעבן אַ גוט בוך פון אַ היינטיקן מחבר, ווי צו ראַטעווען אַלטע געלעבלעטער פון אַן אַמאָליקן שרייבער. די אַלע אַלטע ביכער זענען וויכטיק, אָבער זיי טאָרן נישט אַרויסגעגעבן ווערן אויפן חשבון פון נייע יידישע ביכער. מיר טאָרן בשום אופן נישט פאַרשטאָפּן די מעגלעכקייטן פאַר אַ היינטצייטיקן יידישן בוך.

די פלעגמאַטישע אָדער גלאַט פאַסיווע לייענערס אונדזערע האָבן מיר אַליין נאָך מער דערווייטערט, מיט כלערליי מעטאָדן. אויף זייער חשבון האָבן זיך פאַרשיידענע פּראַקטישע קלאָג־מוטערס געריבן די הענט און געציילט. יעדער ייד וואָס האָט אויפגעהערט צו לייענען אַ יידיש בוך, איז געוואָרן אַ באַווייז פון אונדזער אונטערגאַנג. ווען מ'וואָלט די פאַסיווע יידן דערציילט,

ווי גראָב מען נוצט זיי אויס פאַרן קלאָגעדיקן סך־הכל, וואָלטן זיי אפשר גי־בער געלייענט אַ ייִדיש בוך, איידער צו שפּייזן אונדזערע אונטערגענגלערס מיט באַווייזן, געוועזן געגנוג ייִדישע שרייבערס, מיט אַ 50־60 יאָר צוריק, וואָס האָבן הויך און שטאָלץ געציילט און אויסגעחשבונט אונדזערע פאַר־לוסטן און ממש געהאַט אַ וואַרעמע, פערזענלעכע באַציִונג צו יעדער אַוועק־גייענדיקן לייענער, ווי צו אַ מענטשן וואָס לייגט צו פּערזענלעך אַ האַנט און איילט אונטער דעם אויסגעקלאָגטן סטאַטיסטישן אונטערגאַנג.

פאַראַן ביי אונדז אויך ברייטהאַרציקע ייִדן, וואָס העלפן אַפילו אַרויס־געבן אַ ייִדיש בוך, אָבער ווידער דאָס אייגענע, זיי זענען פלעגמאַטישע מע־צענאַטן, זיי וואַרטן ביז מ'שלאָגט ביי זיי אָפּ די טירן. אַליין האָבן זיי נאָך נישט דעם כוח זיך אָנצופרעגן ביי אַ שרייבער, אויב ער האָט בדעה אַרויס־צוגעבן אַ בוך, און זיי וועלן פרייוויליק זיך נישט מעלדן מיט זייער צוהילף. דער סוף איז, אַז זייער ווילע און גוטע שטיצע איז אַ כאַאָטישע, צופעליקע. לאָמיר רעזומירן:

ס'רעדט זיך נישט גלאַט פון ייִדישע און העברעיִשע ביכער, נאָר פון **ג ו ט ע** ייִדישע און העברעיִשע ביכער; נישט גלאַט פון פאַנגען אַ לייענער, נאָר געפינען דעם וועג צום בעסערן לייענער, וואָס זוכט ערלעך דעם וועג צום בעסערן ייִדישן בוך און ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, אָדער זיך אַרויסגע־שלאָגן פון די כוחות. מיר זוכן אויך דאָס נייע בוך און נישט בלויז דאָס אַלטע, דאָס איבערגעדרוקטע. און לאָמיר נישט תמיד זיך איינהערן וואָס עס וויל דער לייענער. אָפּטמאָל איז עס נישט מער ווי אָן אויסרייד — אינגאַנצן נישט צו לייענען אַ ייִדיש בוך. מיר מעגן אויך האָבן דעם מוט צו זאָגן דעם לייענער, וואָס ער דאַרף און מעג וועלן.

.1957

אויפֿקלייבן און אָפּקלייבן

איז ייִדיש אַן אָרעם לשון? אָט הערט, וואָס איר קענט אַריינכאַפּן פֿאַר איין פּאַטש: אַ קנאַק, אַ כמאַל, אַ רוק, אַ פּליק, אַ טרעבענץ, אַ פּלעם, אַ זבענק, אַ טראָמאַך, טראָמאַסק, צימבל, זעץ, קנאַל, רייב, באַקפּייפער, אַ שאָס, אַ טראַסק, אַ פּראַסק, אַ טשאַסק, אַ פּאַרפּאַר, אַ יאָג, אַ האַק, אַ מתּנת־יד, אַ דערלאַנג. אָט די באַזונדערע פּעטש זענען אפֿשר אַ צענטל פֿון דעם רייכן אויסוואַל, וואָס מען האָט אין ייִדיש, ווען מען וויל עמעצן אָנהרגענען, אָנשלאָגן, אָנקיפּן, אָנבויקערן, אָדער בכלל מכבד זיין מיטן בינטל פֿינגער אין פּנים אַריין.

ייִדיש איז גוואַלדיק רייך אין סינאָנימען און דער וואָס באַקלאָגט זיך, אַז ייִדיש איז אַן אָרעם לשון, איז נעבעך אַליין אַ ביטערער אָרעמאַן, אָדער ער ווייסט נישט, וואָס פֿאַר אַ גבֿיר ער איז.

פֿון דעסטוועגן דאַרף מען נישט האָבן קיין איבערגעטריבענעם דרך־ארץ פֿאַר דעם אַזוי־גערופֿענעם אוצר פֿון אונדזער לשון. אין דעם אוצר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צופֿיל טאַבאַק־שמעקערישע נאַרישקייטן, וואָס האָבן נישט קיין טעם און נישט קיין ריח, און וואָס זענען מיט הונדערט יאָר צוריק, אפֿשר אויך נישט געווען קיין גוואַלדיקע חכמות.

איידער מען זאָל מיט די נאַרישקייטן גיין פֿון איין גלות צום אַנדערן און טראָגן די שפּראַך ווי אַ שווערן הויקער, וואָלט גלייכער געווען מאַכן אַ ביסל אָרדענונג און פּטור ווערן פֿון דעם אָנגעקליבענעם קויט. פֿאַראַן אַ סך גלייכווערטלעך, וואָס זענען פּאָלאָווינע סלאַוויש און חצי העברעיִש, וואָס זענען אפֿשר אַמאָל געווען גרויסע איינפֿאַלן, אָבער אַז מען נעמט זיי הייַנט אויפֿן צימבל זענען זיי הוילע שטותים. די פֿראַגע איז, וויאַזוי זאָל מען זיך באַציִען צו אונדזער לשון: וויל מען זאַמלען אַלץ וואָס אונדזער ייִדיש האָט ווילד אָנגעקליבן און שטעלן אַ גרויסע מצבֿה אונדזער שפּראַך, אַז ייִדיש אַליין זאָל ליגן אונטער אַ ריזיקן פּה נטמן, אָדער מען גלייבט אין דער לעבעדיקער צוקונפֿט פֿון אונדזער לשון און מען נעמט זיך מאַכן אָרדענונג?

מיר דוכט זיך, אַז ס׳ליגט מער אויפֿטו איז אָפּקלייבן ווי אין אויפֿקלייבן. אויפֿקלייבן איז נאָך אַלעמען אַ פֿראַגע פֿון צייט, פֿון מי, פֿון האָרעוואַניע; אָפּקלייבן איז שוין אויך אַ פֿראַגע פֿון אייגענער חריפֿות. דער אויסוואַל איז צווישן באַלזאַמירן און לעבעדיקער פֿילאָלאָגיע, אָדער אפֿשר גאָר פ י ל אָ־

ל אָ ג י ק, אַזוי צו זאָגן, אויב מען זאָל אין דער פילאָלאָגיע שטענדיק גע־דענקען, אַז מען טאָר נישט אַוועק אויך פון דער לאָגיק.

מען דאַרף נישט, און ס׳האָט קיין זין נישט, אַנוואַרפן אונדזערע אַלע ליאַכעס און שמאַטעס, אונדזער גאַנצן הקדש מיט אָרעמקייט, כדי צו מאַכן דעם אָנשטעל פון גבירישקייט.

די צרה איז, וואָס אַפילו אונדזערע אינטעליגענטן האַלטן אין איין לייגן דעם טראָפּ אויף אונדזער פאָלקסטימלעכקייט. ווי לאַנג איז דער שיעור, אַז אונדזער לשון זאָל זיין פאָלקסטימלעך? מ׳האָט זיך איינגערעדט, אַז די איינ־ציקע העלדן פון יידיש, זענען טוביה דער מילכיקער, אָדער אַלטער יקנהז״, און מען האַלט אין איין בראָקן גלייכווערטלעך. און פּאַקט מען ביי אונדז אַ גלייכווערטל, כאַפּט מען ביי אונדז די גרעסטע התפעלות און מען מיינט, אַז מען האָט אַריינגעכאַפּט אַן אוצר.

אָבער ווען יידיש וואָלט געווען בלויז אַ גלייכווערטלדיקע שפּראַך, וואָלט עס ממש געווען נישט אויסצוהאַלטן. מען וואָלט גערעדט און זיך געהאַלטן ביי די זייטן. יידיש וואָלט כסדר אַמוזירט און געקיצלט, און עס וואָלט גע־וואָרן אַ הומאָריסטישע גאַסן־שפּראַך פון חכמהדיקע נודנאַטעס. אַפילו די טראַגיק פון אַ פאָלק קען מען דערטרינקען אין אַ קיילעכדיק גלייכווערטל.

אויב עטלעכע גלייכווערטלעך זענען מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן, איז אַ געזונט אויף אונדזער לשון, וואָס ווייסט ווען ס׳איז שוין צייט צו געבן דעמיסיע אַ גלייכווערטל, וואָס האָט אָפּגעדינט.

אַ לעבעדיקע שפּראַך דאַרף גאָר קיין מורא נישט האָבן, אויב ס׳שטאַרבן אָפּ אָפּגעבליאַקעוועטע ווערטלעך. יעדער לעבעדיקער לשון שאַפט נייע ווערט־לעך און נייע קיילעכדיקע זאָגן, וואָס וועלן אויך מיט דער צייט אָפּשטאַרבן. ס׳איז ווי אַ לעבעדיקער קאָפּ האָר, וואָס זאָרגט זיך נישט, אַז ס׳פאַלן אַרויס עטלעכע, ווייל נייע און לעבעדיקע האָר האַלטן אין איין וואַקסן.

כ׳ווייס נישט און פאַרשטיי בשום אופן נישט, אויף וואָס ס׳איז נייטיק „דורכצוקעמען״ אָפּגעשטאָרבענע בטלנישע ווערטלעך, וואָס שלאָפן סיי־ווי אויף דעם עולם האמת פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור, און יעדער וואָס דאַרף זיי האָבן, וועט זיי סיי־ווי געפינען, אויב ער וועט נאָר זיין אַ פלייסי־קער זוכער.

אין דעם כסדרדיקן צערטלען אונדזער פאָלקס־אוצר פון אָפּגעשטאָרבע־נע און אָפּגעבליאַקעוועטע גלייכווערטלעך און פאַרדריפּעטע סינאָנימען, ליגט בענקשאַפט נאָך דער אייגענער יוגנט. אָבער מיט אַזעלכע סענטימענטן איז שווער צוצוטרעטן צו אונדזער לשון, ווייל אַלץ ווערט אַ שאָד. יעדער יידענע־וואַטער שפּריכוואָרט, וואָס די באָבע אַליין האָט געזאָגט — און ווער שמועסט,

אַז מען געדענקט נאָך די באָבע וואָס האָט עס געזאָגט — ווערט ממש אַ רע־ליקוויע. מען באַהאַלט עס אין שאַכטלעך אַזעלכע און מען פירט עס פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד.

מיר טרייבן צופיל איבער דעם באַטייט פון פאָלקסווערטלעך און גלייכ־ווערטלעך. אונדזער לשון ווערט עפּעס אַ פאַרזעעניש פון אַ חצי מאַנסביל און חצי ייִדענע, וואָס אַ ליאַדע וואָס און אַ ליאַדע ווען, האָט עס אַ גרייט גלייכווערטל. אַפילו דער אינטעליגענט ביי אונדז, פוילט זיך אָפּט צו טראַכטן, ווייל ער קען לעבן פון גרייטן און ער איז זיך מחיה, אַז ער קען וואַרפן מיט גרייטע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן.

אַזאַ צוגאַנג צו דער שפּראַך וואָלט פון ייִדיש, מיט דער צייט, געמאַכט אַ סענטימענטאַל גנבים־לשון, אָדער קלעזמער־שפּראַך. אין בעסטן פאַל, וואָלטן מיר געשאַפן גרייטע מליצה. דאָרט ווו דער אַמאָליקער בטלן דער העברעער, האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ גרייטן פסוק, העלפן מיר זיך צו־אָפּט אַרויס מיט אַ גרייט און פאַרשימלט גלייכווערטל.

ווען איך קען, וואָלט איך אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער אַ גוטע העלפט פון אַזעלכע ווערטלעך. קינדערלעך, וואָלט איך געזאָגט, נישטאָ, הלך לעולמו. דער גאַנצער אַרכיוו פון גרייטע באַנאַליטעטן איז אַוועק אין זיין ליטעראַריש־אַנטיקוואַרישן רו אַריין. איצט איז צרות, מען מוז אָנהייבן ריידן ווי מענטשן, מען דאַרף טראַכטן בעתן ריידן, ווי די עלטער־פּעטערס אונדזערע האָבן גע־טראַכט, בעת זיי האָבן גערעדט. מיר אַליין מוזן ווייטער שפּינען דאָס לשון, ווייל דער גרייטער פאָדעם איז שוין אויסגעגאַנגען.

לאָמיר געדענקען, אַז ייִדיש איז נישט קיין פריילעך לשון, וואָס ווינקט ממזריש מיט אַן אויגל און האַלט אין איין שיסן מיט אידיאָמען, גרייטע גלייכווערטלעך, אָדער פאָלקישע אויסדרוקן. אַ זאַמלער דאַרף נישט נאָר קע־נען זאַמלען, נאָר האָבן דעם כוח אַוועקצוואַרפן. פאַראַן פאָלקסווערטלעך און כינאָגימען, וואָס גרילצן ממש אין די אויערן, וואָס זענען שוין פרעמד דער מוזיק פון אונדזער שפּראַך. דאַרף מען האָבן אַ געניט אויער, כדי מען זאָל וויסן פון וואָס פּטור צו ווערן. מיר זענען נישט נאָר רייך אין אַלטוואַרג, נאָר אויך אין יונגוואַרג. מען דאַרף זיך וואָס מער צוהערן צום לשון, ווי עס ווערט געשאַפן טאָג־טעגלעך, אין דער ייִדישער פּרעסע, אין ייִדישן בוך און אין ייִדישן זשורנאַל.

די פראַגע, וואָס מיר פרעגן צו־אָפּט איז, ווי אַזוי האָט מען געזאָגט אויף ייִדיש. די אמתע פראַגע וואָלט באַדאַרפט זיין: וויאַזוי זאָגט מען איצטער, וויאַזוי דאַרף מען זאָגן אַצינדערט?

אַ שפּראַך מוז זיך אַוודאי אויסהיטן פון ווערן אינטעליגענטיש, וואָס

דאָס מיינט אָנגעדראָלן און פּוסט־אָנשטעלעריש, אָבער אַ שפּראַך דאַרף אויך קענען שאַפן דעם סינטעז צווישן לעבעדיקער פאָלקסטימלעכקייט און אינטע־ליגענץ. פאַראַן אַ לעבעדיקע פאָלקסטימלעכקייט, דאָס בלייבעוודיקע אין אונ־דזער לשון, וואָס ווען מען נוצט עס מיט שכל, ווערט אונדזער שפּראַך ספּריט־נע און קוועקזילבערדיק, אָבער נישט חכמה־זאָגעריש.

אָט־די לעבעדיקע פאָלקסטימלעכקייט דאַרף מען קענען אויסטיילן פון אונדזער פלעגמאַטישער טענדענץ צו צאינה וראינהדיקייט, צו פאַרטייטש־חומשן אונדזער יידיש, צו מאַכן פון אונדזער לשון אַ מענה־לשון. אמתע פאָלקסטימלעכקייט דערהאַלט אַ שפּראַך ביים לעבן, אָבער טוביה דער מיל־כיקערס גראַטעסק קען אונדז אייביק נישט דינען, ווייל מיר מוזן זיך דער־נענטערן צו דער העכסטער מאָס פון אויסדרוק. אונדזער לשון דאַרף אָפּשפּיג־לען די אַנטוויקלונג, דעם אָפּקלייב און דאָס אינטעליגענטישע און אייגנאַר־טיקע טראַכטן פון אונדזער אייגענעם דור.

.1959

מחשבות וועגן קריטיק

פאַראַן ביי אונדז קיין עין־הרע אַ גאַנץ היפּשע צאָל שרייבערס, וואָס שרייבן קריטיק, און דערפאַר קען מען זאָגן אַז מיר זענען רייך אין קריטיקערס. די קוואַליפיקאַציעס פאַר אַ קריטיקער זענען נישט מי־יודע וואָס פאַראַ שטרענגע, מוז מען דערפאַר אָננעמען אַז די אַלע וואָס לערנען זיך אויף יענעמס שרייבערישער באַרד שערן, געהערן צו דער קריטיק־בראַנזשע, אַפילו ווען דאָס איז בלויז אַ זייטיקע אָדער קעגנזייטיקע באַשעפטיקונג. דאָס הייסט — דו מיך היינט, כדי איך דיך מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן. ווייל איז דעם וואָס האָט אין דעם פאַל דאָס לעצטע, אָדער לעצטערע וואָרט, ווייל ער ווייסט כאָטש ווי אַזוי צו האַלטן די שער און וויפל יענעם אַריינצושניידן. פאַראַן אָבער אויך ביי אונדז ריינע קריטיקערס, אַזוי צו זאָגן, וואָס פאַרנעמען זיך נישט מיט קיין שום אַנדער זייטיקער מלאכה.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, קען מען צוזאַמענשטעלן אַ גאַנצע פיינע עדה קריטיקערס, וואָס זאָלן אויסהאַלטן די פּראָבע לכל הדעות. וואָלט מען אַמאָל זיך באַדאַרפט צוזאַמענריידן מכוח אַ קאָדעקס פון אויפפירונג, אַ מין שולחן־ערוך פאַר אַ קריטיקער. נישט וואָס ער מעג שרייבן אָדער וואָס ער טאָר נישט — דאָס וואָלט שוין חלילה געהייסן צענזור, און אַ קריטיקער, ווייסן מיר דאָך ווויל, מעג אַלץ. קיין מ ע ג זיינער איז נישט באַגרענעצט. ער איז דער אוחז־ביד, ער האַלט יענעמס בוך אין האַנט, האָט ער שוין ממילא דעם היתר אויף פרייען אויסדרוק. דער עיקר איז — ער מעג רעגיסטרירן זיין איינדרוק אָן שום אויסדרוק־באַגרענעצונג.

דאָך וואָלט זיך געבעטן צו דערמאָנען דעם קריטיקער אין דעם — את נפשו שמור. כ׳האָב עס שוין אַ סך מאָל געטייטשט, אַז אַ קריטיקער מעג כאָטש געדענקען דאָס וואָס מען האָט אָנגעזאָגט דעם שטן, אַז אַפילו ווען ער דערלאַנגט יענעם אין דער זיבעטער ריפּ, מוז ער אָבער היטן יענעמס נשמה. איז אָבער די צרה, וואָס שרייבערישע נשמות זענען געוואַלדיק עלאַסטיש און מען קען נישט טרעפן אין ריפּ און דערביי נישט פאַרטשעפּען די נשמה, וואָס דעקט־צו ווי אַ צעלאָפאַן דעם גאַנצן שרייבעריש סענסיטיוון גוף.

ס׳פעלט אַ פּשוטער קאָדעקס פאַר דעם קריטיקער, נאָך איידער ער נעמט זיך צו דער מלאכה. וואָס הערט זיך, למשל, וועגן שרייבן אַ קבלה אויף אַ בוך? איז אַ קריטיקער מחויב צו ענטפערן, אַז ער האָט דאָס בוך באַקומען?

די פּאָסט אַרבעט מער־וויניקער נישקשה, און מען קען אָננעמען, אַז ווען מען שיקט אַ בוך אויף אַ ראַיעלן אַדרעס, באַקומט מען אים. פון דעסטוועגן, האָבן מיר דאָך שוין דערמאָנט, אַז שרייבערס זענען בטבע סענסיטיוו, זיי ווילן דווקא זיין טאָפּלט־זיכער. גוט וואָלט, פאַרשטייט זיך געווען, ווען מען זאָל שיקן יעדער בוך רעגיסטרירט און פאַרשפּאָרן אַ סך פּלאָנטערניש. אָבער דאָ האַנדלט זיך גיכער אין דער עטיקעט גופא, מוז דער קריטיקער שיקן אַ קבלה, אָדער זיין פּראָפּעסיע באַפרייט אים שוין ממילא פון אַזעלכע רוטינעס.

היות, יעדער שרייבער איז פּאַקטיש דעם צווייטן שרייבערס קריטיקער, מעג מען אָננעמען אַז ס׳פּאָדערט זיך אַ שטיקל קוויטירונג פאַר דעם קוויט־ווערן צווישן קאָלעגן, דאָס הייסט פאַר באַקומען די מאַכט איבער אַ חברס אַ בוך. פרעגט זיך ווידער אַ קשיה, וואָס דאַרף מען שרייבן אין דער ערשטער קבלה? דאַרף מען שרייבן און אָפיציעל — את ספרך קבלתי, אָדער מען דאַרף שוין געבן דעם שרייבער אַן אַדערויף אויף דער קריטיק — אַ מין מיניאַטור־קריטיק, וואָס איז אַ מין התחיבות, אַז די אמתע באַמבע קומט ערשט.

זאָל טאַקע דער קריטיקער זיך אויסשעפּן אין דעם קבלה־בריוו און געבן אַ מוסטער־קריטיק, אָדער ער איז מחויב צו זיין איידל און עלעגאַנט? אויף ווי וויט דאַרף בכלל שטימען די קריטיק פון בריוו מיט דער שפּעטערדיקער אמתער קריטיק. כ׳האָב שוין געהערט ווי שרייבערס באַקלאָגן זיך, אַז דער קריטיקער האָט געשריבן אַ וואַרעמען בריוו, ווען ער האָט באַקומען דאָס בוך, אָבער פון זיין קריטיק האָט שפּעטער געבלאָזן אַ צפון־ווינט.

פאַרלאַנגט טאַקע דער שרייבער אָט די אַבסאָלוטע ערלעכקייט, אַז אַזוי גלייך ווי מען באַקומט דאָס בוך, זאָל דער קריטיקער לאָזן וויסן דעם שריי־בער, אַז דאָס בוך איז נישט קיין גרעאָטנס. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ בריוו אַן אינטימער שמועס צווישן צוויי מענטשן, און ס׳מוז דאָך זיין אַ שטיקל חילוק צווישן דעם וואָס מען זאָגט יענעם אין אַ בריוו, און צווישן דעם וואָס מען שרייבט עפנטלעך אין אַ קריטיק.

קען מען אָבער דאָס פשטלען דווקא פאַרקערט. פאַרוואָס זאָל דער קבלה־בריוו נישט זיין אַזוי אויפריכטיק און פייערדיק ווי דער קריטיקער וויל נאָר, ווייל קיין זייטיקע מענטשן זענען דאָך נישטאָ דערביי, אָבער ערשט די קרי־טיק דאַרף זיין אַ פאַרזיכטיקע, אַן אָפּגעהיטע, אַ צאַרטע און אַ געוויגענע, כדי נישט צו באַליידיקן יענעם בפרהסיא. זאָל דער קריטיקער, אין אַנדערע ווערטער, זיך אויסשטורעמען און זיך אויסברוטאַליזירן אין דעם קבלה־בריוול, כדי ער זאָל אין דער עפנטלעכער קריטיק קענען זיין דער קילער באַטראַכ־טער, וואָס דאַרף שוינען דעם מענטש, און נישט דער קאַלטער מערדער, וואָס האָט אינזינען בלויז דאָס בוך.

ווי מיר זענען זענען דאָס אַלץ פּראַגעס פאַר אַן אויסגעאַרבעטער פּראָ־פעסיאָנעלער עטיקעט. די קריטיקערס וואָלטן זיך באַדאַרפט צונויפריידן וועגן די אַלע שייכותדיקע ענינים, אַרום דער קריטיק. אפשר איז גאָר אַ קריטי־קער מחויב פריִער פון אַלץ צו געבן אַ שבועה, ווי אַ געענדיקטער דאָקטאָר, אַז ער וועט טאָן אַלץ, כדי יענעם צו היילן, און ער וועט נישט הרגענען באַ־וווסטזיניק. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ קריטיקער זיך מטפּל מיט טיפע מענטש־לעכע געפילן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט האַרץ און נערוון. פאַרוואָס זאָל נישט געשאַפן ווערן דעם קריטיקערס שבועה, אָדער דער נדר וואָס ער דאַרף נעמען אויף זיך, איידער ער הייבט אָן צו פּראַקטיצירן זיין סכנות־נפשדיקע פּראָפעסיע?

איך האָב אייגנטלעך באַשלאָסן נישט צו ריידן וועגן דער קריטיק גופא, נאָר וועגן דער עטיק פון דער שוין־געשריבענער קריטיק. מיר האַלטן ביים ערב, ביי די הכנות צו דער קריטיק, וואָס פאָדערן אויך, ווי מיר האָבן געזען, אַ רעגולאַמין, אַן אָנגענומענע „קאָנסטיטוציע". איז אַ קריטיקער אַ ל צ־ד י נ ג, אַזוי צו זאָגן, אַ כל־בו, וואָס קען אַלץ אין דער וועלט און זיין מבינות איז אין לשער? מען רעדט שוין נישט וועגן פּאָעזיע, פּראָזע און וויסנשאַפט — דאָס האָבן שוין קריטיקערס אָנגענומען מקדמונים, אַז אַ קרי־טיקער איז מחויב און איז קוואַליפיצירט צו קריטיקירן אַלע צווייגן פון שריי־בעריי. ס׳רעדט זיך, למשל, וועגן אַ בוך איבער טעאַטער, טאַנץ, אַ קינסט־לערס אַלבום פון רעפּראָדוקציעס, אָדער אַ בוך איבער מוזיק.

ביי אונדז זענען אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן די קעמערלעך, צווישן די אַלע ספּעציאַליזירטע זאַכן. אַ ייִדישער קריטיקער באַקומט אַלערליי ביכער, און אַז ער שרייבט נישט וועגן זיי, איז ער אַן אָנזעצער. ער טאָר זיך נישט פאַרענטפערן, אַז ס׳איז נישט זיין געביט, אַז ער פאַרשטייט נישט. דער מחבר פון דעם ספּעציאַליזירטן בוך האָט נישט קיין געדולד אויסצוזוכן דעם פּראָ־פעסיאָנעלן מבין. ער וויל זיך נישט לאָזן אויף אַ משה־זוך־מיך־עקספּעדיציע. נעמט ער אָן, אַז אַ בוך איז אַ בוך, און אַז אַ בוך געהערט דערפאַר צום גע־וויינלעכן קריטיקער.

אָט האָב איך נישט לאַנג צוריק באַקומען אַ בוך מיט חידות. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער טרעפער פון רעטענישן. כ׳בין זיכער נישט קיין מבין אויף דער קוואַליטעט פון אַ חידה. איך האָב געכאַפּט און געשיקט אַ קבלה אויף דעם בוך, אָבער דער מחבר האָט גלייך געענטפערט מיט אַ קלאָרן אָנוויז, אַז ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער קריטיק. זיץ איך און שאַרף זיך דעם מוח אויף די חידות — אולי, אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען. מיט אַ צייט צוריק האָב איך באַקומען אַ בראָשורע, וואָס האָט מיר

אויסגעזען, איידל גערעדט, אַביסל פרעמדלעך. ס׳איז געווען אַ ייִדישע בראָשורע פון אַ ייִדישן דאָקטאָר, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע אויפקלערונג, וועגן אַן אינסטרומענט אָדער אַן אַפּאַראַט, וואָס ער האָט דערפונדן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט, אויף וויפל איך האָב געכאַפּט, מכוח אַ גאַנצער איבערקערעניש ביים דורכפירן אַן אמת ייִדישלעכע ברית־מילה, וואָס זאָל אי זיין וויסנשאַפטלעך אי מצווהדיק. דאָס ביכל איז געווען אויטאָגראַפירט. דער דאָקטאָר האָט בפירוש געלויבט דעם קריטיקער מיט אַלערליי שבחים און זיך געזעצט וואַרטן אויף דער קריטיק.

פעלן דערפאַר די דינים און פאָרשריפטן פאַר דער פראָפעסיע, וואָס פאַראַ ביכער געהערן געזעצלעך צו דער בראַנזשע און וועגן וואָסערע ביכער מעג מען נישט שרייבן, און מען זאָל דאָך דערפאַר נישט הייסן קיין באַנקראָטשיק. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז אַפילו ביי אונדז דערשיינען אַזויפיל ביכער, אַז דער קריטיקער קען זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן. אויב ער זאָל איינפירן דעם פריער און שפעטער, וועלן אַ סך ביכער פאַרלעגן ווערן. אַ סך ביכער וועלן ממילא מוזן פאַרלעגן ווערן, פרעגט זיך דערפאַר אַ נייע קשיה, האָט דער קריטיקער אַ רעכט אויסצוקלייבן, מעג ער פאָלגן זיין אייגענעם געשמאַק און שרייבן וועגן דעם וואָס אים נעמט; מעג ער בכלל פאָלגן זיין שטימונג און זיך צוקלייבן אַ בוך צום קריטיקירן, אָדער ער מוז זיין שטרענג־אָרטאָדאָקסיש און זאָגן אַז אַלע ייִדישע ביכער זענען ביכער, וואָס מוזן קריגן אויפמערקזאַמקייט, און אַז ס׳מוז גיין לויט אַ שטרענגן „נעקסט״, וואָס מען קען קיינמאָל נישט אָניאָגן.

פאַראַן גאַנץ גוטע ביכער, וואָס פלעפן אַמאָל דעם קריטיקער און וואַרפן אויף אים אַ גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע. נעמען מיר, למשל, — אַ גאַנץ גוט בוך פון אַ באַקאַנטן שרייבער, וואָס איז שוין גענוג אַרומגעקריטיקירט געוואָרן פון אַלע זייטן; זיין ניי בוך גיט אפשר גאָרנישט צו צום געשטאַלט פון דעם גוט־באַקאַנטן שרייבער — איז דערלויבט אַרויסצונעמען פון דעם וואַרטנדיקן „נעקסט״ אַ פריש בוך פון אַן אָנהייבער, וואָס איז פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ העק, אָדער בכלל אָפּגעריסן פון חברים־שרייבערס? מעג מען שרייבן וועגן אַזאַ בוך וואָס גיכער, און אים דערמיט שיקן אַ דערמוטיקנדיקן גרוס, שוין דערמיט אַליין וואָס מען האָט זיין בוך באַמערקט און אויפגענומען? דער עלטערער גוט־באַקאַנטער שרייבער איז שוין גענוג געזאַלבט געוואָרן, זיין ניי בוך איז, קען מען זאָגן, לא מעלה ולא מוריד, אָבער דעם אָנהייבערס בוך, ערגעץ אין אַ לאַטיין־אַמעריקאַנישער רעפּובליק, איז אַן ערשטער טראָט, דאַרף מען אים אפשר אַרויסנעמען פון דער ריי און אים נישט לאָזן וואַרטן?

איז דער קריטיקער בכלל באַרעכטיקט צו זיינע אייגענע שטימונגען? פאַראַן אַמאָל ביכער וואָס סטימולירן אים צו שרייבן, אַפילו ווען זיי זענען שלעכטע ביכער. זיי רופן אין אים אַרויס אַסאָציאַציעס און ס׳ווילט זיך זעם קריטיקער זיי אויסדריקן אין אַ שעפערישער פאָרם. פאַראַן אָבער אַמאָל גוטע ביכער, וואָס פאַרטשעפּען נישט דעם ספּעציעלן קריטיקער. זיי רעגן אים נישט אָן און רעגן אים נישט אויף. איז דער קריטיקער אַ געשווירענער פאַרצייכענער, וואָס מוז אָנזאָגן דער וועלט, אַז ס׳איז דערשינען איגרעקס בוך, אָדער קען ער זיך זיין אַן אָפּקלייבער, נישט וואַרפנדיק דערמיט קיין שום חשד אויף דער קוואַליטעט פון די ביכער, וואָס האָבן אים ספּעציעל נישט אָנגערעגט. דאָס מיינט, אַז נישט קריטיקירטע ביכער קענען זיין זייער גוטע ביכער, וואָס וואַרפן אָבער אַרויף אויף אַ קריטיקער אַ טיפע לאַנגווייל. בעת אַביסל ערגערע ביכער קענען אים גאָר אויפלעבן און ביי אים עפענען אַ צאַפּן פון זיין אייגנס, אַפילו ווען ס׳איז געשריבן אויפן „רוקן״ פון עמעצנס בוך.

דאָ אַנומלט האָט דער גוטער חבר מאַנגער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ראובן אייזלאַנדן האָט טיף געקרענקט, וואָס מען האָט נישט גלייך געשריבן וועגן זיינע מעמוּאַרן. ס׳איז געווען דאָס זכרונות־בוך וועגן די „יונגע״ און ס׳וואָלט געווען נאַיוו צו גלויבן, אַז אייזלאַנד האָט מעשה־אָנהייבער געפּלאָטערט און געצאַפּלט וואָס מען דערזעט נישט גלייך זיין בוך. בעט זיך טאַקע דאָ־אָ אַ פרישע קשיה, ווען ווערט אַ בוך אַלט־געבאַקן, און ווי גלייך מוז מען רעאַגירן אויף אַ דערשינענעם בוך? איז טאַקע דאָ נישט לאַנג עמעצער אַרויסגעקומען מיט אַ קאַלטבלוטיקער באַשולדיקונג, אַז די קריטיק האָט ממש געהרגעט אַ שרייבער, ווייל ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך און די קריטיק האָט אים געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן, אַז ער האָט זיך ממש נישט געקענט דערוואַרטן.

אויב ס׳האַלט שוין ביי אַזעלכע שרעקלעכע באַשולדיקונגען, זעען מיר דאָך, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט איינצופירן אַ שטיקל לאָדעקס, אַן עטיקעט אין דער קריטיקער־בראַנזשע. אַן אמתע קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל פונדאַמענטאַל פּסקענען, ווי אַזוי אַ קריטיקער דאַרף זיך נוהג זיין, כדי ער זאָל זיין אַן עטישער פּראַקטיקאַנט פון זיין אייגענער פּראָפעסיע, וואָס ברענגט אים, מילד גערעדט, אין צוזאַמענשטויס מיט מענטשן און מענטשלעכע געפילן.

ס׳איז מעגלעך אַז נישט־קריטיקערס, גלאַט שרייבערס דאַרפן אויך צווישן זיך לאָזן אויסקריצן עטלעכע דיברות, אָדער אָננעמען אַ שטיקל עטיק אין באַציִונגען מיט דער קריטיק. וויפל און וואָס מעגן זיי דערוואַרטן פון קריטיקער, און ווי ווייט קען מען גיין מיט פאָדערונגען צו אים? וויפל דערמאָנונג־בריוו מעג מען שרייבן צו קריטיקער, און ווען און אונטער וואָסערע

אומשטענדן מעג מען אים ווערן אַ דם־שונא? מעג מען צושטיין צו אַ קרי־טיקער און אים ממש צודריקן צו דער וואַנט, אַז ער מוז שרייבן, און, פאַר־שטייט זיך, דעם הייליקן אמת, און שפּעטער אים ווערן אַ ביטערער שונא, ווייל דער קריטיקער האָט זיך געלאָזט איינריידן און ער האָט נאָכגעגעבן און געזאָגט דעם גאַנצן אמת, אָדער וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם אמת?

אָבער איידער שרייבערס וועלן איינפירן צווישן זיך אַ שטיקל שולחן־ערוך פאַר דער ווירדיקייט פון דער פּראָפעסיע, וואָלט כדאַי געווען אַז ס׳זאָל גלייך געשריבן ווערן דער שולחן־ערוך פאַר דעם קריטיקער, פאַר זיין טאָג־טעגלעכער אויפפירונג, פאַר בעסער איינגעשטעלטע באַציונגען, און פאַר דער פאַרהיטונג, אַז ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אויף טריט און שריט. זאָל דער קריטיקער קענען אָנווייזן אויף כללים, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט „לויט האָיל״. עדמונד האָיל האָט נאָך אין אַכצנטן יאָרהונדערט רעגולירט קאָרטן־שפּיל, ווען מען זאָגט „אַקאָרדינג טו האָיל״ איז אַזוי פּעסט געפּסקנט, אַז ס׳העלפט נישט קיין אַפּעלאַציע. ווער נעמט אויף זיך צו זיין דער האָיל פון דער קריטיק, כדי מען זאָל די פיינטלעכע פּנימער ביי די קאַפּע־טישלעך קע־נען ווייזן, אַז מען האָט זיך אויפגעפירט ווי האָיל האָט געבאָטן?

סיידן קריטיק איז אַזאַ אַזאַרט־שפּיל, אַז אפילו האָיל־געזעצן וועלן נישט העלפן צו פאַרבעסערן די באַציונגען צווישן שרייבער און קריטיקער. דערפאַר האָב איך מורא, אַז דער שפּיל וועט אַ לאַנגע צייט מוזן געשפּילט ווערן אָן שום כללים. אפשר איז גאָר די בעסטע רפואה, אַז דער גאַנצער שפּיל זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

1955.

„מעשהלעך און משלים" פון נפתלי גראַס

די ראַיעלסטע קריטיק איבער דעם בוך „מעשהלעך און משלים", פון נפתלי גראַס, אַ פּראַכט־זאַמלונג פון אַ 450 זייטן, וואָלט געווען צו געבן אַ סך מוסטערן פון די פּיקחותדיקע און מאָראַלישע מעשות, וואָס דער פּיינער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון עטלעכע יאָר. ער האָט זיי פאַרזיכטיק געזאַמלט, גענומען ביים פאָלק און זיי צוריקגעגעבן צום פאָלק, נאָכדעם ווי ער האָט זיי געריייניקט פון פּסולת און געזען אַז זיי זאָלן אויסהאַלטן די אַכצן־קאַראַטיקע פּראָבע פון גוט־ייִדישקייט. אין אַ לענגערער הקדמה, אָדער „פירוואָרט", ווי דער שפּראַך־סענסיטיווער דיכטער רופט אָן זיין אַריינפיר, זאָגט ער אונדז, אַז — „די מעשהלעך אין בוך זענען ריין פון געצנדינסט און פון גוייִשקייט... נישטאָ קיין שום שפּור פון ברוטאַלער מאַכט... תורה און גוטע מידות ווערן געשאַצט און געשעצט... די תמימות פון צדיק און ערלעכן ייִד ווערן דערהויבן און באַשיינט".

נפתלי גראַס, דער איבערזעצער פון די פינף מגילות, פון „ספר תהילים" און דער דיכטער, וואָס האָט אין זיינע אייגענע לידער געזוכט דעם קלאַסישן טאָן אין פאָלקסטימלעכער ייִדישקייט, שפּראַכלעך און אינהאַלטלעך, האָט מיט די „מעשהלעך און משלים" געוואָלט פאַרגאַנצן אַן אוצר, וואָס זאָל ווייזן אַז דער ייִדישער קאָפּ און דאָס ייִדישע מויל, זענען תמיד געווען באַחנט מיט פאַרצייטישקייט. די אַלע געריייניקטע מעשהלעך זענען אין המשך פון אונדזער בעל־פּה־ליטעראַטור — פון די אגדתות וועגן אדם הראשון, ביז צו די אַמעריקאַנער ייִדישע מעשהלעך פון אונדזער צייט, אַרום די מענטשן פון אונדזער צייט.

מיר ווייסן אַלע ווי צופעליק אַן אָפּטיילונג באַווייזט זיך אַמאָל אין אַ צייטונג און פאַרשווינדט, מחמת פאַרשיידענע סיבות. אַ קאַפּריז פון אַ רעדאַקטאָר און ס'הויכט אויס דעם אָטעם צוליב דעם זעלביקן טעם. אָבער אויף דער אָפּטיילונג פון די „מעשהלעך און משלים", וואָס איז זעקס יאָר צייט געגאַנגען אין „פאָרווערטס", פינף מאָל אַ וואָך און שפּעטער דריי מאָל אַ וואָך, איז נישט חל די צופעליקייט פון איינפאַל און אויספאַל. ווער ס'איז באַקאַנט מיט גראַס' קינסטלערישער פאָלק־אינטויִציע, וועט מוזן צוגעבן, אַז וועמענס איינפאַל ס'איז נישט געווען צו נעמען זאַמלען אַזעלכע ייִדישע מעשות, איז עס אין תוך געווען אַ צוגעטראָפּענער איינפאַל, בפרט ווען דער

זאַמלער דערציילט אונדז, אַז אַ סך מעשהלעך האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז געווען אויף אַ רייזע צו זען זיין משפחה אין קאָלאָמיי און אַנדערע גאַליציש שטעט און שטעטלעך.

ביי נפתלי גראָסן פאַרבינדט זיך זיין גאַנצער דיכטערישער גאַנג מיט דעם דאָזיקן חוש פאַר פאָלקס־אוצר, פאַר זאַמלונג, פאַר דעם בעל־פה און בעל־מוח פון פאָלקס־שאַפונג, אין אונדזערע ביידע שפּראַכן. ס'איז זיכער פאַראַן אַ גרויסע קרובהשאַפט צווישן דעם איבערזעצער פון די „פינף מגי־לות", און דעם איבערגיסער און ראַפינירער פון די „מעשהלעך און משלים", וואָס אַ סך פון זיי האָט ער געזאַמלט פון פאָלקס־מויל, און וואָס די גרעסטע צאָל איז אים צוגעשיקט געוואָרן דורך צענדליקער גוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן געשאַרפט זייער זכרון און אַרויסגעקראָגן אוצרות גאַנצע, וואָס האָבן געהאַט אַ יחוסדיקייט און זיך געקניפּט און געבונדן מיט זיידעס און עלטער־זיידעס.

אָבער די ראָלע פון דעם דיכטער נפתלי גראָס איז געווען מער ווי פון אַ זאַמלער. יעדער זאַמלער איז אין תוך סיי־ווי אַ רעדאַקטאָר פון זיין מאַ־טעריאַל. ער מוז עס אַרומפּוצן און באַשיינען, אַפילו ווען ער וויל גראָד ציִען אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אַרץ, דעם רוימאַטעריאַל, דעם מינעראַליזירטן און פיל־קאָלירנדיקן אַנטיקן זשאַווער פון דורות. אָבער נפתלי גראָס איז מיט זיינע מעשהלעך און משלים געווען מער ווי אַ זאַמלער. ער האָט פשוט גע־מוזט זיין מער ווי אַן איבערשרייבער און סטיליזירער. ער איז קודם־כל גע־וואָרן אַ פאָלקס־משגיח מיט אַ גוט אויער און אַ שאַרף אויג. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים טויער פון זיין אייגנאַרטיקן מוזיי און גוט רעווידירט יעדער מעשהלע, צו זען אויב ס'איז ראוי געהערט צו ווערן, אין דער גאַנצ־קייט פון המשך, אין דער מאָראַלישער גאַנצקייט, וואָס יִדישע שאַפונג פון דורות שטעלט מיט זיך פאָר.

מיר ווייסן וויל ווי פעפערדיק, פעט און וווּלגאַר געוויסע יִדישע מעשות און וויצן קענען זיין, — אויך זיי דאַרפן אפשר געזאַמלט ווערן — אָבער גראָס האָט געזוכט אין אַלע יִדישע מעשות דעם טעם פון דער אגדתא, כדי זיי זאָלן זיך בינדן און קייטלען מיט אונדזער גרויסער אידייע פון אַ ליכט אויף דורות.

ער האָט נישט אויסגעמיטן די פּיקאַנטקייט, אויב די פּיקאַנטקייט ברענגט אַרויס די האַרץ־און־מוח־שאַרפקייט, איבערן גאַרטל.

אָבער וויכטיקער פון אַלץ, וואָס נפתלי גראָס האָט די אַלע מעשהלעך איבערגעגאָסן אין זיין אייגנאַרטיקן שפּראַך־טיגל, און ס'איז אַרויסגעקומען

אַ מאָנומענטאַלע זאַמלונג, אין אַן איבערגעזעצטן יידיש — איבערגעזעצט אויף דעם יידיש, וואָס האָט זיך נאָך איבערגענומען פון יענע דורות, ווען ס׳האָט נאָך געפּלאַטערט איבערן לשון דער חן פון תיקון, פון מתקן זיין אַ פרעמדן ניגון מיט דערהויבונג פון ביבלישער פּשטות.

אַפילו פאַר די לייענער וואָס שפּירן נישט קיין טיפן טעם אין אַ מעשה־לע, וועט די זאַמלונג זיין פון גרויס וויכטיקייט, ווי אַ שמירה קעגן פאַרוויל־דונג פון שפּראַך. אַרויסנעמען גראַס׳ בוך פון „מעשות און משלים״ און לייע־נען בלויז אַ מעשהלע אַ טאָג, איז שוין אַ שטיקל סגולה און באַוואָרעניש קעגן שפּראַך־באַרבאַריזם. נפתלי גראַס האָט דערפאַר נישט נאָר געטאָן זאַמ־לערישע אַרבעט, נאָר ער האָט די מעשות אַזוי „איבערגעזעצט״, אַז זיי זאָלן ווערט זיין צו שטיין אויף איין פּאָליצע מיט זיינע אייגענע לידער און מיט זיינע איבערזעצונגען פון תנ״ך. זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון דער אויסגע־שמידטער גאַנצקייט פון זיין לעבנסגאַנג. און ווער ס׳וויל נאָר קען זען, אַז אויך אידייאיש האָט ער געזוכט דאָס מעשהלע, וואָס גיט איבער דעם תוך פון יידישן האַרציקן טראַכטן.

לאָמיר נעמען פאַר אַ משל דאָס מעשהלע אויף זייט 77, וואָס הייסט „אַז ס׳איז ביטער — איז כשר״. די אָרעמע אלמנה קומט מיט אַ שאלה צום לאַדזשער רב, ר׳ אלי׳ חיים מייזל, מיט אַן עוף אָן אַ גאַל. ווען דער רבי הייסט די יידענע זי זאָל געבן אַ לעק צי ס׳איז ביטער דאָרט ווו די גאַל דאַרף זיין, דערציילט זי אים ליבערשט איר גאַנץ ביטער האַרץ וועגן איר קראַנק קינד, וואָס וואַרט מען זאָל אים מאַכן אַ יאַיכל פון עוף. די יידענע וויינט. אוי הייליקער רבי, שרייט זי, איז מיר ביטער!

דער רב פּסקנט כלומרשט טרוקן על פּי דין, אַז אויב ס׳איז ביטער איז עס ממילא כשר... „גייט מאַכט פאַר אייער יינגל אַ יאַיכל און דער אויבער־שטער זאָל אים געבן אַ רפואה״.

דאָס איז נישט קיין ברוטאַלער גאַלגאַן־הומאָר, נאָר יידישער גאַל־הו־מאָר. דער רב האָט דערשפּירט די ביטערקייט, פאַרבויגן אַ דין און געפּסקנט אַ שאלה. אין די פּופּצן שורות פון דעם קליינעם מעשהלע ווערט אויף אַ דראַ־מאַטישן אופן געשילדערט אַ גרויסע טראַגעדיע. ער, דער רב, איז נישט ווײ־ניקער טראַגיש פון דער אלמנה, נעמט אויף זיך אַ שווערע אחריות, ער האָט עפּעס מקיל געווען, נישט מיט לייכטקייט, נאָר פּנים אל פּנים מיט דלות און מיט אַ ביטער האַרץ.

פאַר נפתלי גראַסן איז אַזאַ מעשהלע, וואָס איז אין תוך נישט ניי און וואָס ווערט דערציילט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן, כדי אַרויסצובריינגען די עלאַסטישקייט פון יידישן דין ווען ער שטויסט זיך אָן אין דעם העכערן דין

פון יידישן האַרץ — געווען אַן אמתער אוצר, ווייל ס'איז געוואָרן אַ דימענט אין דער וואַרעמער זאַמלונג. וואָס ווייזט אַז דער העכסטער רחמים, וואָס דערקלעטערט אַזש ביזן רחמנא, פאַדערט דאָס האַרץ, אין דעם שטרענגסטן דין. גראַס האָט עס דערציילט אויף זיין שיינעם, אַלט־היימישן יידיש, מיט אַ ביבלישער שטרענגקייט, וואָס זאָגט אונדז גאָרנישט וועגן דעם רבס ביטער האַרץ, ווען ער איז דער אַלמנה אַריינגעפאַלן אין איר ביטער געוויין און געפסקנט אַ שאלה, וואָס ווען מען נעמט דעם פסק אַפילו בוכשטעבלעך, פאַרמאָגט עס אַ וועלט מיט יידישקייט — „אַז ס'איז ביטער, איז עס כשר!"

און אַזוי קען מען דרשנען אויף יעדער מעשהלע וואָס ווערט געבראַכט אין דער אָפּגעקליבענער זאַמלונג. אָבער דאָס גליק איז, וואָס די מעשהלעך בייטיקן זיך נישט אין קיין פירושים און קאָמענטאַרן, ווייל זיי דרשנען זיך אַליין.

גראַס איז גערעכט, ווי ער זאָגט אונדז אין זיין הקדמה, אַז „אַפילו די מעשהלעך וואָס שטאַמען פון די אומות העולם, פון די אַרומיקע גוייִשע שכנים... אַפילו אַזעלכע מעשהלעך זענען אין יידישן מויל געוואָרן אַזוי יידיש, אַז זיי האָבן געקראָגן אַ יידיש פנים און יידישן חן".

אין אַנדערע ווערטער, אַפילו ווען געוויסע מעשהלעך אין דער זאַמלונג זענען פון פרעמדע קוואַלן, זענען זיי דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע גלגולים, אָפּקומעניש און דערהויבונגען, ביז זיי זענען דערגאַנגען צום פאָלק און צו בפתלי גראַסן. ער האָט זיי ערשט געלייטערט און געגעבן דעם היתר, אַז זיי קענען פאַרעכנט ווערן ווי יידישע שאַפונג.

גראַס האָט קודם־כל נישט אַריינגעלאָזט קיין אכזריות, קיין מעשות פון ברוטאַליטעטן. אַפילו ווען אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד כאַפּט צען פּעטש, ווען מען באַשולדיקט אים אין גניבה, איז עס דערפאַר, ווייל ער קומט אָפּ אַ שטראָף. ער האָט דעם רבין געענטפערט — א י ך. דער מעזריטשער מגיד האָט זיין בעסטן תלמיד געוואָלט לערנען, אַז מען טאָר נישט זאָגן איך. ווען מען האָט דעם תלמיד באַשולדיקט אין גנבענען אַ זילבערנע לעפל אויף אַ חתונה, האָט ער צען מאָל געמוזט זאָגן — „נישט איך".

— זעסט, אַ מענטש טאָר נישט זאָגן — איך. פאַר איין מאָל זאָגן איך — האָסטו צען מאָל געמוזט זאָגן נ י ש ט א י ך, און נאָך קריגן צו דער־צו צען פּעטש.

די פּעטש זענען דאָ נישט לשם אַרויסווייזן ברוטאַלן כוח, נאָר צו לערנען מוסר און הנהגה, צו לערנען דעם תלמיד, אַז ער מוז פאַרגעסן אין דעם אייגענעם איך. אָבער תוך כדי דיבור קומט אַן אַנדער מעשהלע פון חפץ חיים וואָס לערנט אונדז, אַז צופיל פאַרגעסן דעם אייגענעם איך, איז נישט תמיד

אַ גרויסע מעלה. דער חפץ חיים איז טועם דעם באַלעגאָלעס בייטש, ווייל ער זאָגט אויף זיך אַליין, ווען מען דער באַלעגאָלע קען נישט, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ צדיק. דער חפץ חיים טרייסט שפּעטער דעם דערשראָקענעם באַלעגאָלע:

„איך בין ווערט געווען די בייטש, וואָרן לשון הרע טאָר מען אַפילו אויף זיך אַליין אויך נישט ריידן".

און אַזוי קען מען האַלטן אין איין ציטירן פון דער רייכער זאַמלונג. אַ מעשהלע פון דערהויבענער תמימות איז דער רבי וואָס לייזט דאָס שווערע פּראָבלעם פון דער געוווינהייט צו רויכערן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שווערע מעדיצינישע חלוקי־דעות אין אונדזער צייט. דער גביר זאָגט דעם רבין, אַז ער רויכערט דערפאַר, ווייל אַז ער כאַפּט אַן איבעריקן ביסן ווערט אים אַביסל לייכטער פון רויכערן. דער אָרעמאַן רויכערט, ווייל ער דערעסט נישט און דאָס רויכערן „פילט אויס דעם נישט־דערעסענעם ביסן".

זאָגט דער רבי: „רבונו של עולם! ווען דער רייכער וואָלט זיין איבעריקן ביסן געגעבן דעם אָרעמאַן, וואָלטן זיי דאָך ביידע נישט געדאַרפט רויכערן".

כ׳האָב בכיוון נישט אָנגעגעבן די זייטן־נומערן פון די דאָזיקע מוסטער־מעשהלעך, און אין בוך גופא איז בלויז פאַראַן אַן אַלגעמיינע פאַרצייכעניש פון די גרופּן און נישט פון די באַזונדערע מעשות, מיט זייערע אָנצייענדיקע נעמען, ווייל כ׳וויל אַז מען זאָל דאָס מערקווירדיקע בוך מישן און לייענען, ווייל אויף יעדער זייט געפינט מען אַ קורץ מעשהלע, וואָס קען איבערדער־ציילט ווערן. פּונקט ווי דאָס בוך איז פאַקטיש קאָלעקטיווע שאַפונג, איז עס אויך אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל פאַר קאָלעקטיוון און בציבורדיקן לייענען. אַז מען לייענט איבער אַ שיין מעשהלע מיט אַ צוגעשפּיצטן מוסר־השכל, קען מען עס סיי־ווי נישט האַלטן פאַר זיך, נאָר מען מוז זיך טיילן מיט הויזגע־זינד און פריינט. און טיילן זיך מוז מען, ווייל דער זאַמלער און משגיח, דער דיכטער נפתלי גראָס, האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז ס׳זאָלן זיך נישט אַריינגנבענען קיין „פּיסטע" מעשות. דער שלעכטער גביר, דער קמצן, וואָס שטייט־אויף אינדערפרי, ערב פּסח, און טרייסלט אויס דעם חמץ פון זיינע קעשענעס, כאַפּט גלייך אַ פּסק פון ר׳ אייזיל חריף, אַז — „אומזיסט די האָרעוואַניע, גביר. איר זענט פּטור פון לופטערן די קעשענעס פון אייערע מלבושים, ווייל איר זענט אַ ייד בלויז ביז דער קעשענע". ווידער אַ קורץ מעשהלע, מיט אַ גרויסן מוסר השכל, אַ טיפן באַנעם פון יידישקייט און שאַרפער קריטיק אויף די מויל־יידן, וואָס זייערע הענט דערקריכן נישט צו דער קעשענע.

ס׳וואָלט נישט געווען קיין גאַנצע קריטיק, ווען איך זאָל נישט געפינען אַ שטיקל חסרון אויך. די מעשות און אַנעקדאָטן אַרום מענטשן פון אונדזער

צייט פאַרנעמען בלויז אַ 14 זייטלעך אין בוך. אין אַנדערע ווערטער, די דריי מאָדערנע גרופּן — „סאָציאַלע מאָטיוון״, „שרייבער און אַרבעטער־פירער״, „אַמעריקאַנער יידישע מעשהלעך״, פאַרנעמען אינגאַנצן פערצן זייטלעך. דאָס איז אַ שטיקל חסרון. ווייל אויך אין די מעשות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין אונדזער צייט, האָט גראָס געקענט קריגן גענוג המשך־באַווייזן און געפינען גענוג מוסר השכלס, וואָס זאָלן זיך קייטלען מיט די מעשות פון אַמאָליקע גוטע יידן. אַזעלכע מעשהלעך, ווי ס׳ווערן דערציילט אין בוך, פון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וולאַדעק, אָדער דעם אייגבינדער ראַפּאַלאָווסקי, האָט גראָס געקענט אָנשעפּן איבערגענוג, און דערמיט אויסגלייכן אונדזער מאָדערנע מאָראַל־שפּינונג, מיט די פּאַרצייטישע יידן.

נאָך עפּעס: גראָד צווישן די דאָזיקע מעשות, וואָס ער האָט יאָ געבראַכט, געפינען זיך עטלעכע, וואָס האָבן נישט פאַרדינט מען זאָל זיי אַרייננעמען אין דעם שטרענגן אָפּקלייב; ווי למשל, אַ „שיינער ייד״, אָדער דער „חשבון שטימט״, ווייל זיי זענען מעשהלעך מיט גאָר אַ סך שעטנז. ווי אַ באַווייז אַז מען האָט געקענט געפינען מידות־מעשהלעך אויך וועגן מענטשן פון אונדזער צייט, וויל איך ברענגען אַ ביישפּיל פון אַ באַקאַנט מעשהלע וועגן דעם דיכטער אברהם משה דילאָן, וואָס האָט געזאָגט אַז אַ ייד דאַרף שטאַרק אָפּהיטן דעם לא תרצח, אונטער אַלע אומשטענדן. ווען מען האָט אים דערמאָנט אין שוואַרצבאַרדן און אין זיין קויל וואָס האָט אָוועקגעלייגט דעם כלב פּעטלוראַ, האָט דער דיכטער דילאָן וואָס איז געווען געוווינט צו ריידן אין שרייבערישע טערמינען באַמערקט, אַז אַפילו ווען ער וואָלט שוין געשאָסן אַזאַ רוצח ווי פּעטלוראַ, וואָלט ער אים געשאָסן, נישט אונטער זיין אייגענעם נאָמען דילאָן, נאָר... אונטער אַ פּסעוודאָנים.

אַזעלכע מעשות פון אונדזער צייט האָט דער דיכטער גראָס געקענט געפינען לרוב, כדי צו דערפירן זיין מאָנומענטאַלע זאַמלונג פון „מעשהלעך און משלים״, ביז צו אונדזערע טעג. אָבער דאָס וואָס איז יאָ דאָ אין בוך, איז אַזוי געזיפּט און געקליבן, גערייניקט און דערהויבן, און דער עיקר דערציילט אין זעטיקן יידיש, אַז דאָס בוך איז ממש אַ מוז אין יידישע הייזער.

דער באַקאַנטער סקולפּטאָר חיים גראָס, אַ ברודער פון נפתלי גראָס, האָט דאָס בוך באַשיינט מיט יידישע צייכענונגען, וואָס זענען אילוסטראַציעס צו גראָס׳ זכרון־אוצר — די יידן פון זיינע „שטעטלשטעט״. אין די דאָזיקע צייכענונגען ווייזט חיים גראָס אַרויס איבעראַשנדיקע דערפינדערישקייט.

1955.

אַ נאָטיץ וועגן די געזאַמלטע לידער פון נפתלי גראָס

דער פראַכט־באַנד פון נפתלי גראָס׳ בוך — „לידער״ וואָס די אַלמנה זיינע, זינאַ גראָס, האָט אַרויסגעגעבן, ווייזט אונדז דעם גאַנצן דיכטערישן שפּאַן פון דעם פרי־אַוועקגעריסענעם פּאָעט — פון זיינע „פּסאַלמען״ אין 1919, ביז צו די סאַמע לעצטע לידער, וואָס זענען פריִער אין קיין בוך נישט געזאַמלט געוואָרן. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַ סך ליבשאַפט און אָפּגעגעבנקייט און האַלט קנאַפּע 500 זייטן. אין די לעצטע 30 זייטן האָט דאָס וואָרט דער גרויסער וואַכמייסטער אונדזערער, יעפים ישורין, מיט אַ ברייטער ביבליאָגראַפיע, וואָס אין איר גאַנצקייט איז זי כמעט ביאָגראַפיש.

שרייב איך דאָ נישט קיין אָפּהאַנדלונג איבער די זיבן לידער־ביכער וואָס זענען, מיט קליינע אויסלאָזן, אַריין אין דער זאַמלונג; כ׳רעכן די צוויי סעריעס פון די „לעצטע לידער״ פאַר צוויי באַזונדערע ביכער. די לעצטע לידער זענען געשריבן געוואָרן צווישן 1938 און 1956, דאָס יאָר ווען נפתלי גראָס איז פון אונדז אַוועק. מיר איז שווער, בין איך זיך מודה, אַריינצוקומען אין דעם אינעווייניק פון די באַרויִקטע לידער, וואָס מ׳וועט אפשר קענען בעסער אָפּשאַצן אין אַ צייט, ווען ס׳וועט מעגלעך זיין זיי בעסער אויפצונעמען און דערהערן. נפתלי גראָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך געקענט גאַנץ שטאַרק צעהיצן און זיך אויפרעגן. זיינע גרויסע פלאַקערדיקע אויגן האָבן אין אַזאַ צושטאַנד געשאָסן מיט פייער, אָבער צו זיינע לידער איז ער געקומען אַ געמעסיקטער, אַן אַריינגעטוענער אין שורה און וואָרט.

אַלע פּאָעטן האָבן ליב די שורה מיטן וואָרט, אָבער ער האָט געהאַט געוואַלטיקן אָפּשיי פאַר די לידער זיינע. אין זיי האָט ער זיך נישט געקריגט און מיט זיי האָט ער זיך נישט געקריגט. ער האָט געמאָסטן דאָס קול זיינס און נישט גערעדט קיין הויך וואָרט, נישט אַנטקעגנגערעדט זיינע לידער. ווען כ׳זאָל נוצן אַ היינטיקן אויסדרוק, וואָלט איך געזאָגט, אַז מיט די לידער זיינע האָט ער זיך טראַנקוויליזירט. טאָמער האָט ער יאָ געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל אָדער אַ געשריי טאָן, האָט ער עס אַרויפגעלייגט אויף זיין לעגענדאַרישן רויבער דאָבוש.

מיט זיין אַלט־פרענקישן חבר־יִדיש איז ער אויסן געווען נאָך מער אייבצורויקן דאָס געמיט פון זיינע לידער. אין זיין בוך האָב איך בלויז געפונען

אין פערזענלעך־אויסגעשריגן ליד, צווישן זיינע „לעצטע לידער" — „אַ צייט ווען ס'ווערן גרונטפעסטן צעשטערט".

פון אומעטום — אַ וואַרטן און אַ בעטן,
דער טאָל פון טויט גייט אויף מיט אַ געוויין און קלאָגן
נאָר זיי, זיי זיצן שפּעט און זיצן ביז פאַרטאָגן,
און לאָזן ווילגיין זיך ביי שמויזן און באַנקעטן.
די לאָמפּן בליצן און די זינגערס לידלען,
מען רעדט, ווי איטלעכער וואָלט איבן זיך אין לשון,
מע דינגט זיך, ווער ס'זאָל געבן וויניקער דעם גראָשן,
פאַר די וואָס זייער לעבן ווערט פאַרלאָשן.

נפתלי גראָס איז דאָ געווען אין כעס, און ער האָט נישט אַזוי געשוינט די מאָס פון זיין ליד. ער האָט, אַחוץ זיין ליד, אַליין אויך דאָ געוואָלט קומען צום וואָרט. זיינע אַלע לידער פאַרמאָגן אַ סך שטילע שיינקייט און גוטע ריט־מישע רייד. גראָס האָט אָבער צופיל דרך־ארץ פאַר זיי. ער קומט מיט אוי־סערגעוויינלעך גוטע מאַניערן, אין וויינגאָרטן פון זיין ליד.

דערפאַר זאָג איך, אַז אין אַ רויִקער צייט וועט מען זיך בעסער קענען איינהערן אין דעם ביבליזירטן טאָן פון זיינע שורות. אָנגעהויבן האָט גראָס מיט „פּסאַלמען" און פסוקים און פון אָט דעם געמיט איז ער כמעט קיינמאָל נישט אַוועק. ער האָט עס אָפּגעהיט, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די צוויי דאָמינירנדיקע איינפלוסן פון זיין דור — מאַני לייב און מ. ל. האַלפּערן. די דערמאָנענדיקע חדר־טענער האָט ער געהאַלטן פאַר זיין אייגנס, דערפאַר האָט ער עס אויסגעזונגען און כמעט מעביר געווען אין אַלע זיינע לידער.

שוין אין 1920 איז מיר שווער געווען שלום צו מאַכן מיט זיינע איינ־געררויִקטע לידער און כ'האָב זיי אומעלעגאַנט צוריקגעוויזן (אינזיך, פעברואַר 1920) מיט ייִנגלשער איראָניע. גראָס איז דערפאַר מיט מיר הייס־ברוגז גע־ווען אַ לאַנגע צייט. אָבער ווען כ'בין אַמאָל געקומען קיין פילאַדעלפיע, ווו ער איז דעמאָלט געווען אַ ייִדישער לערער, און כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אָרעמער ייִדישער רעסטאָראַציע אויף סאַוט פינפטער גאַס, האָב איך אים געטראָפן אַן איינזאַמען ביי אַ טישל. די באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַציע, אַ ברייטע ייִדענע, איז געזעסן מיט אַן אמתן, גרויסן פּאָפּוגיי — נישט אַ ליליי־פוטישער צוציק, אַ פאַראַקיט — אויף איר לינקן אַקסל, און איינגעזונגען מיט אים — „אוי יאָסל, דו פאַרסט אַוועק, אוי, יאָסל, דו פאַרסט אַוועק". ווען נפתלי גראָס האָט מיך דערזען אין דער פאַרוואָרפענער אָרעמער איינ־זאַמקייט, האָבן מיר, אַקאָמפּאַנירט פון דעם פּאָפּוגייִשן קופּלעט־דועט, ביי־דע פאַרגעסן אונדזער ברוגז און ממש זיך אַרויפגעפאַלן אויף די העלדזער.

פון דעמאָלט זענען אַריבער 35 יאָר און אָט ליגט פאַר מיר דער דיכ־טערישער ספר־החיים פון נפתלי גראָס, אַן איינגעזאַמלטער — איינגעזאַמלט מיט די אבות פון דער ייִדישער פּאָעזיע. גראָס האָט מסוכן ליב געהאַט דאָס ייִדישע וואָרט און דאָס ייִדישע ליד, און אין די טעג פון צער האָט ער זיך באַזעצט אין זיין נישט־פאַרשניטענער שטאָט („דאָס ליד פון מיין נישט־פאַר־שניטענער שטאָט״, זייט 413), ווו ס'האָט געוווינט זיין גאַנצע וואָרט־נאָענטע משפּחה, צוזאַמען מיט געבענקטע פאַרשווינען פון זיין קינדהייט. אין דער נישט־פאַרשניטענער שטאָט וווינען משה לייב און מאַני לייב, אברהם משה (דילאָן), פּרץ הירשביין, ראָלניק, רויזענבלאַט, לייוויק, לעיעלעס און ס'איז פאַראַן אַפילו מער ווי אַ רמז אויף מיר.

וועל איך פאַרענדיקן מיין נאָטיץ מיט אַ פיר פּערזן פון דעם פּריער דער־מאָנטן ליד, וואָס ווייזט ווי חבריש נפתלי גראָס האָט געראַטעוועט זיינע מיטזינגער און זיי באַזעצט אין זיין אויסגעחלומטער און טרייסטפולער, נישט־פאַרשניטענער שטאָט.

און לייוויק אויף זיין גאַנג דעם וויטן פון סיביר
טרעט אויך דאָ אָפּ. — לבנה־שיין אַריבער
די בלעך און שינדל־דעכער פון די שטיבער, —
אַ ווייטער ליכט־פלעק פאַר אַ יעדער טיר.
און לעיעלעס מיט זיינע ראָנדאָס. ווילאַנעלן —
אַ גוטע נאַכט דיר, וועלט, אַ גוטע נאַכט!
דער וועכטער אויף דעם טורעם היט און וואַכט,
און אַלע שטיבער ליכטיקן און העלן.
פון צייט צו צייט פאַרפאַרט אַהער פון וועג
דער זיידע מענדעלע, סע ווערט אַ גאַנץ גערידער.
די אָוונטן מיט מעשות און מיט לידער,
און פאַר די קינדער גליִען רענדלעך פולע זעק.
דער ניבזה־דייטש, דער פויל און דער אוקראַיִנער כאַם,
וואָס האָבן שוין געמיינט, זיי האָבן אַלץ פאַרשניטן,
זיי האָבן נישט קיין שליטה אין אונדזער מיטן.
מיין שטאָט איז אייביק, און זינגט און שטורעמט ווי דער ים.

נפתלי גראָס האָט געגלייבט, אַז יעדער איינער פון אונדז קען פאַר זיך אָפּראַטעווען די אייביקע נישט־פאַרשניטענע ייִדישע שטאָט.

1959.

די קינסטלערישע יענע וועלט

איז פאַראַן אַזאַ צושטאַנד ווי פּערמאַנענטע און סטאַבילע אומשטערבלעכקייט פאַר אַ קינסטלער? ס'הייסט אייגנטלעך, צי קומט אַמאָל אַ צושטאַנד, ווען דעם אומשטערבלעכן שרייבערס אומשטערבלעכקייט ווערט אַזוי אומבאַרירלעך, אַז קיינער פרעגט עס מער נישט אָפּ און טשעפּעט אים מער נישט, נאָר ער ליגט צעשפּרייט אין זיינע דעראָבערטע, אייביקע גיטער?

ס'איז תמיד אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן די זיגזאַגן פון אומשטערבלעכקייט, כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף וואָס פאַרא לעבן, מ'שטיינס געזאָגט, דאָס איז. אַ מאָלערס אומשטערבלעכקייט איז קודם־כל עובר לסוחר. מען קען די דאָזיקע אייביקייט שאַצן, ווייל זי ווערט גוטע וואַלוטע. היינטיקע צייטן זענען אויך פאַראַן באַרימטע מאָלערס, וואָס ווערן „אומשטערבלעך" ביים לעבן און זיי דאַרפן נישט וואַרטן מען זאָל זיי שאַצן נאָכן טויט און ספּעקולירן מיט זייער אומשטערבלעכקייט.

אָט האָט מען ערשט פאַרקויפט עטלעכע בילדער פון פאַרשטאָרבענע באַרימטע מאָלערס פאַר פאַנטאַסטישע געלטער. צווישן די בילדער איז געווען אַ קונסט־ווערק פון וואַן גאָג, וואָס האָט ביים לעבן נישט פאַרדינט קיין הונדערט דאָלער פון זיינע בילדער. היינט איז שוין זיינס אַ בילד באַלד ווערט אַזויפיל וויפל אַ רעמבראַנט. מיינט עס אייגנטלעך, אַז וואַן גאָגס אומשטערבלעכקייט איז פינאַנציעל פאַרזיכערט. מאָדיליאַני, וואָס האָט געהונגערט ווען ער האָט געשאַפן אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל זיינע אויסגעלענגערטע פּנימער, איז אויך פינאַנציעל אַן אומשטערבלעכער. אָבער, ווי געזאָגט, פאַראַן ביים היינטיקן טאָג מאָלערס, וואָס שלאָגן שוין אויס, ביים לעבן, ריזיקע אַוואַנסן אויף זייער אומשטערבלעכקייט. פאַר אַ פּיקאַסאָ אָדער אַ שאַגאַל הייסט מען זיך שוין באַצאָלן אומשטערבלעכע פּרייזן. די צוויי קינסטלערס האָבן זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט, אַז זיי שניידן ביים לעבן די קופּאָנעס פון זייער פאַרזיכערטער אייביקייט, וואָס פאַר איר צאָלט מען שוין אין די צענדליקער טויזנטער דאָלער. אַזאַ אומשטערבלעכקייט דאַרף זיך ערשט נישט דורכראַנגלען נאָכן טויט, ווייל דער געלט־ווערט פון זייערע בילדער איז אַזאַ הויכער, אַז מען וועט שוין אַזאַ אומשטערבלעכקייט נישט לאָזן פאַלן, פאַרקערט, מען וועט זי לאָזן שטייגן און שטייגן, נאָך זייער טויט.

צי ס'זענען פאַראַן ביים היינטיקן טאָג עטלעכע אומבאַקאַנטע און אומ־

באַרימבאַרע מאָלערס, וואָס וועלן אפשר אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום ווערן די וואָן גאָגס און מאָדיליאַניס פון אונדזער דור, איז זייער שווער פאָראויסצו־זאָגן, ווייל די אומגעדולדיקע בירזשע וועט מסתמא נישט דערלאָזן די קאָנ־קורענץ פון אַזעלכע אומבאַרימטע קינסטלערס.

הכלל, מען קען מער־ווייניקער שאַצן אַ מאָלערס אומשטערבלעכקייט אין דאָלאַרן. געוויינלעך געשעט עס אַז אַ מיליאָנער קויפט אַזעלכע בילדער און ער לאָזט זיי איבער בירושה זיינס אַ ליבלינג־מוזיי. דעמאָלט ענדיקן זיך די געלטלעכע גלגולים פון מאָלערס אומשטערבלעכקייט. זייער זעלטן געשעט אַז מען זאָל אַזאַ גדול איבערשאַצן ווען דער מאָלער „הענגט" ווי אַ פּריץ אין אַ טעמפּל פון אייביקייט; און אויב יאָ אַרט עס אים ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי, ווייל ער איז סיי־ווי אין אַ געזיכערטן גן־עדן. אַ מוזיקערס אומשטערב־לעכקייט איז שוין שווערער צו דעפינירן געלטלעך. די פראַגע איז, צי מען שפּילט אים נאָכן טויט. דער קלאַסישערביישפּיל פאַר לאַנגזאַמער אומ־שטערבלעכקייט איז — באַך. הונדערט יאָר איז ער געלעגן אין פאַרגעסנקייט, ביז מענדעלסאָן האָט אים געטאָן דעם חסד של אמת און אויפגעגראָבן. שו־בערט האָט אַ גאַנץ לעבן געהונגערט און זיך אַרומגעדרייט ווי אַן אמתער לאָבודרע. מען האָט אים געשפּילט, אָבער נישט געגומען צו־ערנסט. מאָצאַרט האָט אויך געהאַט אַ שווער לעבן. מיר ווייסן איצטער אַז זיי זענען אומשטערב־לעך. מען שפּילט זיי כסדר. פרעגט זיך אַ קשיה: צי לאָזט זיך אומשטערב־לעכקייט פאַרגלייכן, ווער איז אומשטערבלעכער, מאָנטעווערדי, ווען מען שפּילט זעלטן, אָדער שובערט, ווען מען הערט אָפּטער; קופּערען, ווען מען הערט איינמאָל אין אַ יובל, אָדער היידן, וועמענס מוזיק לעבט אָפּטער אויף פּראָגראַמען. ווי ס׳ווייזט אויס, אַז מען דערגרייכט אַ זאַטע מוזיקאַלי־שע אומשטערבלעכקייט, מעג זי אַמאָל איינדרימלען. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט צייט, ער קען וואַרטן ביז מען וועקט אים אויף מיט דערמאָנונג.

מוזיקערס זענען מזלדיק אַמאָל זיך צו פאַראומשטערבלעכן, מיט איין ווערק, אַמאָל אַפילו אַ קליין ווערק וואָס האָט אַנגעריסן אויף אייביק. מען האַלט אין איין שפּילן איין קאָמפּאָזיציע פון דעם פראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר ד׳אַנד, אָדער פון אַן אַנדער פראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר דיקאַ. אַרט זיי אפשר אויף יענער וועלט, וואָס מען פאַרנאַכלעסיקט זייערע אַנדערע ווערק, אָבער זיי מוזן אָננעמען זייער באַגרענעצטע אומשטערבלעכקייט וואָס איז בעסער ווי גאָרנישט.

ביים לעבן האָבן אַ סך מוזיקערס אויך געמאַכט גאָלד פון זייערע קאָמ־פּאָזיציעס, דער עיקר פון אָפּערעס. ראָסיני איז געווען אַן עושר. אונדזער אייגענער גוירשווין האָט אויך געהאַט גאַנץ שיין פּרנסה. איצטער זענען זיי

ביידע צווישן די אומשטערבלעכע. זיי ווערן געשפּילט און געזונגען. די מו־זיקאַלישע געלט־מאַכערס זענען תמיד געווען די וואָס האָבן נאָך ביים לעבן געטראָפן דעם וועג צום עולם. אָבער אַזעלכע פּאַרדינסטן זענען נישט תמיד געווען אַ גרויסע גאַראַנטיע אויף קינסטלערישן עולם־הבא, ווייל אַ סך מוזי־קאַלישע גאָלדשפּינערס שלאָפן אַן אייביקן פאַרגעסענעם שלאָף. די מאָס פּאַר אַ קאָמפּאָזיטאָרס לעבן נאָכן טויט איז פּאַרט — הערן און נישט בלויז אָפּ־קומען מיט זען אָדער מיט באַצירן אַ וואַנט.

לעצטנס זענען צוגעקומען נייע פּאַרטלען וויאַזוי אָנצוהאַלטן אָדער אויפצוהאַלטן די אומשטערבלעכקייט פון אַ מוזיקער. מען שרייבט לאַנגע מאָנאָגראַפיעס, מען לעבט זיי אויף און מען שטעלט זיי אויף די פיס, נאָכן טויט. די אומשטערבלעכקייט קריגט אַ נייעם שטויס, נייע, פרישע עולם־הבא־וויטאַמינען. אָבער בדרך כלל איז די אומשטערבלעכקייט פון מוזיקערס (כ׳רעד דאָ נישט פון ווירטואָזן, וואָס די מאָדערנע טעכניק האָט זיי אויך פאַראומשטערבלעכט) אַ שווערערער וועג ווי דעם מאָלערס, וואָס הענגט אָן אייביקייט אין אַ מוזיי. אַ מוזיקערס רעפּוטאַציע קען שוין זיגזאַגירן נאָכן טויט און געבן דעם טויטן קאָמפּאָזיטאָר אָפּטע האַרצקלאַפּעניש. היינט איז ער גרויס, איבעראַיאָר פאַלט ער אַביסל אַרויס פון דער מאָדע, אָדער ס׳קומט אָן איינפלוסרייכער קריטיקער און ער דעוואַלוּירט אים אַביסל. אַ מוזיקער איז נישט אַזוי אומבאַרירלעך ווי אַן איינגעשטעלטער מאָלערישער אומ־שטערבלעכער. מען טשעפּעט אים אָפּט, דווקא דערפאַר ווייל מען הערט אים, מען אַנאַליזירט אים. דער פינישער קאָמפּאָזיטאָר סיבעליוס איז ביים לעבן געווען אַ וועלט־באַרימטקייט, אָבער נאָכן טויט קריכט זיין אומשטערבלעכ־קייט זייער לאַנגזאַם. אייביקייט האָט טאַקע צייט, מ׳קען אָבער שוין פאַראויס־זאָגן מיט גרויס זיכערקייט, אַז זיינע אייביקייט־גיטער וועלן נישט זיין אַזוי רחבותדיק ווי די נגידישע עולם־הבא אַפילו פון אַ בראַמס, דעם קלענסטן פון די דריי גרויסע „בע׳ס“.

שווער און ביטער קומט דעם שרייבער אָן זיין אומשטערבלעכקייט. אַ שרייבערס אומשטערבלעכקייט מאַכט זיך נישט אין אַ יאָר, נאָר ס׳דאַרף דויערן מער ווי אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. ווען שעקספּיר איז שוין געווען זי־כער מיטן לעבן נאָכן טויט, איז אים באַפאַלן אַזאַ ריז ווי טאָלסטאָי און פון אים געמאַכט אַש און בלאָטע. אַ שרייבערס אומשטערבלעכקייט איז הפקר און אויסגעזעצט, אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, צו רעוויזיע. מ׳רייסט שטי־קער פון זיין געוווּנענער פּאָזיציע, מען רעווידירט זיין ווערט און זיין וואָרט, מען לייגט אים איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערער און מען טוט אים ווי אַפילו נאָכן טויט.

אַ שרייבערס עולם־הבא האָט גאָרנישט צו טאָן מיט זיין עולם־הזה. ער קען ביים לעבן זיין אַ גביר אַדיר ווי אַ העמינגוועי און נאָכן טויט זאָלן זיינע ווערק לאַנגזאַם פאַרגעסן ווערן. אמת, אַ שרייבערס אייביקייט איז נישט תמיד באַזירט אויף געלייענט ווערן. נעמט למשל איבסענס דראַמעס. אַחוץ אין ספּעציעלע דראַמאַטישע שולעס לייענט מען מער נישט איבסענען. זיינע פּראָבלעמען זענען פאַרעלטערט, אָפּגערעדט אַז מען שפּילט אים זייער ווייניק. דאָ און דאָרט ווערן געמאַכט פּרוּוון אויפצולעבן זיינס אַ דראַמע, אָבער דער פּרוּוו גיט זיך מיינסטנס נישט איין. פון דעסטוועגן איז איבסענס אומשטערבלעכקייט אַ סטאַבילע. זיין אָרט אין דער ליטעראַטור און אין דער געשיכטע פון דער דראַמע איז סאַמע אויבנאָן, צי מען לייענט אים יאָ, צי מען שפּילט אים נישט.

אָט־דאָס הייסט אַ מזלדיקער אומשטערבלעכער! ווען מען לייענט אים, אָדער מען זעט זיינס אַ געשפּילטע דראַמע, נודיעט מען זיך זייער געשמאַק, אָבער מען טשעפּעט נישט דעם אַלטנס פּיין־צעקעמטע באָרד (און, אגב, דער־ציילט מען, אַז ער פלעגט זיצן גאַנצע טעג מיט אַ שפּיגעלע און אַ קעמעלע און כסדר פּוצן דעם הדרת־פּנים זיינעם).

פאַראַן, ווייזט אויס, אַ טאָפּלטע אומשטערבלעכקייט ביי שרייבערס. פאַראַן אַ ליטעראַטור־געשיכטלעכע און אַ רעאַלע. נעמען מיר, למשל, דעם רוסישן שרייבער גאָנטשאַראָוו, וואָס האָט זיך מיט הונדערט יאָר צוריק קונה־שם־געווען מיט זיין ווערק — „אָבלאָמאָוו". זייער וויניק מענטשן לייענען היינט „אָבלאָמאָוו", אָבער גאָנטשאַראָוו האָט אַריינגעבראַכט אַ באַגריף אין דער רוסישער שפּראַך. דער אַפּאַטישער, אָפּגעלאָזענער, פוילער און אומנוצלעכער מענטש איז געוואָרן אַ שפּיגל פאַר אַ גרויסן טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט, און גאָנטשאַראָוו איז דערפאַר פאַרזיכערט מיט עולם־הבא.

וועגן די אַלטע רוימישע, גריכישע קלאַסיקערס איז אָפּגערעדט, שוין אַריינרעכענענדיק שרייבערס פון מיטלאַלטער, וואָס זייערע ביכער צעפאַלן אין שטויב, אָדער ווערן בלויז שטודיעס פאַר איינגעגעסענע ספּעציאַליסטן. זייער אומשטערבלעכקייט איז אויך אַ דרך־ארצדיק נישט־אָפּגעפרעגטע. צו זאָגן, למשל, אַז דאַנטעס „אינפערנאָ" איז אַ מאַטערניש, מיינט ריזיקירן מיט דעם ביסל לעבעדיקע רעפּוטאַציע, וואָס מען האָט אַליין אָפּגעשפּאָרט.

אַ סך שרייבערס זענען לפנים נישט מזלדיק. מיט זייער אָרט אין דער ליטעראַטור־געשיכטע זענען זיי אפשר געזיכערט, אָבער דערפאַר טשעפּעט מען זיי פון צייט צו צייט. אַזעלכע שרייבערס, אויב זיי האָבן שכל, שמייכלען זיי געוויינלעך אונטער די וואָנסן, אָדער אין די בערד, ווייל זיי האַלטן, אַז דווקא דערפאַר וואָס מען לאָזט זיי נישט אָפּ, זענען זיי פאַרזיכערט מיט

אייביק לעבן. אַפילו אין מיין אייגענעם דור איז שוין בייראָן געווען — אַראָפּ און אַרויף עטלעכע מאָל. מיטאַמאָל, ווען ער איז שוין גאָר אַ יורד, לעבט מען אים אויף מיט אַ „נייער" ביאָגראַפיע, אָדער מיט סענסאַציאָנעלע בריוו, און ער שטייט שוין ווידער אויף די פיס.

גאָר־גאָר אינטערעסאַנט איז דער געראַנגל פון פרישער אומשטערבלעכקייט. מיר זעען למשל, ווי בערנאַרד שאָ ראַנגלט זיך ווי אַ גיבור, ווען מען מישט אויף זיינע אַלטע פיעסן און מען שניידט זיי צו — צום געשמאַק פון עולם, מיט געזאַנג און טענץ. מיר זעען, ווי מען פאַקט־אויס יודזשין אָ'נילס פאַרלעגערטע סחורה און מען לויבט זי אין הימל אַריין. אָבער אַזוי גיך ווי די דאָזיקע איבערטרייבונגען וועלן אויפהערן, וועט די אומשטערבלעכקייט אָנהייבן איר אייגענעם ביטערן קאַמף, קעגן פאַרגעסנהייט.
לעכקייט אָנהייבן איר אייגענעם ביטערן קאַמף, קעגן פאַרגעסנקייט.

דראַמאַטורגן זענען ווי קאָמפּאָזיטאָרן. די מאָס באַשטייט אין שפּילן, אין שטעלן זייערע ווערק אויף דער בינע. שווערער איז די מאָס פאַר בעלעטריסטן און פּאָעטן. אָט איז נישט לאַנג צוריק אַרויס אַן אירלענדישער דערציילער, אַ לעבעדיקע באַרימטקייט און אַ טשעפּע געטאָן דעם אומשטערבלעכן שטויב פון זיין לאַנדסמאַן דזשיימס דזשאָיס. ער האָט אים נישט מער און נישט ווייניקער אָנגערופן — שוידערלעכער נודניק און געמאַכט צונישט אַלע זיינע עקספּערימענטן. דזשאָיס האָט געלאָזט אַ סך לעבעדיקע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן דעם חוצפּהניק גענומען באַרעגענען מיט פּראָטעסט־בריוו און אים בכלל געמאַכט אויסצודרייען, אָבער כ'בין זיכער אַז דזשאָיס אַליין, אויף דעם עולם האמת, וווּ מען קלייבט זיך פאַרזיכטיקער פונאַנדער אין ווערטן, האָט געכאַפּט אַ ציטער, וואָס מען פאַרמעסט זיך שוין אויף זיין אומשטערבלעכקייט און מען לאָזט נישט אַז זי זאָל זיך איינליגן און איינשטילן.

ביי אונדז, אין אונדזער אייגענער יידישער אומשטערבלעכקייט, איז מען אויך נישט זיכער מיטן לעבן נאָכן טויט. אָט איז געוואָרן 35 יאָר נאָך מאָריס ראָזענפעלדס טויט און, מיר דאַכט זיך, אַז זיין אומשטערבלעכקייט איז דערווייל נישט קיין צו־אָנזעעוודיקע. אמת, ליטעראַטור־געשיכטלעך איז ער אַ גרויסער נאָמען, אָבער זיין רעאַלע אומשטערבלעכקייט איז היפּש געפאַלן און זי וואַרט אויף אַ פאַראויס־שטויס, אויף אַן איבערשאַץ און אָפּקלייב, וואָס זאָל אָנווייזן אויף זיין אמתן, דויערנדיקן ווערט. ער איז געווען אַ גרויסער שטורמער און פערד־טומלער, אָבער מער ווי אַ צענדליק גוטע און וויכטיקע לידער קען מען ביי אים נישט געפינען, סיידן מען זאָל ביים לייענען מאַכן אַ פרום פנים, פאַרגלאָצן די אויגן און שלינגען שורות, ווי בעת מען לייענט, למשל, מאָריס ווינטשעווסקין און מען וויל מישן פּאָעזיע מיט אידעאָלאָגיע.

הכלל, מען מוז קומען צום אויספיר, אַז דער בעסטער צושטאַנד פאַר אַ שרייבער איז זיך פרי צו דערדינען צו דער מדרגה פון אַ קלאַסיקער, וואָס מען טשעפּעט נישט זיין אומשטערבלעכקייט, אַפילו נאָכן טויט. מען לאָזט אים צורו, צוזאַמען מיט זיינע ביכער, און ער ווערט אַ געדענקלעכער נאָמען, וואָס מיט אים גרויסט מען זיך אין אינטעליגענטן שמועס. די אמתע צרה איז מיטן שרייבער, וואָס מען מעסט אים, דווקא מיט זיינע ווערק, אין די ראַמען פון זיין עפּאָכע און מיט דער מאָס פון לעבעדיקע צייטן. ווען מען וויל נישט געטרויען דער ליטעראַטור־געשיכטע, נאָר מען נעמט זיך צו אַ רעוויזיע, דעמאָלט הייבט־אָן אויף דעם טויטן שרייבער ציטערן זיין אומשטערבלעכע הויט. אַזאַ שרייבער האָט נישט קיין רו אויף דער וועלט און, מיט זעלטענע אויסנאַמען, מאַכט ער וואַסער אויף קאַשע; און אויף יענער וועלט לאָזט מען אים ערשט נישט צורו. מען טרייבערט זיין ירושה און מען וואַרפט זיך מיט איר.

ביז אַ שרייבער ווערט אויף אַן אמת אומשטערבלעך, שטאַרבט ער שייַבע עטלעכע מאָל מיט אַלערליי טויטן. שכלדיקע אומשטערבלעכע, ווי געזאָגט, האָבן הנאה וואָס מען טשעפּעט זיי, אָבער סענסיטיווע עולם־הבאניקעס נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן און דער ביסן לויתן פאַלט זיי אַרויס פון ציטערדיקן מויל. רויִק זיצט בלויז דער אַלטער בלינדער האָמער, וואָס געדענקט שוין אַליין נישט, ווי לאַנג ער איז שוין אומשטערבלעך.

.1958

מענטשן און ווערק

אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער „טיימס" איז די טעג אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע פון קלאָרקייט און אומקלאָרקייט אין דער ליטעראַטור. די מיינונגען זענען סערווירט געוואָרן אויף דעם שטייגער פון אַ מין דועל צווישן צוויי שרייבערס — איינער האָט אַטאַקירט די „אומקלאָ־רע" און אַן אַנדערער האָט זיי גענומען אונטער זיינע פליגל. ס'איז קלאָר אַז די אומקלאָרקייט איז אַ פּראָבלעם, וואָס אינטערעסירט איצט נישט בלויז אונדזער אייגענעם בעסערן יידישן לייענער.

און ס'איז אַ געזונטע דערשיינונג וואָס די פראַגע האָט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן לייענערס אויף אַלע שפּראַכן. מען איז איצט אין אַ גרויסער מאָס פאַראינטערעסירט אין דער גאַנצער דערשיינונג פון מאָדערניזם אין דער קונסט בכלל, ווי אין די צייטן ווען די אַלע שאַפערס האָבן נאָך עקספּערי־מענטירט, אָדער זאָל איך אפשר זאָגן, קאָקעטירט מיט אומפאַרשטענדלעכ־קייט. אויב מען רעדט נאָך אַלץ וועגן קלאָרקייט און אומקלאָרקייט, איז עס בלויז אַן אויסערלעכע פאָרם פאַר דער גאַנצער דעבאַטע. אין תוך אָבער וויל מען איבערשאַצן, צי ס'איז אונדז עפּעס געבליבן פון די אַלע עקספּערימענטן און אויף וויפל די עקספּערימענטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעווירן דעם דרויסנדיקן כאַראַקטער פון אַן עקספּערימענט. מען וויל וויסן וויפל פון די אַלע עקספּערימענטן זענען אַריין אין פּרדס און קענען מער נישט אָפּגע־פרעגט ווערן. די וועלט וויל פשוט אויף אַן איבערקלייבערישן אופן אָפּקלייבן דאָס וואָס איז ווערט צו פאַרבלייבן און דאָס וואָס דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן. ס'האַנדלט זיך נישט אין אַ ליד, אין אַ דערציילונג, אַ בילד, אָדער אַ מוזי־קאַליש ווערק. ס'גייט גיכער אין דעם, צי האָבן מיר, אין דער ערשטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט, זיך אויסגעדריקט אויף אַן אופן וואָס איז געווען פּאַסיק און ווירדיק פאַר אונדזער אייגענער צייט.

מיר וואָלטן געווען אויף אמתע צרות, אויב מיר וואָלטן געוואָלט לייגן דעם טראָפּ אויף קלאָרקייט אָדער אומפאַרשטענדלעכקייט, ווייל „אומקלאָר־" זענען אויך געווען אַ סך שרייבערס פון ניינצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט, אומקלאָר אָדער שווער זענען נאָך איצטער דאַנטע און שעקספּיר און נישט באַר בלויז דערפאַר, ווייל אַ סך מיינען זייערע זענען מיט דער צייט פאַר־

טושט און פאַרהוילן געוואָרן. אומקלאָר זענען נאָך איצטער גאָר אַ סך שטעלן אין תנ״ך.

אומקלאָרקייט איז נישט דווקא כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער אייגענער צייט. אומקלאָר זענען געווען אַ סך גרויסע קינסטלערס פון אַלע צייטן און די וועלט האָט זיי פאַרגעבן אויך זייער אומקלאָרקייט. אַ סך מאָל איז די אומקלאָרקייט, מיט דער צייט, אויפגעקלאָרט געוואָרן און אַן אַנדערש מאָל האָט דעם קינסטלערס גרויסע און ליכטיקע קלאָרקייט באַוויזן אַז זיין אַזוי־גערופענע אומקלאָרקייט איז גאָר אַ גרויסע און בלענדנדיקע עשירות.

אָבער, ווי געזאָגט, ס׳איז נישט כדאַי זיך אַריינצולאָזן אין דעם דאָזיקן טפל. ווען לייענערס, זעערס אָדער הערערס — כ׳נעם אַרום דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון קונסט־הנאה — הייבן אויף אַ געשריי, אַז זיי פאַרשטייען נישט, טוען זיי עס דערפאַר, וואָס זיי דאַכט זיך, אַז מען וויל זיי באַשווינדלען. מיר האָבן קיינמאָל נישט געזען, אַז גלאַט שלעכטע זאַכן זאָלן אַרויסרופן שרייענדיקע פּראָטעסטן. אַ לייענער וועט אָננעמען אַ שלעכטע זאַך, מיט גאָר אַ סך געדולד, אפשר מיט צופיל געדולד, אָבער ער וועט מאַכן אַ געשריי ווען אים וועט זיך דאַכטן אַז מען וויל אים אָפּפרייערן מיט אַ פאַלשער זאַך, מען וויל אים אַריינכאַרן אין זאַק אַריין און אים פאַרקויפן אַ בלישטשענדיקע ווערטלאָזיקייט פאַר אַ דימענט.

ס׳איז אַן אַקאַדעמישע פראַגע, אויב שלעכטע זאַכן זענען אין זייער עצם אויך נישט קיין פאַלשע זאַכן. דער עולם וועט אָבער לייכטער אַראָפּשלינגען אַ שלעכטע זאַך, ווייל ער האַלט מסתמא, אַז דער שרייבער איז נישט אויסן געווען אים אָפּצונאַרן, בעת דער אַזוי־גערופענער אומפאַרשטענדלעכער האָט שטאַרק געאַרבעט צו פאַרדעקן זיין פאַלשקייט און אָפּנאַרעריי.

פאַרוואָס איז געבליבן און וועט בלייבן אַ געוויסע צייט אַזאַ שרייבער ווי עליאָט, נישט געקוקט אויף זיין אומפאַרשטענדלעכקייט? פאַרוואָס האַלטן אין איין דערשיינען ביכער וועגן דזשעימס דזשאָיסן? דער ענטפער איז, ווייל זיי פאַרמאָגן מסתמא אויך אנדערע „מעלות״ אַחוץ זייער אומפאַרשטענדלעכקייט, וואָס זענען איבערצייגנדיק. מען דערשפירט אַז זייער אומפאַרשטענדלעכקייט איז נישט קיין אָנשטעל, נאָר איז אַ טייל פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון זייער אַרבעט.

מיך אָבער אינטערעסירט אַן אַנדער ווינקל אין דער גאַנצער דערשיינונג פון אונדזער מאָדערניזם אין דער וועלט פון קונסט. איך פרעג גאָר אַן אַנדער פראַגע, פאַרוואָס איז אַ דזשאָיס נישט אַזוי וואָרעם ווי אַ טאָלסטאָי, אָדער אַ דאָסטאָיעווסקי? פאַרוואָס האָט דזשאָיס בלויז פאַראינטריגירט, פאַר־

אינטערעסירט, אָנגערעגט און אַפילו געגעבן פאָרגעניגן זיין דור, אָבער פאָר־וואָס האָט ער נישט אָנגעוואָרעמט זיינע לייענערס?

און נעמען מיר למשל עליאָטן, ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון אונדזער דור, קען מען, פאַרשטייט זיך, אויסרעכענען אַ סך מעלות זיינע און מען וועט אַפילו פאַרצייכענען, אַז זיין נאָמען איז ממש געווען היפּנאָטיש, אַז ער האָט באַאיינפלוסט אַ סך יונגע שרייבערס צום גוטן און צום שלעכטן, אָבער מיר קענען ווידעראַמאָל פרעגן, פאַרוואָס האָט ער בפירוש נישט אָנגעוואָרעמט זיין דור אין דער זעלביקער מאָס, ווי למשל אַ פּושקין אָדער אַ קיטס האָט עס געטאָן?

מיר קענען מיט דער מאָס פון וואַרעמקייט, ווי דילעטאַנטיש אַזאַ מאָס זאָל אונדז נישט אויסזען, צוגיין צו דער מאָלעריי און פרעגן, פאַרוואָס איז פּיקאַסאָ נישט אַזוי וואַרעם און ליב, ווי רעמבראַנדט, אויב מיר זאָלן אָננע־מען אויף אַ מאָמענט, אַז פּיקאַסאָ איז פאַרדינטערהייט דער רעמבראַנדט פון אונדזער דור? פאַרוואָס וואַרעמט שעינבערג נישט אָן זיינע הערערס און מוזיק־אויפנעמערס אין דער זעלביקער מאָס, ווי אַ בעטהאָווען טוט עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

איך נעם אָן אַז מען קען מיך גאַנץ גוט אויסלאַכן מיט מיין צוגאַנג פון וואַרעמקייט און זאָגן, אַז נישט נאָר זענען די שאַפערס פון אונדזער דור נישט מחויב געווען צו געבן וואַרעמקייט, נאָר, פאַרקערט, זיי זענען אויסן געווען צו טאָן דאָס פאַרקערטע און געבן קאַלטקייט. ווי די מתים עסן אַזאַ פּנים האָבן זיי. דער קינסטלער גיט צוריק, וואָס ער קריגט, און אין אַ קאַלטן דור איז דער קינסטלער אַליין אַ דערפרוירענער מענטש.

ווייל איך נאָך מער ריזיקירן און אויסמעקן דאָס וואָרט וואַרעמקייט און אָוועקשטעלן דאָס וואָרט — מענטשלעכקייט. טאָלסטאָי האָט גערעדט צו זיין דור מיט דעם קול פון אַ טיפער מענטשלעכקייט, ער האָט גוואַלדיק ליב געהאַט זיינע מיטמענטשן. זיין קונסט האָט אַפילו אין שטראָפערישקייט גע־געבן דאָס געפיל פון אַ גרויסער, אָנגעזאַמלטער און קאָלעקטיווער ברודער־לעכקייט, וואָס האָט גערעדט צום לייענער און אים געוויזן, אַז שרייבן איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט פאַר זיך ווי אַ מלאכה, נאָר אַז עס איז פאַרבונדן מיטן כלל און איז אַן אויסדרוק פון כלל.

מען קען זאָגן פאַרקערט, אַז גראָד אונדזער דור האָט זיך גענייטיקט אין אַ סך וואַרעמקייט מצד זיינע קינסטלערס. ער איז ממש געווען הונגעריק נאָך וואַרעמקייט. ליגט אין דעם מיין אומצופרידנקייט מיט דעם מאָדערניזם פון אונדזער דור, וואָס האָט נישט געגעבן אונדזער דור דעם זעלביקן כוח פון מענטשלעכער וואַרעמקייט, ווי ס׳האָבן געגעבן די קינסטלערס פון פאַרגאַנ־

גענע דורות. איך האָב דאָך אַוודאי נישט אויסצוזעצן קעגן די עקספּערימענטן, אָבער די עקספּערימענטן האָבן באַדאַרפט זוכן דעם וועג פון אונדזער יאָרהונדערט צו נאָך אַ רייכערער און טיפערער מענטשלעכקייט. אין דעם זענען מיר אַבסאָלוט דורכגעפאַלן.

ווען מיר זאָל איינפאַלן צו זאָגן נאָך דרייסטער און קלאָרער, אַז אונדזער דור האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע שעפערישע פּערזענלעכקייטן, וואָלט עס געווען נאָך נענטער צו אמת, וואָלט עס אפשר בעסער אויסגעדריקט דאָס וואָס איך האָב פריִער אָנגערופן — מענטשלעכקייט. ווען מיר וואָלטן פאַרמאָגט אַ מאָדערניסטישן טאָלסטאָי, אַ מאָדערניסטישן באַך, אַ מאָדערניסטישן רעמבראַנדט, וואָלטן מיר געקענט ריידן וועגן פרוכטבאַרע עקספּערימענטן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. די גרויסע קונסט, וואָס מיר האָבן געשאַפן, און איך רעד דאָ וועגן די אַרבעטן און ווערק וואָס רופן אַרויס גרויס אָנזען און אַפילו באַוואונדערונג, זענען נישט קיין טיף־מענטשלעכע ווערק. פאַרקערט, זיי פאַרמאָגן אין זיך אַ געוויסע פונאויבנאַראָפּיקייט, וואָס מאַכט זיי אָפּט פאַר אַנטי־מענטשלעך און אפשר וועלן די צוקונפטיקע דורות באַשולדיקן און זאָגן, אַז זיי זענען אוממענטשלעך.

וויל איך זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין פאַרשיידענע לייכטע סברות, אַז די שרייבערס זענען אַלע געווען דער געטרייער שפּיגל פון אונדזער אומגליקלעכן דור. איך וויל נישט גיין אַזוי ווייט און ס׳איז גאָרנישט נייטיק צו גיין אַזוי ווייט. ס׳איז בלויז כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז די אַלע קינסטלערישע עקספּערימענטן האָבן נישט אַרויסגעבראַכט קיין פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַרבונדן מיט זיין ווערק, און אַ ווערק, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַרבונדן מיט מענטשן, ווי די עקספּערימענטן פון די פאַרגאַנגענע דורות. מ׳זאָגט געווייגלעך, אַז גרויסע קינסטלערס זענען נישט קיין גרויסע עקספּערימענטירערס און באַנייערס. אָבער דאָס איז נאָר אמת, אויב מיר זאָלן דאָס וואָרט עקספּערימענט פאַרשטיין אויבנאויפיק און פלאַך. אויב אָבער מיר ריידן פון עקספּערימענטן אין ברייטן זין, מוזן מיר פאַרשטיין, אַז אַ גרויס ווערק איז תמיד אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסן און דערוואַגטן עקספּערימענט.

דאָס קען מען בעסער פאַרשטיין, ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן די וואָרעמע און מענטשלעכע אַרבעטן פון די אימפּרעסיאָניסטן. ווער האָט נאָך ווי זיי אַזוי עקספּערימענטירט און ווער נאָך ווי די גרויסע קינסטלערס האָט אונדז געגעבן אַזויפיל טיפע, האַרציקע און מענטשלעכע וואַרעמקייט?

אַז מיר פאַרשטייען דאָס איז אויך לייכט צו פאַרשטיין, אַז „קריג און פרידן" און „ברידער קאַראַמאַזאָוו" זענען געווען גרויסע, ריזיקע עקספּערימענטן. אַן עקספּערימענט באַשטייט נישט נאָר פון שטעלן אַנדערש ווערטער.

אָדער אַנדערע ווערטער, נאָר אויך פון שטעלן און אויסשטעלן מענטשלעכע געדאַנקען.

ווען מיר קומען צו אונדזער אייגענער ליטעראַטור דאַרפן מיר דאָס אַלץ האָבן אינזינען. ביי אונדז זענען כמעט אַלע בעלעטריסטן און דיכטערס, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, אויך פובליציסטן און זשורנאַליסטן. דאָס ביסל מענטשלעכקייט, וואָס עס געלינגט נישט אַמאָל אויסצודריקן אין קינסטלע־ריש־אָרגאַניזירטע ווערק, דריקט מען אויס אין דער פובליציסטיק און עסיי־איסטיק און ס׳שאַפט זיך אַפט דער איינדרוק, אַז דאָס וואָס דער שרייבער דערזאָגט נישט אין זיין ווערק, איז ער ממלא אין זיין פובליציסטיק.

אָבער זוכן דאַרף מען די קינסטלערישע פערזענלעכקייט אין זיין אַר־בעט, נישט נאָר אין דעם וואָס ער זאָגט, דערזאָגט, אָדער דערטייטשט, נאָר אין דעם וואָס זיינע ווערק ריידן פאַר זיך און זאָגן פאַר זיך. נאָר אַזוי דאַרפן געמשפט ווערן קינסטלערישע ווערק, פאַר זייערע אייגענע חטאים און מעלות.

כ׳האָב דאָ נישט בדעה צו עפענען די דעבאַטע, צי אונדזערע אַזוי־גערו־פענע אומפאַרשטענדלעכע און „אומקלאָרע״ האָבן זיך דערדעדט צו אייגענע שלום־עליכמס און אייגענע פרצעס. כ׳וויל, אגב אורחא, זאָגן, אַז ביי אונדז האָט מען גאָרנישט דעם מוט צו זיין אַזוי אומפאַרשטענדלעך, ווי ביי די אומות העולם. דער ייִדישער מאי קא משמע לן שטראַלט דורך אונדזער ערג־סטער אומפאַרשטענדלעכקייט.

איך וויל בלויז געבן אַ שטיקל מאָס. איצט ווען מען שאַצט איבער דעם מאָדערניזם, מעג מען צו אים צוטרעטן מיט דער פראַגע, וויפל וואָרעמקייט, מענטשלעכקייט און פערזענלעכקייט האָט ער אונדז געבראַכט. ווען מען טרעט צו צו באַזונדערע ווערק, אָדער צו באַזונדערע מאָדערנע קינסטלערס, וואָס זענען שוין דאָ, און קיין קריטיק וועט זיי שוין נישט אַרויסוואַרפן, מעג מען פון דעסטוועגן פרעגן, וואָס פאַר אַ ניצוץ פון טאָלסטאָיען — אַ גרע־סערן אָדער קלענערן — פון באַלזאַקן, דיקענסן, שלום־עליכמען, פרצן, ביאַ־ליקן, פאַרמאָגן די קינסטלערס.

לאָמיר אָפּלאָזן די אומפאַרשטענדלעכקייט, אָדער די אומקלאָרקייט. לאָמיר מעסטן ווערק מיט דער מאָס פון מענטשלעכקייט. ווייל מיט דער מאָס קען גראָד פון אַן אומפאַרשטענדלעכער אַרבעט שלאָגן מיט מער מענטשלעכ־קייט, ווי פון אַזוי־גערופענע קלאָרע זאַכן. ווען מיר מעסטן אַ גאַנצן מאָדער־נעם שרייבער, מעגן מיר זיך פאַרגינען צו פרעגן, צי איז ער קינסטלעריש צוגעלאָזן צו מענטשן פון זיין דור, ווי טאָלסטאָי אָדער טשעכאָוו זענען גע־ווען צוגעלאָזן, ליב און נאָענט צו די מענטשן פון זייער דור.

.1950

אַ דעבאַטע וועגן פּאָעטישן לשון

עפּעס איז געשען מיט דער ייִדישער פּאָעזיע און ווען מיר אַלע, וואָלטן געגלייבט באמונה שלימה, אַז פּאָעזיע בכלל האָט אַ צוקונפט, וואָלט מען זיך באַדאַרפט צוזאַמענקומען און אַרומריידן דעם גאַנצן ענין, אונטערציִען סד־הכלן, קומען צו אויספירן און אַפילו אָננעמען באַשלוסן. אפשר וואָלט מען באַדאַרפט פאַרבעטן די געציילטע געטרייע לייענערס פון פּאָעזיע, זאָלן זיי אויך נעמען אַ וואָרט אין דער פראַגע.

אויב פּאָעזיע האָט אַ צוקונפט — און איך אַליין בין גאָרנישט אַזוי שטאַרק זיכער אין דעם — דאַרף מען עס ביי אונדז ייִדן נעמען אַ סך ערנסטער ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, ספּעציעל די אַלע וואָס זענען פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן וואָס לענגער די פּריווילעגיע פון דיכטער צו קריגן אַ סך אָנערקענונג און קינסטלערישן קרעדיט פאַר קנאַפּער פּראָדוקציע. אַ נאָוועליסט זעצט זיך אַוועק, האָרעוועט נעבעך אָפּ אַ קיילעכדיק יאָר, אַמאָל מער, און דער רעזולטאַט איז אַ נאָוועלע פון הונדערט טויזנט ווערטער. טאָמער וועט אַזאַ שרייבער זיך פאַרגינען חלילה אַנטשלאָפן ווערן אויף די לויבקראַנצן, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין ערלעכער שרייבערישער מי און נישט האַלטן אין איין אַרבעטן און פּראָדוצירן וועט אים דער לייענער גיך פאַרגעסן. אָבער בעת מען האַלט דעם נאָוועלן־שרייבער אין אַ כסדרדיקן שפּאַן פון ליטעראַרישער „פּאַנשטשיזנע“, קענען פּאָעטן זיך דערדינען צו לויב, מיט עטלעכע געציילטע שורות און קאַרגע ווערטער. אויב דער לייענער לערנט עס נאָך אויס אויף אויסנווייניק, איז דעם דיכטערס רעפּוטאַציע געזיכערט. אַלץ וואָס מ׳פאָדערט פון אים איז אַז ער זאָל פון צייט צו צייט ווידער קומען זיך מעלדן מיט עטלעכע שורות.

איז דאָך דאָס אַ טיפע אומגערעכטיקייט. פון איינעם פאָדערט מען שווערע אַרבעט, פון אַנדערן פאַרלאַנגט מען לייכטן שפּילעוודיקן צייט־פאַרטרייב און מען בעט אים אַפילו אַז ער זאָל נישט צו־שטאַרק אָנשטרענגען דעם מוח און נישט צו־אָפט מטריח זיין דעם לייענער. וואָלטן פּאָעטן, וואָס האָבן צוגעוווינט דעם לייענער צו צאָלן מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, פאַר אַ קנאַפּן צושטעל, באַדאַרפט אויף אַן אמת היטן די ביינער און זען אַז די דאָזיקע ווייס קאָלנערדיקע קאַסטע פון קינסטלערישע פוילענצערס זאָל זיך נישט דערעסן. זאָל דער לייענער אָנהייבן פרעגן קשיות און מורמלען, וועט זיין

ביטער ווי גאַל. דעמאָלט וועט די גאַנצע דיכטערישע בראַנזשע געשטעלט ווערן אונטער אַ גרויסן פרעג־צייכן. מיר דאַכט זיך, אַז דער לייענער הייבט שוין אָן ווערן אַביסל אומרויִק און אָט־אָט וועט ער, דווקא דער לייענער, נע־מען פאָדערן אַ שטיקל אויסגלייך אין דער רעפּובליק פון שרייבעריי. דווקא ער וועט נעמען פאָדערן ביים פּאָעט, אַז אין זיינע קורצע שורות, אָדער אין אַ זאַמלונג פון קורצע שורות זאָל זיך שפּירן דער אַפּלויף פון צייט און ס׳זאָל זיין קלאָר, אַז בעת דער דיכטער האָט געשריבן, איז אויך די צייט געלאָפן ווי ביים פּראָזע־קינסטלער; אַז אויב דעם נאָוועליסטס אַרבעט האָט אויפגע־פרעסן זיינס אַ יאָר לעבן, זאָל מען אין אַ דיכטערס געזאַמלטע לידער דער־קענען, אַז זיינע געציילטע ווערטער זענען אַ רעזולטאַט פון קינסטלערישער דורכגעשוויגנקייט, פון אַ העכערן און פאַרשטענדיקן אָפּקלייב און אַז ער האָט זיך גאָרנישט איינגעבערענגט, ווייל אויך ער האָט געמאָסטן שורות אין טערמינען פון לעבן.

דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז אַ ליד קען נישט און דאַרף נישט אַמאָל אויפבליצן ספּאָנטאַן, אָבער דער פּאָעט וואָס לערנט זיך אויס צו קע־נען ווערן דער ספּאָנטאַנער פאַרצייכענער פון אַזאַ דיכטערישן אויפבליק, מוז זיין אַזוי טעכניש־פּערפעקט ווי אַ סייסמאָגראַף, וואָס קען אויפכאַפּן דעם אויפציטער און אים רעגיסטרירן אַקוראַט. אין דער פּינקטלעכקייט דאַרף מען דערזען די קינסטלערישע דערפאַרונג פון פּאָעט. די צווייערליי פּאָעטן, סיי די וואָס האָבן פון לייענער געקראָגן די באַגרענעצטע דערלויבעניש אויף שפּיל, סיי די אַנדערע וואָס האָבן ביים לייענער אויסגעקעמפט זייער רעכט אויף באַזינגען אַ פאַרטראַכטן געדאַנק, מוזן מיט זייער שרייבן ברענגען די איבערצייגונג, אַז אויך זייער אַרבעט, ווי די אַרבעט פון פּראָזע־קינסטלער, קאָסט זיי — לעבן. דער לייענער פאָדערט פון דיכטער, אַז ער זאָל זיך עלנ־טערן מיט אים צוזאַמען, ער האָט הנאה פון טויטע דיכטערס און פון פּאָעטן, וואָס שטאַרבן אונטער צוביסלעך אין זייער שרייבן.

ביי די אומות העולם איז דאָס דיכטערישע פּראָבלעם ווייט נישט אַזוי קאָמפּליצירט ווי ביי אונדז. יעדער פאָלק פאַרמאָגט, הויך־געשאַצט, אפשר צען דיכטערס. אין אַמעריקע פאַרמאָגן מיר אפשר זיבן דיכטערס, וואָס אויף זיי האַלט זיך די קונסט פון פּאָעזיע. די הונדערטער אַנדערע שרייבן לידער און מ׳הערט פון זיי בלויז אין אינטימע קרייזן און אין קליינע זשורנאַלן. מיר יידן האָבן איבער הונדערט פּאָעטן, וואָס קריגן אַלע מעגלעכקייטן צו דערגיין צום עולם. אַפילו צייטונגען דרוקן ביי אונדז לידער און די עטלעכע זשור־נאַלן, וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך קומען אָן אין אַלע יידישע הייזער, וואָס שרייבן בכלל אויס זשורנאַלן.

אַלע פּאָעטן קריגן די זעלביקע געלעגנהייט צו לאָזן הערן זייער קול און יעדער דורכשניטלעך־אינטעליגענטער לייענער, אויב ער וועט זיך נאָר אַוועקזעצן און נעמען געטריי אויסרעכענען נעמען פֿון לעבעדיקע ייִדישע פּאָעטן, וואָס זענען אים באַקאַנט, וועט ער אַוודאי אויסרעכענען פֿערציק־פֿופֿציק נעמען. דאָס איז אַן אומגעהייער גרויסע צאָל. אָט־די פֿערציק־פֿופֿציק פּאָעטן קען ער פֿערזענלעך, ווייל נאָכדעם ווי זיי האָבן באַוויזן די נישט צו־שווערע קונץ אַרויסצוגעבן ביכער, האָבן זיי אויך באַוויזן צו קריגן קריטיקן פֿון די זעלביקע קריטיקערס, מיט וועמענס מיינונגען דער לייענער רעכנט זיך. דער קריטיקער אונדזערער איז נישט קיין בעל גאווה, ער דיסקרימינירט נישט און סעגרעגירט נישט; און טאָמער איז ער אַמאָל קאַרג מיט לויב, צאָלט ער אָפּ, אַן אַנדערן מיט אַביסל צופֿיל לויב. פֿאַר דעם לייענער באַקומט זיך אַן אַלגעמיין בילד, אַז כולם חכמים, כולם נבונים, אַז כולם זענען מיטגלידער פֿון אַ גרויסער רעספּעקטאַבעלער משפּחה.

אונדזער פּראָווינץ, וואָס איז נאָך ביי אונדז דער באַראָמעטער פֿון ערלעכן אָפּשאַץ און פֿריינטלעכן אויפֿנעם, באַצייט זיך מיט גרויס ליבשאַפֿט צו אַלע ייִדישע דיכטערס, וואָס קומען אויפֿמאָנען אָנערקענונג. זיי קריגן נאָך הוצאות הדרך אויף אויפֿצומאָנען דעם חוב. אמת, נישט אַלע פּאָעטן ווערן אויפֿגענומען מיט פּויקן און טאַצן, דאָס ווענדט זיך אַמאָל אין דעם טעמפּעראַמענט פֿון דער שטאָט, אָבער מיט פּויקן און טאַצן, ווערט ביי אונדז אויפֿגענומען שיער־נישט יעדער ייִדישער פּאָעט, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער, אָדער וואָס קלייבט זיך אָט־אָט אַרויסצוגעבן אַ בוך לידער.

דאָס איז באמת אַן אידעאַלער, מ׳קען זאָגן, אַז אוטאָפּיסטישער צושטאַנד. זאָל אַ פּאָעט פֿון אַמעריקאַנער זשורנאַל „עקסענט“, אָדער פֿון „פּאַרטיזאַן רעוויו“, פֿון „פּאָעטרי“, צי פֿון „האָדסאָן רעוויו“ פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ פֿרעמדער שטאָט, וועט ער זיין איינזאַם ווי אַ שאָטן פֿון דעם איינזאַמסטן בוים. אפֿשר וועט אַן אַלטע ביבליאָטעקאַרין זיך אויף אים מרחם זיין. אָבער אַז אַ ייִדישער פּאָעט פֿאַרפֿאָרט ערגעץ אין אַ שטאָט, ווערט ער גלייך אַ טייל פֿון דער שטאָטס עונג שבת און ער ווערט אויפֿגענומען ווי אַ געהויבענער גאַסט. קיינער פֿאָדערט ביי אים נישט דעם דיכטערישן פּאַס און שטעלט אים נישט אַוועק מיטן טאַלאַנט אויף אַ וואָג צו דערגיין, אויב ער איז כולו גיבֿגאָלד. מ׳האָט געהערט זיין נאָמען — און דאָס איז גענוג, אַז מ׳זאָל אים אויפֿנעמען.

אַזוי אַז אונדזערע פּאָעטן האָבן ביי אונדז אַ ליכטיקן גן־עדן אויף ד ע ר וועלט און זיי וואָלטן באַדאַרפֿט דעם גן־עדן גוט שאַנעווען. דערפֿאַר וואָלטן זיי אַלע, (ווייל אַלע צוזאַמען שטעלן מיט זיך פֿאַר די גאַנצע ייִדישע

פּאָעזיע) זיך באַדאַרפט צוזאַמענקומען און אַרומריידן קאַרדינאַלע פּראַגן — פּראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיט זייער איידעלער מלאכה, וואָס ברענגט זיי נאָך אַלץ אַריין אַזויפיל פּאַר אַזוי ווייניק.

און דערעיקרשט וואָלט מען אויף אַזאַ צוזאַמענקום געמעגט פאַרהאַנדלען פּראָבלעמען פון אונדזער פּאָעטיש לשון. ווי נאָענט דאַרף פּאָעזיע שטיין צו דער אַלגעמיין־גערעדטער שפּראַך, אָדער ווי ווייט דאַרף זי זיך אָפּרוקן פון דעם טאָג־טעגלעכן וואָרט?

⁂

כ'האָב נאָר־וואָס פאַרענדיקט לייענען צוויי לידער־ביכער, איינס פון דעם באַקאַנטן אַרגענטינער דיכטער קעהאָס קליגער, און דאָס צווייטע פון דעם יונגן ניו־יאָרקער דיכטער משה שטיינגאַרט. האָבן די צוויי ביכער אין מיר אַרויסגערופן דעם געדאַנק, אַז קריטיק אַליין איז נישט גענוג, — אַ מיינונג אַרויף, אַ מיינונג אַראָפּ לייזט נאָך נישט דעם וויכטיקערן ענין פון אַ פּאָעטישן לשון פאַר אונדזער דור. אויב מיר ווילן טאַקע דערהאַלטן די פּאָעזיע ביים לעבן, אויב מיר ווילן איר געבן אַן אַריינשפּריץ פון פרישן בלוט, מוזן מיר זיך פאַרטראַכטן איבער דעם סאַמע יסוד פון דיכטונג, צי דאָס פּאָעטישע לשון דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן אַן אייגענע שפּראַך און ווי נאָענט דאַרף די שפּראַך זיין צו דער פאָלקס־שפּראַך?

כ'וויל זאָגן, אַז די פּראַגע איז מער ווי אַן אַקאַדעמישע. אַ סך דורות פאַר אונדז האָבן באַשלאָסן, אַז „ריינע" פּאָעזיע טאָר זיך נישט מישן מיטן פאָלק און זי איז מחויב אָנצוהאַלטן אַ געוויסע אַריסטאָקראַטישע באַזונדערקייט אין פּרט פון אויסדרוק. אַ סך פּאָעטן האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם דעקרעט און דווקא דערנענטערט די פּאָעזיע צום פאָלקס־לשון. אָבער ווען וואָרדסוואָירטה, למשל, האָט געהאָלפן דערנענטערן פּאָעזיע צו דער גערעדטער שפּראַך, האָט ער זיין פּאָעטישן וועג געמאַכט נאָך שווערער, ווייל ער האָט זיך נישט דערלויבט צו שרייבן קיין פּרימיטיווע לידער. אים איז געגאַנגען צו באַווייזן, אַז מיט פאָלקס־לשון דאַרף מען נישט שרייבן בלויז פאָלקס־לידער, נאָר אַז מ'קען פון דער פאָלקס־שפּראַך אַרויסשלאָגן גענוג איידלקייט, וואָס זאָל נישט אַרונטערדריקן דאָס ליד גופא.

קעהאָס קליגערס בוך — „די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן" איז אַ זאַמלונג פון לידער און באַלאַדן, וואָס זענען אַ טייל פון אונדזער גרויסער געוויין־ליטעראַטור, אַרום דער שוידער־תקופה, וואָס האָט געבראַכט דעם טויט און דעם יאָמער צו יעדער לעבעדיקן ייד אין הויז אַריין.

די מייסטע לידער האָט דער דיכטער קליגער, ווי עס ווייזט אויס, אויפ־

געפּאַסט פּנקס־מעסיק און ער האָט זיך באַמיט צו שרייבן אין טאָן פון דער אַמאָליקער יידישער פאָלקס־כראָניק. די פראַגע איז, צי האָט אים נישט דאָס לשון געצווונגען צו ווערן אַן אַנדער דיכטער און פון אַן אַנדער מדרגה, ווי זיין נאַטירלעכער טאַלאַנט האָט פאַר אים אָנגעצייכנט. לאָמיר נעמען פאַר אַ משל זיין ליד — „באַסיע באַווײַנט אירע טעכטער״:

דריי טעכטער האָסטו מיר געגעבן,
גאָטעניו, צילע, ציופּע, סלאָווע —
נו, ווייסטו דאָך דעם אמת,
ווי שווער כ׳האָב זיי געכאָוועט.
מיין בערלען (אַ ליכטיקן גן עדן
זאָל ער מיר דאָרט האָבן!)
אַ יאַדעשליוון, אין פרעמדן לייוונט
האָט מען אים באַגראָבן.
בין איך די אַלמנה, נעבעך, געוואָרן
אַ סעדעכע מיט עפּל —
אין קעשענע זאָל זיין דער גראָשן
דאָס שטיקל פליש אין טעפּל.

לאָזט זיך פרעגן, אויב דער דיכטער איז מחויב אויף אַזויפיל צו זיין געטריי צו באַסיען, וואָס באַווײַנט אירע טעכטער, אַז ער זאָל זי טאַקע אינגאַנצן לאָזן ריידן. נאָך אַלעמען איז דאָך פּאָעזיע נישט קיין קונסט פון געטרייען מאָנאָלאָג. אָבער קעהאָס קליגער האָט געהאַלטן, אַז ער מוז דווקא דערנענטערן זיין וואָרט־קונסט צו באַסיעס מענה־לשון.

אין זיין קלאָג־ליד — „די שחיטה אין פּיטידין״ זעען מיר נאָך בולטער, ווי דער פּאָעט האָט געזוכט צו געבן זיין ליד, אין סגנון פון אַ פּנקס־פאַרשרייבונג.

די האַרבסטיקע ביימער האָבן געזען און געשוויגן,
די אלולדיקע הימלען האָבן צו גאָט נישט געשריגן.
האַרבסטיקע ביימער, פאַרוואָס האָט איר געשוויגן?
אלולדיקע הימלען, פאַרוואָס האָט איר נישט געשריגן?
מיין יידיש שטעטל, מיינע צוואַנציק טויזנט יידן,
האָט מען יוד־טית אלול געקוילעט אין דערפל פּיטידין.
אַ בראָך צו אייך, ביימער, פונעם דערפל פּיטידין,
אַ בראָך צו אייך, הימלען, איבערן דערפל פּיטידין.
פון זויגלינג ביז קינדער, פון פרויען ביז זקנים
האָט דער חלף געחלפט ביז איינער, ביז איינעם,
האָט דער חלף געחלפט, האָט דאָס מעסער געשניטן,
די כלה, דעם חתן, דעם רב, דעם מחותן.

נעמען מיר אָן פאָלקס־לשון און פאָלקס־אויסדרוק ווי דעם בעסטן סטיל פאַר אונדזערע קינות, בלייבט אונדז גאָרנישט איבער פון פאָעט אַליין, וואָס דער הויפּט־אויפגאַבע זיינער איז דאָס באַגראַמען די שורות.

נאָך אַ לעצטן ביישפּיל פון קעהאָס קליגערס בוך, וואָס ווייזט אונדז ווי וויניק דער פאָעט קען זיך אַריינמישן, אויב ער באַשטייט דווקא, אַז ריידן דאַרף דאָס מויל פון פאָלק. מיר נעמען צוויי פערזן פון זיין — „קלאָג־ליד פון אַ כלה־מיידל״.

זעט נאָר מיינע צעפּ, ווי שיין,
אויסגעפלאָכטן זיי אַליין —
און דאָס פּרעכטיק חופּה־קלייד,
אויפגענייט פון ווייסער פרייד
וויין־זשע, פידל קלאָג און וויין,
די כלה דאַרף צום טויט איצט גיין.

כ׳בין שטאַרק מסופּק צי דאָס איז די פּאַסיקסטע מוזיק פאַר אַ ליד, וואָס באַזינגט אַ כלה, ערב איר פאַרברענונג אין נאַציש קאַלך־אויוון. אָבער דער צווייטער פערז ברענגט נאָך בולטער אַרויס דעם געדאַנק, אַז אַ דיכטער ווערט אַמאָל צעטומלט, ווען ער וויל פאַר אונדז לאָזן זינגען אַ פאָלקס־קינד.

זעט מיין לייב, ווי פריש און רייף
און מיין ברוסט ווי יונג און שטייף,
מיינע לענדן — פייער־גלי
פלאַמענדיקע ביז די קני —
וויין־זשע, פידל קלאָג און וויין,
די כלה דאַרף אין קבר גיין.

אָט־די הייסע בהדרגהדיקע און אויסשעפּלעכע עראָטיק איז, ווי מיר קומט אויס, דעם דיכטערס און נישט דער כלהס. ס׳איז אַביסל צו־פּינקטלעכע און התלהבותדיקע עראָטיק פאַר אַזאַ מאָמענט פון „וויין־זשע פידל״, אָבער דאָס איז דער רעזולטאַט פון אַ צונויפמיש פון צוויי קולות — דער כלהס און דעם פּאָעטס, און דער דיאַלאָג איז אַ פּועל־יוצא פון עקשנותדיק זינגען פאָלקס־לשון און פון כאַפּן זיך אינמיטן דערינען, אַז דער פּאָעט אַליין האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.

דער דיכטער משה שטיינגאַרט גייט אינגאַנצן אַוועק פון לעבעדיק לשון און אין זיין ערשט בוך לידער — „אַליין״, רעדט ער צו זיך אַליין אַזעלכע פערזן: —

איך בין אַ קינד פון מיין צייט,
איך צאַם דעם אורוואַלד
אין מיין צעטרייסלטן אינעווייניק.

י ע ק ב   ג ל אַ ט ש ט ײ ן

קאַלט, באַזונדער, מיט קילן שמייכל
אויף שאַרפן צעטייל פון שטרענגע ליפן,
זידט אין מיר דער ברויז פון
צעוווּנדיקטע נעכט נאָך שווערער שלאַכט,
ווען רעמאַנענץ ווייזט אויסגערונדטן, טאָטאַלן פאַרלוסט.

דאָס לשון איז דער סאַמע היפוך פון קעהאָס קליגערס און ווען שטיינ־גאַרט וויל אונדז זאָגן אַ געדאַנק, זאָגט ער עס אויף זיין „אַלייניקן" אופן —

מיר גלייבן אין אומגלויבן פון פאַרהוילענעם גאָרנישט
מיר פלאַסטערן אַלע וועגן פון אייגענער פאַרלענדונג.

און אַז שטיינגאַרט וויל צושטיין צום יאָמער־כאָר פון אונדזער גרויסן געוויין, זינגט ער אַזוי:

איבער מיר הענגט אַן איבערגעקערטער הימל
מיט זון און שטערן פאַנאַנדערגעוואָרפן אין קאַפּויר
איך שפּיר דעם שווידער פון אייער צעטרייסלונג.
איך בין דער ערשטער טרעגער פון אַלע אייערע האַסן
ווען איר מוזט אין אונטערגאַנג זיך אַריינקלייבן.
איר האָט דאָך אַלע איין געשטאַלט —
ווען ס'קומט די צייט פון אייער פאַרדינטער איינזאַמלונג.

און אָט איז אַ ליריש ליד וואָס ווייזט ווי אַ שטיינגאַרט וויל זיך איב־גאַנצן דערוויטערן פון פאָלקס־לשון.

דיין אַנקום האָט מיין אָוונט לאַנד אויפגעטאָגט.
איך בין נישט קיין צאַרט־געמאָסטענער פערז —
אַ בונט צעפלאַקערט שטרוי אין פייער־קאַליר.
חערטער בריזען נישט־דערזאָגטע,
און אין שטום געצאַמטער שטילקייט
שיק איך מיין גרוס צו דיר —
מיין צעלויכטענעם ווידערשיין.

צווישן קעהאָס קליגערס פאָלקס־לשון און שטיינגאַרטס אַליין־לשון ליגט — אַ גאַנצע דעבאַטע און וואָס גיכער מיר וועלן די דעבאַטע אויפנעמען, אַלץ געזינטער וועט עס זיין פאַר אונדזער פּאָעזיע, וואָס הייבט אָן פאַרלירן איר קרוין און דערמיט אויך דעם צוטרוי פון דעם בעסערן לייענער.

1954.

לידער וואָס ברענגען נאָך אַרויס פון די כּלים

דער אינזיכיסטישער פּאָעט בערנאַרד לויִס איז געווען אַ גבור און נישט נאָר איז די גבורה אין אים געווען אַ באַהאַלטענע, אַן אינזיכיסטישע, נאָר איין קוק אויף אים און ס'איז געווען גענוג צו באַשליסן, אַז מיט אים איז גלייכער זיך נישט אָנצוהייבן. אַלץ איז ביי דעם מענטש געווען מוראדיק איבערגעוואָקסן, די הענט, די פיס, די פּלייצעס, די אויגן, די ציין און דער גאַנצער שווערער קאָפּ. ער האָט געשפּאַנט מיט דער זיכערקייט פון איינעם, וואָס ווייסט אַז קיינער וועט אים נישט ריידן אָקעגן, נישט קריכן אין וועג אַריין און נישט אָפּפרעגן זיין זיכערקייט צו גיין ברייט אויף גאָטס ערד. פון דעסטוועגן איז אים דער טויט בייגעקומען, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַנטשיק פון עטלעכע און דרייסיק יאָר.

מילא, דער טויט איז אַ באַקאַנטער ראַנגלער, וואָס האָט נישט קיין דרך־ארץ פאַר קיין גבורה, אָבער איך האָב אַליין געזען, ווי אַ קליינער, שוואַכער זעצער האָט געכאַפּט אַ שטיק בליי און געיאָגט דעם ריז איבער דער גאַנצער דרוקעריי. דער ריז וואָס האָט טאַקע געזונגען וועגן זיך אין אַ ליד, אַז ער איז ער — ער איז דער ברייט־פּלייציקער גבור פון פעלדז ראַנדעראָ, ער איז אַנטלאָפן אַ דערשראָקענער פון דעם זעצערס טעמפּעראַמענט.

דאָס איז געשען מיט גאַנצע דרייסיק יאָר צוריק. בערנאַרד לויִס איז טאַקע געווען אונדזער ממונה אין דער קליינער דרוקעריי, ווייל די ערשטע עטלעכע נומערן פון „אינזיך" זענען געזעצט געוואָרן מיט אַזויפיל ווידער־ווילן און כעס, אַז מיר האָבן פּשוט באַדאַרפט האָבן אַ שטאַרקן. ס'פּלעגן אַמאָל אויסברעכן קריגערייען, ווייל דער איינציקער זעצער און אייגנטימער פון דער קליינער דרוקעריי האָט נעבעך געפילט, אַז פאַר עטלעכע לומפּיקע דאָלאַר האָט ער זיך פאַרקויפט צום טייוול. מ'רעדט שוין נישט וועגן דעם פּאַנעטישן אויסלייג פון העברעיִשע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען צע־מזיקטע, מיט ריסוק אברים, נאָר מיט די לידער אַליין האָט דער זעצער גע־פילט, אַז ער איז עפּעס מחלל, אַז ער טוט אַ גרויסע עבירה, ער העלפט אַרויס־פירן אין גאַס אַזעלכע הפקרדיקע פערזן, וואָס האָבן נישט קיין רעכט געבוירן צו ווערן. דער זעצער־אייגנטימער, אַ זיידענער, שטילער העברעיִשער יונ־גערמאַן, וואָס האָט נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט, האָט גע־זעצט די אינזיכיסטישע לידער מיט אַזאַ ברענענדיקן כעס, אַז ווען ער איז

פּאַרטיק געוואָרן, האָט ער סיי־ווי געהאַט אַ טיפן און אומפּאַרענטפּערלעכן שולד־געפיל. ווען מ׳האָט נאָך געהאַט די חוצפּה צו זוכן גרייזן אין אַזעלכע לידער, ווי זיי וואָלטן טאַקע געווען גלייכבאַרעכטיקטע באַשעפענישן, וואָס מ׳קען מתקן זיין מיט עטלעכע פּאַריכטונגען, איז דער זעצער מיטן סופרדיקן פּנים געוואָרן ממש אַ רוצח. האָבן מיר טאַקע געהאַלטן בערנאַרד לוּיסן ווי אַ בליץ־אַפּלייטער, נאָר ס׳האָט קנאַפּ געהאָלפן. זיינע „טורמאַלינען" און „כריזאָפּראַזן" מיט די אַנדערע אַנשרעקעוודיקע ווערטער פון זיינע אייגענע לידער און די לידער פון זיינע חברים האָבן ממש צעבלאָזן און אויפגעקאָכט אַ הייליקע מלחמה אין דער קליינער דרוקעריי. פאַר אונדז יונגע, נישט־אָנערקענטע, אויסגעלאַכטע און פאַרחוזקטע פּאָעטן איז דער רוחניותדיקער, אָבער פייערדיקער זעצער געווען אַ סימבאָל פון דער מאַכט פון פינצטערניש און יעדער פריש־געבאַקענער און פאַרטיקער נומער איז ממש מיט די ציין אַרויסגעריסן געוואָרן, ווי אַן עופּעלע נאָך אַ קייזערשניט.

דער דאָזיקער זעצער איז מיט יאָרן שפּעטער אָנגעקומען אַרבעטן אין „מאָרגן־זשורנאַל". ווען איך האָב אים איבערגעפרעגט פאַרוואָס ער האָט אַזוי געבערנט אויף די יונגע פּאָעטן, איז זיין גוטמוטיקער שמייכל פאַר־שווונדן און ער האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ פרישער, ערשט־געבוירענער רציחה:

— וואָס רעדט איר, איך בין אייך געווען גרייט אַלעמען דורס צו זיין!

ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרוּיקן.

פון דעמאָלט אָן זענען לידער געוואָרן אַ סך פרידלעכער און נאָכגעבי־קער. גאָר אַ סך ברויזנדיקע געשעענישן האָבן געהאַט אַ באַשטימטע ווירקונג אויף ייִדישע לידער. זיי האָבן זיי געעלטערט. אַ סך לידער האָבן זיך אַפילו געעלטערט פאַר דער צייט און אויף דער עלטער ווערט מען ענלעך אויפן טאַטן אָדער אויפן זיידן. פאַראַן דאָ און דאָרט לידער, וואָס ייִנגלען זיך נאָך, אָבער מען זעט בפירוש, אַז זיי האָבן שוין אַ נישקשהדיק בייכל, אַ גאַנץ אָנזעעוודיקן פליך און אַ מיושבדיקן טאָן. דער עיקר איז דער מיושב־דיקער טאָן. דער דיכטער וועט זיך שוין מער נישט פאַרגינען אַ פּלאַטער צו טאָן און איינשטעלן מיט אַ וואָרט. יעדער וואָרט איז אויפן אָרט און עס מיינט קיין האָר נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ וואָרט האָט אַ רעכט צו מיינען. אַ וואָרט איז אַן אויסגעשטעלט וועקסל וואָס מוז האָבן דעקונג אין באַנק פון געדאַנק (צום גראַם!). אַוועק די צייטן, ווען מ׳האָט יוגנטלעך געשריבן טשעקן און זיך נישט געזאָרגט, בעת מעשה, צי מ׳וועט זיי טאַקע אויסצאָלן, צי ס׳איז טאַקע דאָ גראָב רעאַליסטיש געלט, דאָלאַר פאַר דאָלאַר און סענט פאַר סענט, פאַר יעדער נישט־דערמיינט און נישט־דערטייטשט וואָרט.

איז דערפאַר, זאָג איך, ממש מקנא צו זיין שלמה שוואַרצן פאַר די לי־דער זיינע, וואָס פאַרמאָגן נאָך דעם יוגנטלעכן כוח צו דערצערענען מענטשן. שוואַרץ איז שוין אַן אַלטער פּאָעט. הגם ער איז ערשט אין די יונגע פערצי־קער, געדענקען זיך נאָך זיינע לידער פון יענע יאָרן, ווען ער איז געווען דער יינגסטער פון אונדזערע מערב־פּאָעטן, דאָס איז געווען, ווען שיקאַגאָ האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ גאַנץ באַזונדערן ראַיאָן, וואָס האָט מוטיק געקלאַפּט אין די טויערן פון ניו־יאָרק און געמאָנט אָנערקענונג. אין דעם באַנייטן „אינזיך" פון די דרייסיקער יאָרן איז שלמה שוואַרץ אַוודאי געווען דער מיזינעק. לעצטנס האָט ער גאָר געכאַפּט און אַוועק מיט זיינע לידער צו די גוים און ביז איצט האָט ער שוין אַרויסגעגעבן, אַחוץ זיינע יידישע לידער־זאַמלונגען, אויך פיר ענגלישע לידער־ביכער.

בין איך גראָד געווען אין דרוקעריי, ווען מ׳האָט געזעצט שוואַרצס דריי לידער פאַרן „קעמפּער". דער יונגער זעצער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און ער האָט צום סוף געמוזט צושטעלן זיין אייגענע, נישט זייער־קאָמפּלימענ־טאַרישע באַמערקונג. ער האָט זיך געמוזט אָפּרעכענען מיטן פּאָעט און אים אַריינזאָגן. די ווערטער פון די לידער האָבן זיך ביי אים נישט געטייטשט און ער האָט זיי געזעצט מיט כעס, וואָס זיי גייען נישט אין שפּאַן.

פאַר מיר איז דער זעצער געווען אַ טייערע דערמאָנונג פון יענע טעג, ווען בערנאַרד לוויס איז געווען דער „באַדי־גאַרד" פון אונדזערע אומבאַשיצ־טע לידער, וואָס דער דרוקער, פון דרייסיק יאָר צוריק, האָט געוואָלט אומ־ברענגען און עוקר מן השורש זיין. יענער זעצער איז אַוועק אויפן עולם האמת, ווען בערנאַרד לוויס איז שוין דאָרט געווען אַ שטיקל תושב. אויך דאָרט מוז דער דרוקער נישט פאַרגינען לוויסן דאָס פּיצעלע אומשטערבלעכקייט, וואָס דער יונג־פאַרשטאָרבענער פּאָעט קריגט און אַפילו נישט דאָס פאַרגעניגן וואָס לוויס האָט, וואָס ער וואַרעמט זיך לעבן די גרויסע און ער פּאָלגט אַמאָל אַ גאַנג האָמערן, שעקספּירן און אונדזערע אייגענע — ביאַליקן, ראָזענפעלדן און יהואשן.

אָבער צוריק צו שלמה שוואַרצן. ער וווינט נאָך איצט אין שיקאַגאָ, איז אַן אָנגעזעענער און, דאַכט זיך, גאַנץ ניכטערער געשעפטסמאַן און ער שרייבט נאָך איצט, אין אונדזערע סטאַטעטשנע צייטן, לידער, וואָס קענען אַרויסרופן בייז און קריגעריש בלוט. מאַכט ער זיך יונג, אָדער איז ער טאַקע יונג? ווע־מען אַרט עס, אַבי מען זעט, אַז זיינע שורות גייען נישט אָפּ גלאַטיק, נאָר זיי רודערן.

שוואַרץ איז קיינמאָל נישט געווען קיין דיכטער פון קאָנצענטרירטער גאַנצקייט, נאָר פון דער כאַאָטישער, אייגפּאַלערישער שורה. אַז ס׳געלינגט

אים, גיט די באַזונדערע שורה אַ בליץ מיט אַ סך אינערלעכער איבערצייגונג. ווען ער רעדט וועגן זיין טויטן ברודער אַז „ער איז אייביק אַ פאַרוואַלדיק־טער מיט אומרו, פאַרוואָרצלט אין רשות פון סוף", איז ער אַפילו „לאָגיש" איבערצייגנדיק. „פאַרוואָרצלט אין רשות פון סוף" מיינט זיין גאַנץ פיין טויט און „אייביק פאַרוואַלדיקט מיט אומרו" איז דאָס ביסל לעבעדיקע פון טויט, וואָס קען זיך געדענקען נאָך אַ טויטן ברודער.

און דער טאַטע אין אייביקן שלאָף
פאַרגאָרטנט אין הפסקה גלעט די ווינטערדיקייט אויף מיין אַקסל,
און וויל מיך באַשפּרינקלען מיט דעם ביסעלע שניי
וואָס בלייבט ווי אַ גאַסט דורכאויס זויבער.

דאָס איז אַ פּערז, וואָס גיט איבער די קאַלטקייט און שוידער פון אַ טויט־וויזיע. דער טאַטע איז פאַרגאָרטנט אין טויט, וואָס האָט עפּעס איבער־געשלאָגן — נישט קיין ריס, נאָר נישט מער ווי אַ הפסקה פאַר דעם זון. דער „קאַלטער אַקסל" שוידערט פון דערזען די טויטע קינאָ־בילדער. „ער גלעט די ווינטערדיקייט אויף מיין אַקסל". דער געפאַלענער שניי בלייבט אומבאַ־רירט און זויבער, ווי אַן ערשט־געקומענער גאַסט. דער טאַטע וויל באַשפּרינק־לען און מונטערן דעם זון מיט שניי. דאָס זענען אַלע נייע, אַליין־געזעענע בילדער, אַפילו ווען אין דעם סך־הכל פון אַלע בילדער נעמען זיי זיך נישט צוזאַמען אין אַן אַריפמעטישן חיבור פון געדאַנקען. „דער ירדן אין שויב — אַ בלויער שעפּס" איז אַ בילד. „בלויז די שויבן הילכן ליכטיק", ווייזט אַז שוואַרץ קען טעלעסקאָפּירן זון מיט קלאַנג.

אין זיינע ענגלישע לידער ווייזט אויך שלמה שוואַרץ אַ נייגעריקע ליב־שאַפט צו מוזיקאַלישע ווערטער, וואָס נעמען זיך ביי אים צוזאַמען און גיבן דעם באַזונדערן פאַרגעניגן פון שורות, וואָס זענען אָפט קידער־ווידער. שרייבט טאַקע דער יונגער אַמעריקאַנער פּאָעט דזשאָן טשיאַרדי וועגן שוואַרצן, אַז „ער איז אַ פּאָעט מיט אַ וווּנדערלעכן חוש פאַר שפּראַך, וואָס קיינער טאָר נישט פאַרזען".

ער האָט נישט אַזאַ שטאַרקן חוש פאַר שפּראַך, ווי אַ ליבשאַפט צו באַ־זונדערע ווערטער, וואָס ליכטיקן אויף פון וויטנס און לעשן זיך, ווען מען וויל זיי כאַפּן אויף דער ווענטקע און מאַגנען ביי זיי פאַרשטייעכץ. כ׳זאָג, חלילה, נישט אַז מען דאַרף נישט פאַרשטיין קיין לידער. כ׳מיין בלויז צו זאָגן, אַז ס׳קומט זייער ווייניק צו אַ סך לידער, אַפילו ווען זיי גיבן זיך איבער לייכט צום פאַרשטאַנד. כ׳וועל דערפאַר גיכער קידוש מאַכן אויף אַזאַ באַזונדערער שורה — „ווי די זון אַ פּעניץ ברויט שמעקט אין נאָז", ווי אויף שוואַכע גאַנ־צע לידער, וואָס קריגן אַזש הויכן בלוט־דרוק פון גרויס פאַרשטענדלעכקייט.

שלמה שוואַרץ קען נאָך, הייסט עס, מיט זיינע לידער אַרויסרופן צאָרן און אַרויסברענגען פון די כלים. מיר געדענקט זיך נישט, אַז אַ לייענער זאָל ווען עס איז אָנגערעגט ווערן מיר צו שיקן אַ בריוו, באַשרייבנדיק די הנאה, וואָס ער האָט געהאַט פון גוטע לידער, מיט דעם זעלביקן ברען און אימפּעט און תענוג, ווי אַ לייענער וואָס האָט מיר געשריבן וועגן דער אומ׳הנאה, וואָס שלמה שוואַרצס לידער האָבן אים פאַרשאַפט.

כ׳האָב נישט לאַנג צוריק, צום ווייפלטן מאָל, געלייענט דעם פּאָעט האַוזמאַנס מיינונג, אַז פּאָעזיע איז אפשר גאָר אַן ענלעכער פּראָצעס צו דער פּראָדוקציע פון אַ פּערל, וואָס איז אַ קרענקלעכע שאַפונג, ערגעץ אין דער האַרטער שאָלעכץ פון ווייכן אויסטער. מען קען אפשר זאָגן, אַז אַקוראַט ווי די אומפאַרדייעכץ פון וואַלפיש פּראָדוצירט דעם „אַמבערגרי״, וואָס מען מאַכט פון אים פּערפום, אַזוי איז אפשר די אומפאַרדייעכץ פון פּאָעט דער פּערפום פון ליד. נישט אומזיסט שרייבט מען טאַקע וועגן דעם דייטשן פּאָעט רילקע, אַז ער האָט מורא געהאַט צו גיין צו אַ דאָקטאָר, אָדער צו אַ פּסי־כיאַטאָר. ער האָט פּשוט געכאַפּט אַ ציטער, אַז מען וועט אים געזונט מאַכן און אים שוין פאַר אייביק אויסהיילן פון זיין פּאָעזיע אויך.

.1950

י. מ. וויסענבערגס „געקליבענע ווערק"

וויסענבערג איז געווען אַ שטומער מענטש, וואָס זיין שטומקייט האָט פון אים קינסטלעריש אַרויסגעברילט. דער כעס זיינער איז תמיד געווען אַ גערעכטער, אָבער לגבי זיין כעס איז ער געווען זיין אייגענער מהר"ל, וואָס האָט דעם צאָרן אָנגעגורט מיט קדושה און אים אַפילו געגעבן אַ שם המפורש אונטער דער צונג, אָבער דער כעס איז אַוועק און געהאַקט קעפּ. פון וואַנען איז צו דעם זשעליכאָווער בעל־מלאכה געקומען אַזויפיל בענקשאַפט נאָך קינסטלערישער פרישות און אַזויפיל אויפריכטיקע שנאה צום געכאַליעטן שרייבערישן קאַריעריזם? אין אים, אין דעם פראָלעטאַריער, האָט געלעבט אַ גרויסער אַריסטאָקראַט פון דער פען. אים האָט געדרייצט וואָס זיינע יוגנט־חברים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף ברייטע וועגן און זענען אַוועק פון אים. ער האָט דערשנאַפּט, אַז זיי האָבן עפּעס אָנגעוווירן, אין קינסטלערישן געמיט און אין אומפסולתדיקער יוגנטלעכער ערלעכקייט, וואָס האָט זיי געפירט צו־זאַמען, אויף די ערשטע שרייבערישע וועגן.

איטשע מאיר וויסענבערגן, דעם ערלעך־שטומען, האָבן געדרייצט די גלאַטיקע רייד, וואָס האָבן זיך גיכער און פלינקער דערשלאָגן צו פּאָפּולאַרי־טעט. ער איז געוואָרן אַ גענעראַל אָן סאָלדאַטן, נאָר פון סאַמע אָפיצירן, וואָס מיט זיי איז ער געגאַנגען אין מלחמה. ער איז אַוועק צום עקסטרעם פון זיין „טאַטע מיט די בנים" און געגאָסן פולע עמערס זודיקן כעס אויף דער סטאַ־טעטשנער קינסטלערישקייט, וואָס איז אַרויס פון דעם קליינעם, ערלעכן יידישן שרייבער־געסל, און געוואָרן אַלץ ענלעכער אויף וועלט־ליטעראַטור, פאַרלירנדיק דעם פורעם פון דער ערשט־טריטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געפונען דעם וועג צו פּרצן.

וויסענבערגן האָט פאַרדראָסן אַ גרויס פאַרדראָס, אין אים האָט געווירן די אייביקע רעוואָלוציע פון דעם ביטערן אָרעמאַן־אַריסטאָקראַט אַנטקעגן אָב־געגומענקייט אין די הויכע פענצטער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז קלוגע „ליטוואַקעס" האָבן אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דער יידישער ליטעראַטור און אַפילו גענומען געפּאַנגען אַזאַ פּוילישע נשמה ווי שלום אַש. ער איז אַוועק צו פּוי־לישער דיאַלעקט־אויסלייגעכץ, כדי וואָס מער אונטערצושטרייכן די אָפּזונ־דערונג פון קיניגרייך פון יידישן וואָרט.

אין דעם אַפּקלייב פון ווייסענבערגס ווערק פעלט לחלוטין די אומרוּיקע פּערזענלעכקייט ווייסענבערג. ס׳פעלט זיין פּאַמפלעטיסטישער גייסט און אימפעט, זיין אומגעשטילטער כעס. ער קומט אַרויס ביי דער גאַנצער פול־בלוטיקייט פון זיינע „פּאַרגרעבטע" מענטשן, אַן עמאַסקולירטער קינסטלער, אַ שטילס, אַ פליג אויף דער וואַנט נישט־טשעפּענדיקס. פון דער זאַמלונג האָבן געמעגט פעלן די גאַרנישטיקע האַלב־פּאַרנאָגראַפישע „דבורהלעך" און די שייגעץ־שיקסע אַנשטעלן פון דעם פוילישן ווייסענבערג, און ס׳האָט גע־מעגט געגעבן ווערן, אויף אַ קריסטאַליזירטן אופן, אַ ברייט בילד פון דעם קעמפנדיקן קינסטלער, קעגן די זשורנאַליסטישע ליטעראַטן פון זיין דור. די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון ווייסענבערגן איז בייטיק, כדי אונטערצושפּאַרן אַ טייל פון זיינע שטייגער־דערציילונגען, וואָס זענען שוין אַ רעכט ביסל אָפּ־געבליאַקעוועט.

ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט. זיין שטאַרקע יידישע פּראָזע האָט פּאַרמאָגט אַזויפיל איינגעבוירענע געמאָסטנקייט, אַז ס׳איז געווען אַ וווּנדער ווי אַזוי אַזאַ געלערנטער און אומפּעלערדיקער צמצום האָט געקענט קומען צו אונדז — אַן איינגעבוירענער. ס׳איז כדאַי צו לייענען אַזאַ קליינע דערציי־לונג ווי „אַ מעשה מיט אַ ציג". ווייסענבערג האָט עס געוואָלט אָנשרייבן מיט אַ חוזק־פּען, אָבער דער חוזק האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט און ס׳איז געוואָרן דערפון מאַטעמאַטיק פון מוזיק. די גאַנצע זאַך טאַנצט עלעגאַנט; ווייסענבערגס צוויי שוועסטער, די טויטע, די אויף טויט־דערשראָ־קענע און די ציג טאַנצן צוזאַמען און איינע נאָך דער אַנדערער.

אין זיין דערציילונג „אַ פּאַמניק" פּאַרגליווערט ער די אַלטקייט פון אַ פויער מיט אַ פויערטע, אין אַ סטאַטוע פון זעלטענער צערטלעכקייט, און אַנט־קעגן דער דאָזיקער אַלטקייט שטיפט די אומגעצאַמטע יוגנט פון צוויי יונגע שיקסלעך. ווייסענבערג שלעפּערט איין זיידע־באָבע מיט אַ ריטם, וואָס איז פּאַר זיין צייט געווען אַ זעלטנהייט. אַש איז אין אַזעלכע מאָמענטן געוואָרן ווייך ווי פּוטער און ער איז געפּאַנגען געוואָרן פון דיניטשקן פידעלע — פּאָעזיע אין פּראָזע, בעת ווייסענבערג האָט אין אַזעלכע פּאַלן געשפּילט די מענלעכע וויאָלאָנטשעל.

זיין „שלעכטע פרוי" איז אַ שטודיע אין קרענקלעכקייט, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט מיט דעם שווערדיק־פוילישן דיאַלאָג, פון מוזיקאַלישע קללות, וואָס איז ווי גוט־געשפּילטער באַלעם, הין און צוריק געוואָרפן און געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ.

ס׳זענען פּאַראַן אויך אומנייטיקע, ווערטלאָזע און אומבאַטעמטע זאַכן

אין דער זאַמלונג, אויפן חשבון פון אַ סך ווייסענבערגס בעסערע זאַכן, און דער עיקר פעלט דער תמצית פון זיין פּאָלעמיק און זיין אומגעהובלטע אימ־פּעטיקע קריטיק, וואָס ווייזט, אַז ווייסענבערג האָט ביי זיין גאַנצער שאַרפ־קייט פאַרמאָגט אַ סך עכטן קינסטלערישן געשמאַק.

אָבער מער פון אַלץ פעלט אַ גוטער אַריינפיר. די עטלעכע סקאַרבאָווע און אָפּגעשריבענע שורות זענען נישט קיין כבוד פאַר די „געקליבענע ווערק" פון דעם קינסטלער א. מ. ווייסענבערג, וואָס גוטע צען פון די ביינצן קורצע און לענגערע זאַכן זענען נאָך היינט מייסטערווערק. נישט נאָר דער אינהאַלט נאָר דאָס לשון איז נאָך לעבעדיק, מחיהדיק־פריש, דערפרישנדיק און דער טראַגישער ווידערקול פון לעבעדיקע יידישע געזאַנגיקע מיילער.

.1954

אויפן פריפעטשיק פון וואַרשאַווסקיס פאָלקסליד

מיט איבער זעכציק יאָר צוריק האָט שלום־עליכם אַנטדעקט דעם פאָלקס־דיכטער מאַרק וואַרשאַווסקי, און ס׳האָט נישט לאַנג גענומען אַז וואַרשאַווס־קיס לידער זענען געזונגען געוואָרן אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך. וואַרשאַווסקיס געזאַנגען האָבן געהאַט די מעלה, וואָס זיי זענען געבוירן גע־וואָרן, אַזוי צו זאָגן, צוזאַמען מיט מוזיק. די ווערטער האָבן נישט באַדאַרפט בלאָנדזשען אַ לאַנגע צייט זוכנדיק אַ מוזיקאַלישן תיקון, ווייל זייער מחבר האָט געהאַט זיין פאַר נגינה און בשעת הדחק האָט ער אַפילו געוווסט ווי אַזוי מען „פאַסט״ צו אַ פרעמדע מעלאָדיע — אַן אוקראַיִנישע, אַ רומענישע, ביז די ווערטער זענען געוואָרן גאַנץ מיט אַ ניגון, וואָס פון אים האָט מען די ווער־טער נישט געקענט אָפּטשעפּען. ס׳איז געווען דער אמתער שידוך.

גראָד האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו זאַמלען דאָס ריינע יידישע פאָלקסליד און די ריינע יידישע פאָלקס־מוזיק, און שלום־עליכם האָט באַדאַרפט קעמפן מיט אַזאַ מוזיקער ווי יואל ענגעל, וואָס האָט נישט גע־וואָלט אַריינלאָזן וואַרשאַווסקיס פאָלקס־געזאַנגען, דער עיקר צוליב זייער געבאָרגטער מוזיק, אין היכל פון ריינעם יידישן ליד. אָבער ס׳האָט אים קנאַפּ וואָס געהאָלפן. געוווּנען האָט שלום־עליכם. קיינער האָט זיך נישט נאָכגע־פרעגט אויף דער מוזיקאַלישער ריינקייט פון אַזאַ געזונגען ליד, ווי „אויפן פריפעטשיק״ („דער אלף־בית״) אָדער „טייערע מלכה, געזונט זאָלסטו זיין״ („דער בעכער״). מען האָט דערלויבט וואַרשאַווסקין צו קומען מיט זיין מו־זיק פון דער פרעמד, אַבי די ווערטער האָבן זיך אויף אַ כשרן אופן צוזאַמענ־געפּאָרט מיט דעם ניגון.

אין 1900 איז אין קיִעוו דערשינען אַ זאַמלונג פון וואַרשאַווסקיס „יידי־שע פאָלקס־לידער״, מיט שלום־עליכמס באַגייסטערטער הקדמה. אין 1914, זיבן יאָר נאָך מאַרק וואַרשאַווסקיס טויט, איז אין אָדעס דערשינען אַ צווייי־טע זאַמלונג פון די באַקאַנטע לידער, מיט אַ צוגאָב פון נייע, און ווידעראַמאָל מיט שלום־עליכמס אַ פרישער פאָררעדע. דאָ נישט לאַנג, שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך וואַרשאַווסקיס טויט, איז אין בוענאָס איירעס דער־שינען אַ גוט־צוזאַמענגעשטעלטע זאַמלונג פון וואַרשאַווסקיס „יידישע פאָלקס־לידער״, מיט אַן אַריינפיר און אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי, און מיטן נאָטן צו 31 לידער.

ס'איז געווען מזלדיק פֿאַר מאַרק וואַרשאַווסקין וואָס שלום־עליכם איז נישט געווען קיין צו־גרויסער מבֿין אויף פּאָעזיע. דער פּאַרפֿאַסער פֿון זיין אייגענעם עפּיטאַף — „דאָ ליגט אַ ייִד אַ פּשוטער" האָט דערפֿאַר נישט אויסגעזוכט די געאיידלטע פּאָעזיע פֿון זיין דור און זי געגומען פּאָפּולער מאַכן פֿאַרן לייענער. אמת, שלום־עליכם האָט שוין דעמאָלט געהאַט פֿאַרעפֿנט־לעכט פּרצס קרעפֿטיקע פּאָעמע „מאָניש", אָבער ער האָט געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס אין דעם אויפֿשטייג פֿון ייִדישן ליד און אין זיין אַנטוויקלונג. דער אינטערעס שלום־עליכמס איז געווען אַ פֿאָלקישער דורכאויס. ער האָט גיך דערשפּירט, אַז וואַרשאַווסקיס לידער האָבן אַ דערציִערישן ווערט, און אַז מיט זיי קען מען שוין צוקומען צום יונגן ייִדישן לייענער. ער האָט דערשנאַפּט, אַז וואַרשאַווסקי איז דער עכטער זינגער פֿון די ערשטע שטאַפּלען פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־ליטעראַטור.

וואַרשאַווסקי איז געווען אַ מין קאָנספּעקט פֿון דער בעסערער ייִדישער ליטעראַטור — איר קיצור אין גראַמען. דער זיידע מענדעלע האָט אויך גע־פּרוּווט שרייבן גראַמען און אין זיין פּאָעמע „יודל", געשריבן אַ סך פֿריִער פֿון וואַרשאַווסקיס לידער, האָט ער געמאַכט אַ פֿאַרזוך אַריינצוגיסן זיינע פּראָזע־טענות ומענות וועגן ייִדישן פֿאָלק אין גראַמען, אָבער די פֿערזן האָבן זיך נישט אָנגענומען. מען האָט זיי אין יענער צייט געלייענט און שווער גע־קייט און עס באַטראַכט פֿאַר אַ גרויס בריהשאַפֿט אַזוי לאַנג און ברייט צו גראַמען, אָבער שוין צוליב דער לענג און אויך, און אפֿשר דער עיקר דערפֿאַר, וואָס די גראַמען האָבן נישט געהאַט קיין מוזיקאַלישן לבֿוש, זענען זיי קיינ־מאָל נישט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, ווי מאַרק וואַרשאַווסקיס לידער.

אין וואַרשאַווסקיס לידער האָט שלום־עליכם גיך געכאַפּט, אַז זיי דאַרפֿן זיין נאָענט צום האַרץ פֿון פּשוטן ייִדישן לייענער (פֿון דעם ייִד דעם פּשוטן!), ווייל זיי זינגען־איבער זיין לעבן, זיי זענען די קאָלעקטיווע ביאָגראַפֿיע פֿון ישראליקן, מיט אַלע זיינע צרות און האָפֿענונגען, און אַפֿילו דעם ייִדס זינ־גענדיקע צייט־כראָניק, די אידייען וואָס האָבן שוין געהאַט פֿאַרכאַפּט דעם נייעם ייִד, זיין חיבת ציון, זיין נעמען זיך צו ערדאַרבעט, זיין וועלטלעכער דרך־ארץ פֿאַר ייִדישע ווערטן.

מאַרק וואַרשאַווסקי איז געווען אַ געבילדעטער אַדוואָקאַט און זיינע גע־זאַנגען זענען געווען תמציתדיקע. ער האָט פֿאַרמאָגט גרויס ליבשאַפֿט צום ייִדישן פֿאָלק, זיין לעבנס־שטייגער, משפּחה־געפֿיל, ערשטע באַפֿרייונגס־אי־דעאַלן און איבערגעגעבנקייט צו תורה. ער האָט געהאַט אַ טעמאַטיש־נאַציאָ־נאַלן צוגאַנג. די לידער, וואָס ער האָט געזונגען פֿאַר זיך, ווען ס'איז אים פּערזענלעך געווען ביטער אויפֿן האַרצן, האָט ער נישט געשענקט קיין צו־

גרויסע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט די דאָזיקע יחידותדיקע לידער אָפּגעפּרעפּלט, אָבער די כללישע לידער האָט ער אויסגעזונגען ברייט און פול־איןהאַלטלעך.

ראָזשאַנסקי שטעלט זיך אָפּ אין זיין אַריינפיר אויף דער קליינער צאָל לידער, וואָס וואַרשאַווסקי האָט געשריבן און וואָס האָבן אים דאָך אַריינגעבראַכט אין פּרדס פון יידישער וועלט־באַרימטקייט. דער אמת איז, אַז וואַרשאַווסקיס לידער האָבן „געדעקט" דאָס גאַנצע יידישע לעבן און וואַרשאַווסקי דער יוריסט האָט מיט דער קליינער צאָל לידער „פאָרמולירט" די ביאָגראַפיע פון זיין קליענט — ישראליק. ער האָט אים געוויזן און באַוויזן פון אַלע זייטן און מער איז שוין בישט געווען וואָס צו זינגען און צו זאָגן. ווען ער וואָלט עפּעס צוגעגעבן, צו דער אַדוואָקאַטור זיינער, בנוגע דעם יידישן פאָלק, וואָלט עס געווען אַן איבעריקע און אומנייטיקע איבערחזרונג. אין די פינף איינלייטונגען פון דער נייער אויסגאַבע איז פאַראַן די גאַנצקייט פון יידישן לעבן און פון יידישן טראַכטן, נישט אַזוי פון דעם ייד דעם פּשוטן, ווי פאַר דעם ייד דעם פּשוטן, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן זיך צו אָריענטירן אין דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, יידישן לשון, העברעישן לשון, און וואָס האָט שוין געקענט די נעמען פון אַ פיר־פינף שעפערס פון יידישן וואָרט.

דער שענסטער אויפטו פון וואַרשאַווסקיס לידער איז געווען די כשרקייט און דער חן פון די ווערטער. זיי זענען געווען קוואַליק־יידיש און זיי האָבן זיך געלייגט אויף דער צונג, מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, ווי זיי וואָלטן לכתחילה געבוירן געוואָרן אין יידישן מויל. ווען די יידישע „טעאַטער־ליריק" וואָלט ווייטער געשפּאַנט אין דעם וואַרשאַווסקי־נוסח, וואָלטן אונדזערע טעאַטערלידער געווען אַ גרויסער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. צום באַדויערן האָט וואַרשאַווסקי בלויז זייער אַ קליינע צייט געהאַט אַן השפּעה אויף דעם יידישן טעאַטער־לידל. אַפילו זיין פריינט גאָלדפאַדען האָט זיך געבויגן פאַר די געקינצלטע, ריכטיקער, געקיצלטע פאָדערונגען פון יידישן טעאַטער־עולם. און דאָך איז וואַרשאַווסקי, אויף זיין שטייגער, געווען טעאַטראַליש, און זיין יעדער ליד איז געווען אַן אויסגעשפּילטער אינהאַלט, וואָס מ'האָט אים געקענט איבערדערציילן.

ס'איז באמת שווער צו שפּילן דעם פאָרזיכטיקן מבין אויף וואַרשאַווסקיס ווערטער, ווייל נאָך איידער דו ווילסט זיי באַטעמען, קומען זיי צו דיר מיט זייערע מעלאָדיעס, וואָס זענען געוואָרן אַן עיקרדיקער טייל פון די „פאָלקס־לידער". פון דעסטוועגן לוינט זיך אַביסל אָפּצושטעלן אויף די באַזונדערע געזאַנגען, אויף דער יידישער שכלדיקייט און לאָגיק פון אַ סך שורות.

יעקב גלאַטשטיין

איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פאַרשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין.

דאָס זענען פיר שורות וואָס קאָנדענסירן יידישע געשיכטע. פריער קור־מען טרערן, שפּעטער געוויין. דאָס קינד ווערט שוין דערצויגן ווי אַ קליין יידעלע. אמת, מען לייגט נאָך אויף אים נישט אַרויף דעם גאַנצן עול, אָבער מען איז אים שוין מרמז, אַז די אותיות זענען דורכגעווייקט מיט טרערן.

וואַרשאַווסקי זאָגט אויך נישט צו זיינע יידישע חדר־קינדער קיין גרויסע גליקן ווען זיי וועלן אויפוואַקסן.

אַז איר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּן,
אויסגעמוטשעט זיין,
זאָלט איר פון די אותיות כוח שעפּן —
קוקט אין זיי אַריין!

אַלץ איז דאָ אויף אַן אָרט: „גלות שלעפּן", „כוח שעפּן" און די נחמה וואָס יעדער דור קריגט פון די יידישע אותיות. דאָס ליד האָט געטראָפן אין פּינטל און אָנגעצונדן מיט געזאַנג אַ גרויס ליכט אין יידישע היימען. באַמערקט אויך, אַז דאָס איז שוין געווען אין די צייטן, ווען דער חדר האָט שוין גענומען כאַפּן משכּילישע און ראַדיקאַלע שמיץ און דער מלמד איז שוין געווען אַ גזלן, אַ קנייפער און אַ שמייסער, אָבער וואַרשאַווסקי דערהייבט דעם פּריפּעטשיק און שאַפט פון דער היץ אין שטוב אַ הייס יידיש געזאַנג — צו די יידישע אותיות.

דאָס צווייטע ליד באַזינגט די יידישע משפּחהשאַפט און דער סימבאָל איז דער בעכער —

טייערע מלכּה,
געזונט זאָלסטו זיין!
גיס אָן אין בעכער,
אין בעכער דעם וויין.

שוין דער האַרציקער „געזונט זאָלסטו זיין", די ברכה פון מאַן צום ווייב, איז נשמהדיק־יידישלעך. דער בעכער מיטן זיידן האָבן אַמאָל אַריינגעכאַפּט שלעכטע צייטן, „ווי עס מאַכט זיך אַמאָל", נאָר „דעם בעכער האָט ער געהאַלטן אייזן און שטאָל". אַלע ווערטער זענען דערציילעריש, אָבער זיי זענען ריכטיק אַריינגעזונגען. דאָס משפּחה־ליד ווערט גיך נאַציאָנאַל —

לחיים וויל איך טרינקען
פאַר דעם פּינטעלע ייִד,
וואָס מוטשעט זיך תמיד
און ווערט קיינמאָל נישט מיד.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן דעמאָלט, ווען דאָס „פּינטעלע ייִד" איז נאָך נישט געווען וווּלגאַריזירט און טעאַטראַליש אויסגעטאַנצט. דאָס ליד ווערט אויך באַלד ווערטלעך־עטיש —

איך וואָלט טרינקען פאַר מיינע שונאים,
נאָר זאָג זיי נישט אויס!
קוק — טרערן שפּריצן פונעם בעכער,
פון דעם בעכער אַרויס.

דאָס ווידער איז נאָך געזונגען געוואָרן דעמאָלט, ווען מען האָט זיך גע־קענט אָנשטרענגען און אַפילו זינגען פאַר די ייִדישע שונאים, ווען מען האָט זיי נאָך געקענט איינבעמען מיט געזאַנג און זיי אַריינבעמען אין קרייז פון איין געזאַנג אויף וועלט־דערלייזונג. דאָס דאָזיקע ליד פון בעכער איז אַ מוס־טער פון דער טעמאַטישער גאַנצקייט, וואָס וואַרשאַווסקי האָט דערגרייכט אין אַ קורץ ליד וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך תמציתדיקן אינהאַלט.

שפּעטער קומען לידער פון ייִדישע צרות אין רומעניע, פון אַ פּאָגראָם פּסח ביים סדר,

אַז מ׳האָט באַהאַלטן די ספרים,
האָבן געוויינט אַלע קברים,

פון אַ חד־גדיא־ווערסיע, אין וואַרשאַווסקיס באַטעמטן ייִדיש —

קומט דער שוחט פּעט ווי שמאַלץ
מיט אַ שאַרפן מעסער
— — — — — — — — — — — —
שוחט, שוחט — גרינגע האַנט —
ס׳גיסט זיך בלוט אין גאַנצן לאַנד.

וואַרשאַווסקי פאַרגעסט נישט, אינמיטן שפּיל, אַריינצוּוואַרפן אַזאַ זייַ־טיקע באַמערקונג, וואָס איז געווען דעם ייִדס צייטונגס־כראָניק פון טאָג, ס׳גיסט זיך בלוט אין גאַנצן לאַנד.

חנעווודיק איז וואַרשאַווסקיס פריילעך בעל־מלאכהש לידל —

אַז דער יום־טוב הייבט זיך אָן צו באַווייזן,
ווער איך ביי מיר אַ גדול,
איך לייג אַוועק שער און אייזן,
און ווי כ׳האָב ביי מיר נאָר אַ נאָדל.

יעקב גלאַטשטיין

דאָס ליד איז אַפילו פול מיט צייט־הומאָר און מיט דער עצה — אַז מען זאָל נישט דערלאָזן צו קיין מלחמות, רציחות —

אַנשטאָט זיך צו שלאָגן —ביידע מלוכות
בעסער גיין צו אַ דין־תורה.

דאָס פריילעכע יידישע שניידערל האָט זיך, ווי מיר זעען, דערטראַכט צו די... פאַראייניקטע פעלקער. בכלל דערטראַכטן זיך אַלע וואַרשאַוועסקיס געזאַנגען צו דער העכסטער מאָראַל. זיין גאַנצע אַדוואָקאַטור האָט ער אַריינגעלייגט אין דער פּרעזענטאַציע פון זיין קליענטס ריינעם יידישן כאַראַקטער.

דאָ אין דער זאַמלונג געפינען מיר אַזעלכע אַלטע „שלאַגערס“, ווי „דאָס ליד פון דעם ברויט“, „אויף קידוש השם“, „דעם מילנערס טרערן“, מיט דעם פּאַטאָס פון האָפענונגסלאָזיקייט —

די רעדער דרייען זיך,
די יאָרן גייען זיך,
קיין ענטפער איז נישטאָ צוריק.

אויך אַזעלכע לידער, ווי „אַז איך בין געקומען קיין ראַכמעסטריווקע“ מיט דעם שווערן אויסוואַל פון די צוויי שיינע שוועסטער, אָדער אַזאַ ריטמישע פויק־און־טאַצן־פרייד פון באַקאַנטן „שלאָגט קלעזמער אין די טאַצן“ —

שטאַרקער! בעסער!
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער,
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט,
די מיזינקע אויסגעגעבן!

דאָס ליד איז פול מיט באַוועגונג און די ווערטער אַליין טאַנצן מיט פאָלקס־געלעכטער —

איציק; שפּיציק!
וואָס שווייגסטו מיט דעם שמיציק?
אויף די קלעזמער טו אַ געשריי...
צי שפּילן זיי, צי שלאָפן זיי?
רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבן.

און נאָך און נאָך, אַ גאַנצע ייִדישע ביאָגראַפיע — פון חדר, ביז דער אידיליע פון „אַכציק ער און זיבעציק זי".

דער יוסף ליפשיץ פאָנדביים קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע פאַר־דינט אַ סך לויב פאַר דעם ציקל „מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור" און דער עיקר טאַקע פאַר דעם צווייטן באַנד — „מאַרק וואַרשאַווסקיס ייִדי־שע פאָלקס־לידער". דער ערשטער באַנד איז געווען שלמה עטינגערס „אויס־געקליבענע שריפטן", וואָס האָט גיכער אַ טיפן אינטערעס פאַר פאָלקלאָ־ריסטן און זאַמלערס. הגם עטינגער האָט פאַרמאָגט אַ סך מער שעפערישע פּאָטענצן ווי וואַרשאַווסקי, האָט ער אָבער נישט דערגרייכט אַזאַ שלימות אין די ראַמען פון זיינע אייגענע מעגלעכקייטן, ווי דער אַדעסער אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי. צום סוף פון בוך ווערן געגעבן עטלעכע „אָפּשאַצונגען צו דער כאַראַקטעריסטיק פון מאַרק וואַרשאַווסקיס לעבן און שאַפן". די אינ־טערעסאַנטסטע זענען די צוויי הקדמות, וואָס וואַרשאַווסקיס אַנטדעקער, שלום־עליכם, האָט געשריבן צו די צוויי זאַמלונגען וואָס זענען דערשינען אין 1900 און אין 1914. דער „קאָלומבוס" גיט אַזאַ שלום־עליכמדיקן פּאָרטרעט פון פאָלקס־דיכטער:

„אַ מענטש פון אַריבער פופציק, קורצן וווקס, מיט קורצזיכטיקע, נאָר שמייכלענדיקע און אַ סך ריידנדיקע אויגן, גוט געפּאַקט. אַן אָפּגעטראָגן רעקל מיט אַביסל אויסגעריבענע עלנבויגנס, אַן אַלט־געזעסענער שניפּס, אַ גיך געגנגל, אַ שיין קול און אַ שטאַרק הילכיקער געלעכטער — אָט דאָס איז וואַר־שאַווסקיס פּאָרטרעט".

די געזאַמלטע לידער זענען אַ גרויס געווינס פאַר דער ייִדישער ליטע־ראַטור, אויב מ'וועט נישט פאַרמישן די יוצרות און מען וועט זיי נעמען אין דער ראַם פון גאַנצן וווקס פון דער ייִדישער פּאָעזיע. מען וועט ערשט דעמאָלט נאָך מער באַוווּנדערן דעם גראַנדיעזן שפּרונג און אַרויפקלעטער פון ייִדישן ליד. טאַקע דערפאַר וואָס מ'טאָר נישט פאַרמישן די יוצרות דאַרף מען אָפּ־פרעגן צוויי אַקסיאָמאַטישע דערקלערונגען אין שמואל ראַזשאַנסקיס אַריינ־פיר. ער זאָגט אונדז, אַז „ביי וואַרשאַווסקין זעט מען, ווי שווער עס איז צו שרייבן לייכט". דער אמת איז, אַז לייכט און שווער שרייבן איז אַ טייל פון אַ פאַרשיידענער לאַבאָראַטאָריע אין פאַרשיידענע מאָמענטן. און ס'קען זייער געמאָלט זיין, אַז וואַרשאַווסקיס לייכטקייט איז אים דווקא אָנגעקומען זייער לייכט און אויב נישט האָט ער אויף אַן עלעגאַנטן אופן פאַרווישט די — שפּורן פון שווייס.

ראַזשאַנסקי זאָגט אונדז אויך, אַז וואַרשאַווסקיס געזאַנג „העלפט אונדז טראַכטן מיטן האַרץ".

כ'בין מער ווי זיכער, אַז וואַרשאַווסקי איז אויך מיטן מוח צוגעגאַנגען צו דער סכעמאַטישער און טעמאַטישער זייט פון זיינע לידער און אַז לידער דאַרף מען בכלל קענען טראַכטן מיט אַלע חושים, אויך מיטן חוש פון זען און הערן; און ווען מען טראַכט לידער בלויז מיטן האַרץ און דורכן האַרץ, קען מען אַמאָל פאַרפירן אויף פאַלשע וועגן און געבן עמאָציאָנעלע האַרץ־קלאַפּעניש, בעת מיר ווילן דערגיין צום אמתן ווערט פון אַ ליד.

.1958

לייב ניידוס

דאָס נייסטע בוך, אין ציקל „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור“, וואָס דערשיינען אַדאַנק דעם „יוסף ליפשיץ פאָנד“,ביים קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע, איז אפשר דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער גאַנצער סעריע, ווייל מיט די „אויסגעקליבענע שריפטן“ פון לייב ניידוס איז געטאָן געוואָרן אַ קינסטלערישער חסד של אמת אַ יידישן דיכטער, וואָס איז פּאַקטיש אָפּגעשטויסן געוואָרן פון נאַטירלעכן שטראָם פון דער יידישער פּאָעזיע. ס׳זענען אפשר געווען גאַנץ גוטע און דערקלערלעכע סיבות פאַר דעם, אָבער לייב ניידוס, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 28 יאָר, איז געווען אַן אומגערעכטער קרבן פון די דאָזיקע ליטעראַטור־געשיכטלעכע סיבות. אים איז געקומען צו דערמאָנען ביי גאָר אַ סך געלעגנהייטן, מיט לויב אָדער אומלויב. ער איז אָבער גרינגטלעך פאַרגעסן געוואָרן, כאָטש ער האָט מער פון אַ סך יידישע פּאָעטן פון זיין צייט געאַרבעט דירעקט ביי — פּאָעזיע און פּאָעטישע מאַטעריאַלן און געוואָלט אַריינגעמען, אין יידישן ליד און אין יידישן לשון, די גאַנצע ביז אים עקזיסטירנדיקע אימפּעריע פון פּאָעזיע, מיט אַלע אירע קנייטשן, חנען, שמינקעס און פּאַרפומען.

זיינע לידער וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין 1907, ווען ער איז אַלט געווען בלויז זיבעצן יאָר, זענען געווען אַ מין איבערזינג פון דער וועלט־פּאָעזיע, נישט קיין נאָכמאַכונג, נאָר אַ דעראָבערונג, אַ באַווייז וואָס מ׳קען, אָדער וואָס ער אַליין קען אַלץ אויפטאָן מיטן יידישן ליד. אין די עלף יאָר וואָס ער האָט געשריבן לידער, און אויך איבערגעזעצט פון דער וועלט־פּאָעזיע, האָט דעם גראַדנער יונגעמאַן זיך איינגעגעבן צו באַווייזן אונדזערע מיט־לייטן־גלייך פּאָטענצן אויף דעם געביט פון אַן אויסגעפּונענער יידישער פּאָעטישער דיקציע, וואָס איז ביז אים געלעגן אין די וויקעלעך.

אַ שאָד וואָס ער איז געשטאָרבן אַזוי יונג און וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געיאָגט נאָך די אויסערלעכע פּאָעטישע עפעקטן, אַז ס׳איז אים געבליבן אַזוי ווייניק צייט און געמיט פאַר פאַרטיפונג און פאַרוואָרטונג פון זיין געזאַנג. ס׳זענען פאַראַן סימנים, אַז די נאַציאָנאַלע טעמע האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער זיין פאָרם־פאַרשווענדעריי, און ס׳איז שווער צו זאָגן, צי ער וואָלט נישט געוואָרן אַ גאָר גרויסער פּאָעט, ווען אים וואָלטן געשענקט געוואָרן נאָך עטלעכע צענדליק יאָר. ער איז צו־פרי פאַרשניטן געוואָרן, אַז

מ׳זאָל אים מעגן צו־שטרענג משפטן, שוין דערפאַר אַליין ווייל ער האָט, ווייזט אויס, געשריבן מיט אַ יוגנטלעכער מיסיע — צו באַווייזן און איבער־צייגן אַז מ׳קען אויף יידיש קלינגען ווי אַ וועלט־פּאָעט. ער האָט געוואָלט זיין אַ יידישער עדגאַר עלען פּאָו, אַ יידישער ווערלען, אַ יידישער לערמאָנטאָוו, אַ יידישע געטע. שפּעטער ווען אים איז שוין איינגעפאַלן צו זיין אַ יידישער ייד און יידישער מענטש, אין דער פּאָעזיע, איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין סך יאָרן און ער האָט שוין געהאַט אַנטוויקלט די נייגונג צו פּערז־שמידעריי, ביז קרענקלעכקייט, אַז ער איז שוין געווען אַ געפאַנגענער ביי דער פרעמדער מוזיק, וואָס ער האָט אַזוי פּערפעקט און אָפט גראָטעסק דעמאָנסטרירט אויף יידיש.

אָבער לייב ניידוסן קומט אַ גרויס און וויכטיק קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע, און געבענטשט זאָל זיין זיין יוגנט־חבר, דער פּאָעט אברהם זאַק, וואָס וווינט איצטער אין בוענאָס איירעס, ווייל ער האָט תמיד מיט גרויס געטריישאַפט געקעמפט פאַר גערעכטיקייט צום פרי־פאַרשטאָרבענעם פערז־מייסטער. איצטער צום פערציקסטן יאָרצייט נאָך לייב ניידוסן, איז שוין אברהם זאַקס קאַמף טיילוויז אַ געוווּנענער. דאָס בוך „אויס־געקליבענע שריפטן”, וואָס איז דערשינען צום יאָרצייט, איז באמת אַ צו־שטייער צו אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע. די וואַרעם־געשריבענע זכרונות פון אברהם זאַק קלינגען שוין נישט ווי בלויז אַן אַקט פון חברשער איבערגע־געבנקייט, נאָר ווי אַ סך־הכל פון אַ פאַרענדיקטן קאַמף פאַר דעם נאָמען פון אַ געשולטן בויער פון דער יידישער פּאָעזיע. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן אונ־טער דער השגחה פון דעם רעדאַקטאָר פון דעם ספּעציעלן ביכער־ציקל, שמואל ראָזשאַנסקי, און זיין אַריינפיר איז זייער אַ גראַטעגער, אַן שום איבערטריי־בונג, און מיט אַ סך קאָמפּעטענץ. כ׳בין בלויז נישט מסכים מיט ראָזשאַנסקיס אויספיר, אַז אויב מיר וועלן האָבן „אַ ראָמאַנטישע יוגנט מיט אויער און האַרץ פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וועט לייב ניידוס זיין איר באַליבטער פּאָעט...” דאָס איז לאו דווקא. די יוגנט פון דער גאַנצער וועלט איז אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט געוואָרן אַן אַנדערע און אירע אויערן און הערצער זע־נען שוין נישט אַזוי אָפן פאַר דעם אָפּגעטראָגענעם זינג־זאַנג און גאַנץ אוי־בערפלעכלעכער ראָמאַנטיק, אויב מיר וועלן זיך בכלל ווען עס איז צוריקקערן צו ראָמאַנטיק. אָבער אויב מיר וועלן ווען עס איז האָבן אַ יוגנט וואָס וועט אויפריכטיק שטודירן יידישע פּאָעזיע, וועט דאָס קאַפּיטל ניידוס זיי שטאַרק פאַראינטערעסירן, דער עיקר אויב זיי וועלן ניידוסן שטודירן, אין שייכות מיט זיינע צייט־חברים, וואָס אין זייער פערז־באַגרענעצטקייט זענען זיי פון דעסטוועגן געווען אָדער געוואָרן גרעסערע פּאָעטן פון אים.

ניידוס איז אייגנטלעך געווען אַ פּאָעטישער משכיל. ער האָט געוואָלט אויסערלעך ציוויליזירן און מאָנעריזירן דאָס ייִדישע ליד. ער האָט זייער געלונגען געניצט אַלע אויסערלעכע פּאָעטישע ציוויליזאַציע־זיטן. ס'גייט נישט בלויז אין דער נאָכאַלעמען גאַנץ עלעמענטאַרער צעטיילונג אויף „עטיק און עסטעטיק" אין דער ייִדישער פּאָעזיע, ווי ס'וויל האָבן ראָזשאַנסקי. ס'גייט גיכער אין דעם וואָס די איבערגענומענע אַזוי־גערופענע עסטעטיק איז געווען אַן איבונג אין עסטעטיק. אַוודאי האָט יעדער בוך פון באַקאַנטע וועלט־פּאָעטן, מיט וועמען ניידוס האָט זיך אָנגעלייענט, געהאַט מיטאָלאָגישע פּיפּערנאָטערס, פראַנצויזישע ווערטלעך, נעמען פון בלומען און פאַרפומען, עראָטיק, און אַוודאי איז דאָס אַלץ געבויגן געוואָרן, לויט דער פּאָעטישער גראַמאַטיק, אין פאַרשיידענע זינגעוודיקע און אויסטערליש־קונציקע פאָרמען, וואָס זענען פאַר זיך זייער און זייער וויכטיק. אָבער די וועלט־פּאָעטן האָבן פאַרמאָגט — אויטענטישקייט. זיי זענען געווען פּאָעטן פון זייער אייגענער קולטור און זייער אייגן פאָלק, בעת ניידוס איז געווען אַ מייסטערישער איבערפלאַנצער און פערז־בעל־מלאכה. ער איז געווען פאַרנומען מיט באַווייזן זיך און ע ק ז י ב י ר ן — כ'ביץ בכיוון דאָס דאָזיקע פרעמדוואָרט — דעם פּאָעט. אַז מען לייענט פּושקינען אָדער היינען, זעט מער נישט אַזוי אַז זיי זאָל גיין אין טראָגן כסדר די פּאָעטישע פּעלערינע, ווי מ'זעט עס בעת מען לייענט דעם יוגנטלעכן פערזן־שפּיל פון ניידוסן. בלויז אין זיינע היים, מאַמע און באָבע־לידער איז ער געקומען נענטער און וואַרעמער צו דער ייִדישער טעמע און צו ייִדישער אינהאַלטלעכקייט, און ווי שוין פריִער געזאָגט, אויך אין זיינע שפּעטער געזונגענע נאַציאָנאַלע מאָטיוון און צייט־לידער.

ראָזשאַנסקי ציטירט אַ גוט וואָרט פון זלמן רייזענען — „גראַנדיאָזער זשעסט". זשעסט איז פאַראַן אַ סך אין ניידוסעס פּאָעזיע. ניידוס אַליין איז אין דעם נישט שולדיק געווען. ער האָט געלייענט און געלערנט וועלט־פּאָעזיע און געטאָן דאָס פאַרקערטע פון רבי מאירס עצה, ער האָט די שאָלעכץ פון דעם „גראַנדיאָזן זשעסט" אָנגענומען פאַר דעם פולן תוכן. פּאָעטישער תוכן איז צוזאַמענגעפלאָכטן מיט פאָרם, אָבער קליגערישע פאָרם אַליין, אָן תוכן, דאָקוטשעט און דערעסט.

ניידוס איז געווען אַביסל גערעכט, ווייל ווען אים איז געלונגען צו דערמאָנסטרירן דעם דאָזיקן זשעסט מיט ייִדישע לידער, גראַמען און אַליטעראַציעס, ווען ער איז בייגעקומען קאַלאָסאַלע טעכנישע שוועריקייטן און טריומפירט, איז דער דאָזיקער זשעסט אין זיינע אויגן געווען — אַן אינהאַלטלעכער. ער האָט אָבער, אין תוך, מייסטנס זשעסטיקולירט ווי אַ פּאָעט.

ס'איז פון דעסטוועגן בפירוש אַן אומרעכט האַרב צו פאַרמשפּטן ניי־

דוסן. אַט האָט ער אין די שפּעטע יאָרן פּאָרט פאַרוואָרפן דעם שפּיל און אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געזונגען וועגן פאַרבייטן די בלום־אויף־שווערד און דעם „צאַרטן טרוים" אויף וואָפן. שלעכט איז בלויז וואָס טייל לידער זיינע קלינגען איצטער קאָמיש, מיט זייער אָפּענעם איבערפּלאַנץ פון פּאַעסקע גראַמען —

אויף דער פּיאַנע שמאָלע פּאַסן
פון אַ בלויען שיין אַ בלאַסן —
אַ מתנה פון לבנה דעם פאַרלאָזענעם קלאַוויר;
ס׳בלייבן נאָטן ווו; דאָס זענען
וואַלסן אַלטע פון שאָפּענען,
וואָס גוטע בלאַסע שוועסטער פלעגט זיי שפּילן אָפט פאַר מיר.

אָדער אַזאַ אָנזעעוודיקער „נעווערמאָר" ווי —

איך זיץ אַליין, מיין קינד, אין גאָרטן —
מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט אַמאָל.
וועל איך נאָך ווען דערזען דיך ווידער?
דער גאָרטן פליסטערט: „ניין, קיינמאָל".

אַ סך ערגערע לידער לייענען זיך קינדיש, און ווי ראָמאַנטיש, ליבער ראָזשאַנסקי, אונדזער יוגנט זאָל נישט ווערן, וועט זי זיין אַ סך קליגער און ביאָלאָגיש דערפאַרענער פון —

גריסט־זשע אַלע
מיר דער כלה,
ס׳ווערט נתגלה היינט מיין סוד.

צי —

ס׳קומט מיין חתן
זון־באַפּלאַסן
ווי אַנטשלאָסן לייכט זיין בליק!
הע, איר מיידן,
לאָזט אונדז ביידן,
לאָזט אונדז אויפנעמען דאָס גליק.

אין זיינע „שטריכן און זכרונות" זאָגט אונדז דער פּאָעט און מעמואַריסט אברהם זאַק, אַז ניידוס האָט אויפגעפּאַסט די נאַטור — יידיש און אייראָפּעיש, ער גראַמט אין אַ ליד „שמעטערלינג" מיט „מעטערלינק" און אין דער זעלבער צייט הערט ניידוס, ווי דער פראָש לייענט קריאת־שמע. אָט דער גראַנגל ביי ניידוסן צווישן זיין קריאת־שמע־יידישקייט און זיין מעטערלינק־שמעטערלינג, מאַכט זייער אָפט, מילד גערעדט, אַן עקזאָטישן איינ־

דרוק. אָבער קיינער וועט נישט לייקענען, אַז אין דער בילדער־גאַלעריע פון דער יידישער פּאָעזיע, קומט לייב ניידוסן אַן אָנגעזען אָרט, צווישן די פּיאָ־נערן פון יידישער פערז־קונסט. ניידוס האָט זיך געקריגט מיט פּאָעטן פון זיין דור, פאַר זייער גרינגשעצונג צו פאָרם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין גרעסטן אויפטו —

איך בין דער איינציקער וואָס האָב געפונען
אין אונדזער מאַמע־שפּראַך דעם שיינעם קלאַנג;
איך האָב אַנטפּלעקט אין איר געהיימע זונען
קמיעות טייערע פון רייכסטן בלאַנק.
איך בין דער איינציקער וואָס קען באַוועגן
אין ריטמען בייגעוודיקע אונדזער שפּראַך;
וואָס האָט זי אָפּגעווענדט פון שמאָלע שטעגן
און זי אַרויסגעפירט צו ברייטן שליאַך.

און דאָך האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע השפּעה אויף דעם גאַנג פון דער יידישער פּאָעזיע. ניידוסעס „אויסגעקליבענע שריפטן" וועט מען שטודירן און זוכן צו דערגיין, פאַרוואָס די דאָזיקע גבירישאַפט פון פערז־קונסט האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקראָגן פאַרדינטע אָנערקענונג.

.1959

מאָריס ראָזענפעלדס בריוו

דער מינאָרער פּאָעט איז זיכער אַ קלענערער פּאָעט פון אַ גרויסן פּאָעט, אָבער זיין קלענערקייט באַשטייט אין דער קלענערער צאָל גוטע לידער וואָס ער שרייבט אָן. דערפאַר איז מינאָרער פּאָעט אַ באַגריף, וואָס מען מוז האָבן אויך אין יידיש, ווייל ס'מיינט בשום אופן נישט — אַ קנאַפּער פּאָעט. אַ קנאַפּער פּאָעט קען זיך פאַרגינען צו שרייבן שלעכטע לידער, אָדער אַז זיין גאַנצער אוצר זאָל באַשטיין פון מיטלמעסיקע לידער און ער זאָל זיך קיין־מאָל נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ גוט ליד, צי מיט אַ גרויס ליד, וואָס זאָל מאַכן אַ טיפן רושם.

געמאָסטן מיט דער מאָס, איז מאָריס ראָזענפעלד געווען אַ מינאָרער פּאָעט, וואָס האָט טראָץ זיין ביטערקייט און זיין באַקלאָגן זיך אויף זיין פינצ־טער מזל, דווקא געהאַט אַ סך מזל און איז שטאַרק איבערגעשאַצט געוואָרן ביים לעבן. דער אמת איז אַז ער האָט אָנגעשריבן זייער ווייניק גוטע אָדער גרויסע לידער. מ'קען ביי ראָזענפעלדן קוים געפינען אַ צענדליק גוטע לידער און אַ פיר־פינף גרויסע לידער, וואָס זאָלן זיין גאַנץ אין זייער גרויסקייט און מען זאָל זיך נישט דאַרפן אַנטשולדיקן פאַר די שלעכטע און הילפלאָזע שורות. ראָזענפעלד האָט געטראָפן אין פינטל, מיט עטלעכע שטאַרקע שאַפּ־לידער און דעקלאַמאַטאָרישע נאַציאָנאַלע לידער. ער איז געווען דער פּאָעטישער שליח־ציבור פון זיין דור — וואָס דאָס איז פאַר זיך אַליין נישט קיין סימן מובהק פון גרויסער פּאָעזיע. קיטס איז נישט געווען די פּאָעטישע צונג פון זיין דור, און ער איז פון דעסטוועגן יאָ געווען אַ גרויסער פּאָעט. צונזער איז דווקא געווען דער „פּאָעטישער" אַמבאַסאַדאָר פון זיין דור און ער האָט נישט אָנגעשריבן קיין איין גוט ליד.

אָבער צווישן די שטאַרקע לידער, פאַרמאָגט ראָזענפעלד אויך עטלעכע גאָר גוטע לידער, ווו דער אימפּעטיקער און, פאַר זיין צייט, גאַנץ־אָריגינע־לער ריטם האָט זיך אויך צוזאַמענגעטראָפן מיט גוט לשון; און די ווערטער זענען געווען אַקוראַט די ווערטער, וואָס דאָס ליד האָט אַרויסגעצוווּנגען, און נישט גלאַט ווערטער וואָס דאַרפן דורכפירן אַ בלינדע שליחות פון אויס־קלאַפּן און אויסגראַמען אַ טעמע. אין דעם צענדליק גוטע און וויכטיקע לי־דער קען מען געפינען אַ צוויי לירישע לידער, אַ צוויי נאַטור־לידער, אַ נאַ־ציאָנאַל ליד און אַ צוויי־דריי לידער, וואָס מ'האָט נאָך אין זיין צייט נישט

באַצייכנט ווי — פּראָלעטאַרישע לידער. דערפאַר איז ראָזענפעלד געווען בלויז אַ מינאָרער פּאָעט, ווייל זיין גאַנצע פּאָעטישע פּראָדוקציע שטייט זייער שטאַרק אָפּ פון זיינע געציילטע גוטע לידער. ווען מען זאָל ביים היינטיקן טאָג, אויסמישן אַלע זיינע לידער און לויט זיי משפטן דעם פּאָעט, וואָלט מען געמוזט קומען צו אַ טרויעריקן אויספיר, וואָס וואָלט נאָך מער פאַרקלע־נערט דעם ריין־פּאָעטישן ווערט פון מאָריס ראָזענפעלדן פאַר דער פּאָעטישער געשיכטע פון אונדזער דיכטער־גאַלעריע, הגם ער פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער קולטור־געשיכטע פון דער יידישער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ראָ־זענפעלד גיט אונדז אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט צו זען זיין עפּאָכע, און צו זען אים ווי ער איז געשוואוּמען, און צייטנווייז שיר נישט דערטרונקען געוואָרן אין זיין צייט. ראָזענפעלד האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיך, און דערפאַר האָט ער געשטורעמט און זיין גאַנצע אומבאַשיידנקייט אַריינגעלייגט אין שטאַר־קער און וווּלגאַרער פּראָזע, וואָס אין איר שפּיגלט זיך אָפּ די צייט. אָבער דער אמתער שפּיגל זענען מאָריס ראָזענפעלדס בריוו, וואָס דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פון בוענאָס איירעס האָט אַרויסגעגעבן. צוזאַ־מענגעשטעלט די בריוו האָט, אויף אַ קריטיש־פאַכמענישן אופן, י. ליפשיץ. זיין אַריינפיר און די דערקלערונגען העלפן אויפקלערן אומקלאָרקייטן אין דער שרעקלעכער הכנעה, אין דער קאָרעספּאָנדענץ פון דעם אַמביציעזן פּאָעט. דער זאַמלער און צוזאַמענשטעלער שאַנעוועט נישט צו־שטאַרק דעם העלד זיינעם, און מ׳זעט אַז ער איז אַ גוטער מבין אויף אים.

דאָס האַרץ פון דער זאַמלונג זענען די 69 בריוו, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט געשריבן צו פּראָפעסאָר לעאָ ווינער, אין משך פון די דריי יאָר, פון 1897 ביז 1900. דאָס זענען פאַר ראָזענפעלדן געווען נישט קיין דריי יאָר, נאָר אַ גאַנצע עפּאָכע. פּראָפעסאָר ווינער האָט איבערגעזעצט זיינע לידער אויף ענגליש, אים אויפגעהויבן — אַזוי האָבן געגלייבט דער פּאָעט און דער איבערזעצער — פון זיין געמיינעם שטאַנד, און אים געמאַכט אַ וועלט־נאָמען, וואָס איז שפּעטער כמעט אינגאַנצן אויסגעוועפּט געוואָרן. מאָריס ראָזענפעלד איז אָבער פון דער וועלט־באַרימטקייט זיינער געבראָכן געוואָרן, ער האָט זי נישט געקענט גראַציעז טראָגן אויף די פּלייצעס. אין זיינע בריוו צו פּראָפעס־סאָר ווינער זעט מען, וויפל האַרץ דער יידישער פּאָעט האָט אַריינגעלייגט אין דעם פאַרזוך אַרויסצופירן זיין נאָמען אין דער ברייטער וועלט אַריין. ער האָט זיך אַפילו געלאָזט אָנרופן „דער פּאָעט פון דער געטאָ״, אַ באַרבאַרישער באַגריף, וואָס יידן אַליין האָבן געהאָלפן איינוואָרצלען ביי גויים, און וואָס קורסירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אַפילו פאַרגעשריטענע און נאַציאָנאַלע יידן באַליידיקן זיך אַליין גאַנץ אָפט מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק, באַצייכענענדיק

זייער רייך־נאַציאָנאַל לעבן, ווי געטאָ־טעטיקייט. אין ראָזענפעלדס צייט ווען ער איז נתעלה געוואָרן ביי די גוים, איז שוין געווען אַ גרויסע ייִדישע פּרע־סע, אַ באַדייטנדיקע ייִדישע ליטעראַטור און אַ גרויסע ייִדישע אַרבעטער־שאַפט, וואָס איז געוואַקסן אין באַוווסטזיין, אַ סך פריִער פון דעם אַמעריקאַ־נער אַרבעטער. פון דעסטוועגן האָט מען מיטן מיטלאַלטערלעכן וואָרט „געטאָ" אַרומגערינגלט דעם דאָזיקן רענעסאַנס מיט פאַרסמטע ווענט. און ביזן היינטיקן טאָג טרעפט מען דעם דאָזיקן ביליקן אויסדרוק ביי שטילע און גוטע גוים און ביי גאַנץ גוטע ייִדן.

מאָריס ראָזענפעלד האָט אויף זיך גענומען די ראָלע פון פּאָעט פון דער „געטאָ" און פּראָפעסאָר ווינער האָט אים „געראַטעוועט". שרייבט דאָך מאָ־ריס ראָזענפעלד צו זיין אויסלייזער, אַז „זשאַרגאָן האָט דאָ אין דיזעס לאַנד סיי ווי סיי קיין צוקונפט, נאָך אין אַ 25 יאָר אַרום וועלן זאָגאַר די בעסטע ווערקע געשריבן אין דיזער שפּראַכע, אָדער דיאַלעקט נאָר בלייבן ליטעראַ־רישע קוריאָזיטעטן. ווייל איז דעם וואָס איז נישט אימשטאַנדע אַרויסצוגעבן זיינע געפילן און געדאַנקען אין איינער לעבעדיקער שפּראַכע".

מיט די דאָזיקע געדאַנקען און שוואַרצע נביאות, אַרויסגעזאָגט אין 1897, איז ראָזענפעלד נישט געווען קיין בן־יחיד. אַזוי האָט זיין דור געטראַכט, אַזוי האָט ער געקוקט אויף זיך. אָבער ראָזענפעלדס בריוו זענען אויך אינטערע־סאַנט, ווי אַן אַטעסטאַט פון דעם פּאָעטס אָרעמער גייסטיקער וועלט. אין קיין בריוו זיינעם רייסט זיך נישט אַרויס קיין איין טיפער אָדער בליציקער געדאַנק, און ס'זעט זיך נישט דער מינדסטער פאַרזוך אָנצושרייבן אַן עלע־גאַנטע שורה. ס'איז פשוט צו באַוווּנדערן, פונוואַנען ראָזענפעלד האָט גע־שעפּט לשון פאַר זיינע בעסערע לידער.

דער ביליקער אַסימילאַטאָר ווינער, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט קענט־שאַפט פון ייִדיש — און זיינע ידיעות זענען געווען גאַנץ באַגרענעצטע — איז געווען אַ קנאַפּער מבין אויף פּאָעזיע. ס'איז בפירוש צו שטוינען, ווי אַזוי ער האָט באַוויזן איינצורעדן דער „גרויסער" וועלט, וואָס איז נישט געווען מי יודע ווי גרויס, אַז ראָזענפעלדס פאַרענגלישטע לידער זענען וועלט־אי־בערקערנדיקע פּאָעזיע. ראָזענפעלדס לידער אין פּראָפעסאָר ווינערס איבער־זעצונג זענען מיטלמעסיק און דורכשניטלעך, אָבער דער פּראָפעסאָר האָט גע־האַט אַ שוואַרצע גבורה. ער האָט ראָזענפעלדן אַרויסגעפירט פון דער „געטאָ" און אים געמאַכט אַ נאָמען ביי די גוים, וואָס האָבן זיך נישט גענייטיקט אין ראָזענפעלדס לידער, נאָר פאַר וועמען ס'איז געווען אַ בייז ווונדער, אַז „די געטאָ" זאָל האָבן אַ צונג, וואָס זאָל ריידן און אַפילו זינגען.

ראָזענפעלד איז בכלל געווען אַ ביטערער מענטש. ער האָט פאַרמאָגט

אין זיך שנאה און זי אויסגעלאָדן אַביסל צו־אַפּט, אין זיין פּראָזע. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר דעם גרעסטן פּאָעט פֿון זיין צייט און פֿאַר דעם גרעסטן פּראָזע־מייסטער. גערעכט איז י. ליפּשיץ, וואָס ווייזט אָן אין זיין אַריינפֿיר, אַז „אַנדערע ייִדישע שרייבערס האָבן צענדליקער יאָרן געאַרבעט אין שאָפּ און אַריבערגעטראָגן זייער פּיין און אָרעמקייט אין שטילשווייגן. זיי האָבן זייער שווער לעבן נישט געוואָלט מאַכן פֿאַר קיין רשות הרבים״. אָבער ראָזענפעלד האָט כסדר געהאַט פֿאַר זיך די וויזיע פֿון זיין אייגענער גרויסקייט און געפֿאָדערט קעניגלעכע באַהאַנדלונג, מצד דעם ייִדישן פֿאָלק. ס׳איז אַוודאי קיין עוולה נישט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל שאַצן זיינע קינסטלערס, אָבער ראָזענפעלד האָט זיך שוין צופֿיל פֿאַרלאָזט אַז מען זאָל אים אונטערטראָגן אַ טראָן און ער איז געוואָרן נאָך מער פֿאַרביטערט, ווען מען האָט אים נישט באַגעגנט מיט פֿודן כבוד, דער עיקר נאָכדעם ווי ער איז אַזוי גרויס געוואָרן ביי די גויים.

פֿון דעסטוועגן האָט ער געקענט זיין אַ נכנע אויך. אָט די געבויגנקייט זיינע זעען מיר אין דעם לאַנגן בריוו צו אב. קאַהאַנען, אין יוני 1914. זיינע באַציִונגען מיטן „פֿאָרווערטס״ זענען געווען אָנגעצויגענע. ער האָט זיך אין אַ הייסער מינוט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ היציק וואָרט, אין אַ קריגעריי מיט קאַהאַנען. ער בעט אים שטאַרק איבער, ווייל אים דאַכט זיך אַז מען וויל אים אַרויסטרייבן פֿון „פֿאָרווערטס״. ער ברענגט עדות, אַז ער נעמט זיך כסדר אָן פֿאַר קאַהאַנען און ער לאָזט אויף אים נישט ריידן קיין שלעכטס. ער פֿאַר־זיכערט קאַהאַנען, אַז ער „באַטראַכט זיך נאָך איצט פּונקט ווי פֿריִער פֿאַר דעם גרעסטן ייִדישן פּראָזע־שרייבער, אין אַמעריקע און אפשר אין אייראָפּע אויך״. ער זאָגט קאַהאַנען, אַז אים איז ליב דער „פֿאָרווערטס״ און „איר זייט מיר חשוב אַלס איינער פֿון מיינע ערשטע באַקאַנטע אין אַמעריקע״.

אָבער דאָס איינבעטן זיך האָט ראָזענפעלדן נישט געהאָלפֿן. קאַהאַן ענט־פֿערט אים, אַז מאָריס ראָזענפעלד איז שוין מער נישט קיין גוטע „מאַרקע״, אַז ער איז שוין אַ יורד און אַז ער קען מער נישט צוטרעפֿן דעם געשמאַק פֿון פֿאָלק, וואָס באַקלאָגט זיך אויף זיין שרייבן. קאַהאַן שיקט אים אַן ענגליש בוך וועגן סיאַם און ער פֿאָדערט ביי אים צו צעקייען עס פֿאַרן ייִדישן לייענער אין צען אַרטיקלען.

נישט געקוקט אויף דעם אונטערטעניקן בריוו, איז שוין צווישן ראָזענ־פֿעלדן און קאַהאַנען קיין שלום־בית נישט געווען. מיט עטלעכע חדשים שפּע־טער איז ער אַוועק פֿון „פֿאָרווערטס״ און צום העברעיִש־ייִדיש־ענגליש־רוסישן פּאָעט, ד״ר יחזקאל לעוויט, וואָס איז געווען ראָזענפעלדס אַ גרויסער פֿאַר־ערער, שרייבט ראָזענפעלד, ווען ס׳איז אָט ערשט ליב געווען דער „פֿאָר־

װערטס״, אַז ער האָט מיטן „געלען״ זשורנאַליסט קאַהאַן נישט געקענט אויס־קומען, װײַל ראָזענפעלד איז „געגען שונד־זשורנאַליסמוס, געגען אַנטיסעמי־טיזמוס און געגען פּאָרנאָגראַפּיע (זנות), װאָס פילן אויס די שפּאַלטן פון „פאָרװערטס״. ער איז אַװעק אַרבעטן אין „טאָגעבלאַט״. „איך בין אַװעק פון דער רויט־געלער קרײַזל, האָב אַ פײַף געטאָן אויפן „צענטען שטאָק״, װוּ די זנות־רעדאַקציע געפינט זיך, און בין אַװעק צװישן ייִדן״.

אָבער מיט צװײ יאָר שפּעטער הערן מיר פון ראָזענפעלדן, אַז אויך „צװישן ייִדן״ איז אים נישט שטאַרק גוט. אין אַ בריװ צו זײַן פרײַנט דעם ענגליש־ייִדישן שרײַבער ז. ב. קאָמייקאָ האָט ראָזענפעלד געשילדערט די שרײַבערישע אַטמאָספערע, משמעות שוין פון „טאָגעבלאַט״:

„איך בין ענטציקט פון אײַער אמתע עדעלקײט. פאַרבלײַבנדיק אַ ייִדי־שער שרײַבער, װאָלט איר געװיס ניט געקענט אויפהאַלטן אײַער עדעלן כאַ־ראַקטער, איבערהויפּט זײַענדיק נאָך פאַרבינדן מיט ייִדישע בלעטער! זײ זע־נען מטמא דעם מענטשן װאָס זיצט אין יענע שרײַבאַרניעס. איך װײס ניט, װי דאָס איז בײַ אײַך אין שיקאַגאָ, דאָ בײַ אונדז אין ניו־יאָרק איז דאָס גע־װיס אַזױ און ניט אַנדערש.״

דער שפּאַציר פון אײן רעדאַקציע אין דער אַנדערער, האָט ראָזענפעלדן נישט געהאָלפן. זײַן פאַרביטערונג איז געװאַקסן און האָט זיך געזאַמלט, און איז תמיד געװען גרײט אויסצושיסן. צענדליקער בריװ זענען עדות אויף זײַער גאַליקײט, װאָס איז געװען כאַראַקטעריסטיש פאַר ראָזענפעלדן. אָבער ראָ־זענפעלדס טעמפּעראַמענט איז אויך געװען צום גרויסן טײל כאַראַקטעריס־טיש פאַר זײַן צײַט, װען ייִדישע שרײַבערס האָבן געשריבן מיט קנאַפּן צו־טרוי צום לשון און נאָך קנאַפּערן צום אײגענעם פאָלק. אין 1891 שרײַבט לעאָן קאָברין, פאַרטײדיקנדיק מאָריס ראָזענפעלדן, אַז ער (ראָזענפעלד) איז אַ פאָלקס־פּאָעט, „כאָטש ייִדן זענען נישט קײן פאָלק... ער איז... נישט קײן ייִדישער נאַציאָנאַלער פּאָעט, װײַל ייִדן זענען נישט קײן נאַציאָן״. װי קאָברין װאָלט דאָס אַלץ אַרויסגעלײענט פון אַ הײנטיקער סאָװעטישער ענציקלאָ־פּעדיע.

אין דער זעלביקער דיסקוסיע אַרום ראָזענפעלדס לידער נעמט אַלעק־סאַנדער האַרקאַװי אויך אַ װאָרט און ער שרײַבט, אַז „הער ראָזענפעלד איז אַ דיכטער װאָס האָט נישט קײן באַשטימטע ריכטונג — אַ פּאָעט װאָס דיכ־טעט איבער באַזונדערע זאַכן, אונטער דעם באַזונדערן אײַנדרוק, אָדער באַ־זונדערע פאָדערונג פון דעם מאָמענט: ער איז מאַנכמאָל אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט, מאַנכמאָל אַ נאַטור־פּאָעט, מאַנכמאָל אַן אַרבעטער־פּאָעט״.

פאַר דער דאָזיקער אומשולדיקער אָפּשאַצונג דערדינט ער זיך, אַז ראָזענפעלד זאָל עס באַטראַכטן פאַר „בערענפּריינטשאַפט" און אַז דער פּאָעט זאָל דעם קריטיקער זיינעם אָנרופן „דיזער קרענק".

אָט די גרויע, וואָכעדיקע, גייסטלאָזע און עגאָצענטרישע בריוו זענען דווקא גוואַלדיק אינטערעסאַנט, ווייל זיי גיבן אונדז אַ שליסל צום איבערגעשאַצטן פּאָעט, וואָס זיין ענגלישער איבערזעצער האָט אים נאָך מער פאַרדרייט דעם קאָפּ, מיטן קליינעם ביכל „דהי סאָנגס אָוו דהי געטאָ". און, ווי שוין געזאָגט, נישט נאָר זענען די טרוקענע בריוו כאַראַקטעריסטיש פאַר ראָזענפעלדן, נאָר פאַר דער זעלבסט־דערנידעריקונג וואָס אין איר האָבן דעמאָלט געלעבט אַ סך יידישע שרייבערס. דער „באַפרייער" ווינער, וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין אַסימילאַטאָרישע האַנט און אַרויסגעפירט ראָזענפעלדן פון דער „געטאָ", האָט אַרויסגערופן צו ראָזענפעלדן אַ סך קנאה־שנאה. די „געטאָ" האָט סיי־ווי געקאָכט און געזידט מיט טרויעריקער זיך־פאַרלייקעבונג, בעת ראָזענפעלד איז שוין געקראָכן צו די רעפאָרמירטע יידן. ראַביי סטיפען וויז שיקט אים אַ טשעק אויף 3.75, פאַר דריי עקזעמפּלאַרן פון „די סאָנגס אָוו די געטאָ". סטיפען וויז האָט געפּרוווט פאַרקויפן די אַנדערע ביכער, נאָר ער האָט נישט מצליח געווען. דער ראַביי סטיפען וויז רעקאָמענדירט אַז מען זאָל דאָס בוך פּרוּוון פאַרקויפן „צווישן די מתפּללים פון מיין טעמפּל". דער וועג פון „געטאָ" אין טעמפּל איז פאַר ראָזענפעלדן נישט געווען אויסגעשפּרייט מיט קיין בלומען. אין לעצטן בריוו צו פּראָפעסאָר ווינערן, וואָס ראָזענפעלדס ברודער האָט געשריבן אין 1906, ווען דער פּאָעט איז געלעגן אַ קראַנקער, מיט אַ פּאַראַליזירטער רעכטער האַנט, מאַכט דעם פּאָעטס ברודער דעם סך־הכל פון ראָזענפעלדס אַסימילירטע פריינט און זייער הילף. פּראָפעסאָר זעליגמאַן איז נישט אין דער היים. דזשייקאָב שיף איז אין יאַפּאַן; „און עס איז שווער צו זאָגן וואָס די קאָנסעקווענצן וואָלטן געווען ווען זיי וואָלטן דאָ יאָ געווען... מיין ברודער האָט ספקות צי די רייכע יידן וואָלטן עפּעס געטאָן פאַר אים... פּראָפעסאָר זעליגמאַנס ברודער, דער באַנקיר, האָט אים געשיקט הונדערט דאָלאַר און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. דער יידיש־ריידנדיקער עולם, האָט, וואָס אַן אמת איז, געטאָן עפּעס..."

הכלל דער וועלט־נאָמען האָט אים ביי דער אַסימילאַציע גאָרנישט געהאָלפן. געטאָן פאַר ראָזענפעלדן, גיט צו ראָזענפעלדס ברודער, אין אַן ענגלישן בריוו צום פּראָפעסאָר, וואָס האָט ראָזענפעלדן אַראָפּגעפירט פון וועג, האָט דווקא „וואָס אַן אמת איז, דער יידיש־ריידנדיקער עולם".

1956.

ר' שמואל אושקיס „טרייסט צו די ליידן פון ישראל"

אליהו ליפינער, וואָס האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט דער איבערזעצונג פון אַן אַלט־פּאָרטוגעזישער פּאָעמע — „טרייסט צו די ליידן פון ישראל", שרייבט אַזוי וועגן די צרות, וואָס ער האָט געהאַט, ביים אויסזוכן ביאָגראַפישע איינצלהייטן וועגן דעם מחבר ר' שמואל אושקי.

„ווייל צו יענע וועמען ס'איז באַשערט צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון צעזאַר אָדער נאַפּאָלעאָן; די כראָניקעס פון אַלע צייטן וועלן זיי אָנטקעגנקומען מיט ליכטיקע פנימער און פולע זשמעניעס. אָבער איך בין צופרידן מיט מיין חלק צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון שמואל אושקי, כאָטש איך וויס אַז אין וועלכער טיר איך זאָל נישט אָנקלאַפּן צו פרעגן אויף אים, וועט מען מיר ענטפערן: מיר קענען נישט דעם מאַן."

ס'איז אפשר לייכטער צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון צעזאַר אָדער נאַפּאָלעאָן, אָבער ס'איז נישט קיין דאַנקבאַרע אַרבעט דווקא דערפאַר ווייל ס'איז לייכטער.

ליפינער האָט זיך אַזוי ווייל איינגעלעבט אין זיין איבערזעצונג פון דעם ווערק, וואָס איז אַרויסגעקומען אין 1552, אַז שוין זיין אַריינפיר און זיינע קאָמענטאַרן פאַרמאָגן אין זיך עפּעס פון דעם אַראָמאַט פון אַן אויפגעגראָבן ווערק, וואָס איז געלעגן אין אומגעשטערטער גניזה אַרום 350 יאָר, ביז אַ קריסטלעכער פּאָרטוגעזישער געלערנטער, מענדעס דאָס רעמעדיאָס, האָט עס פאַרעפנטלעכט מיט זיינע באַמערקונגען אין 1906. מענדעס דאָס רעמעדיאָס האָט עס פּראָקלאַמירט פאַר אַ פּערל פון דער אַלט־פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור.

די איבערזעצונג, צוזאַמען מיט דעם אַריינפיר און ראַנד־באַמערקונגען פון אליהו ליפינער, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוענאָס איירעס, דורך דער אַרגענטינער ייווואָ־ביבליאָטעק. ס'איז אַ ווערק פול מיט דראַמע און מען נעמט עס לייענען מיט אַן אמתן פלאַטער, ווייל נישט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק ווערן פאַרעפנטלעכט אַזעלכע ביכער, אפילו אין דער רייכער וועלט־ליטעראַטור. וועגן שמואל אושקיס ווערק האָבן גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג אַ סך היסטאָריקער, נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט קיינער פון זיי נישט געזען דאָס גאַנצע ווערק. עס זענען צו זיי דערגאַנגען בלויז קלענערע אויסצוגן. אליהו ליפינער האָט איבערגעזעצט דעם גרעסטן טייל פון ערשטן דיאַלאָג, געגעבן דעם אינהאַלט פון צווייטן, איבערגעזעצט דעם וויכטיקסטן

טייל פון דריטן און לעצטן דיאַלאָג. ער האָט אויסגעלאָזט בלויז אַזעלכע שטעלן, וואָס גיבן בלויז איבער באַקאַנטע מאָמענטן פון יידישער געשיכטע. ער האָט אויף אַ זעלטן־געלונגענעם אופן פאַרבונדן די דיאַלאָגן מיט זיין סטיליזירטן איבערדערציילן פון דעם אויסגעלאָזטן מאַטעריאַל.

מה נאמר ומה נדבר וועגן דער איבערזעצונג? — פאַל איך אַריין אין דעם אַלט־יידישן סטיל פון דעם היסטאָריקער אליהו ליפינער, ווי קענען מיר ריידן אַן פאַרגלייכן מיט דעם אָריגינעלן טעקסט, וואָס איז געשריבן אין אַלט־פאָרטוגעזיש, ווען יענע שפּראַך איז נאָך געווען רוי? אונטער אושקיס הענט, ווי עס זאָגט עדות דער פאָרטוגעזישער געלערנטער מענדעס דאָס רעמעדיאָס, האָט די רויקייט געזונגען אין צוזאַמענשפּיל מיט דעם גאַנצן ביבליזירטן פאַטאָס פון דער נאַראַטיווער פּאָעמע. פאַר אונדז איז דער אָריגינאַל אַ פאַרזיגלט בוך.

מיר קענען בלויז צוטרעטן צום ווערק, ווי עס דערשיינט פאַר אונדז אין ליפינערס איבערזעצונג. דער יונגער וויסנשאַפטסמאַן האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין געזאַנג וועגן די יידישע אותיות — „אותיות דערציילן". ס'איז נישט שווער צו קומען צום אויספיר אויפן סמך פון דער איבערזעצונג אַליין, און אויך פון דעם היסטאָריאָגראַפישן אַריינפיר, פון די וויכטיקע ראַנד־באַמערקונגען, בריקן צווישן שטעלן פון דעם זעלטענעם מאַטעריאַל, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס האָט נישט געזוכט קיין לייכטן וועג און פאָפולאַריזאַציע. יאָ — כ'האָב שוין לאַנג נישט געלייענט אַ יידיש ווערק, וואָס זאָל מיט אַזוי פיל פרייד מאַכן אַ יום־טוב פון לשון אַליין. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ליפינער איז נישט נאָר אַן אַפּגעהיטער און ציכטיקער פאָרשער, נאָר אַ מחבר וואָס האָט געהאַלטן אָפן דאָס אויער זיינס צו די רייכטימער פון אונדזער לשון און וואָס איז כסדר געווען וואַך, אַז ס'זאָל נישט אַריינפאַלן קיין פּגם.

דערפאַר לאָזט זיך גלויבן, אַז ליפינער האָט זיך נישט דערלויבט קיין לייכטע פרייהייטן מיט דעם אָריגינאַל. דער איבערזעצער ווייזט אַרויס צופיל דרך־ארץ צו אונדזער לשון, ס'זאָל אין אונדז קענען אַרויסגערופן ווערן דער מינדסטער חשד, אַז ער האָט זיך לייכטזיניק באַצויגן צום אָריגינאַל. ער ווייזט אויך אַרויס אַ חוש פאַר דער דראַמע אַרום דעם יקר־המציאותדיקן עקזעמפּלאַר. שוין אין זיין אַריינפיר סטיליזירט ער זיין לשון אַזוי נאָענט צו דער אַטמאָספערע פון דער גאַנצער פּאָעמע און צו איר תקופה, אַז דער איבערגאַנג פון זיין אַריינפיר צו דער פּאָעמע גופא איז נישט קיין פּלוצימדיקער. ער פלאַסטערט אויס דעם וועג מיט אַ טייערן, הגם טיילמאָל נאַיוויזירטן יידיש, אָבער דער רעזולטאַט איז אַז ער פאַלט נישט אַרונטער פון טאָן און דער

לייענער ווערט אויך זייער איידל געפירט פון ביאָגראַפישן מאַטעריאַל און היסטאָריקערס באַמערקונגען צום טעקסט פון דער פּאָעמע, וואָס ווערט היי־מיש נאָך איידער מ׳באַקענט זיך מיטן ערשטן בלעטל.

עס זענען נישט באַקאַנט קיין צופיל ביאָגראַפישע פּרטים וועגן דעם מחבר פון דעם אינטערעסאַנטן ווערק — „טרייסט צו די ליידן פון ישראל״, וואָס איז אויף יידיש דערשינען אונטערן נאָמען „ביי די טייכן פון פּאָרטו־גאַל״. מיר ווייסן אַז דער שרייבער פון דעם פּאָרטוגעזישן על נהרות איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל. זיין משפחה איז געווען אַ שפּאַניש־יידישע, וואָס האָט זיך קיין פּאָרטוגאַל געראַטעוועט פון די פייערן פון דער אינקווי־זיציע. אָבער לאַנג האָט די זיכערקייט דאָרטן נישט אָנגעהאַלטן, ווייל אין פּאָרטוגאַל האָבן באַלד אויך גענומען ברענען יידישע לעבנס. שמואל אושקי איז אַנטלאָפן קיין איטאַליע, אין דער שטאָט פעראַראַ. אין איטאַליע האָט דער יונגער פּאָעט פּרייער אָפּגעאָטעמט. זיין קרוב אברהם אושקי איז צוזאַ־מען מיט אים אַנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל. אברהם אושקי האָט געעפנט אַ גרויסע דרוקעריי פון יידישע ספרים און ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די באַרימטע פעראַראַ־ביבל. הונדערט ביבל־קענער און פאָרשער האָבן אונטער זיין השגחה איבערגעזעצט די ביבל אויף שפּאַניש.

אין אברהם אושקיס דרוקעריי אין טאָקע אין חודש סעפּטעמבער 1552 דערשינען דאָס באַרימטע בוך „אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל״.

דאָס ווערק שטעלט מיט זיך פאָר אַ דיסקוסיע אין אַ וואַלד צווישן דריי פּאַסטוכער: יעקב, נחום און זכריה, אָדער ווי זיי הייסן אין ווערק איקאַבאַ (אָדער איכבו), נומעאַ און זיקאַרעאַ. איקאַבאַ איז אונדזער אַלטער טאַטע יעקב, וואָס וויינט און קלאָגט אויף יידישע צרות, די צוויי נביאים וואָס באַגעגענען אים אין וואַלד טרייסטן אים און פאַרזיכערן אים, אַז ס׳קומען בעסערע טעג פאַר יעקבס קינדער.

דער מחבר שמואל אושקי איז געשטאָרבן אין צפת. דאָרטן איז ער גע־וואָרן אַ מקובל און ער האָט זיך אַפילו פאַרנומען מיט צירופים און גימטריות צו ברענגען וואָס גיכער משיחן. דעמאָלט, אין יענער צייט איז די משיחישע באַוועגונג געווען פאַרבונדן מיט די געשטאַלטן פון דוד ראובני און שלמה מולכו. איבער זיין באַטייליקונג אין דער משיח־באַוועגונג האָט אַ שפּעטערדי־קער יידישער געלערנטער און כראָניקער גערופן אושקין — רשע. אָבער גראָד די דערמאָנונג צום שלעכטן איז אַ זעלטענע היסטאָרישע מציאה, ווייל עס באַ־שטעטיקט, אַז ר׳ שמואל אושקי, וואָס האָט באַוויינט די יידישע צרות ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל, האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין צפת.

דאָס ווערק האָט דער יונגער פּאָעט שמואל (ער איז אויך געווען אַ קרוב פון אַ דריטן אושקי, שלמה אושקי, וואָס האָט באַרייכערט די שפּאַנישע ליטעראַטור מיט איבערזעצונגען פון פּעטראַרכעס סאָנעטן) — געווידמעט דער הויכגעשעצטער פרוי דאָניאַ גראַסיאַ גשיא. אין דער ווידמונג איז פאַרוויקלט נאָך אַ פאַרביקע ביאָגראַפיע פון אַ זעלטענער פּערזענלעכקייט פון יענער צייט, ווען די מאַראַנען זענען געלאָפן פון די אינקוויזיציע־פייערן, דאָניאַ גראַסיאַ נשיא איז, ווייזט אויס, געווען די באַרימטסטע יידישע פרוי פון יענער עפּאָכע. זי אַליין איז אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו זי האָט צוריק אָפן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. זי האָט געווידמעט איר גאַנץ לעבן און איר גאַנץ פאַרמעגן צו ראַטעווען מאַראַנען פון דעם פּויפּסטס לאַפּעס. זי האָט אַפילו געהאַט אָרגאַניזירט אַן אַנטי־קאַטוילישן באָיקאָט וואָס האָט געפּלאַצט, ווייל די רבנים אַליין האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר פּראַקטיש. דאָניאַ גראַסיאַ נשיא, אָדער ווי זי האָט אויך געהייסן, מענדעסיאַ גראַסיאַ, וואָס האָט געקעמפט פאַר יידישע רעכט איבער גאָר דער וועלט האָט פינאַנסירט די אויסגאַבע פון דעם ווערק — „אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל", ווייל זי האָט גלייך דערשפּירט דעם טיפן ווערט פון דער נאָבעלער פּאָעמע, פאַר דער אויפמונטערונג פון די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, וואָס זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט אין זייער אמונה און וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַלן פון די פיס אין זייער פאַרצווייפלטן פאַרזוך צוריקצוקומען צו דער אמונה פון זייערע אבות.

אין זיין הקדמה צום ווערק לאָזט אונדז דער מחבר ר' שמואל אושקי וויסן, אַז ער האָט זיין פּאָעמע בכיוון געשריבן אין פּאָרטוגעזיש און נישט אין שפּאַניש, ווייל ער האָט געוואָלט ריידן צו יענע רעשטלעך פאַרשטויסענע און פאַרצווייפלטע, וואָס נייטיקן זיך אין טרייסט און אין אַ וואָרט פון דערמונטערונג.

די איידעלע דאַמע דאָניאַ גראַסיאַ נשיא, וואָס האָט אַליין געוווינט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט תיכף דערזען דעם גייסטיקן כוח פון ווערק, וואָס איז טאַקע באַלד געוואָרן דאָס באַליבטע ספר ביי די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען. זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם בוך, נישט געקוקט דערויף, וואָס די קאַטוילישע קירכע האָט דאָס ווערק גלייך אַריינגעלייגט אין חרם און פאַרפּאָלגט מיט דער גרעסטער אכזריות יעדן איינעם וואָס האָט געלייענט די קינה פון דעם פּאָרטוגעזישן דיכטער. ווייל אין דער פּאָעמע האָט יעקב אויף אַ קינסטלערישן אופן אָנגעקלאָגט די קאַטוילישע קירכע און אָנגעוויזן אויף אירע מערדערייען און בלוטיקע פּאַרטלען אויף צו פאַרטיליקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

צוליב די רדיפות איז דאָס ווערק טאַקע פאַרשוווּנדן. מ׳האָט געהערט וועגן דעם ווי פֿון אַ לעגענדע. מ׳האָט געהערט וועגן דעם, אָבער נישט געזען דאָס אָריגינעלע ווערק אַליין, ביז דער פּאָרטוגעזישער געלערנטער האָט עס פֿאַרעפֿנטלעכט מיט 43 יאָר צוריק און אָנגעוויזן אויף דער פּאָעמע ווי אויף אַן אוצר אין דער אַלט־פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור. ער האָט אַפֿילו געבראַכט די השערה, אַז דאָס ווערק האָט באַאיינפֿלוסט דעם גרויסן פּאָרטוגעזישן שרייבער קאַמוינס, וואָס האָט געלעבט מיט שמואל אושקין אין איין צייט.

דערפֿאַר איז צו באַגריסן, וואָס נאָך אַזוי פֿיל טונקעלע אַפּאָקריפֿישע גלגולים, איז דאָס עכט־ייִדישע ווערק איצט אַ טייל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ווי זאָגט אונדז דער איבערזעצער אליהו ליפֿינער:

„און אין דער איצטיקער נאָך־מאַידאַנעק־שעה, ווען מיר קלייבן און ציילן אונדזערע טויטע, זאָל אפֿשר דער חלל פֿון דער נייער אבֿידה אויסגעפֿילט ווערן דורך דעם ליטעראַרישן ווידערגעבורט פֿון פֿאַרצייטיקע העלדן און מאַרטירערס, וואָס מ׳האָט זיי געברענט אויף די שייטערהויפֿנס פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, און וואָס באַשיינען היינט, ווי אָנגעצונדענע לאַמטערנעס די טונקעלע גאַסן פֿון אונדזער געשיכטע״.

ס׳איז שווער צו ברענגען ציטאַטן פֿון ווערק אַליין. פֿאַראַן טיילן וואָס לייענען זיך ווי פֿלאַמיקע מליצה. אָבער וואָס איז מליצה? אונדזער הייַנטיקע מליצה איז אפֿשר די גרויסע פּאָעזיע פֿון הונדערטער יאָרן צוריק. פֿאַראַן ווידער אַנדערע טיילן, וואָס אין זיי לאָזט דער פּאָעט אײַנגאַנצן איבער זיין פּאַטאָס און ער ווערט אַ כראָניקער פֿון ייִדישע צרות. ער דערציילט געשיכטלעכע עפּיזאָדן פֿון ייִדישן מאַרטירערטום, איבער דער גאַנצער וועלט. אַ סך געשעענישן זענען געווען אומבאַקאַנט און מיר לייענען זיי צום ערשטן מאָל ביי שמואל אושקין. די דאָזיקע דעקלאַמאַציעס פֿון יסורים, וואָס זענען אַ פּאַנאָראַמע פֿון ייִדישע ליידן אויף דעם גאַנצן כדור הארץ, ווערן געוויינלעך באַגלייט פֿון אַ פּאַסיקן פּסוק, וואָס דינט ווי אַן אַקאָרד צו יעדער געשעעניש.

איבער דעם גאַנצן ווערק איז אויסגעגאָסן אַ זעלטענע ליבשאַפֿט צום ייִדישן פֿאָלק און אַ טיפֿע באַזאָרגטקייט איבער די צעזייטע און צעשפּרייטע ברידער.

זאָגט טאַקע איכבו, אָדער איכאַבאַ אין זיין ערשטן מאָנאָלאָג:

„און דו, אייראָפּע, אייראָפּע אַ מיין גיהנום אויף דער ערד, וואָס זאָל איך וועגן דיר זאָגן אויב פֿון מיינע קינדער האָסטו דעם גרעסטן חלק פֿון דיינע נצחונות געמאַכט? ווי זאָל איך דיר שבֿחים זאָגן, קריגערישע, פֿאַרדאָרבענע איטאַליע, וואָס דיינע הונגעריקע לייבן האָבן געפֿרעסן דאָס צערי־

סענע פלייש פון מיינע שעפעלעך? בלוטיקע פאַשע־פעלדער פון פראַנקרייך, מיט פאַרגיפטעטע גראָזן האָט איר מיינע שעפעלעך געשפייזט! גאוהדיק ווילד און באַרגיק דייטשלאַנד — פונעם שפּיץ פון דיינע פעלזיקע אַלפּן זענען מיינע ציגן אין שטיקער געפאַלן! זיסע און קאַלטע וואַסערן פון ענגלאַנד, אַ ביטער און געזאַלצן געטראַנק האָט אין אייך מיין סטאַדע געטרונקען! היפּאָ־קריטישע, גרויזאַמע און וואָלפישע שפּאַניע, דיינע רויבערישע צערייצטע וועלף האָבן געשלונגען און שלינגען נאָך מיינע געקרייזלטע שעפעלעך!"

דער גאַנצער דריטער דיאַלאָג איז איבערגעגעבן צו די קורצע און טראַ־גישע עפּיזאָדן פון אונדזערע עינויים אין דער מערדערלעכער אייראָפּע. עס בליצן פאַרביי אַזעלכע „פאַרגעשריטענע" לענדער ווי פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד. ר' שמואל אושקי באַשרייבט קליינע עפּיזאָדן מיט אַ באַזונדער אויפ־מערקזאַמקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפמאָנען די יסורים און דאָס בלוט פון יעדער געליטענעם ייִד, וואָס פאַרשווינדט אין דער טונקלקייט פון גע־שיכטע און הערט זיך אויף צו רעכענען אין סכום פון די יסורים פון אַ גאַנ־צער אומה. ער שרייט אויס פאַר יעדער פאַרברענטן ייִדישן נפש פאַר יעדער ייִדיש קינד, וואָס מ'האָט עס מיט גוואַלט אַוועקגעריסן פון דער מאַמעס ברוסט און געוואָרפן צו די חיות אָדער אויפגעצויגן אין דער אמונה פון די טמאים, וואָס האָבן אונדזער בלוט פאַרזאַפּט, מיט פאַרשיידענע בלבולים און גע־מיינע אויסטראַכטענישן.

„די ערד — וואָס דער בייזער ווינטער דעקט אָפּ איר קלייד פון צאַרטע און בליִענדיקע ביימער — קומט דער זומער, אַ גאָט, דערפרייסטו זי און וואַרפסט אַרויף אויף אירע אַקסלען אַ מלבוש פון אַזויפיל בונטפאַרביקע בלו־מען און פרוכטן שיינע, כלערליי. עס טוען אויס די חיות זייער פאַרביקע פעל, די שאָף זייער געפלעקטע וואָל, די פייגל זייערע פילקאָלירנדיקע פע־דערן, אָבער דו מאַכסט אַז מיט דער צייט זאָל אַלץ אומגעקערט ווערן, צו זייער גרויסער פרייד. נאָר מיר, דעם אָרעמען ייִדן, האָט דער זומער גאָרנישט אומגעקערט. פריי געלאָזט פון יאָך ווערן די אָקסן נאָך אַ גליִענדיקן טאָג פון אַקער. באַוועגנדיק מיטן קאָפּ און זיך באַלעקנדיק גייען זיי דערנאָך מיטן אָוונט־שאָטן, צו דער רו פון זייערע שטאַלן..."

אָבער דער ייִד קריגט נישט קיין רו אַפילו ווען דער זומער קומט די וועלט באַנייען און דערפרייען.

שעקספּיר־קענערס האַלטן, אַז „מוירטשענט אָוו וועניס" איז געשריבן געוואָרן אין 1596, אָבער מיט קנאַפּע פופציק יאָר פריִער רעדט שוין אושקיס העלד יעקב — שיילאָקס שטאַרקע „פּראָזע".

„מיט וואָס איז דען אַנדערש מיין שכל און פאַרשטאַנד פון דעם וואָס

איז אין די אַנדערע ברואים פון מיין מין אַריינגעבלאָזן? פאַר וואָס, אָ הימל־מזלות, פאַרפאַלגט איר מיך? בין איך דען פון אַנדערן חומר, איידער אַלע ערדישע קערפּער געקנאָטן? פאַרוואָס, אָ ערד, ווילסטו מיך אויף דיר נישט האַלטן? איז דען מיין געשטאַלט פאַרקריפּלט, אָדער זענען מיינע גלידער דען אַנדערש ווי ביי אַלע שכלדיקע ברואים? פאַר וואָס, אָ מענטשן, קענט איר מיך נישט, און ווי אַ פרעמדן באַהאַנדלט איר מיך!״

און ער דערהייבט זיך צו אַ זעערישער אויסטייטשונג פון דער אָנגעזאַמלטער, בלוטיקער שנאה:

׳אָ, ס׳אַראַ אויסטערלישער ווונדער ווערט נתגלה דורך מיר. די ערד פאַראַכט זיך אַליין אין מיין געשטאַלט. דער הימל האָסט זיין אייגענעם גייסט אין מיין ברוסט, און די מענטשן האָבן פיינט זיך אַליין אין מיין אָפּבילד!״

אָט די זעלבסט־שנאה פון דער גאָרילע צו זיך אַליין, צו אייגענע בלוטיקע מעשים, ווערט אויסגעלאָזט צום קרבן, צום יידישן פאָלק.

דער „פּרווידיאַנישער״ ר׳ שמואל אושקי האָט עס פאַרשטאַנען נאָך אין יאָר 1552.

דאָס ווערק איז אַן אמת געפינס און ס׳קומט אַ דאַנק דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין אַרגענטינע פאַר אַרויסגעבן די טיף־יידישע פּאָעמע. ס׳מוז שטאַרק געלויבט ווערן די צערטלעכע און סענסיטיווע אַרבעט פון אליהו ליפּינער, וואָס האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער וועלט פון אונדזער אייביקן היסטאָרישן נעכטן. אושקיס „טרייסט צו דיליידן פון ישראל״ שליסט זיך מיט דעם תהילים־קאַפּיטל קכ״ו: יעקב זינגט דאָס קאַפּיטל אין געגראַמטן פּאָרטוגעזיש און ער חלומט פון אונדזער היינט מיט די מקוים־געוואָרענע ווערטער פון דעם תהילים־זינגער:

וועז אונדזער גאָט וועט אומקערן
ציון איר אַמאָליקע פראַכט
וועלן מיר מיינען אַז עס איז נישט וואָר,
און אַז מיר חלומען אין מיטן טאָג.
— — — — — — — — — — — — — — —
וויינענדיק גייט אַרויס דער גוטער זייער
אָבער אומקערן קערט ער זיך אום פריילעך
ברענגענדיק זיינע גאַרבן מיט געזאַנג.

1949.

II

יעדער שוועל אַ פעסטונג / אַ בוך וועגן יאַנוש קאָרטשאַק / „ירושלים דליטא״ / יידישע פּאַרטיזאַנער / ווילנע 1939, מאָסקווע 1949 / שמערקע קאַטשערגינסקי / „פון אַ וועלט וואָס איז מער נישטאָ״ / משה בראָדערזאָן / אפרים קאַגאַנאָווסקי / ש. בערלינסקיס בראשית.

יעדער שוועל אַ פעסטונג

פופצן יאָר נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, זענען מיר שוין אימ־שטאַנד פעסטצושטעלן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין קליינער אויפפלאַם פון פאַרצווייפלטער און זעלבסטמערדערישער העלדישקייט, נאָר אַ גוט־אָר־גאַניזירטער קאַמף, אין דעם גייסט פון מכבים, פון די וויניקע אין צאָל אַנט־קעגן די רבים, אָן שום מורא פאַר דעם אויסגאַנג. מיר וועלן אפשר קיינמאָל נישט וויסן, צי האָבן טאַקע די קעמפערס נישט געהאַט דעם מינדסטן גלויבן, אַז ס׳קען פאַרט געשען אַ נס.

אין דעם נישט־געענטפערטן אויפרוף, וואָס די פירער פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן אַרויסגעלאָזט צו דער פוילישער באַפעלקערונג, אין דעם 4טן טאָג פון קאַמף, איז פאַראַן אַ פונק פון ליכטיקן גלויבן און אַ געזאַנג פון גלייביקע און מונטערע רייד:

„...יעדער שוועל פון געטאָ איז געוואָרן און וועט אויך ווייטער זיין אַ פעסטונג; מיר וועלן אַלע ליבערשט פאַלן אין קאַמף איידער זיך אונטערגעבן.“

„מיר וועלן נקמה נעמען“, גליט דער זעלביקער אויפרוף, מיט גלויבן אין די אייגענע הויט־ און ביין־כוחות — „פאַר די פאַרברעכנס פון אָשוויענטשים, טרעבלינקע, בעלזשיץ און מאַידאַנעק“. די העלדן פון געטאָ האָבן אויך פון די סאַמע טיפעניש אַרויסגעשריגן, אַז ס׳גייט אָן „אַ קאַמף פאַר אונדזער און אייער פרייהייט, פאַר אייער און אונדזער מענטשלעכער, סאָציאַלער און נאַ־ציאָנאַלער ווירדע“.

פון די דאָזיקע רייד זעען מיר, אַז אַפילו אין 4טן טאָג, ווען די אַרמיי פון די רייניע און קנאַפּע אין צאָל, האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט באַ־געגנט פנים אל פנים מיט די טמאים, מיטן מעכטיקן און ברוטאַלן שונא, האָט נאָך געלעבט דער באַוווּסטזיין, אַז ס׳איז פאַראַן אַ זין אין קאַמף און אַ האָפענונג, אַז אין דעם בונד מיט דער פוילישער באַפעלקערונג, אין דעם קאַמף „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט“, וועט עפּעס פאַרט געוווּנען ווערן.

לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, האָבן די געטאָ־קעמפערס אַפילו טועם געווען נצחון. ווי זיס דער נצחון האָט געמוזט זיין אין ערשטן טאָג פון פסח, פאַר די דאָזיקע אויפגעלעבטע טרו־

קענע ביינער, ווען די געטאָ איז געווען באַפרייט און אומצוטריטלעך פאַרן איבערראַשטן שונא.

מיר ווייסן שוין, ווי אַזוי די פוילישע באַפעלקערונג האָט געענטפערט אויף דעם רוף פון די געטאָ־העלדן, און ווי די העלדן האָבן אַליין געפירט אַ קאַמף קנאַפּע אַנדערטהאַלבן חדשים, אָבער איינגעקריצט אין היסטאָרישן זכרון פון פאָלק וועט בלייבן דער גלויביקער באַוווסטזיין פון די קעמפערס, אַז זיי האָבן נישט געקעמפט פאַר זיך, פאַר די אייגענע לעבנס, נאָר פאַר פרייהייט, פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ווירדע.

דאָס קאַפּיטל פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז דערפאַר אַ היסטאָרישע ירושה און אַ הייליק האָב און גוטס פאַר דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, אַ געשאַנק וואָס בלייבט אייביק און וואָס אייביקט אונדז מיט באַ־נייטע כוחות. אין די ערשטע יאָרן נאָכן אויפשטאַנד האָבן טייל זיך באַצויגן סקעפּטיש צום קאַפּיטל געטאָ־אויפשטאַנד; אַנדערע, די גלויביקערע, האָבן אין דעם געזען אַ קליינעם עפּיזאָד פון פאַרצווייפלונג און אַ שיינע לעגענדע וואָס מען דאַרף זי שפּינען פאַר דעם כבוד פון אויסגעהרגעטן פאָלק. אָבער פון דער טויטער שטילקייט, פון טאָל פון העלדן־שאָטנס, האָט זיך וואָס אַ יאָר אַלץ קלאָרער אויפגעהויבן דאָס לעבעדיקע קול פון די געפאַלענע קעמ־פערס. עס זענען געבליבן שילדערונגען, מען האָט פאַרשריבן, מיר ווייסן פאַקטיש אַקוראַט ווי אַזוי דער קאַמף איז געפירט געוואָרן; מען קען צייכענען די מאַפּע פון ווידערשטאַנד, פון די ברענענדיקע הייזער גאַס נאָך גאַס. דער אומווירדיקער שונא אַליין האָט אויך, נישט ווילנדיק, געווירדיקט און פאַר־עדותט דעם אויפשטאַנד; ער האָט פאַרצייכנט זיין דערשטוינונג איבער דעם אומגלייכן קאַמף. ער האָט צום ערשטן מאָל געזען טויט־קאַמף פון אַזאַ מדרגה, וואָס מען האָט נאָך ביי קיין איין פאָלק נישט געזען.

ס׳איז קלאָר, אַז דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז געווען נישט אַן אויפפלאַם, אַן אויפבליץ, נאָר אַ גרויס פייער וואָס דער ייִדישער ווידער־שטאַנד האָט אָנגעצונדן פאַר דער גאַנצער וועלט. און נישט אַ פייער פון שטומען טעמפּן־ווידערשטאַנד, צו ראַטעווען דאָס אייגענע ביסל צעטראָטענע לעבן, נאָר ס׳איז אין דער אָרגאַניזירטקייט פון קאַמף געווען אַ גרויסע קאָ־לעקטיווע אחריות, וואָס האָט זיך דערהויבן צו די שענסטע הייכן פון דער ייִדישער געשיכטע.

די ייִדישע געשיכטע מיט איר דורות־לאַנגער לייטערונג פון צער, צאָרן, טרייסט און בטחון, און חשיבות פון מין מענטש, האָט אויך אין דעם פאַר־שעמטסטן און עלנדסטן אָרט אויף דער גאַנצער וועלט, אין דער וואַרשעווער געטאָ — דערשלאָגן ווי די ייִדישע געשיכטע איז געווען — צוריקגעקראָגן

איר אויפגעפלאַקערטע שמשון גבורה, צוריקגעווונען איר ביבלישן פּאַטאָס און סטיל. „יעדער שוועל פון געטאָ איז געוואָרן און וועט אויך ווייטער זיין אַ פעסטונג. ס׳גייט אָן אַ קאַמף פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״. אונ־דזער־אייער! און די שוואַכע און כמעט אויסגעלאָשענע ייִדישע כוחות פירן אַליין אָן דעם דאָזיקן קאַמף, אין דערהויבנסטער נביאישער באַשטעטיקונג. דאָס קול פון אַלטן תנ״כל האָט מאָביליזירט די ייִדישע העלדן און זיי גע־שטעלט, ווער ווייסט צום וויפלטסטן אומגלייכן קאַמף, מיט די ווילדע שונאים פון דער מענטשהייט.

דערפאַר איז דער געטאָ־אויפשטאַנד די שענסטע ירושה וואָס דאָס לע־בעדיקע ייִדישע פאָלק האָט געקראָגן. ס׳איז אַ גרויסער דימענט וואָס פּאַסט זיך אַריין אין אונדזער היסטאָרישער קרוין. זיי, די צום טויט־פאַרמשפטע, האָבן אונדז געגעבן מיליאָנען מאָל מער, ווי מיר האָבן זיי געקענט געבן.

אָבער דווקא דערפאַר ווייל מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג, איבער דעם געוואַלטיקן אויפפלאַקער אין סאַמע חושך, אין טעג פון פאַרוויסטונג און ברוטאַלער פאַרטיליקונג, וואָס זענען געקומען מיט פלאַם און פייער, אין די שווערע ניסיונדיקע טעג, נאָך דעם 19טן אַפּריל 1943, דאַרפן מיר פאַר־שטיין אַז הינטער דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף פאַר דער ווירדע פון מענטש, איז געשטאַנען דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער כוח פון ייִדישן אויסדויער. די פירערשאַפט אין דער וואַרשעווער געטאָ, די אינטערפּאַרטייאישע פירער־שאַפט, וואָלט נישט געקענט אָרגאַניזירן דעם קאַמף און זיך גרייטן חדשים לאַנג, אונטערן וואַכזאַמען שאָטן פון חיהשן שונא, ווען ס׳וואָלט נישט גע־שטאַנען הינטער דעם דער פייערזייל פון ייִדישן כוח פון אַלע ייִדישע קדושים.

דער איבערגעלאָגלטער ווײ און צער, צוזאַמען מיטן גלויבן אַז מ׳וועט פאַרט דערלעבן אַ נקמה אין שונא; דער טאָג־טעגלעכער קאַמף קעגן אויסראָ־טערישע באַדינגונגען, וואָס זענען ממש אָפּגעשפּרונגען ווען זיי זענען געקו־מען אַנטקעגן דעם פאַרעקשנטן אויסדויער פון אַ פאָלק, וואָס זיין הארץ האָט תמיד געזונגען מיט אַ ווילן צום לעבן, אַ ווילן וואָס האָט העלדיש געקעמפט מיט אַלערליי טויט־באַצילן, מיט טויט־סטאַטיסטיק און מיט אַלע פּאַראוי־סיקע מאָרד־אויסרעכענונגען פון שונא, אָט דער צער און פיין פון אַזאַ פאָלק פון כולו לעבן און גלויבן אין לעבן האָט אויסגעקריסטאַליזירט דעם שטאָ־לענעם ווילן פון דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ, אים אָנגע־גורט מיט דעם היסטאָרישן אימפּעט און אים געשאָנקען דעם נאַציאָנאַלן נביאישן דראַנג, וואָס לעבט אין ייִדישן פאָלק און וואָס צווינגט אים צו שטעלן זיך אין די פאָדערשטע רייען, אין יעדער באַפרייונגס־קאַמף — נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן, פאַר דעם כבוד פון דער מענטשהייט.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז נישט געווען קיין שפּיל אין העל־דישקייט. מיר זענען קיינמאָל נישט געווען אַזעלכע שטאַרב־העלדן. אונדזער לעבן, להכעיס די שונאים און להכעיס זייערע אַלע רדיפות — אונדזער אויס־מיידן אַ קאַמף איז אָפט געווען די גרעסערע העלדישקייט. דורך אונדזער גאַנ־צער געשיכטע זענען מיר נישט געווען קיין נאַרישע דועליסטן, כדי צו גע־ווינען ערע און טויט. מיר האָבן באַשיינט און ליכטיק געמאַכט יעדער ווינ־קעלע פון אונדזער ענג און פאַרפינצטערט לעבן און געשאַפן גרויסע ווערטן. מיר, וואָס האָבן טייער געהאַלטן דאָס לעבן האָבן אויך טייער געהאַלטן דעם טויט. אָבער מיר האָבן אים נישט פאַרשוועכט, נאָר אים דערהויבן צו קידוש השם, פאַר דער פאַרהייליקונג פון גרויסע אידעאַלן, פון אומגעבראָכענער עקשנות און גלויבן אין דעם טריומף פון גערעכטיקייט.

נישט קיין פוסטער העלדן־שפּיל פון אַ פאַרצווייפלט רעשטל איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די ייִדישע געשיכטע מיט איר פאַרטיפטן ערנסט פאָדערט נישט אַזעלכע העלדן־מעשיות און זוכט נישט דעם דאַזיקן פלאַכן אויסקויף פאַר דעם קרבן, אַז ער מוז דווקא שטאַרבן שיין. אויסקויפן וועט זיך דאַרפן — און זיך אייביק נישט אויסקויפן — דער מיאוסער דייַ־טשער וואַגנערישער געצן־העלד, וואָס האָט באַוויזן די וויסטע גבורה אומצו־ברענגען מיליאָנען שוצלאָזע, אין לעבן־פאַרגלייבטע בטחונדיקע זקנים, מע־נער, ווייבער און קליינע קינדער. פאַר דער קדושה פון אונדזער מאַרטירער־טויט דאַרפן מיר נישט קיין העלדן־דיפּלאָמען, כדי זיך אויסצופיינען פאַר אַ ברוטאַלער וועלט, וואָס האָט נאָך די עזות צו פאָדערן פון קרבן אַ ספּעציעלן דעקאָראַטיוון טויט און פאַרגעסט צו מאָנען חשבון פון מערדער.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט אָפּגעצייכנט די אָנגעזאַמלטע היסטאָרישע גבורה פון אויסדויער און קדושה פון אַלע זעקס מיליאָן קדושים. דער אויפשטאַנד האָט נישט פאַרשאָטנט, נישט פאַרטונקלט און נישט פאַר־שטעלט דעם גרויסן טאָג־טעגלעכן ווידערשטאַנד אין דער געטאָ און זיך נישט געזוכט צו דערהייבן איבער דעם מינדסטן קרעכץ און וויי־געשריי פון אַ פּשוטן ייִד אין געטאָ. דער אויפשטאַנד האָט נישט געזוכט קיין גלאָריפיקאַ־ציע פאַר שטאַרקע ייִדן, מוטיקע ייִדן, כדי צו שטעלן אין שאָטן די שוואַכע, ווידערשטאַנדלאָזע און באַרויבטע פון ווידערשטאַנד דורך אָפּנאַרעריי פון גע־מיינעם שונא. ניין! די כלומרשט שוואַכע האָבן דעם אויפשטאַנד געגעבן שטאַרקייט — דעם צוויי און פערציק טאָגיקן אויסדויער פון צינד־פּלעשער אַנטקעגן דעם בלוט־הונט סטראָפּס געפּאַנצערטע אַרמייען.

בלויז אין דעם זין קריגט דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד זיין אמתע

נביאישע דערהויבנקייט. די דערהויבונג פון אַ העכערער העלדישקייט, אויף די העכסטע שטאַפּלען פון דער מענטשהייט, וואָס ווערט זיך אַמאָל דערשלאָגן צו מאָראַלישער דערלייזונג. אַ העלדישקייט וואָס איז נישט און קען נישט זיין די צופרידנשטעלונג פון אַ מאָמענטאַלער טויט־ווערדע און איז נישט גע־מיינט פאַר פּרימיטיווער קינדער־פּעדאַגאָגיק. אונדזערע קינדער וועלן צי׳ען אייביק יניקה פון דער העכערער גייסטיקער העלדישקייט דורך די אייביקע שטאַפּלען פון זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז נישט געקומען באַשיינען מיט כבוד די מיליאָנען קדושים. פאַרקערט, דער כבוד פון זייערע דורכגעטראָגענע יסורים האָט דערהויבן דעם קאַמף צו דער העכסטער שטופע פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ. נישט וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך געשלאָגן מיטן שונא, נאָר דער גאַנצער ייִדישער קאָלעקטיווער גייסט וואָס האָט געברענט אין אַלע געטאָס. ווען די העלדן זענען געפאַלן, האָט דער דייטשער גענעראַל סטראָפּ פאַרצייכנט, אַז די ייִדן ווילן ליבערשט זיך צוריק אומקערן אין די פלאַמען, ווי אַריינפאַלן אין די רוצחישע דייטשע הענט. דער דייטש האָט נאָך אַזעלכע טויטן נישט געזען, ווייל דאָס זענען געווען שייטערהויפן פון קדושה. „ס׳גייט אַן אַ קאַמף פאַר אונדזער און אייער פרייהייט, פאַר אייער און אונ־דזער מענטשלעכער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ווירדע״.

די ייִדישע פאַראייניקטע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אַזוי שטאַרבנדיק גע־זונגען צו דער אַלגעמיינער פּוילישער באַפעלקערונג און דערמיט געשטעלט דעם קאַמף, אויף דער מדרגה פון אונדזער אַלטן נביאישן קאַמף אויסצולייזן די מענטשהייט פון אונטערדריקערס.

און אין דעם געזאַנג האָט זיך געהערט דאָס היסטאָרישע ייִדישע קול, דורך אַלע משיחישע באַוועגונגען פון פאָלק און וועלט־דערלייזונג. אין דעם געזאַנג איז שוין געווען אַ שיין פון בטחון אין דעם אויפשטייג פון מדינת ישראל. אין דעם געזאַנג און מיט דעם געזאַנג איז יעדער שוועל פון געטאָ געוואָרן אַ פעסטונג. ס׳האָט זיך אין דעם העלדיש־קאָלעקטיוון טויט געהערט דאָס קול פון אַלע מיליאָנען קדושים, וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַ ירושה פון הייליקע אייביקע תנ״כישע ווערטער.

אין דעם זין גיבן מיר אָפּ כבוד די העלדן פון דער וואַרשעווער געטאָ. אין דעם 15טן יאָרצייט ווייסן מיר נאָך מער ווי פריִער, אַז ס׳איז נישט גע־ווען קיין זשעסט פון פאַרצווייפלטער העלדישקייט, נאָר דער אָנגעצונדענער פאַקל פון גלויבן פון אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט אַזוי ליכטיק אָנגעהויבן זיין מאַרטירערישן קאַמף, דעם 19טן אַפּריל, אין דער ערשטער פּסח־נאַכט פון

1943. די פּאָליאַקן זענען בלינדע געשטאַנען און טעמפּ געלאַכט ווי די געטאָ ברענט, זיי האָבן נישט געזען ווי אונדזערע ברענענדיקע, פליענדיקע אייביק ריינע אותיות פון גלויבן צינדן אָן דעם הימל און דערהייבן זיך אין אַ גרויסן מענטשלעכן פלאַקער, איבער דעם טאָל פון מענטשלעכער ברוטאַליטעט, און זינגען דאָס אייביקע יידישע ליד —

יעדער שוועל אַ פעסטונג פאַר אונדזער און אייער פרייהייט, פאַר אייער און אונדזער מענטשלעכער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ווירדע.

1958.

אַ בוך וועגן יאַנוש קאָרטשאַק

אַ ייִדיש־פּוילישער דיכטער, וולאַדיסלאַוו שלענגעל, האָט אין געטאָ פאַר־צייכנט יאַנוש קאָרטשאַקס טויט־שפּאַציר מיט זיינע קינדער. ער דערציילט עס ווי אַן עדות וואָס האָט עס אַליין געזען מיט די אייגענע אויגן. איז אָט דאָס ליד דער סאַמע וויכטיקסטער דאָקומענט וואָס איז אונדז פאַרבליבן, איבער דעם לעצטן וועג פון אַ צדיק, פון אונדזער אייגענעם דור.

איך האָב היינט געזען יאַנוש קאָרטשאַקן
מיט זיינע קינדערלעך אין לעצטן צוג.
די קינדער זענען געווען זויבער געקליידט,
ווי אויף אַ שפּאַציר אין אַ יום־טוב טאָג.

דאָס ליד ווערט געבראַכט אין דעם נייעם בוך — „יאַנוש קאָרטשאַק" פון זלמן וואַסערצוג, וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס. דער פאָטער פון די יתומים האָט זיי נישט פאַרלאָזט. זיין וואַכזאַם אויג האָט ביז דער לעצטער רגע געזען, אַז די ייִדישע קינדער זאָלן זיין זויבער געקליידט, כדי דער שונא זאָל נישט האָבן דעם פולן נחת־רוח פון זיין בעסטיאַלישן אַקט. די קינדער, זינגט ווייטער דער דיכטער, זענען געגאַנגען צו די וואַגאָנעס ווי צו אַ ל"ג־בעומר אויספלוג. אַ דערוואַקסן קינד האָט דעם באַרימטן דערציִער געהאַלטן ביי דער קעשענע. צוויי קליינטשינקע קינדערלעך האָט יאַנוש קאָר־טשאַק געטראָגן אויף דער האַנט. דער דיכטער דערציילט אונדז נישט די פּרטים, וואָס מיר ווייסן פון אַנדערע קוואַלן, אַז די צוויי קינדער זענען געווען צו־אַפּגעשוואַכט פון הונגער און קראַנקייטן און זיי האָבן שוין נישט געקענט גיין.

אין דער לעצטער מינוט האָט די געסטאַפּאָ זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער וויאַ דאָלאָראָזאַ, וואָס זי האָט באַשערט דעם גרויסן מענטשן, פאַר דעם אמתן טעסטאַמענט פון יסורים און פּיין, וואָס דער דאָזיקער לעצטער וועג האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. מען האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט זיך צו ראַטעווען, איבערצולאָזן די קינדער צו זייער גורל און אַליין צוריקגיין צו דער וועלט פון דערוואַקסענע און וואַרטן אויף דעם אומפאַרמיידלעכן. ער האָט אָבער דעם דאָזיקן געגאַד צוריקגעוויזן.

דער דיכטער האָט געזען ווי קאָרטשאַק האָט „מיטן קאָפּ בלויז גע־שאָקלט שטום". ער איז אַריין מיט די קינדער אין די טויט־וואַגאָנען.

ווייל מען זאָל נישט דערציילן און שרייבן וועגן יאַנוש קאָרטשאַקן איז אַלץ נישט צופיל. פון די קדושה־מאָמענטן אין דעם גרויסן אומברענג איז די דאָזיקע לעצטע שליחות פון דעם דערציִער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן גע־וואָרעמט קליינע גופים און קליינע נשמות, צווישן די הייליקסטע מאָמענטן, וואָס דאַרפן אַריינגעדאַוונט ווערן אין אונדזער געשיכטע כדי זיי אויפסנייַ צו פאַרהייליקן.

זלמן וואַסערצוג האָט יונגערהייט געאַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון יאַנוש קאָרטשאַק, אין זיין יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע 92, אין וואַרשע. אַ יתומים־היים שטעמפּלט דאָס קינד אויף אייביק, טיילט אים אויס ווי אַן עלנטן יתום, וואָס איז געבליבן אָן השגחה. יאַנוש קאָרטשאַקס אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָפּווישן די ווייטיק־שפּורן וואָס אַזאַ „קינדער־קאַזאַרמע" לאָזט געוויינלעך איבער אויף דעם קינדס נשמה. זיין קינדער־היים איז געוואָרן אַ לאַבאָראַטאָריע, אָבער אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט שטענדיק געקלאַפּט דאָס מענטשלעכע פאָטערלעך־מוטערלעכע האַרץ פון דעם גרויסן פּעדאַגאָג, וואָס האָט אַליין בכיוון נישט חתונה געהאַט, נישט געבראַכט קיין אייגענע קינדער אויף דער וועלט און זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר דער הייליקער אַרבעט.

דער ווילדער רשע וואָס האָט פאַרטיליקט אַ דריטל פון יידישן פאָלק און וואָס לעבט נאָך עד־היום אין דייטשן פאָלק, האָט נישט מורא, ווען מען דערלאַנגט אים דאָס צעטל פון זעקס מיליאָן קדושים. אָדער ער רעדוצירט עס און ער פאַרטיידיקט זיך, אַז ס׳שטימט נישט, ווייל ער האָט בלויז אויס־געמאָרדעט אַ זעקסטל דערפון, אָדער ער לייקנט אינגאַנצן שטיין און ביין. ער ווייסט אויך אַז די וועלט מאָנט בכלל נישט קיין דין־וחשבון פאַר מיליאָנען אומגעבראַכטע. זיי ווערן צוגעשריבן צום אַלגעמיינעם שלאַכטפעלד, ווייל אַזוי איז לייכטער צוריק איינצושטעלן באַציִונגען מיט אַ פאָלק, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר דעם אומגליקלעכן, פּאָליטישן און סטראַטעגישן שאַך־שפּיל פון אונדזער צייט.

דערפאַר שרעקט זיך אָבער דער מערדער פאַר איינצלנע מאָמענטן, וואָס ברענגען אַרויס דעם טאָטאַלן מאָרד־פּלאַן. אָט די איינצלנע, „קלענערע" מאָ־מענטן פון חורבן, פאַרטייטשן די גרויסע און גרוילנדיקע פאַרלענדונג, אַז די נייטראַלסטע און טעמפּסטע קעפּ מוזן אויך אָנהייבן צו פאַרשטיין.

צו די מאָמענטן געהערט די פאַרניכטונג פון יאַנוש קאָרטשאַקס קינ־דער־היים. דאָס איז נישט געווען דאָס איינציקע יתומים־הויז, וואָס די דייטשן האָבן פאַרטיליקט. אין לובלין האָבן זיי אין דער סאַמע ערשטער פאַרניכ־טונגס־אַקציע אַרויסגעפירט די יידישע יתומים פון דער „אָכראַנע" און זיי אַלעמען דערשאָסן. דער דאָזיקער מאַסן־קבר פון ברידערלעך און שוועסטער־לעך איז געפונען געוואָרן נאָך דער באַפרייונג.

די יללה פון אַזאַ קבר קען אויך דער רוצח נישט פאַרשטומען און אַוודאי נישט אַרונטעררעכענען פון חשבון. אָבער דער לעצטער טויט־שפּאַציר פון יאַנוש קאָרטשאַקס יתומים איז נאָך דערצו אָנגעלאָדן מיט גבורה, מיט דער קידוש־השמדיקער דערהייבונג וואָס בלויז אונדזער צייט האָט געקענט אויס־פאַנטאַזירן. און דער ווילדער מערדער האָט פּיינט, ווען מען שטעלט אים אַוועק ערגעץ אויף אַ קלענערן שטח פון דעם מוראדיקן שחיטה־פעלד און מען שפּילט פאַר אים אָפּ די באַווייזן; מען שטעלט דעם נאַצישן צוזאַמענ־טרייבער און אָנטרייבער פּנים אל פּנים מיט די אויסגעפּוצטע, יום־טובדיקע קינדער, בעת זיי זענען אַריין אין די וואַגאָנען, און דער 69־יאָריקער דער־צ:ער זייערער איז אויך אַוועק מיט זיי אויפן לעצטן וועג.

זלמן וואָסערצוגס בוך גיט אַן אַריינבליק אין דער נשמה פון דעם קדוש קאָרטשאַק. ער שילדערט די יתומים־היים, איר זעלבסט־פאַרוואַלטונג, מיט איר קינדער־פּאַרלאַמענט, מיט די דינים און רעגולאַציעס, אונטער דער הש־גחה פון דעם פאָטער פון די יתומים.

די ריין־דערצ:ערישע פּראָבלעמען, וואָס זלמן וואָסערצוג וויקלט אויף וועלן זיין פון גרויס אינטערעס פאַר פּעדאַגאָגן. אַ סך מעטאָדן קאָרטשאַקס וועלן אפשר אָפּגעפרעגט ווערן פון מאָדערנע דערצ:ערס. אָבער קאַפּיטלעך־ווייז בויט דער מחבר אויף אַ געשטאַלט פון אַ הייליקן, אַ פּאָעט, אַ בעל־חלומות, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט אַ גרויסער וויסנשאַפטסמאַן, וואָס הערט נישט אויף צו פאָרשן. יאַנוש קאָרטשאַק איז געווען אַ מעדיקער און ער איז צוגעטראָטן צום קינד אויף צווייערליי אופנים — דורך דעם קינדס גוף צו דער נשמה און דורך דער קינדערשער נשמה צום גוף.

זלמן וואָסערצוג דערציילט אונדז, אַז אין דער קינדער־היים איז געווען אַן „אינטים ווינקל" וואָס האָט כמעט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. דאָס איז געווען דער „זאַל פון שווייגן", אַ גייסטיקער אָפּרו־פּלאַץ פאַר די קינדער, וואָס זענען געקומען מעדיטירן און בלייבן מיט זיך אַ ווייל, ווייט פון גרופּן־לעבן. אין דעם דאָזיקן „זאַל פון שווייגן" האָט געמוזט זיין אַבסאָלוט שטיל. פאַר שטערן די שטילקייט האָט מען אָנגעקלאָגט אין קינדער־געריכט און די קינדער־שופטים האָבן אַרויסגעגעבן זייערע הומאַנע שטראָפן.

מען וואָלט באַדאַרפט איינפירן אין אונדזערע יידישע שולן אַזעלכע „שווייג־ווינקלען", וואָס זאָלן זיין געהייליקט דעם אָנדענק פון יאַנוש קאָר־טשאַק, קינדער און לערער זאָלן אָפּגעבן כאָטש איינמאָל אַ וואָך עטלעכע שווייג־מינוטן, אין אָנדענק פון דעם קידוש־השם פון יידישע יתומים און זייער וווּנדערלעכן מדריך.

.1953

„ירושלים דליטא“

די בעסטע אָפּשאַצונג איבער ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקיס מאָנומענטאַל ווערק וועגן חורבן־ווילנע גיט אונדז דער מחבר אַליין אין זיין הקדמה — „כ'וויל דערציילן“. די הקדמה איז אַ מין קיצור פון דעם גאַנצן בוך, וואָס האָט איבער פינף הונדערט זייטן. פון אונדזער גרויסער חורבן־ליטעראַטור שיינען שוין אַרויס עטלעכע געציילטע ווערק, וואָס זענען קלאַסיש אין זייער געמיט און פאַרנעם און ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקיס — „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום“ געהערט בלתי ספק צו די דאָזיקע געקליבענע ביכער, וואָס זענען נישט בלויז פאַרצייכענונגען פון אַן עד־ראיה, נאָר זענען אויך געשריבן געוואָרן מיט דעם ציטער פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויף קיין איין מאָמענט הערט דאָס בוך נישט אויף צו זיין אַ כלל־בוך און אויף אַזויפיל איז אויף דעם ווערק אויסגעגאָסן דער האַרציקער חן פון ווילנע. וואָס איז אַזוינס געווען ווילנע, וואָס איז געווען די „אוירא“ פון דער דאָזיקער ירושלים דליטא? ס'איז נישט געווען אַ לופט בלויז פון ליטווישער קלוגשאַפט. דאָ איז געווען די גייסטיקע לאַבאָראַטאָריע פון דעם מאָדערנעם און באַוווסטזיניקן ייד. ס'איז געווען אַ שטאָט פון גרויסע מוסטער־עקזעמפּלאַרן, וואָס יעדער פון זיי האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַ גוואַלטיקע התחייבות. דאָס וואָס איז אין אונדזער גרויסער צעשפּרייטקייט אָפּטמאָל געווען צעשוווּמען, איז אין ווילנע דעפינירט געוואָרן. דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון דעם היינטיקן ייד מיט אַ כמעט באַוווסטזיניקן ממה נפשך: וועט ער בלייבן ווינען צווישן די פעלקער, איז דאָס דער האָמאָ־ייד, דאָס איז ער דער אַנדערשדיקער, דער אומפּשרהדיקער קעמפער פאַר גערעכטיקייט. דאָס איז דער מאָדערנער מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַ ברייטע גייסטיקע טעריטאָריע, און צולהכעיס אַלע פלאַכע טעאָריעס מוז ער סוף־כל־סוף אָנערקענט ווערן ווי אַ מיטגליד פון אַ באַזונדער, גרויס פאָלק. וועט ער ווידער זוכה זיין צו האָבן אַן אייגן לאַנד, איז ער דער גרויסער אַנזאַמלער און דער שענסטער סך־הכל, דער גייסטיקער פאַרטרעט פון הונדערטער יאָרן אָפּגעהיטקייט; דאָס איז דער יידישער הדרת פנים, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די פאַרקניפּונג מיט דור־דורות, דאָס איז דער וואָס איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו בענקען נאָך דערלייזונג; דער ייד וואָס קומט נישט קיין אויסגעליידיקטער, נאָר וואָס האָט כסדר אימפּראָוויזירט אויף זיין ירושה און זי געהאַלטן ריין און ציכטיק און זי באַרייכערט.

אַט די ווילנערישקייט איז אויסגעגאָסן איבער דעם גאַנצן בוך, איבער דעם קאָלאָסאַלן פּאַרנעם, ווייל ד״ר דוואָרזשעצקי, דער ווילנער ייִד וואָס האָט זיך געראַטעוועט, איז אַליין אַ פּראָדוקט פון דער גרויסער ייִדישער לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט געהייסן ווילנע. ער איז איינער פון אירע עקזעמפּלאַרן און ער קאָמבינירט אין זיך די צווייאיקייט פון דעם מאָדערנעם ייִד, וואָס איז געזעסן אַ שטאָלצער צווישן די פעלקער און האָט שטאָלץ געבענקט נאָך אויסלייזונג.

זענען דערפאַר זיינע זכרונות פון דער ווילנער געטאָ, צווישן דעם 20סטן יולי 1941, ביז דעם טאָג ווען ווילנע, כמעט אָן ייִדן, איז באַפרייט געוואָרן, געשריבן מיט אַ גרויסער אחריות ווי ס׳וואָלט די האַנט פון דעם שרייבער געפירט אַ ספּעציפישע געניטשאַפט, צו פאַרצייכענען זכרונות אין פנקס פאַר דער דערהאַלטונג פון פאָלקס־גייסט, פאַר זיין מאָראַל, אין זין פון צוקונפטיקן לעבן, אָן גייסטיקער צעטומלעניש — ווי דאָס ייִדישע פאָלק וואָלט געווען אַן אַרמיי וואָס מוז אָנהאַלטן זיין דיסציפּלין פון לעבן. אַט די פּאַכמענישע האַנט, וואָס זאַמלט, סאָרטירט, מעטאָדיזירט, קלייבט אויס, דערציילט באריכות, נישט געכאַפּט, זאַכן, וואָס מוזן פאַרצייכנט ווערן, ווייל זיי אַנטהאַלטן אַ קערנדל גלויבן, אַ פונק האָפענונג, אַ שטראַל ליכט אין דער פינצטערניש — אַט דאָס אַלץ איז ווילנע. ד״ר דוואָרזשעצקיס בוך איז דערפאַר אַ זעלטענע אַרבעט, ווי די ייִדישע ווילנע אַליין וואָלט באַשריבן איר אונטערגאַנג. אין דעם בוך דערפילט מען די גאַנצע לופט פון ווילנער ייִדישקייט. ד״ר דוואָרזשעצקי שרייבט נישט גלאַט זכרונות, ער שרייבט — נוסח ווילנע.

אין זיין הקדמה, וואָס איז, ווי איך האָב שוין פריִער געזאָגט, אַ תמצית פון בוך און וואָס ווייזט וואָס פאַר אַ שווערן אויפגאַב דער מחבר האָט זיך געשטעלט, זאָגט אונדז ד״ר דוואָרזשעצקי — „כ׳וועל דערציילן פאַר ברידער ייִדן, ווי אַרומגעצוימט מיט מויערן און דראָטן האָבן מיר געבויט אין געטאָ אַ ייִדיש געזעלשאַפטלעך לעבן און אויפגעשטעלט אַ שולוועזן און קולטור־אינסטיטוציעס, און אויף צולהכעיס דעם שונא געצויגן די טראַדיציע פון ווילנע, איר גאָלדענע קייט, איר דורותדיקן נוסח״.

אַט דאָ האָט איר דעם גאַנצן פונדאַמענט פון בוך. פון איין זייט פּאָנאַר און פאַרניכטונג, „מאַלינעס״, וווּ מ׳האָט זיך באַהאַלטן ווי מייז, און פון דער אַנדערער זייט, אַ ייִדיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, אַ שולוועזן, אַ המשך פון דער ווילנער טראַדיציע. אין דעם ווערק איז געפאַנגען דער גאַנצער געשמאַק פון די ייִדישע צרות, דאָ זעט מען ווי באַוווסטזיניקע ייִדן האָבן געליטן, דאָ, אין דעם בוך, דערשפּירט מען, אַז ווילנע האָט ווי לכתחילה דערצויגן אירע גרוי־

סע מאַרטירערס, כדי זיי זאָלן קענען זיין צווישן פאָלק און עס צוזאַמענהאַלטן אין טעג פון אימה.

ד״ר דוואָרזשעצקי מאָלט פאַר אונדז אַזעלכע פאָרטרעטן פון ייִדן, וואָס זייער גייסטיקע גבורה דערמאָנט אין דעם גרויסן פּאַרציײטן און דורך דעם אַליין גיט עס האָפט און זין צו די יסורים, וואָס אַ גאַנץ פאָלק האָט דורכגע־טראָגן. ווילנע איז געווען מער ווי אַ שטאָט, די שטאָט איז געווען אַ סימבאָל. ווען מיר לייענען ווי דער 86־יאָריקער ד״ר יעקב וויגאָדסקי, דער טאַטע פון ירושלים דליטא, טוט זיך אָן דעם שוואַרצן סורדוט מיטן געלן מגן דוד, גייט צו דער געסטאַפּאָ שטאָלץ מאָנען גערעכטיקייט פאַר ייִדן, ווי ער ווערט אַרונטערגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ דורך דעם געסטאַפּאָ־הויפּט, און שלעפּט זיך אַ פאַרבלוטיקטער אַהיים — דערזעען מיר פאַר זיך אַ געשטאַלט, וואָס האָט גאַרנישט אָנגעוווירן, דורך די עטלעכע טויזנט יאָר פון גייסטיקער ייִדישער פאַרוואָנדלונג. שטעל אַוועק אַזאַ ד״ר וויגאָדסקי אָדער אַ קאַלמאַנאָוויטש, אין דער עפּאָכע פון אונדזערע תנאים און זיי וועלן זיך שטאָלץ אַריינפּאַסן. די שענסטע און טראַגישסטע ייִדישע עפּאָכעס דאַרפן זיך נישט שעמען מיט די דאָזיקע ייִדישע געשטאַלטן פון אונדזערע הײנטצײטיקע נסיונות.

זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש עליו השלום באַגעגנט ד״ר דוואָרזשעצקין ביים ערשטן דורכשפּרייזן דעם טויער פון דער געטאָ און ער זאָגט גלייך מיט אַ האַלב־אומעטיקן און האַלב־פריילעכן שמייכל: „אַבי צווישן ייִדן! מען דאַרף האָבן בטחון!״

אַ ייִדישער לערער שעפּט תענוג פון ערשטן טאָג געטאָ, ווייל „ס׳איז אַ מחיה, אַלע ריידן דאָ נאָר ייִדיש!״

ייִדיש איז געוואָרן די שפּראַך פון בטחון און ס׳האָט אויך צוגעגעבן דעם האַלב־פריילעכן שמייכל צו דער אומעטיקער העלפט. אָט דעם גרעאַנגל פון די העלפטן, וואָס האָבן געקעמפט אויף דעם הינטערגרונט פון בטחון, וואָס האָט אַבסאָלוט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דערציילט אונדז ד״ר דוואָרזשעצקי מיט אַ זעלטענער התמדה.

ס׳איז נישט קיין פראַזע, ווען איך זאָג, אַז אַזאַ בוך דאַרף זיך בפירוש געפינען אין יעדער ייִדישער הויז. דער ייִדישער פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנק־רייך און דער ייִדישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע פאַר־דינען גרויס אָנערקענונג פאַר אַרויסגעבן דאָס ווערק. ס׳דאַרף זיך געפינען אין יעדער ייִדישער הויז, ווייל ס׳געהערט צו אונדזערע טרייסט־ביכער. די צרות ווערן אויסגעלייזט, ווייל דאָס בוך האָט אַ מאָראַל, ס׳איז נישט בלויז

אַז אויסגעשריי פון ווייטיק, נאָר אַ דערהייבונג פון אַ פאָלק אין זיין אונ־טערגאַנג.

נאָך עפּעס: אַדאַנק דער ווילנערישער געטרייער געווויִנהייט צו פאַרציי־כענען און פאַרשרייבן לדורות, קריגן מיר אין בוך אַ בילד פון דעם טאָג־טעג־לעכן לעבן אין געטאָ. מיר ווייסן ווי אַזוי אַ ייִד האָט געלעבט אין געטאָ, אין די פאַרשיידענע שעהן פון מעת־לעת, וואָס האָבן געהאַט זייערע באַזונ־דערע שרעק־קאָלירן. עס פאַרענטפערט אויך אַ סך אָפּט־געפרעגטע קשיות. עס ווייזט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געזוכט צו דעמאָראַליזירן די ייִדן. פאַר־ראַן אַ קאַפּיטל, וואָס גיט איבער, ווי דער שונא איז געגאַנגען אויף אונדז און האָט אונדז כסדר געפירט „אויף די וועגן פון צעטומלען, צעטיילן און פאַרפירן". ייִדן האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס עס איז בעסער — באַ־האַלטן זיך, אָדער קריגן אַ צעטל, ווי אַזוי אָנצוגעבן די יאָרן, עלטער אָדער ייִנגער. ייִדן זענען אָפט געוואָרן קרבנות פון אָפּנאַרערישע קלאַנגען, וואָס ייִדישע פּאָליציי האָט פאַרשפּרייט. דאָס אַלץ האָט געפירט צו צעטומלעניש און אָפּהענטיקייט.

דער צווייטער טייל פון בוך וואָס אַנאַליזירט די וועגן פון גרעראַנגל איז אַ מייסטער־בילד פון פּורגאַטאָריע. ווער מיר דאַנטע, וואָס מיר דאַנטע? ווער האָט נאָך געשילדערט אַזאַ אמתן גיהנום פאַר צדיקים, ווו די רשעים האָבן געלעבט אין ווילטאָג און זענען געווען די באַלעבאַטים איבער צענדלי־קער טויזנטער לעבנס פון קדושים? דאָס איז דער טייל פון בוך, וואָס ווייזט, ווי יעקב האָט זיך געשלאָגן מיט דעם ערגסטן עשו פון אַלע צייטן. ווי די ייִדישע דאָקטוירים האָבן מיט מסירת נפש אין געטאָ באַשיצט דאָס געזונט פון האַלב־טויטע ייִדן. כמעט מיט ליידיקע הענט, האָבן ייִדישע מעדיציניִער געשאַפן אַ מין סאַניטאַציע פון דער עיפּושדיקער לופט — אויב מ׳קען זיך אַזאַ זאַך פאָרשטעלן ביי געטאָ־באַדינגונגען. די גייסטיקע דאָקטוירים ווי־דער האָבן אויף קיין איין מאָמענט נישט אויפגעגעבן זייער וואַכזאַמקייט אי־בער דעם ייִדישן גייסט. מען מוז אַליין לייענען וועגן די געטאָ־שולן, שול־יום־טובים, מוזיק־שולן, קינדער־קלובן. מ׳דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט זיך וועגן די זעלביקע קינדער, וואָס זענען געשלעפּט געוואָרן צום טויט אין די הונדערטער און טויזנטער, ווען דעם שונא האָט זיך פאַרגלוסט. עס זענען אין געטאָ געווען כאָרן, ליטעראַטך און קינסטלער־פאַרבאַנדן. עס זענען געווען טעטיק ייִדישע און העבריִשע טעאַטערס און ס׳זענען געגעבן געוואָרן אַ סך צוגעגרייטע פאָרשטעלונגען. די געטאָ האָט געזונגען סאָוועטישע לידער, ציוניסטישע לידער, לידער פון בענקשאַפט, פון ווידערשטאַנד און אַפילו, ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, אויך געזונגען הומאָ־

ריסטישע לידער. די געטאָ האָט דורכגעפּירט רעגלמעסיקע אָוונטן, ווו דיכ־טערס און שריפטשטעלער האָבן געלייענט זייערע ווערק. עס זענען אַפילו געגעבן געוואָרן פּרייזן, פאַר די בעסטע ווערק, זינגער און זינגערינס האָבן געזונגען, דעקלאַמאַטאָרן האָבן דעקלאַמירט.

די געטאָ אין ווילנע האָט נישט גלאַט געלעבט מיט אַ נאַרישן בטחון. ביין, ייִדן האָבן געזען דעם טויט פּנים אל פּנים און די מוראדיקע אויסראָ־טונג האָט געשניטן יונג און אַלט, אָבער דער ייִד האָט זיך ביז דעם לעצטן מאָמענט נישט אונטערגעגעבן. דאָס איז נישט געווען קיין רעוואָלווערן־אויפ־שטאַנד קעגן אַ מעכטיקן בעסטיאַלישן שונא. די צוקונפטיקע וועלט וועט אָפּ־שאַצן דעם אויפשטאַנד פון גייסט און זיך שפּיגלען אין דעם אויסדויער וואָס האָט געהערשט אין ייִדישן גיהנום.

ד״ר דוואָרזשעצקי שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דעם ייִדישן רעליגיעזן לעבן אין געטאָ. ער שילדערט פאַר אונדז דעם סאָציאַלן געבוי, איר עקאָנאָ־מיק, מ׳שטיינס געזאָגט. ער מאָלט פּאָרטרעטן פון די דייטשע בעסטיעס און אויך דאָס רעטעניש־דיקע און טראַגישע געשטאַלט פון יעקב גענס, דעם גע־טאָ־קאָמענדאַנט. גענס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אַ געמיש פון אכזריות און שיינע, דערהויבענע מעשים. ייִדן האָבן אין אים געגלייבט און פאַר־שפּרייט וונדער־מעשיות וועגן זיינע גרויסע אויפטוען. גענס האָט אָרגאַני־זירט די כאַפּעניש און געווען דער אויפזעער איבער די צוואַנגס־טראַנספּאָרטן. ער האָט אָבער אויך געראַטעוועט ייִדן און אין געטאָ האָבן אַלע געגלייבט אין זיין שליחות און אים צוגעשריבן לעגענדאַרישע מעלות. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען די דייטשן האָבן אים דערשאָסן, האָט מען אין די געטאָ־שולן געמאַכט הזכרות נאָך דעם „קדוש יעקב גענס״.

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי באַשרייבט דאָס גאַנצע אונטערערדישע לעבן און די העלדישע מעשים פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין דער ווילנער געטאָ — פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, פּועלי־ציון, רעוויזיאָניסטן, מזרחי, לינקע פּועלי־ציון, קאָמוניסטן, בונדיסטן און אגודיסטן. ער פירט אונדז אויך אויף די וועגן פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער און ער ברענגט אַרויס מאָמענטן פון דעם הייליקן אומגלייכן קאַמף מיט דעם אכזריותדיקן שונא.

מען מוז דאָס בוך לייענען און האַלטן אין הויז ווי אַן אבן־טוב. מען מוז דאָס בוך בלעטערן פון צייט צו צייט, און דערפילן דעם ריזיקן אַרומכאַפּ און ברייטע אויפפאַסונג. ווי האָט דאָס גאָר איין מענטש געקענט אַליין באַ־גרייפן — אָן דער הילף פון זכות־אבות, פון גאַנץ ווילנע, וואָס האָט זיך אַליין געשטעלט אַ מצבה?

געוויסע קאַפּיטלען לייענען זיך גאַנץ אָפּט מיט אַזאַ דערהויבענער

טרוקנקייט, ווי ד״ר דוואָרזשעצקי וואָלט געשריבן אַ טעקסט־בוך פון יידישער קדושה.

איך מוז פאַרענדיקן מיט דריי קליינע עפּיזאָדן, וואָס שילדערן די לעצ־טע מאָמענטן פון דעם „נביא פון ווילנער געטאָ״, דעם יידישן שריפטשטעלער זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש. צום נאָמען נביא האָט קאַלמאַנאָוויטש זיך דער־דינט אין געטאָ און אַזוי האָבן אים אַלע יידן גערופן.

„ווען מען האָט זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטשן געפירט מיט טויזנטער יידן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון עסטלאַנד, האָט ער פון לאַגער אַרויס־געשיקט אַ בריוול:

«איך בין גליקלעך, וואָס איך געפין זיך צוזאַמען מיט אברהם אבינוס אייניקלעך.»

„אין די לאַגערן האָט ער באהבה מקבל געווען דאָס לעבן פון פּיין און יסורים. ער איז געווען שוואַך און האָט נישט געקענט גיין צו פיזישער אַר־בעט, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַן אויפזעער פון די לאַגער־קלאָזעטן.

„אין די לאַגערן האָט מען דערציילט, אַז ווען מען האָט געפירט זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטשן צום טויט, האָט ער אויסגעשריגן:

— איך לאַך פון אייך, איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט! איך האָב אַ זון אין ארץ ישראל.״

ווילנע איז אַ לעגענדע, אַ משל קעגן דער כנסת ישראל. כבוד צו די יידן וואָס האָבן אַזוי וווּנדערלעך לעגענדאַריזירט זייערע לעבנס און געלעבט אַ סימבאָליש יידיש לעבן הונדערטער יאָרן.

1949.

יידישע פּאַרטיזאַנער

משה קאַגאַנאָוויטשעס בוך — „דער יידישער אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג פון סאָוועטרוסלאַנד", איז אַן אויסגאַבע פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, ביים פּאַרטיזאַנער פאַרבאַנד אין איטאַליע. איך ווייס נישט ווי היסטאָריש עס זענען אַלע עפּיזאָדן, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם בוך פון קנאַפּע פיר הונדערט זייטן, אָבער דאָס ווערק איז אַ ווערק פון אַביסל טרייסט און אַ סך גרויסע מעשים. כ׳מיין חלילה נישט צו וואַרפן אַ חשד אויף דער היסטאָרישקייט פון די מאַטעריאַלן און די הונדערטער עפּיזאָדן, וואָס ווערן געבראַכט אין דער ריזיקער זאַמל־אַרבעט, נאָר כ׳בין זיכער אַז ס׳איז ביי די משונהדיקע באַדינגונגען געווען אוממעגלעך אָנצוהאַלטן די היסטאָרישע אָביעקטיווע פּינקטלעכקייט. ס׳איז אָבער גאָרנישט נייטיק געווען אַזאַ אָביעקטיוויטעט, ווייל אויב אַפילו ס׳האָבן זיך אין דער אַרבעט אַריינגעריסן עטלעכע נישט־דורכגעקאָנטראָלירטע עפּיזאָדן, איז דאָס גאַנצע ווערק אַזוי פאַרכאַפּנדיק און דערצו אַזוי נייטיק, אַז דאָס לעבן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער „אין די וועלדער, פּושטשעס און בלאָטעס פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע" ווערט ביי דער האַלב־לעגענדאַרישער, קוואַזי־היסטאָרישער באַלייכטונג פאַרוואַנדלט אין אַן עפּאָפּייע פון יידישע וואַלד־העלדן, אַן געלעגטע לאַטעס, וואָס האָבן זיך נישט באַהאַלטן פון שונא, נאָר אים אויסגעזוכט.

אַ שאָד בלויז, וואָס דאָס בוך פאַרמאָגט נישט אַביסל מער בעלעטריסטישן אָטעם, כ׳זאָג נישט — בעלעטריסטישע פעיִקייט, נאָר פּשוט ווילן אונדז צו געבן שילדערונגען איבער דעם לעבן פון אונדזערע יידישע וואַלד־גזלנים. דערפאַר קריגן מיר אין דעם בוך אַ טיפערן איינדרוק וועגן דעם טויט פון די דריי טויזנט פּאַרטיזאַנער, ווי וועגן זייער לעבן אין די וועלדער. דער רייכער עפּיזאָדישער מאַטעריאַל און די אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונגען יאָגן ווי אין אַן אַלטן פילם, ווייל דער מחבר האָט אונדז געוואָלט געבן וואָס מער כראָניק פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, איידער זי גליווערט און ווערט אינגאַנצן לעגענדע. אין דעם געיעג האָט ער אָבער צופיל מוותר געווען אויף דעם טאָגטעגלעכן און נאַכט־נאַכטיקן לעבן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געמוזט אַרבעטן צוזאַמען מיט לעבלעכע און גיפטיקע יידן־פרעסער ווי גראַטעסק דאָס זאָל נישט קלינגען. די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געלויערט אויף די נאַציס, אָבער אויף זיי אַליין האָבן כסדר געלויערט די געמיינסטע מער־

דער. די „ווייסע" פּאָליאַקן האָבן געשווירן אומצוברענגען באָלשעוויקעס, באַציס און יידן. די אייגענע באָלשעוויסטישע פּאַרטיזאַנער זענען אויך געקו־מען אין די וועלדער אָנגעשטעקט מיט אַ גרייטן אַנטיסעמיטיזם. די וואַלד־געזעצן זענען געווען שטרענגע, אָבער פאַר די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען זיי אָפּטמאָל געווען דרייפאַך שטרענג. לעבן איז געווען הפקר, מ׳האָט נישט גע־ציטערט פאַרן אייגענעם לעבן, נאָר מ׳האָט עס געזשאַלעוועט, ווייל יעדער יידישער פּאַרטיזאַן האָט זיך נישט נאָר באַטראַכט פאַר אַ סאָלדאַט, נאָר אויך פאַר אַ נקמה־נעמער.

יידישע העלדן זענען געשטאָרבן אָן מורא, זיי האָבן זיך געלאָזט פייניקן און נישט געגעבן דעם שונא קיין אינפאָרמאַציע, זייער לעצטע פרייד איז גע־ווען דער געדאַנק, אַז זיי האָבן געצומען נקמה. אַפילו צוועלף־יעריקע יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געדינט דער פּאַרטיזאַנקע מיט מסירת־נפש און געהאַט כלל־פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויך זיי האָבן אין די לעצטע מינוטן פאַרן טויט אַרויסגעשמוגלט צעטעלעך, אַז זיי ווערן געפייניקט אויף אַ באַרבאַרישן אופן, אָבער דער שונא וועט פון זיי גאָרנישט אַרויסקריגן.

די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען געקומען אין די וועלדער נישט נאָר, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן און אפשר אויך ראַטעווען ס׳אייגענע לעבן, נאָר זיי זענען אויך טיילווייז געלאָפן אין די וועלדער ראַטעווען דעם יידישן כבוד. אָט דאָס געפיל פון ראַטעווען נאַציאָנאַלן כבוד האָט נישט באַ־אומרויקט דעם דורכשניטלעכן סאָוועטישן פּאַרטיזאַן, וואָס האָט געוווסט אַז זיין לאַנד שלאָגט זיך העלדיש מיטן שונא. דער יידישער פּאַרטיזאַן האָט גוט געוווסט, אַז זיין געטאָ־לאַנד האָט נישט אַרויסגעשטעלט דעם שונא דעם מינדסטן ווידערשטאַנד און אַז דערפאַר איז ער דאָ אַ נישט־אויסדערוויילטער שליח פון זיין פאָלק. ער, דער באַזונדערער פּאַרטיזאַן, איז נישט דער אַרויס־העלפער פון זיין אַרמיי, דער וואָס דאַרף דעם שונא בלויז לייגן שטיינער אין וועג, נאָר ער איז די אַרמיי אַליין און ער האָט דערפאַר שטענדיק געזוכט דעם שונא, כדי טועם צו זיין דאָס געפיל פון קעמפן און אַפילו פאַלן אין אַ שלאַכט.

די יידישע פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג איז געווען אפשר אויסשליסלעך אַ באַוועגונג פון יוגנטלעכע. זיי האָבן נישט געהאַט די צוגעבונדנקייט צו קיין פאַמיליע און זיי האָבן געפילט, אַז זיי האָבן דאָ גאָרנישט וואָס אָפּצוהיטן אויפן אָרט. זיי האָבן געאַנט אַז אַלץ וועט אַוועק מיטן רויך. זיי זענען אַוועק אין די וועלדער, געטריבן קודם־כל פון יוגנטלעכער געוואַגטקייט און פון אַ טיף־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, אַז זיי פירן אין די וועלדער יידישע מסירת־נפש, וואָס וועט אויסזוכן און קריגן אַ געלעגנהייט צו נעמען נקמה פאַר די

טויטן, וואָס די ווילדע בעסטיעס האָבן מבזה געווען. די וועלדער זענען די נאַצי־חיות דערגאַנגען די יאָרן, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט, ווי גרויס איז דער פּאַרטיזאַנען־שונא און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם וואַלד, וואָס האָט אויף זיי געלויערט מיט טויזנט שרעקן. אַפילו ווען זיי האָבן איינגענומען גאַנצע געגנטן, האָבן זיי קיינמאָל נישט באַזיגט דעם וואַלד. זיי האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט ווי גרויס די אַרמיי דאַרף זיין, כדי צו באַצווינגען די בלאָטעס און פּושטשעס, ווו עס זענען געלעגן באַהאַלטן די העלדן, וואָס האָבן סיי־ווי מפקיר געווען זייערע לעבנס און וואָס זענען אַפילו נישט געווען געבונדן דורך כלומרשטע מלחמה־געזעצן.

אָט דער ריזיקער מאַטעריאַל ווערט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן גוט צוזאַמענגעקנאָטן אין משה קאַגאַנאָוויטשעס אַרבעט. אַ סך קאַפּיטלען ענדיקן זיך מיט אַ פלאַמיקן סך־הכל, וואָס איז ווי אַ רעזומען פון דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל. ווי טרוקן דער מאַטעריאַל זאָל אָפּט נישט אויסזען און ווי זאַכלעך ער זאָל נישט איבערגעגעבן ווערן, צינדט ער דעם היסטאָריקער אָן מיט פייער פון קדושה, בפרט ווען דער היסטאָריקער אַליין האָט זיך גאָר שטאַרק באַטייליקט אין די העראָישע קאַמפן און אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז די רעשטלעך האַלב־געפרוירענע קעמפערס קעמפן נישט נאָר קעגן דעם שונא, נאָר פאַר דעם יידישן פאָלק.

דאָס בוך איז אַ נייטיק בוך אויך דערמיט, וואָס די אַלע העלדישקייטן זענען נישט פאַרשריבן געוואָרן אויף דעם יידישן חשבון; פּונקט ווי מ'האָט אונדזערע קדושים געמאַכט פאַר אַנאָנימע קרבנות פון דער וועלט־מלחמה, האָט מען אונדזערע העלדישע מעשים אויך פאַרשלונגען אין סכום פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנקע. דאָס בוך קאַגאַנאָוויטשעס איז נייטיק פאַר אונדז, כדי מיר אַליין זאָלן דאָרט געפינען אַביסל יידישע טרייסט. ס'ווילט זיך אויסרופן אמן, ווען מען ענדיקט דאָס בוך און מ'לייענט די דאָזיקע פלאַמיקע ווערטער:

„אייביק וועלן בלייבן אין זכרון יענע סצענעס און בילדער ביי די אַנטיילנעמענדיקע אין די לעגענדאַרע קאַמפן און לויערונגען, ווען עשעלאָנען זענען געפלויגן אין דער לופטן, ווען דייטשישע מערדערס זענען געפאַלן פון יידישע קוילן און ווען יידיש בלוט איז באַצאָלט געוואָרן מיטן פאַררעטערישן בלוט פון די רוצחישע שכנים־פעלקער. קיינמאָל וועלן מיר נישט פאַרגעסן די פיל טויזנטער יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן געראַנגל געפאַלן פאַר דער זאַך פון נקמה. זייערע קברים זענען צעזייט איבער די רחבותן און בלאָטעס, פּושטשעס און וועלדער פון ווייסרוסלאַנד און

אוקראַינע. די זאַך פאַר וועלכער זיי זענען געפאַלן, וועט ווערן דער קנין פון גאַנצן ייִדישן פאָלק אויף אַלע צייטן און דורות.“

דאָס בוך איז פריִער פון אַלץ אַ געדענק־בוך, אָבער אויך אַ טרייסט־בוך פאַר די אַלע, וואָס פילן אַז אונדזער פאָלק קען נישט נאָר לעבן מיט העלדישן מאַרטירערטום, נאָר מוז אויך איבערלאָזן די געשיכטע פון איר מאַרטירערי־שער העלדישקייט. פאַראַן אַ דירעקטע, נאַציאָנאַלע שייכות צווישן די ברי־דער און שוועסטער, וואָס זענען געפאַלן אין די וועלדער ווי פאַרטיזאַנער און צווישן די ברידער און שוועסטער, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן די ענגלענדער און די אַראַבער, כדי צו זיכערן דאָס אָרט פאַר דער שארית הפליטה אונדזערער. ס׳איז די פאַרזעצונג פון זעלביקן קאַפּיטל און דער קאַמף אין די פושטשעס און אין די בלאָטעס, ווי ביים נגב און ירושלים, איז אַלץ געווען אַ קאַמף פאַר דעם ייִדישן כבוד.

ווען ס׳רעדט זיך וועגן ייִדישן כבוד דאַרף מען געדענקען, אַז ס׳האַנדלט זיך מער אין אונדז די לעבעדיקע און נישט אין באַשיינען אונדזערע קדושים, וואָס האָבן נישט געהאַט די מינדסטע געלעגנהייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, וואָס זייער מענטשלעכע ווירדע איז געטראָטן געוואָרן מיט די פיס אויף אַ מעטאָדיש־סאַדיסטישן אופן, ביז מ׳האָט פון זיי אַרויסגעפייניקט יעדער גע־פיל פון ווידערשטאַנד. קיינער דאַרף זיי נישט פאַרענטפערן. זיי זענען ביס־לעכווייז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון טויט־פּאַסיוויטעט און דאָס איינציקע לעבעדיקע געפיל איז געווען דער געדאַנק, אַז דער טויט וועט באַפרייען פון אַלע צרות. ס׳וועט אַוודאי קומען אַ צייט — און מיך אָרט נישט אַז עס וועט נאָך נעמען טויזנט יאָר — אַז דער גאַנצער באַגריף פון מאָגען ווידערשטאַנד ביים קרבן וועט קלינגען ווי אַ פאַלשער טאָן פון אונדזער פאַל־שער ציוויליזאַציע. אַז דער מערדער און דער קרבן זאָלן ביידע זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, נאָך דעם לעצטן סך־הכל, וועט אין דער ווייטער צוקונפט אויסזען ווי אַ שטיק באַרבאַרישע פאַרצייטיקייט. ווען מערדער שטייט קעגן קרבן, ווערט מאָרד נאָך הימל־שרייענדיקער, אויב דער קרבן האָט געהערט צו די סאַמע הילפלאָזסטע, אַפילו ווען די הילפלאָזיקייט איז געווען אַן איינגעוואָרצלטע, אַ ירושהדיקע. אַזעלכע קרבנות זענען געווען קינ־דער און דער מערדער ווערט טויזנט מאָל מער מערדער, ווען ער האָט פאַר־שניטן אַזאַ קינדער־פאָלק, וואָס האָט זיך נישט אויסגעטויגט צו ווידערשטאַנד.

פאַראַן אַ קאַפּיטל אין קאַגאַנאָוויטשעס בוך וועגן די סיבות פון דער ייִדישער קאַמף־פּאַסיוויטעט אין די געטאָס. דאָס איז אַ שמועס מיט סאָוועטישע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געפרעגט פאַרוואָס ייִדן האָבן זיך „געלאָזט“ אויסקוילען און אויך אַ שמועס מיט זיך. די ייִדישע פאַרטיזאַנער האָבן פאַר

די פרעמדע אָנגעגעבן פאַרשיידענע סיבות, ווי, למשל, אַז ייִדן האָבן נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז מ׳וועט טאַקע אויסהרגענען אַ גאַנץ פאָלק. די ייִדן האָט מען לייכט געקענט קאָנצענטרירן אין שחיטה־צענטערן; נישט גע־ווען קיין געווער; די ייִדישע פאַמיליע־צוגעבונדנקייט; ייִדן זענען מאָראַליש און פסיכיש איינגעבראָכן און דערנידעריקט געוואָרן דורך די דייטשן; די ברענענדיקע שנאה פון די אַרומיקע פעלקער, וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשן אויסראָטן די ייִדן.

אָבער דער מחבר גיט אָן, אַז די ייִדישע פאַרטיזאַנער האָבן אַליין גע־ווייטיקט איבער דער ייִדישער אַזוי גערופענער פּאַסיוויטעט און זיי האָבן צווישן זיך אַליין אָנגעגעבן גאַנץ אַנדערע סיבות, וואָס זיי האָבן כלומרשט באַהאַלטן פון די גויים. די אַנדערע סיבות זענען: אַז די ייִדן אין גלות האָבן נישט געהאַט קיין קאַמף־טראַדיציע; די ייִדישע יוגנט האָט געקראָגן אַ פּאַ־ציפיסטישע דערציִונג, דער נישט־דערצויגענער ייִדישער שטאָלץ; דער ייִדי־שער געדאַנק פון הייליקער באַציִונג צום לעבן און צום סאַמע סוף אַפילו דער גלות־קאָמפּלעקס, וואָס האָט אונדז געגעבן דאָס געפיל פון זיין אויף חסד ביי פרעמדע פעלקער.

אָט דאָס דואַלע קאַפּיטל פון אויסטענהן זיך מיט פרעמדע און מיט זיך אַליין איז זייער אינטערעסאַנט און איז, לויט מיין מיינונג, אַ היפּ־שע קאַפּיטולאַציע צו דער אָנגענומענער גויִשער מיינונג. ווייל די אורזאַכן, וואָס די פאַרטיזאַנער האָבן געגעבן די גויים, דאַרפן זיין פולשטענדיק גענוג אויך פאַר ייִדן. מיר טאָרן נישט אָוועקזעצן אונדזערע מיליאָנען קדושים אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. ס׳איז ממש אַן אַבסורד, אַז מיר זאָלן אַריינפאַלן אין זיך־פּייניקונג און זוכן כלומרשטע טיפערע סיבות פאַר דער זייער נאַ־טירלעכער פּאַסיוויטעט פון אונדזער פאָלק. די דאָזיקע סיבות — כלומרשט אייגענע ייִדישע סיבות — און זעלבסט־באַרעכטיקונגען זענען פונקען פון פחדנות, וואָס פּאַסן אַוודאי נישט פאַר קיין פאַרטיזאַנער. אויף קיין איין מי־ליאָנסטל פון אַ רגע טאָרן אונדזערע קרבנות נישט זיצן אויף אַ באַשולדי־קונגס־באַנק.

אויב מיר ריידן יאָ וועגן דעם ייִדישן פאַרטיזאַן, וואָס האָט געראַטעוועט דעם ייִדישן כבוד, מיינען מיר דעם ייִדישן כבוד, וואָס האָט אַפילו ביי אַזעלכע שוידער־אומשטענדן אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ גרויסע צאָל העלדן. משה קאַגאַנאָוויטשעס זאַמל־אַרבעט איז נישט קיין „שיין" בוך פון „שיינע" העלדנטאַטן, נאָר פון ייִדישע מעסער, רעוואָלווער, גראַנאַט און אַפילו האַק־העלדן. ס׳איז כדאַי צו לייענען און זען, ווי ייִדן זענען אין וואַלד פאַרהאַר־

טעוועט געוואָרן און ווי די דייטשן האָבן געציטערט פאַר אַ „ייִדישן" טויט, ווען זיי זענען אַריינגעפאַלן צו ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין די הענט.

ס'איז כדאַי דאָס אַלץ צו לייענען, כדי צו שפּירן אַז בעתן לייענען בענטשן מיר די ייִדישע הענט, וואָס האָבן געקענט הייבן אַ האַק. מיר שטעלן אונטער אונדזערע אייגענע פּלייצעס בשעתן לייענען און מיר העלפן די ייִדישע גזלנים, וואָס האָבן געמוזט אַוועקלייגן די אַלטע ייִדישע איראָניע אויף דעם חשבון פון אונדזער גזלנשאַפט. מיר שטעלן אונטער אונדזערע פּלייצעס און מיר הייליקן דעם קאַמף מיט דער גוייִשער האַק, וואָס אונדזערע ייִנגלעך זענען געצוווּנגען געווען אויפצוהייבן אין אַ וועלט פון בלוט, מאָרד און נקמה!

.1949

ווילנע 1939, מאָסקווע 1949

פאַרוואָס איז די ייִדישע ליטעראַטור און די ייִדישע פּרעסע ליקווידירט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד? ווייל אַזוי איז שוין פון לאַנג געווען אָנגעצייכנט, אַז די פאַרשלעפּטע קרענק, דאָס ייִדישע וואָרט, זאָל זיך דאָרטן מער נישט פּלאָנטערן אונטער די פיס. אַוודאי איז אונטערגעקומען אַן אויסרייד, אַפילו די סאָוועטישע גערעכטיקייט טוט נישט קיין „אומרעכט" אָן אַ „גערעכטן" אויסרייד. דער אויסרייד איז דאָסמאָל געווען מדינת ישראל. ס'האָט זיך אָנגעהויבן וואָרפן אין די אויגן אַ גייסטיקע ברודערונג, צווישן ייִדן אין סאָוועטרוסלאַנד און ייִדן אין מדינת ישראל. גראָמיקאָס פּאָליטישע רייד ביי דער יו־ען זענען געקומען געוואָרן צו עמאָציאָנעל פון ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און דאָס ביסעלע ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָט נאָך אַלץ דערלעבט די אַנטשטייונג פון דער ייִדישער מדינה, האָט אָנגעהויבן, מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט, אַרויסווייזן אַן אינטערעס צו די געשעענישן. דער פאַרזיכטיקער אינטערעס איז אָבער געווען פאַרדעכטיקטער ווי דער גלייכגילט פון די קאַזאַכן אָדער גרוזינער. דער אינטערעס צו מדינת ישראל האָט געזוכט צווישן די גלייכגילטיקע שורות פון אַלץ וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן אין דער ייִדיש־סאָוועטישער פּרעסע. איז דאָס געווען דער אויסרייד פאַר דער ליקווידאַציע פון ייִדישן וואָרט און פון ייִדישן שרייבערטום אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די מוראדיקע סאָוועטישע האַק האָט זיך דאָ אויף אַ גרויזאַמען אופן אָפּגערעכנט מיטן ייִדישן וואָרט, אַ סך גרויזאַמער ווי מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אָנגענומען אַז דער „מיסטישער" אינטערעס פון ייִדישע שרייבערס צום „מיסטישן" ציוניזם — (כ'נוץ דאָ ערנבורגס אַ באַגריף, וואָס איז געווען דער סיגנאַל פאַר דער פאַרטיליקונג פון ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד) אַז די אָנגעהויבטע, קוים אָנגעוווּנקענע שמחה מיט מדינת ישראל איז טאַקע געווען אַן אַנטיסאָוועטישע אַקציע, ווו זענען איצטער דאָ די נייע ייִדיש־סאָוועטישע זשורנאַלן און אויסגאַבן, די נייע שרייבערישע נעמען, וואָס זענען געקומען פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דער ליקווידירטער ייִדישער קאָנטררעוואָלוציע? האָט מען דען געשלאָסן רוסישע צייטונגען, ווען מען האָט אַנטדעקט גאַנצע נעסטן פון קאָסמאָפּאָליטיזם? ניין, בלויז אויף ייִדיש איז אויסגעפאַלן די ביטערע גזירה פון טאָטאַלער אומברענגונג פאַר דעם באַגאַנגענעם חטא פון שלעכט אויסטייטשן גראָמיקאָס רעדע.

ווייל דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַן אויסרייד. די רוסישע פּרעסע איז קיינעם נישט געווען אין וועג, ווען מ׳האָט געריניקט די „אויסגעוואָרצלטע קאָסמאָפּאָליטן״. סאָוועטרוסלאַנד איז קיין איין רגע נישט געבליבן אָן אַ רוסישער צייטונג, ווען מ׳האָט פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבן די צענדליקער „אויסלענדער״ און „היימלאָזע קאָסמאָפּאָליטן״. סאָוועטרוסלאַנד האָט זיך אַליין נישט אַרונטערגענומען דעם קאָפּ דורך זיך־ליקווידאַציע פאַר איר פּרעסע. זי האָט זיך עס נישט דערוועגט צו טאָן צו קיין אַנדערער נאַציאָנאַליטעט פון די אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. אָבער ייִדן זענען אַרויס פון דער רייניקונג מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. פאַרוואָס? ווייל אין די העכערע סאָוועטישע קרייזן איז מען שוין לאַנג געווען אומגעדולדיק מיט דעם ייִדישן „נאַציאָנאַליזם״, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, דורך ייִדישע אותיות אין קיִעוו, אָדעס, אָדער נאָך חוצפּהדיקער — אין מאָסקווע. מען האָט געוואָלט פאַרטרייבן דעם ייִדישן אלף־בית קיין ביראָבידזשאַן, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט.

די אייגענע סאָוועטישע ייִדישע אַסימילאַטאָרן האָבן אונטערגעהאַקט די וואָרצלען פון ייִדישן אינהאַלט. זיי האָבן פיינט געהאַט יעדער מאַניפעסטאַציע פון ייִדישן המשך און דאָס האָט זיך איבערגעגעבן אין די העכסטע קרייזן פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען, אויף וואָס אייגנטלעך דאַרפן מאָסקווער ייִדן אַן אייגענע פּרעסע, מיט אַן אייגעגעם ייִדישן מלוכה־פאַרלאַג?

ייִדיש איז בלויז טאָלערירט געוואָרן אין סאָוועטרוסלאַנד אַזוי לאַנג ווי ס׳איז פאַרגעקומען אַ נאַטירלעכע איינשרומפּונג. ייִדישע שולן זענען פאַרשוונדן, ייִדישע טעגלעכע צייטונגען זענען געשלאָסן געוואָרן, ייִדישע ביכער זענען נישט געלייענט געוואָרן. אָט דאָס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר נאָרמאַל — גיכע אַסימילאַציע און די אויסלעשונג פון אַ ייִדישער אידענטיטעט.

דערפאַר, אַזוי גיך ווי מ׳האָט באַמערקט אַז אין אַ סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע רעדט מען ערנסט און ברייט וועגן אַ ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד, האָט מען דער ייִדישער ליטעראַטור גלייך דערלאַנגט מיט אַ דובינע און געשריגן אַז זי האָט געקראָגן אַ געשוואָלענעם קאָפּ, אַז זי ליידט פון אַ גרויסקייט־מאַניע, אַז זי נעמט זיך חוצפּהדיק צופיל פּלאַץ.

די ליקווידאַציע פון ייִדיש האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן גלייך מיט דעם פאַנאַנדערבלי! פון ייִדיש, ווייל די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד איז נישט געווען באַוואָפנט מיט קיין גייסטיק געווער, אַנטקעגן דער אייגעגער אַסימילאַציע, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען, אויף וואָס מ׳דאַרף ייִדישע

„שקאָלעס“ מיט יידישע ביכער. בערגעלסאָן איז אַפילו אין די שענסטע צייטן געווען אַ סך מער אַן עקזאָטישע פלאַנץ אין מאָסקווע, ווי אברהם רייזען אין ניו־יאָרק. דערפאַר, אַז מ׳האָט נאָר געכאַפּט דעם ריכטיקן אויסרייד, האָט מען פון יידיש איינגאַנצן אַרונטערגענומען דעם קאָפּ. ס׳איז זיכער, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער הילף און מיט דער ברכה פון אַ סך קאָמוניסטישע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געקריצט מיט די ציין אויף דער הרחבהדיקער עקזיסטענץ פון יידיש אין סאָוועטרוסלאַנד. זיי, די אַסימילאַטאָרן, האָבן אין יידיש געזען דעם עספּעראַנטאָ, וואָס פאַרבינדט אַלע יידן איבער דער וועלט. זיי האָבן געוואָלט אָפּשניידן אַלע באַציִונגען מיט יידן אומעטום. זיי האָבן די גאַנצע צייט געזוכט צו איזאָלירן די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ביז זיי האָבן געכאַפּט ביי דער האַנט דעם יידישן אלף־בית, אַז ער קניפּט גייסטיק אָן פאַרבינדונג מיט די אַספּיראַציעס פון יידן איבער דער וועלט, אַרום דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. העברעיִש איז שוין לאַנג אויסגעוואָרצלט געוואָרן, די יידישע אַסימילאַציע און די סאָוועטישע הערשאַפט האָבן אָבער אין יידיש אויך אַנטדעקט גענוג העברעיִשקייט און זיי האָבן עס אָפּגעשאַפט מיט אַ דעקרעט.

ס׳איז כדאַי צו לייענען ש. ק אַ ט ש ע ר ג י נ ס ק י ס קליין, אָבער נוצלעך ביכל — „צווישן האַמער און סערפּ“, וואָס ברענגט אַרויס בולט, אַז די ליקווידאַציע פון יידישן גייסטיקן לעבן אין סאָוועטרוסלאַנד איז איצט בלויז פאַרענדיקט געוואָרן, אָבער דער אָנהייב איז געקומען אַ סך, אַ סך פריִער. קאַטשערגינסקי ווייסט וואָס ער רעדט. ער איז אַליין געווען אַ קאָמוניסט, געזעסן אין פּוילישע טורמעס פאַר קאָמוניזם. ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן און ער האָט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס דורכגעטראָגן די שטופנווייזע גייסטיקע און פיזישע ליקווידאַציע פון יידישן פאָלק אין פּוילן און אין סאָוועטנפאַרבאַנד. קאַטשערגינסקי פאַרמאָגט אַ סך טעמפּעראַמענט, אָבער דאָס קליינע ביכעלע האָט ער דווקא אָנגעשריבן קיל און זאַכלעך.

דער פאַקט וואָס שניידט זיך אַריין אין זכרון איז די אָפּשטעלונג פון זלמן רייזנס „ווילנער טאָג“, גלייך אויפן צווייטן טאָג ווי די צייטונג האָט פייערלעך באַגריסט דעם סאָוועטישן אַריינמאַרש קיין ווילנע. דערציילט קאַטשערגינסקי: „עס איז געווען זיכער, אַז דער «ווילנער טאָג», וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַ פּראָ־סאָוועטישע צייטונג, וועט ביי דער נייער רעגירונג גלייך איינגעגלידערט ווערן אין יידיש־סאָוועטישן צייטונגסוועזן... האָט מען זיך געוואָלט טרייסטן און מען האָט זיך אַליין געפּרוּווט איבערצייגן, אַז אויב דער «ווילנער טאָג» וועט נישט דערשיינען, וועט במשך פון עטלעכע טעג אַרויסגעגעבן ווערן אַ צווייטע צייטונג פאַר דער גרויסער יידישער באַפעל־

קערונג... איז אַוועק אַ וואָך, אַ צווייטע, עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אַ פּוילישע צײַטונג, אַ רוסישע צײַטונג, קיין ייִדישע אַלץ נאָך נישט. ייִדן זע־נען אַרומגעגאַנגען דענערווירטע, ס׳טײַטש ווי קען דאָס זײַן, ווי איז דאָס מעגלעך. מער פון אַלעמען האָט עס געווייטיקט די ייִדישע קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער..."

נישטאָ קיין ייִדישע צײַטונג, אָבער שפּעטער קומען נאָך ערגערע קלעפּ. זלמן רייזן, יוסף טשערניכאָוו, צינצינאַטוס, אַנאַ ראָזענטאַל, אַדוואָקאַט טייטעל, חיים וואַלט, י. זשעלעזניקאָוו ווערן אַרעסטירט.

„וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט זיך דאָ? מען האָט נישט געקענט דערגיין ווו זיי זיצן, אין ווילנע, אָדער ערגעץ אַנדערשוו אַרויסגעשיקט... ווי פאַר־שוווּנדן פון דער וועלט."

ווילנע 1939, מאָסקווע 1949. ס׳זאָל פעלן אַ האָר. דער גורל פון ווילנער ייִדן אין טאָג פון זייער באַפרייונג איז געווען דער אָנגעצייכנטער גורל פאַר די מאָסקווער ייִדן פונקט צען יאָר שפּעטער. ייִדן קענען זיך באַגיין אָן אַ צײַטונג, אָן ייִדישע שרײַבערס און אָן זייערע טוערס.

ווי פאַרשוווּנדן פון דער וועלט!

קאַטשערגינסקי ווײַזט אונדז אויך די פּײַנטשאַפט פון סאָוועטישע אַסי־מילאַטאָרן צום ייִדישן וואָרט. זיי האָבן אָנגעהויבן די ליקווידאַציע און די סאָוועטישע הערשאַפט האָט עס איצט פאַרענדיקט.

.1950

שמערקע קאַטשערגינסקי

דער טויט פון דעם שרייבער־פּאַרטיזאַן שמערקע קאַטשערגינסקי האָט אַרויסגערופן טיפן, און נישט בלויז נוסחדיקן טרויער, אומעטום ווו דאָס יידישע וואָרט ווערט געהערט און געאַכט. אים האָט אַוועקגענומען פון אונדז אַ שליח פון מלאך המות, וואָס האָט זיך אפשר מער געפּאַסט פאַר דעם קוועקזילבערדיקן יונגן ייד. ער איז אומגעקומען אין אַן עראָפּלאַן־קראַך, פליענדיק פון אַ יידישער, געזעלשאַפטלעכער שמחה, פון אַ דריטן סדר, איינגעאָרדנט פון דער הסתדרות. ער איז פאַרשוונדן, באַוועגנדיק זיך, אַרויסגעריסן געוואָרן פון צענטער פון לעבן, צום 46סטן יאָר.

קיין אַנדער טויט האָט, דאַכט זיך, קיין שליטה נישט געקענט האָבן איבער אים. אַפילו אין טויט איז ער אַוועק, צוזאַמען מיט נאָך מענטשן, אין אַ מסיבה, ווי ער האָט געלעבט — תמיד מיט מענטשן.

און אָט דער אַוועקפלי פון שמערקע קאַטשערגינסקי האָט איבערגעלאָזט גאָר אַ סך אבלים, וואָס יעדער איינער פון זיי וועט זיך שפּירן פאַראייניזאַמט, מיט דעם טויט פון אַ געטרייען חבר. און אַ חבר איז אים געוואָרן און פאַרבליבן יעדער איינער אויף ווען ער האָט בלויז איינמאָל אַ קוק געטאָן מיט זיינע פריילעכע, לעבעדיקע אויגן. דער שיקלדיקער בליק זיינער האָט געוואַרעמט און געבליצט: יידישקייט איז טיפע חברשאַפט, צוזאַמענגעקניפּט — אַ פאָלק פון חברים.

— רייפע חברשאַפט מיינט געוויינלעך, אָפּגעקילטע, באַזונדערדיקע. אויפגעבויט אַן אייגן הויזגעזינד, אַן אייגן לעבן און אַוועק מיט זיך, לעבנדיק מיט דעם ביסל געדענקשאַפט. קאַטשערגינסקיס חברשאַפט איז געבליבן אייביק יונג. זי איז קיינמאָל נישט אַוועקגעוואַקסן פון אים און ער איז נישט אויסגעוואַקסן פון איר. ער האָט זי קיינמאָל נישט דערלאָזט צום זכרון. ער האָט די חברים זיינע נישט געוואָלט געדענקען דורך פאַרגעסן. ער האָט געלעבט ווי אַ יינגל־חבר און זיך אויף קיין איין רגע נישט געוואָלט אָפּרייסן פון זיינע חברים. און ווי שפּעט פריינט זענען נישט אונטערגעקומען אין זיין לעבן, זענען זיי אַלע פאַרבליבן ביי אים אין צירקל פון שפּיל.

און דווקא ער האָט געקענט זיין אַ פּראַקטישער מענטש, אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר, אַן אונטערנעמער, אַן אויפטוער, אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט געשטערט צו בלייבן דאָס פאַרחלומטע יינגל, וואָס האָט קיינמאָל נישט דער־

לאָזט אַז אַקטיוויטעט זאָל אים פאַרגליווערן. אַקטיוויטעט קען אָפּט פאַרגליווערן דעם יחיד, דעם מענטש, אויב מען לאָזט זיך נאַר, אויב מען מיינט אַז ס'איז אויף אַלץ מכפּר. שמערקע האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אַקטיוויטעט דאַרף קוועלן פון אינערלעכער וואַרעמקייט, דאַרף אייביק געהאַלטן ווערן פריש, און אַז בציבורדיקע טועודיקייט מיינט ליב האָבן די מיטמענטשן, וואָס מיט זיי טוט מען כלל־אַרבעט. אַז דער להבאדיקער אידעאַל מוז קודם־כל שוין און תיכף ומיד ברענגען דיווידענדן פון חברשאַפט, וואָס אָן איר איז יעדער מיטאַרבעט סטעריל.

אַזוי האָט געלעבט שמערקע קאַטשערגינסקי, אַזוי אַלט־פּרענקיש האָט ער געלעבט, ווי אַרויסגענומען פון שלום עליכמס אַ קינדער־מעשה, אַ חדר־מעשה. אַפילו ווען ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן איז ער געווען אַ ייִדיש ל״ג־בעומר ייִנגל, מיט אַ ייִדיש ביקסל. אַרום און אַרום האָט געבושעוועט די ערגסטע רשעות אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אָבער זיין האַרץ האָט עס נישט חרוב געמאַכט. פון די טיפע וועלדער איז ער אַרויס מיט אַ נישט־איבערגעפירט ייִדיש־ייִנגלש האַרץ. די פּאַרטיזאַנישע ביקס האָט אים, אַדאַנק דעם ליבן נאָמען, געשאָנקען וווּנדערלעכע מאָמענטן, באַשיצנדיק דעם כבוד פון מין־מענטש. ער האָט זיך געווערט און איינגעשטעלט דאָס ביסל האָזן־לעבן, וואָס האָט געמוזט יעדער רגע זיין אַ העלד. אַזוי האָט געפּאַדערט דער מינדסטער שאָרך אין וואַלד. אָבער אַפילו דאָס האָט אים נישט פאַרהאַרטעוועט. דער ייִדישער גזלן איז אויף קיין האָר נישט פאַרעלטערט געוואָרן. ער איז אַרויס ווי ער איז אַריין — אַ ווילנער ייִנגל, מיט אַלע זכרונות פון ייִנגלשאַפט.

מיט שמערקע קאַטשערגינסקיס טויט איז דער טראָפּ געלייגט געוואָרן אויף דעם מענטש, אין שרייבער. אַפילו זיינע ביכער וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט זענען געווען מענטש־ביכער, נישט קיין יחידותדיקע. זיין באַשרייבונג פון פּאַרטיזאַנען־קאַמפן, זיינע לידער פון די לאַגערן, וואָס זענען אַלץ געווען צוזאַמענדיקע ביכער. קאַטשערגינסקי האָט ליב געהאַט צו זינגען, אַנצופירן מיט אַ כאָר, אַזוי אַז דער גאַנצער כאָר זאָל ברענען פון התלהבות. אָט דאָס האָט ער פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס. דער ליטוואַק האָט געהאַט אין זיך אַ גוואַלדיקן חסידישן פלאַקער און גרויס התלהבות. אַלע זיינע ביכער זענען דערפאַר געווען פון טיפן מענטשלעכן געזאַנג, סיי פון דעם צוזאַמענזונג אין די וועלדער; פון דעם להכעיסדיקן אויפזינג אין די לאַגערן; פון דעם בציבורדיקן ערב־טויט, ווען ווילנע איז ביסלעכווייז חרוב געוואָרן.

שמערקע קאַטשערגינסקי איז אומעטום געווען מיט מענטשן און מיט זיי געלעבט, וואַרעם און אינטענסיוו געלעבט, אין גרעסטן שרעק, אין דער

מוראַדיקסטער אימה. דאָס זענען זײַנע ביכער, זיי לאָזן זיך נישט אָפּטײלן פֿון דעם שרײַבער, ווײַל ער האָט זיי לכתּחילה אַזוי אויפֿגעשריבן, אַז ס'זאָל אין זיי לעבן דאָס לעבן, צוזאַמען מיטן שרעק פֿאַרן טויט. דערפֿאַר אַז ער איז אַוועק פֿון אונדז, האָט מען צום ערשטן מאָל דורך די אומאויפֿהערלעכע קלעפּ וואָס מיר האָבן לעצטנס געקראָגן, לײַדנדיק שרעקלעכע אבֿידות אין די ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע בתּי מדרשים און שטיבלעך אונדזערע, אויפֿגעהערט צו רײדן נוסח־ליטעראַטור און גערעדט פֿון דעם לעבעדיקן און געטרײַען חבֿר, וואָס איז אַוועק.

ער איז גלײַך אויפֿגעקומען פֿון אַ טיפֿער צוזאַמענדיקייט, פֿון יונג־ווילנע. ער האָט עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. דער אַקצענט איז בײַ אים תּמיד געווען אויף יונג, אויף ווילנע דער ייִדישער שטאָט, און אויף דער חבֿרותאדיקייט וואָס האָט צוזאַמענגעשמידט און געשטאַלטיקט יונג־ווילנע. יונג־ווילנע איז בײַ אים געוואָרן אַ פֿילאָזאָפֿיע פֿון ייִדיש לעבן. ער האָט פֿון די חורבֿ געוואָרענע ייִדן־גאַסן אָפּגעראַטעוועט דעם נוסח, און דורך אַלע זײַנע וואָגלענישן נישט פֿאַרגעסן די גרויסע צוואה פֿון צוזאַמענדיק ייִדיש לעבן, פֿון אַ ייִדיש מויל, מיט טײַערע, מחיהדיקע ייִדישע ווערטער. אָבער בעיקר האָט ער געלייגט דעם טראָפּ אויף יונג־ווילנע. ער האָט געוויזן אַ בײַשפּיל, אַז וויפֿל דאָס לעבן זאָל נישט עלטערן, טאָר עס נישט פֿאַרעלטערן די קערנדיקע יונגשאַפֿט, וואָס יעדער ייִד מוז פֿאַרמאָגן און אָפּהיטן אין זיך, כּדי זיך צו ווערן אַנטקעגן פֿאַרשלעפּערונג און נאַציאָנאַלער לעטאַרגיע. ער איז פֿאַרבליבן אַ פּאַרטיזאַן, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן דער זיסלעכער פּאַסיוויטעט, וואָס וויל אונדז אײַנשלעפֿערן, עמאַסקולירן, מאַכן פֿאַר אויס שעפֿערישע ייִדן.

ס'איז קיינעם קיינמאָל נישט אײַנגעפֿאַלן צו זוכן זײַן ליטעראַרישן פּאַספּאָרט, אָפּוועגן זײַן קינסטלערישן אָפּשפּאָר, אים צוטיילן אַ קאַרטל לויט צוגעשניטענע שרײַבערישע פֿאַרדינסטן. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן האָט ער עניוותדיק געחתמעט. זײַן אונטערשריפֿט האָט נישט געפֿילדערט, נאָר געזונגען און גלײַך געוואָרן אַלעמענס. זײַנע לידער זינגט מען שוין ווי פֿאָלקסגעזאַנגען און דאָס איז פֿאַר שמערקען די גרעסטע אָנערקענונג. ער איז זיך צעגאַנגען אין ייִדישע הערצער און איז געוואָרן אַ פֿאָלקס־ליד.

אומעטום וווּ ער איז געווען איז ער געוואָרן אַ באַוועגלעכער טייל פֿון ייִדישן לעבן, אין פּאַריז ווי אין אַרגענטינע. אָבער דער צײַכן פֿון זײַן אַקטיוויטעט איז תּמיד פֿאַרבליבן חבֿרשאַפֿט. ישׂראל עפֿרויקין האָט מיר אַמאָל דערקלערט, און מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט אין דעם זין געשריבן, אַז ייִדנטום איז נישט אַזוי אַ פֿאָלק ווי אַ משפּחה. בײַ שמערקען איז דאָס ייִדישע פֿאָלק געווען חבֿרשאַפֿט. אָבער נישט אויף דעם דאָגמאַטיזירטן, הגם זייער סימפּאַ־

טישן שטייגער פון קווייקער־פריינט, נאָר אין דעם פשוטן טייטש פון וואָרט, פון דעם אַלטן כל ישראל חברים. די גאַנצע אַקטיוויטעט זיינע האָט ער אַזוי אָנגעפירט, אַריינגעצויגן יעדער איינעם, אין דער טיפער חברשאַפט פון יידישן פאָלק.

ביי דער טרויעריקער געלעגנהייט ווילֿ איך זיך באַפרייען פון אַ מאָראַ־לישן חוב, וואָס איך האָב שמערקען קיינמאָל נישט אָפּגעצאָלט ביים לעבן. איך בין זיכער, אַז איך בין נישט געווען דער איינציקער אָנזעצער, וואָס איז אים געבליבן אַ בעל־חוב. ער האָט ליב געהאַט צו טאָן פאַר אַנדערע אַזוי אימפעטיק און אַזוי ענערגיש, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו קומען אויפמאָנען, און קיינער האָט אים נישט געקענט כאַפּן אין אַ מינוט, ווען מען האָט געקענט אַריינכאַפּן און אים אָפּצאָלן און אָפּדינען.

ווען ער איז געקומען צו אונדז צו גאַסט, צום ערשטן צונויפרוף פון קולטור־קאָנגרעס, האָב איך אים געזען בלויז געציילטע עטלעכע מאָל. ניו יאָרק איז אַ ביטערע שטאָט. מיר, דאָ, האָבן נישט קיין פריינטשאַפט־קולטור. מיר זענען בלויז סוף־וואָך חברים, און די חברשאַפט ווערט קאַרג פאַרטיילט. אַ גאַנצע וואָך שלאָגט מען זיך אַרויס פון די כוחות און מען האָט נישט דעם כוח זיך אָפּצושטעלן.

ווען איך בין מיט אַ פינף יאָר צוריק געפאָרן צום אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס אין ווענעציע, האָב איך זיך צוויי מאָל, הין און צוריק, צו עטלעכע טעג פאַרהאַלטן אין פאַריז. פון דער ערשטער מינוט וואָס איך בין אָנגעקומען אויפן לופטפעלד, ביז צום מאָמענט ווען איך בין אָפּגעפאָרן, איז שמערקע געווען מיט מיר. ער האָט מיר, מיט וווּנדערלעכער אויסגערעכנט־קייט, אַראַנזשירט מיינע טעג און נעכט, זיי פּראָגראַמאַטיזירט, מיר איבער־געלאָזט פונקט אַזוי פיל פּריוואַטקייט, וויפל אַ מענטש דאַרף האָבן אין אַ פרעמדער שטאָט, און מיר צוגעשטעלט ממש שעהנווייז, אַזוי פיל לעבעדיקע, חברישע פאַראינטערעסירטקייט, וויפל אַ מענטש מעג האָבן אין דער פרעמד. דערביי האָט ער נאָך באַדאַרפט אויף מיר טראָגן אַ שטיקל פאַרדראָס פאַר מיינע קאַלטע וואָג־און־מאָס ווערטער, וועגן זיינע געזאַמלטע „לידער פון די לאַגערן". איך האָב דעמאָלט זיך געשראָקן פאַר דעם אָנפאַל פון צופיל פאָלקסטימלעכקייט. כ׳האָב מורא געהאַט אַז מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט אַרויסראַטעווען פון דער קינסטלערישער פרימיטיוויטעט, וואָס אונדזער תקופה האָט אויף אונדז אָנגעשיקט.

אָבער אין שמערקען איז נישט געווען צו באַמערקן קיין סימן פון פאַר־איבל. ער האָט עס מיר קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן, נישט מיין ניו־יאָרקישע פרעמדקייט, ווען ער איז געווען ביי אונדז צו־גאַסט, און נישט מיין קריטיק.

סיידן מען זאָל זאָגן, אַז זיין וווּנדערלעכע וואַרעמקייט, וואָס ער האָט מיר געשאָנקען דורך די טעג און נעכט אין פּאַריז, וואָס ער האָט בפירוש דירי־גירט פאַר מיר ווי אַ געניטער כאָר־מייסטער — אַז אין אָט דער איבערגעבנ־קייט און גאַסטפריינטלעכקייט איז געלעגן דער פאָרוואורף צו מיר, דאָס קווי־טירן זיך מיט מיר פאַר מיין קילקייט.

ער איז געווען האַרט און אומקאָמפּראָמיסלעך, בלויז אין זיין קאַמף קעגן קאָמוניזם. ער האָט דערמיט אַביסל תשובה געטאָן פאַר אייגענער יוגנט־לעכער פאַרבלאָנדזשעטקייט. שמערקע האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין קיין זייטיקער. אים האָט דערפאַר פאַרדראָסן אויף דעם יוגנטלעכן ברען, וואָס ער האָט אָוועקגעגעבן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, דורך עטלעכע יונגע יאָר. ער האָט עס געוואָלט צוריקכאַפּן, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין. ווען ער האָט געזען ווי דער קאָמוניזם האָט פאַרטיליקט דאָס יידישע לעבן, צונישט געמאַכט די אַלע שיינע האָפענונגען, וואָס מען האָט פאַר די יידישע יונגעלייט געשפּרייט ווי נעצן, האָט ער אויסגעשריגן פון טיפסטן וויייטיק. ער האָט געהאַלטן אין איין וועקן און רופן, אַז מען טוט נאָך אַלץ נישט גענוג, מען שרייט נאָך נישט גענוג. אַפילו נאָך דעם, ווי מען האָט שוין דאָ ביי אונדז געהאַט געשריבן הונדערטער הייסע פּראָטעסט־אַרטיקלען וועגן דער ליקווידאַציע פון די סאָוועטישע יידישע שרייבערס, האָט ער פאַרעפנט־לעכט אַ לאַנגן אויפרוף און געפרעגט, פאַרוואָס ניו יאָרקער יידישע שרייבערס שווייגן. ער האָט מסתמא געלייענט די אַלע אַרטיקלען פון חברים, אָבער ער האָט אַלץ געוואָלט מער און נאָך מער, ווייל ער האָט געוואָלט אָנשרייען אויף זיך אַליין און זיך האַלטן אין איין מוסרן, הלמאַי ער האָט זיך אַמאָל געלאָזט פאַרפירן פון די ערגסטע פאַרפירערס און באַגרעבערס פון יידישן לעבן.

אָבער אַ חוץ דער דאָזיקער פּאָליטישער מיסיע, וואָס ער האָט פאַר זיך באַשטימט, ווייל ס׳איז געווען מער אַ תשובה וואָס ער האָט זיך אַליין אַרויס־געגעבן, איז זיין גרויסע פּאַסיע אין לעבן געווען — טיפע, ערלעכע און וואַ־רעמע חברשאַפט. ווען ער איז אַוועק פון אונדז, האָבן מיר ערשט דערשפּירט דעם שאַרפן שניט פון דער אַוועקגעפלויגענער, סימבאָלישער יוגנטלעכקייט — אַוועקגעפלויגן ווי אַ גאָלדענע פּאַווע, פון אַ באַנייט פאָלקס־ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זינגען מיט יונג־ווילנע, אַרויס ריין פון אַלע מדורי גיהנום, פון אַלע נע־ונדס, און געקראַכט ערגעץ, אין די בערג נאָך מיט עטלעכע און צוואַנציק מענטשן, צווישן דער וויין־שטאָט מענדאָזאַ און דער נייער היים זיינער, אין אַרגענטינע, וווּ ס׳איז אים באַשערט געווען צו לעבן בלויז עט־לעכע יאָר.

.1954

פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער

אַ בוך זעטיקט. דאָס קען מען זאָגן מיט אַ פול מויל וועגן „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" — דאָס לעצטע ווערק וואָס י. י. זינגער האָט אָנגע־שריבן און וואָס איז דאָס טרויעריקסטע בוך פון אַלע זיינע ביכער, ווייל עס איז פאַרבונדן מיט דעם פּריצייטיקן טויט פון אַ גרויסן ייִדישן שרייבער. דאָס ווערק, דערציילט אונדז דער אַריינפיר פון פאַרלאַג „מתנות", וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן, איז געווען אויסגערעכנט אויף אַרום פופצן הונדערט זייטן. מיר שטעלן זיך פאָר אַז י. י. זינגער האָט זיך פאַרנומען זייער ברייט (און ער האָט געקענט שרייבן אין דער ברייט). ער האָט געוואָלט שטעלן אַ גרויסע מצבה נאָך אַ לעבן וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך רעכט אַריינצושניידן אין זיין רייכן מאַטעריאַל, איז ער פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן אין רעכטן מיט פון זיין אַרבעט. לויט דער צאָל זייטן פון זיין אָנגעצייכנט ווערק האָט י. י. זינגער באַוויזן בלויז אָנצו־שרייבן אַ זעקסטל פון זיינע זכרונות. י. י. זינגער איז געשטאָרבן דעם צענטן פעברואַר 1944, אַ יאָר מיט דריי חדשים איידער דער אויסראָטער און אומ־ברענגער פון דעם לעבן, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען צו שילדערן, האָט גע־קראָגן אַ מפּלה. וואָלט ער כאָטש דערלעבט דעם טאָג פון זיג, וואָלט עס פאַר אים, דעם טרויעריקן פאַרצייכענער פון דעם אומגעבראַכטן לעבן, געווען אַ קנאַפּע טרייסט, ווייל ער האָט געוווּסט אַז זיין וועלט וועט שוין סיי ווי נישט אויפגעריכט ווערן. די ייִדישע ליטעראַטור וואָלט אָבער זיכער רייכער געוואָרן, ווייל י. י. זינגער איז געווען אַ דיסציפּלינירטער און טאָג־טעגלעכער שרייבער און ער וואָלט אפשר באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס גאַנצע ווערק. דאָס איבערגעריסענע ווערק, וואָס לייענט זיך פונדעסטוועגן ווי אַ באַזונדערע אַרבעט, איז טרויעריק דערמיט וואָס ס'איז פאַראַן אין דעם דער בלאָנדזשענ־דיקער מאָטיוו פון נישט קענען אַריינקומען אין אייגענעם פאַרטראַכטן לאַנד. דווקא אין אַזאַ ווערק איז פאַראַן אַ דערלייזערישער מאָטיוו, עפּעס וואָס האָט באַפרייט י. י. זינגערן פון קינסטלערישער פאַריאָכונג און וואָס האָט געגעבן אָפּרו צו אַן אימפּעטיקן שרייבער, וואָס אַפילו אין זיינע שענסטע אַרבעטן האָט ער געמוזט האָבן דאָס געפיל, אַז ער מיט זיך פאַר אַנדערע, אַז ער היט די ווייגערטנער פון פרעמדע. פאַר י. י. זינגערן איז זיין „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" געווען אַ שעת הכושר פאַר אַ קינסטלערישן סך־הכל —

און אַזוי ווי אַן אמתער קינסטלער קען קיינמאָל נישט רוען, וואָלט עס אוודאי געוויזן דעם וועג צו גרעסערע מעגלעכקייטן.

י. י. זינגער האָט אַמאָל געשריבן אַז ליטעראַטור איז אונטערהאַלטונג. ער איז געווען אַ ניכטערער מענטש און אים זענען געווען פרעמד די קינסט־לער־אַנשטעלן. וואָס העכער ער האָט געקלעטערט אַלץ מער האָט ער מורא געהאַט, אַז ער וועט פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט צווישן פשוטן מענטש און קינסטלער און ער האָט מיט זיך כסדר געקנעלט, אַז מ׳טאָר נישט מגזם זיין די ראָלע פון ליטעראַטור אין לעבן.

דערפאַר איז ער אין זיין שרייבן דיקטירט געוואָרן פון אַ דערציילערישן אימפעט, וואָס האָט אָפט פאַרשמעלערט די אידייע. אין זיין הקדמה צום ווערק זאָגט אונדז אהרן צייטלין, אַז י. י. זינגער האָט באַוווסטזיניק איבער־געריסן אַפילו מיט זיין דערציילונג — „פערל״, וואָס ער האָט געוואָלט אי־בערשרייבן און „זי מאַכן סטיליסטיש איינפאַכער״. זיין אידעאַל, דערציילט אונדז צייטלין, איז געווען — קלאָרקייט.

ווען אַ נאָוועליסט ווערט אַזוי באַרימט ווי י. י. זינגער איז געוואָרן און ווען זיינע אין־צייטונג־געדרוקטע ראָמאַנען, ווערן אַזאַ פּאָפּולערער דער־פאָלג ווי י. י. זינגערס ראָמאַנען זענען געווען, איז שווער צו וויסן וועמענס אידעאַל די קלאָרקייט איז געווען. ס׳קען אַמאָל זיין אַז דאָס איז געווען מער נויטווענדיקייט ווי אידעאַל. מ׳דאַרף האָבן אַ סך מוט צו רעוואָלטירן קעגן אייגענעם לייענער, קעגן אייגענעם דערפאָלג און קעגן דעם סטאַטוס־קוואָ פון אייגענע גוט־איינגעשטעלטע און איינגעפאָרענע פעיִקייטן. ס׳איז שווער צו וויסן, אויב די קלאָרקייט איז נישט אַ גיין אין שפּאַן ביים אייגענעם טאַ־לאַנט, אַ מין נישט וועלן דערצערנען, אָדער אויפטרייסלען פריינט, וואָס מ׳האָט זיך דערוואָרבן אין די צענדליקער טויזנטער.

דער ניוואָ פון דעם געוויינלעכן ראָמאַן אין דער יידישער צייטונג איז אַזעלכער, וואָס מ׳דאַרף באמת דאַנקען, וואָס די צייטונג האָט דאָך באַוויזן אויסצוהאָדעווען אַן אַש, אַ בערגעלסאָן, אַ י. י. זינגער, אַן אָפּאַטאָשו און אַ באַשעוויס. ווי אַזוי די קינסטלער האָבן באַוויזן צו קומען צו דער צייטונג, ווי אַזוי זיי האָבן געקראָגן די דערלויבעניש און מעגלעכקייט צו הייבן דעם ניוואָ פון דער צייטונג־צעקייטער בעלעטריסטיק, איז באמת אַ יידישער נס. מען דאַרף אָבער די באַזונדערע קינסטלער לויבן פאַר דעם גראַד רעוואָלט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן, זוכנדיק צוצוגעוווינען דעם לייענער צו זיך און נישט זיך צום לייענער.

ס׳האָט גענומען אַ סך לענגער פאַר דעם יידישן לייענער זיך צוצוגע־וווינען צו בערגעלסאָנען, ווי ס׳האָט אים גענומען ליב צו קריגן י. י. זינגערן. צווישן דעם טאָג־טעגלעכן לייענער און זינגערן האָט זיך גלייך פאַרקניפּט אַ

הייסע פריינטשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן פּאַקטיש ביז י. י. זינגערס לעצטן אָטעם־צוג.

זינגער האָט דעם לייענער געבראַכט עכטע, גרויסע מעלות פון אַן אויס־געצייכנטן דערציילער און פאַרביקן שילדערער. ער איז געווען אַלץ וואָס דער לייענער האָט געוואָלט — נאָר הונדערט מאָל בעסער. אָט די בעסערקייט האָט בלויז אויפגעעפנט די אויגן, אָבער נישט געשטערט די הנאה פון דעם פּשוטסטן לייענער. פון זיין זייט אָבער האָט י. י. זינגער קיינמאָל נישט געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פעלשן אין זיין לייענער, וואָס זאָל אים אַרויסברענגען פון די כלים. ער האָט אים נישט „געדרייט קיין היטל" מיט עקספּערי־מענטן. ער האָט מער געאַרבעט פאַר דעם לייענער, ווי פאַר דער ליטעראַטור.

צופעליק האָט ער פאַרמאָגט אַזעלכע איבערצייגנדיקע מעלות, אַז די ליטעראַטור האָט נישט קיין סך פאַרלוירן פון זיין שטרענגער גראַדליניקייט און פון שטרעבונג נאָך דעם וואָס ציטלין רופט אָן — קלאָרקייט.

אין די יאָרן פון חורבן איז אין זינגערן רייף געוואָרן דער געדאַנק פון אַ ווערק, וואָס שטאָט אונטערהאַלטונג זאָל דער ערשטער באַדינג פאַר דעם ווערק זיין — העכערע נוצלעכקייט. דער מחבר, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ וועלט־רעפּוטאַציע, האָט ערב זיין ערשטן האַלבן יאָרהונדערט געגומען אַרונטערוואַרפן פון זיך די עולן פון אַ פאַרקנופּטער און געקייטלטער דער־ציילונג. ער האָט געגומען זיין עפּטער מיט זיך אַליין. דאָס זענען די טעג ווען ער האָט געטראַכט וועגן יידישן קיום און ער האָט אַפילו געגרייט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. זענען דאָס געווען די טעג ווען ער איז צוריקגעגאַנ־גען צו אייגענע דערמאָנונגען, וואָס האָבן אים כמעט געגעבן אַ קינסטלערישע וואַקאַציע, ווייל זיי האָבן אים באַפרייט פון די „מאַניפּאָרגעס" פון אויס־טראַכטן, פון צוטראַכטן, פון זיין שטענדיק פּנים אל פּנים מיט אַ גרויסער לעזערשער אוידיטאָריע.

דאָס איז געווען אַן איבערברוך אין זיין לעבן, אַ סיעסטאַ. דער מייס־טער־אַרכיטעקט האָט דערפילט אַז ער נייטיקט זיך אין אַ שטיקל אָפּשטעל, אַ ווערק וואָס זאָל אים צוריקברענגען צו זיך אַליין און צום שורש, כדי ער זאָל קענען גיין ווייטער.

ביי מיר איז קיין ספק נישט, אַז ווען י. י. זינגער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געוואָרן אַ סך אַ טיפערער קינסטלער, ווי ער איז געווען. זיינע אויטאָ־ביאָגראַפישע קאַפּיטלען וואָס האָבן זיך געדרוקט אין המשכים אין „פאָר־ווערטס", אונטערן נאָמען „אמתע פאַסירונגען" און וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך זיין טויט אין בוך־פאָרעם, אונטער י. י. זינגערס אייגענעם נאָ־מען — „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" פאַרמאָגן אַלע מעלות פון דעם ברייטן שרייבער און זיי פאַרמאָגן נאָך צוגאָב מעלות וואָס ווייזן, אַז י. י.

זינגער האָט, אויפן וועג פון גרעסערע דערגרייכונגען, אָפּגעטראָטן ביי זיך אַליין און זיך פאַרהאַלטן אַביסל לענגער, כדי זיך אָנצונעמען מיט כוחות.

דער גרויס־שרייבער און אונטערהאַלטער, אין בעסערן זין, האָט זיך שוין לאַנג נישט פאַרגונען אַזאַ אָפּרו. ער האָט דערפילט אַז ער נייטיקט זיך אין דעם און אַז די יידישע ליטעראַטור נייטיקט זיך אין אַזאַ ווערק. ער האָט בפירוש ביי זיין גאַנצער עניוות באַשלאָסן צו דינען דער יידישער ליטע־ראַטור.

פון יענעם טאָג אָן ווען י. י. זינגער האָט אין אַ מאָמענט פון פאַרביטע־רונג אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק פון דער יידישער ליטעראַ־טור, איז ער נאָך אַזוי נישט צוריקגעקומען צו איר, האָט זיך אַזוי צערטלעך נישט איבערגעבעטן מיט איר, ווי מיט זיין בוך זכרונות, וואָס וועט אפשר פאַרבלייבן לענגער אין אונדזער ליטעראַטור, ווי אַנדערע ביכער זיינע.

אין זיינע אַנדערע ווערק האָט זיך דער יונגער קינסטלער נאָך אַלץ „נוקם״ געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געוויזן אַז ער נעמט איין די וועלט. ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע ספּעציעלע יידיש־קינסטלערישע התחייבותן. ער האָט אונדז בלויז פאַרגונען אין זיינע ווערק די הנאהס, וואָס זענען אונדז צוגעפאַלן אָדער אַרונטערגעפאַלן פון זיינע ברייט־פאַרנעמיקע און גרויס־פאַרטראַכטע אַרבעטן. דער מחבר פון „פּערל״ איז פון אונדז אַוועק און ער האָט זיך קנאַפּ אָנגעקערט מיט יידישע קינסטלערישע פּראָבלעמען. מיר האָבן אין זיינע ווערק באַוווּנדערט דעם דערציילער און דעם אויפבויער, אָבער מיר האָבן געהאַט ווייניקער באַוווּנדערונג פאַר דעם יידישן קינסטלער אין אים, וואָס האָט שוין געשריבן זיינע ראָמאַנען אין אַן א י ב ע ר ז ע צ־ל ע כ ן יידיש — כ׳מיין אַ יידיש וואָס גיט גלייך נישט קיין שוועריקייטן דעם איבערזעצער. ס׳איז ווי מ׳וואָלט געשריבן אַ ראָמאַן, וואָס מ׳קען צו אים צולייגן אויער־טרייבלעך און הערן גלייך אין אַלע שפּראַכן. י. י. זינגער האָט זיך ווייניק וואָס מטפּל געווען מיט יידיש און יידיש שרייבן און מיט יידיש־קינסטלערישע פּראָבלעמען פון שרייבן. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט דעם גרויסן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט באַאַרבעט. און אויף אַזוי פיל איז ער אַוועק פון אונדז און האָט זיך נאָך אַלץ געברוגזט אויף דער יידישער ליטעראַטור, אַפילו אין זיין „יאָשע קאַלב״, וואָס איז כמעט יידיש פאָלקלאָ־ריסטיש, האָט ביי אים מער געשפּילט אַ ראָלע די פאַרשפּיצטע מעשה און דאָס קינסטלערישע נאָכמאַכן די העלדן, ווי דאָס אַריינלעבן זיך אין יידישן אינהאַלט.

ער האָט געשריבן פאַר דער וועלט מיט דעם געדאַנק, אַז מיר וועלן שוין אונטערקומען. און אוודאי זענען מיר געקומען — אַ ברירה האָבן מיר געהאַט!

אַזעלכע געבוירענע דערציילער האָבן מיר זייער ווייניק און מיר האָבן ביי אים צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט אונדז געהאַט צו געבן, פּילנדיק בעת מעשה אַז ס׳זענען פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס ער פאַרגינט אונדז נישט און וואָס ער דערגיט אונדז נישט. דער מחבר פון „פּערל״ האָט געקוקט קרום אויף דער קריטיק, וואָס געדענקט אים גאָר, ווי דעם קינסטלער וואָס האָט געעפנט אַ שיין און ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם טרויעריקן (אָדער קאָמישן!) אינצידענט פון זיין אַנט־לויפן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז דער אומגערעכטער צד געווען ער־געצווו גערעכט, ווייל ער האָט געזוכט צו שאַנעווען דעם מחבר פון „פּערל״ און אים טייער האַלטן.

ערשט מיט די מעמואַרן זיינע איז י. י. זינגער נישט נאָר צוריקגעקומען צו זיך נאָר אויך צו דער ייִדישער ליטעראַטור און אינגאַנצן אויפגעגעבן זיין ברוגז. סיי נאַציאָנאַל און סיי פּערזענלעך האָט ער געהאַט אַ סך גערעכטע אורזאַכן זיך צו אַנטוישן אין דער וועלט. מיט אַלע זיינע וועלט־איינגעמערישע חלומות, איז ער אַלץ געבליבן (ביי דער וועלט) דער מחבר פון איין בוך — „ברידער אשכנזי״. דאָס זענען מיר אים נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט און מיר האָבן געציילט די פיינע פּראָדוקטיוויטעט זיינע, געזאַמלט זיינע ווערק און זיך געגרויסט מיט זיינע דערפאָלגן. מיר האָבן אין אים געזוכט דעם פונק ליבע, וואָס ער איז אונדז שולדיק געווען און וואָס ער האָט אונדז געקאַרגט.

דאָס בוך „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער״ איז, ווי געזאָגט, אַ זעטיק בוך. מ׳דאַרף נישט איבערלייענען דאָס גאַנצע בוך מיטאַמאָל און ס׳טרייבט נישט אונטער דער אימפּעט פון דעם דערציילער, נאָר מ׳קען לייע־נען באַזונדערע קאַפּיטלען, וואָס האָבן די מעלה, אַז מ׳קען זיי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערלייענען. דאָס איז אַן אייגנשאַפט, וואָס איז ביי זינגערן גע־וואָרן אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע זעלטנקייט. כ׳גלייב נישט צי ער האָט דאָס טיף־פּערזענלעכע ווערק געזען לכתחילה ווי אַ וועלט־ווערק. ער האָט עס געשריבן שטיל און וואַרעם און פון אינעווייניק. ער איז מיט דעם ווערק געקומען צוריק אַהיים זיך אָפּרוען און זען, וואָס פאַר אַ צידה לדרך מ׳קען פון דער היים מיטנעמען אויף ווייטער.

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס ס׳איז אונטערגעגאַנגען אַ גרויסער שריי־בער אינמיטן אַ ווערק, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן און אים געגעבן אַ געלעגנ־הייט צו טראַכטן וועגן זיין צוקונפט.

„אַ סך לעבנס האָט געלעבט ישראל־יהושע זינגער אין די קורצע פופציק יאָר פון זיין ערדישער עקזיסטענץ״.

מיט די ווערטער הייבט ציייטלין אָן זיין הקדמה און ער איז גערעכט.

דאָס מעמואַרן־בוך איז געווען אַ ניי און באַזונדער לעבן, אויפן וועג צו נאָך אַ גייער און רייכער קינסטלערישקייט, וואָס איז אים נישט באַשערט געווען.

ס׳איז מערקווירדיק וואָס י. י. זינגער האָט מיט דעם פּערזענלעכן ווערק זיינעם אַביסל אָנגעווירן זיין געוויינלעכן לייענער, וואָס האָט געלעקט די פינגער פון זיינע ראָמאַנען. זיין אוידיטאָריע איז מיט די „אמתע פּאַסירונ־גען״ געוואָרן אַביסל איינגעשרומפּענער. די בעסערע לייענער האָבן אין דעם ווערק גלייך אויפגענומען דעם וואַרעמען טאָן פון אַ צוריקקומען צום ייִדישן לעבן און צו דער וואַרעמקייט פון ייִדישן לשון.

ס׳איז קלאָר, אַז אין דעם בוך איז י. י. זינגער געווען שטרענגער צו זיינע באַזונדערע זאַצן. ער האָט געזוכט דאָס נייטיקע וואָרט און ער איז אַרייגעצויגן געוואָרן אין דער ענגער און געבענטשטער ייִדישער שפּעריש־קייט, וואָס וועט אַמאָל פון איר טיפער און תוכיקער אינערלעכקייט אַרויס־געבן דעם גרויסן ייִדישן קינסטלער.

„גראָבער קאָפּ, כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז איצט לערנסטו שוין מער נישט קיין ׳טראַף׳, נאָר עברי און דו דאַרפסט די ׳שוא׳ נישט אַרויסריידן, האָט ער געגוואַלדעוועט״.

מיט אַזעלכע זאַצן קען מען אין דער וועלט נישט צו וויט אַוועקגיין און י. י. זינגער האָט געשריבן דאָס ווערק זיינס מיט אַ סך געדולד, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך לענגער אָפּרוען פון זיינע „אונטערהאַלטערישע״ מעשיות, וואָס מ׳דאַרף די אונטערהאַלטונג צוטראַכטן און זי סדרן קאַפּיטלעכווייז.

די פּראָבלעמען פון די יחידים, וואָס ראַנגלען זיך אין זיינע ווערק זענען נישט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי די שטעטלעך לענטשין און בילגאָריי, מיט זייערע ייִדן, וואָס י. י. זינגער האָט פאַר אונדז אויפגעלעבט. און הינטער דעם אַלעמען שטייט אַ צעווילדעוועט בחורל, אַ קוועקזילבער, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרחושכן די יאָרן און וואָס האָט הנאה פון אַלץ וואָס לעבט, זינגט און שטיפט.

די נסיעה, דאָס ערשטע מאָל אויף דער באַן קיין בילגאָריי, מיט דעם צולאָג פון האָצקען זיך אויף דער בויד, מיט דעם דורכפאָרן די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, וואָס יעדער שטעטל האָט אַ צונאָמען, איז אַליין אַ מייסטער־ווערק; און מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז צו שרייבן אַזעלכע קאַפּיטלען דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען, ווייל אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען זיי נישט קיין זעלטנקייט. י. י. זינגער האָט אָבער קיין מורא נישט געהאַט צו שווימען, ווייל ער האָט געוווסט אַז מען וועט באַוווּנדערן ווי ער לייגט קלאָפּטער.

זיינע טאַטע־מאַמע — וואָס דער טאַטע איז צאַרט און אַביסל מאַמע־

מעסיק און די מאַמע איז אַ מלומדת און ניכטער ווי אַ טאַטע — די ויידע־באָבע, די מלמדים, די ייִדענעס, האָבן די מעלה וואָס זיי זעען זיך אַרויס פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, ווי זיי וואָלטן געווען ספּעציעלע ייִדן — לענטשיצער, אָדער בילגאָרייער, פון דער באַזונדערער לובלינער גובערניע, ווי באַזונדער עס זענען געווען די געשמאַקע פלעצלעך, וואָס מען האָט געבאַקן אין יענער געגנט.

ס'בוך ענדיקט זיך מיט אַ גרויסער אַנטוישונג, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע אויסרעכענונגען איז משיח אַלץ נישט געקומען אין תרס"ו. דאָס גאַנצע בוך — „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" איז אַ טרויעריק בוך, וואָס איז געמישט (נישט אַלעמאָל צו גוט) מיט י. י. זינגערס שטיפערישקייט. אויב ס'פעלט עפּעס אין דעם בוך איז עס, וואָס ס'דאָמינירט אין דעם צופיל דער מאַמעס ניכטערקייט און נישט דעם טאַטנס צוגעלאָזענע צערטלעכקייט.

אָבער ווער ווייסט וואָס די אַנדערע 1200 זייטן וואָלטן אונדז געגעבן, ווען י. י. זינגער וואָלט זיך מער אַנגעוואָרעמט און מער איינגעהיימישט? עס קען זיין אַז דאָס בוך, ווי אַ גאַנצער בנין, וואָלט געווען גייסטרייכער און פאַר־טיפטער און וואָלט אים געגעבן יענע אמתע, קינסטלערישע ליבע צו ייִדישע מענטשן, וואָס האָט אים געפעלט אין זיינע פריִערדיקע ווערק. מיט דעם בוך — „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" איז י. י. זינגער צוגעטראָטן נענטער צום ייִדישן לעבן. מיט זיינע ווייטערדיקע ווערק וואָלט ער זיכער געגאַנגען טיפער.

דערפאַר איז „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" נישט נאָר טרויעריק ווי אַ מצבה, נאָר אויך טראַגיש מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער איבערגעריסנ־קייט, מיט דעם וואָס דער טויט האָט זיך אַריינגעמישט, ווען אַ קינסטלער האָט זיך גענומען אָפּגעבן דין וחשבון און געוואָלט עפּעס מתקן זיין.

.1947

משה בראָדערזאָן

מיט דריי יאָר צוריק האָב איך, אין אַן אַרטיקל אין „קעמפער“, אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז ווען מען האָט אויסגערעכנט די נעמען פֿון די פֿאַרשוואונדענע יידישע שרייבערס אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, האָט מען זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט אָן משה בראָדערזאָנען. מען האָט געוווּסט אַז ער איז צווישן די פֿאַרשטומטע, אָבער מען האָט אים נישט צוגערעכנט צו דער אַלגעמיינער אבידה, אפֿשר דערפֿאַר ווייל ער איז גיכער געווען אַ „געראַטעוועטער“ יידישער שרייבער פֿון פּוילן, און זיין פֿאַרטונקלונג איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַלגעמיינער ליקווידאַציע און טאַטאַלן אומברענג פֿון יידישן וואָרט אין סאָוועטרוסלאַנד. אָבער וואָס די סיבה איז נישט געווען, איז גראָד אים, בראָדערזאָנען, באַשערט געווען צו ווערן דער סימבאָל פֿון דעם מיטגוואַלט־אָפּגעמעקטן יידישן שרייבער, און דווקא דערפֿאַר, ווייל ער איז אַ קורצע צייט געווען דאָס לעבעדיקע געפֿינס, אַ פּליט פֿון גיהנום, ווען ער האָט דערשלעפּט זיין רעשטל לעבן, צוריק אַהיים ווו זיין שטערן האָט אַמאָל געלויכטן.

ווען די קאָמוניסטישע יידישע סאַטעליטן־פּרעסע, הינטער און מחוץ דעם עטוואָס געעפֿנטן פֿאַרהאַנג, וואָלט טאַקע געווען אויפֿריכטיק מיט די מאָנונגען און קלאָגענישן, וואָלט זי בראָדערזאָנען באַוויינט אפֿשר מער פֿון פֿעפֿערן. דורך אים האָבן זיי דאָך געקענט מספּיד זיין די גאַנצע סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור, דווקא דערפֿאַר ווייל ער איז דאָך אַנטרונען געוואָרן, כדי אָוועקצופֿאַלן בפֿרהסיא. די לעצטע פֿונקען לעבן האָט ער דאָך געבראַכט אַהיים, צו זיך קיין פּוילן, אַז זיין טויט זאָל דראַמאַטיזירן די אכזריותדיקע מאַסן־אומברענגונג. אָבער מען האָט אים באַוויינט, ווי זיין טויט וואָלט געווען דער נאַטירלעכסטער סוף כל אדם. בראָדערזאָנס אומצעניזורירטער טויט, צווישן אייגענע, וואָס איז געווען גרויס און גורלדיק טרויער־שפּיל, פֿון אַ שוין־לאַנג געשטאָרבענעם, האָבן די „אייגענע“ אָפּגעפּטרט ווי זיינע עטלעכע באַשערטע לעבעדיקע טעג וואָלטן געווען אַ קורצע וואַקאַציע, ערב קומען צו קבר־אבות.

בראָדערזאָן האָט אויפֿגעשיינט אין דער קורצער פּעריאָדע פֿון יידישן קינסטלערישן וואָרט אין פּוילן, ווען מען האָט זיך געקענט פֿאַרגינען אַביסל פֿינקלענדיקן און דעקאָראַטיוון לייכטזין; און מען האָט נישט מורא געהאַט אַז דער שונא לויערט שוין אויף דעם ביסל פֿרייד און וויל עס פֿאַרצוקן. ווען

בראַדערזאָן איז געקומען זיך אַ שפּיל טאָן מיטן יידישן פּערז, ווען ער האָט עס צעלויכטן אין בוך און אויף דער קליין־בינע, האָט דאָס יונגע יידישע פּוילן אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט געקיניגט אַ פערטל יאָרהונ־דערט. אָבער בראַדערזאָנס שטערן האָט הויך געלויכטן פופצן יאָר, ווען ער האָט אין לאָדזש רעוואָלטירט קעגן דער אָנגעשטרענגטער פּראָבלעמאַטיק פון וואַרשע. ווען מען האָט געפּייערט דעם 25סטן יובל פון זיין שאַפן און פון זיין מאַגיש־טעאַטראַלישער פּערזענלעכקייט, האָט שוין דאָס יידישע פּוילן געהאַלטן ביי נעילה, און ער אַליין האָט שוין געשריבן אַזעלכע פּאָרויסזאָגנ־דיקע שורות:

איך הער געגנוי און בולט איצט דאָס ציילן פון די רגעס,
דאָס קלאַפּן, דאָס מעכאַנישע, דאָס אָפּגעמאָסטענע אָן זין —
איך ווייס עס נישט אויף קלאָר, נאָר כ׳פיל אויף מיינע טעג איז
אַוועקגעשטעלט אויף לויער — אַ טייוולשע מאַשין.
איך זע עס נישט, אויף וועלכער שעה ס׳איז אָנגעשטעלט דער זייגער,
נאָר כ׳אָן, אַז אָנגעלאָדנט די מאַשין עס איז מיט גרויל,
אַזאַ איז פון טאָג־טעגלעכקייט דער גאַנג און שטייגער.
וואָס לאָזט קיין פּאַרע נישט פּאַר שרעק אַרויס פון מויל!

און ס׳איז קיין וווּנדער נישט וואָס ער האָט געשריבן אַז „אָנגעלאָדנט די מאַשין איז", ס׳איז שוין געווען 1939, אָט־אָט און ס׳האָט אָנגעהויבן גע־שען. אמת, בראַדערזאָן האָט פון געוווינהייט נאָך אַלץ שפּילעוודיק געגראַמט „רגעס" און „טעג איז", אָבער ס׳איז געווען דאָס שוואַנען־ליד, וואָס האָט, ווי דער דיכטער זאָגט אין דער זעלביקער פּאָעמע, זיך שוין געטרונקען אין שוויינען־ליד פון דער וועלט.

ס׳ליגט איצטער פאַר מיר דאָס פּראַכט־בוך, וואָס אַ גרופּע פריינט, „ביי דער מיטהילף פון פּען־קלוב אין וואַרשע" האָט אַרויסגעגעבן, לכבוד בראַ־דערזאָנס 25 יאָריקן יובל. דאָס בוך הייסט מיטן אות „י" (יוד). אַ גרויסע רויטע יוד באַצירט דעם שער־בלאַט, וואָס עפנט פופציק געזאַנגען פון אַ לאַנגער פּאָעמע. יעדער געזאַנג־קאַפּיטל באַשטייט פון זעכצן שורות. די ערשטע אַכט שורות קינדיקן שוין אָן דעם חורבן, און פירן דעם וואָגלענדיקן „יוד", צווישן די חורבות פון דער וועלט.

דער נאָמען מיינער איז אָן אות אַ צייכן,
דער שטילסטער פון די אַלע אותות און די מופתים גרויס און קליין —
איך בין אַן אות, אַ צייכן פון דעם העכסטן, טיפסטן גרייכן,
און פון נישט קאָנען בלייבן אויף אַן אומוועג שטיין.
און אויף דעם אומוועג — אויפגעריסן זענען אַלע בריקן:

יעקב גלאַטשטיין

אויפגעשווידערט — פאַרנט, אויפגעציטערט — הינטער מיר —
טאָ זאָל דאָס וואָגלען אייביקע באמת זיין מיין תיקון,
בעת די שפורן אייגענע אין וואַנדער איך פאַרליר?

נישט אַלע שורות פון דער 800 שורותדיקער פּאָעמע זענען אַזוי קריש־טאָל־ריין און קלאָר. די פּאָעמע האָט אפשר געהאָלפן אָנסטראָיען די קלאָג־פידל פון דעם גרויסן מקונן ז. סעגאַלאָוויטש. ס׳איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אַז סעגאַלאָוויטש האָט די פּאָעמע געלייענט און זי האָט אים מסתמא געהאָלפן וווייטער קלאַפּן אין די פאַרשלאָסענע טויערן פון רחמים, מיט אַ סך מער גבורה ווי בראָדערזאָן האָט עס געטאָן. מען דאַרף אָבער נישט פאַר־געסן, אַז בראָדערזאָן האָט נאָך געשריבן זיין פּאָעמע אין לאָדזש. זיין בוך איז געדרוקט געוואָרן אין לאָדזש, און די פּאָטאָ־מאָנטאַזשן פון נאַצישע פּלאַקאַטן און ליכטיקע יידישע פּנימער זענען נאָך אַלץ, ווי זיינע גראַמען, לעבעדיקע קינסטלערישע באַצירונגען

די זיגן און די בלוט־פאַרגיסונגען דיין לעבן מאַכן ראָז דיר,
דו ציסט נצחונות, ווי די פּאַטשערקעס אויף די געשיכטע־שנור;
און מיר — פאַר מיר יאָרטויזנטער — אַ פינצטערער אַ לאַנגער פּרוזדור,
און ווינט און זאַמד, און ווי און ווינד צו מיר.

מיט דעם „ראָז דיר" און „פּרוזדור" שפּילט זיך נאָך דער בראָדערזאָן, וואָס באַקלאָגט דעם חורבן מיט דער פאַראַנונג, וואָס איז שוין פאַר סעגאַלאָ־וויטשן געווען סך־הכלדיקע פאַרוויסטונג און סוף פון אַלע סופן. אָבער די קאָנסטרוקציע פון דער אַמביציעזער פּאָעמע ווייזט אונדז בראָדערזאָנען, ביי די בעסטע דיכטערישע כוחות. הגם, ווי געזאָגט, די שורות זיינע ווערן אָפט פאַרקלעמט פון דער ווירטואָזיטעט, און ס׳איז אַמאָל שווער צו כאַפּן דעם מיין פון די ווערטער, איז אָבער די גאַנצע פּאָעמע אַ געזאַנג צום פאַרוואָגלטן יידישן פאָלק, צו זיין משיחישן וועג צווישן די „ז י נ ד י ק ע פ אַ ר ד אַ ר־ב ע ר א ו ן פ אַ ר ש ו ו ע כ ע ר" —

איך גיי און גיי, געלאָדנט און באַלעסטיקט איבער מיינע כוחות,
און הילכיק זענען מיינע טריט אין חושכן דעם קאָרידאָר.
אַריבער מיר — איך ווייס — אַן אומענדליכער הימל הויך איז,
מיט מיר עס גייען מיט די אַלע דורות — דור נאָך דור!

איבער אַזעלכע גראַמען ווי „כוחות" און „הויך איז" שפּינט זיך דער תוכן פון בראָדערזאָנס פּאָעמע „י", אַז דער „יוד" האָט אַ מיסיע אויף דער וועלט, אַז זיינע יסורים האָבן פאַרט אַ זין —

יאָ, ס'איז דער נאָמען: יוד״ אַזאַ־אַ־צייכן.
אַ מספּר צען, און צען מאָל גרעסער איז מיין צער:
איך בין אַן אות — אַ פֿאָלק, וואָס איז זיך מכין —
נאָך עונש אָפּקומען — צו לאָדענען אויף זיך דעם שכר דערפֿאַר.

אויף דעם ליידיקן בלעטל פֿון שער־בלאַט האָט בראָדערזאָן אָנגעשריבן: „ליבער י. גלאַטשטיין, ס'האָט אַ שייכות מיט אייער געטאָ־רוף — מ. בראָדערזאָן, 1939״. אויך ער האָט, ווייזט אויס: בוכשטעבלעך, געטייטשט מיין אויסגעשריי און אַלאַרם, און ער „ענטפֿערט״ מיר אויף דעם אין זיין פּאָעמע מיט די פֿיר שורות —

נישטאָ אויף דעם, אויף וואַנזין־כאָאָס קיין שום וועטאָ.
אַ זינד איז צו אַנטלויפֿן אין די ערי־מקלט.
און שוין דערפֿאַר איך וועל נישט לאָזן פֿאַרפֿירן זיך אין אַ געטאָ:
כ'האָב מוט צו וואַרטן — אינעם אייזערנעם געדולד געוויקלט.

אַזוי האָט געשריבן בראָדערזאָן, אין דער ערב־צייט, ווען אַלץ איז געווען, ווי ער האָט עס אַזוי טרעפֿלעך געצייכנט — „אויפֿגעשווידערט — פּאַרנט, אויפֿגעציטערט — הינטער מיר״. ער איז אַנטלאָפֿן מיט זיין אָפּוואַרטנדיקן געדולד, אין אַ לאַנד וווּ זיין געטאָ איז געוואָרן די גאַנצע גרויס און ברייט פֿון סיביר, אָבער מען האָט אים קיין בלייפֿעדער און קיין פּאַפּיר נישט געוואָלט געבן. אפֿשר האָט ער, אין זיין איינזאַמקייט, געוואָלט שרייבן אַ וויטערדיקן טייל פֿון זיין גענאַנג צום „יוד״; אַ נייעם, קלאָרן אַנטפּלעק, אַ רעזומע און יסורימדיקן נאָכטראַכט.

דער „יוד״ איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע. נאָך אַלץ אַ שטומער, איז ער אויף גיך באַגלייט געוואָרן צו זיין לעצטער רו, ווי מען וואָלט מורא געהאַט אַז ער וועט עפּענען דאָס מויל. זיינע „חברים״ האָבן געהאַלטן הספּדים און געשריבן נעקראָלאָגן און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל פֿאַרלייענען עטלעכע שורות פֿון בראָדערזאָנס יובל־ליד „יוד״ —

און צו דער זעלבער צייט — די חושים מיינע גרויל באַנעמען,
איך הער דעם יובלדיקן קוויטש פֿון שווינען־ליד...
פֿאַר וועמען זאָל דער קיילער און דער שווין זיך שעמען,
די יעניקע — מיט אומצוכט אין געוויסן און געמיט?!

.1956

אפרים קאַגאַנאָווסקי

ווען אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַ שעמעוודיקער בחור, פון אַ יאָר זיבעצן האָט אָנגעקלאַפּט אין פּרצס טיר און זיך געמעלדעט מיט זיין ערשטער דער־ציילונג, האָט ער גלייך געהאַט וואָס צו ברענגען, כדי צו געבן דעם מייסטער דעם נחת, אַז ער ווערט אַרומגערינגלט מיט יונגן טאַלאַנט און מיט אַ גרויסן צוזאָג אויף דער אייביקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס איז געווען אין 1909 און פון דעמאָלט אָן איז געשען דער טראַגיש־גראָטעסקער נס, אַז פּרצס קבר איז געבליבן גאַנץ, אינצווישן אָן אויסגע־הרגעט פאָלק און אַ נישט־איינגעשטילטער יללה. די אַלע וואָס האָבן זיך על פּי נס לעבעדיק געראַטעוועט, האָבן איינגעזען, אַז זיי, די יונגע, פריידיקע באַרג־אַרויף־קלעטערערס פון דער יידישער ליטעראַטור, זענען גאָר געווען די כראָניקערס פון אַ גרויס לעבן ערב־אונטערגאַנג. יעדער איינער פון די לעבע־דיקע יידישע קינסטלערס, פון דער פּרץ־עפּאָכע, און אַפילו שפּעטער פון דער פּרץ־טראַדיציע, אין פּוילן ווי אין ליטע, זענען געווען קינסטלערישע זאַמ־לערס און קריצערס, וואָס האָבן אין אַ גרויסן בין־השמשות, ערב און צווישן צוויי וועלט־מלחמות, פאַרשריבן שילדערנדיק, פאַרשריבן לדורות, ווי אַזוי דער ייד האָט געלעבט און גערעדט.

איינער פון די גרויסע פאַרשרייבערס איז געווען אפרים קאַגאַנאָווסקי, דער לעצטער פון פּרצס גאָלדענער קייט. ער איז אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 66 יאָר, און פון זיינע 49 יאָר אין דער יידישער ליטעראַטור זענען בלויז זיינע לעצטע צען יאָר אין פּאַריז — אמת־אָקאָרשטיקע יאָרן; און מיט זייער גאַנצער ביאָגראַפישער אומפאַרשטענדלעכקייט, דעם זיגזאַג וואָס קאַ־גאַנאָווסקי האָט דורכגעמאַכט, זענען זיי נענטער צו אונדז און לייגן זיך מער אויפן שכל ווי די ערשטע 39 יאָר זיינע, וואָס זעען אויס אַזוי ווייט און געשיכטלעך פאַרזיגלט.

די פּרץ־עפּאָכע, וואָס קאַגאַנאָווסקי האָט אַזוי לעבעדיק און קינסטלע־ריש פאַרצייכנט אין זיין בוך „יידישע שרייבער אין דער היים״, וואָס איז דערשינען אין 1949 אין לאָדזש, הגם דער מחבר האָט זיך שוין געהאַט באַ־זעצט אין פּאַריז, איז מוראדיק ווייט פון אונדז און אומפאַרשטענדלעך, מיט דעם סכום שעפערישקייט וואָס איז אַזוי אימפּעטיק אין איר אַריינגעקנאָטן געוואָרן. כמעט יעדער איינער פון יענער קינסטלעריש־פּרוכטלעכער צייט,

איז אומבאַוווּסט פאַר זיך אַליין געווען אַ חורבן־שרייבער, אויב ער האָט נאָר געטריי פאַרשפּיגלט אין זיינע ווערק דאָס לעבעדיקע מויל, די אומרויִקע אויגן און די וואַרעמע נשמה פון פאָלק.

אפרים קאַגאַנאָווסקי איז געווען איינער פון די געטרייסטע. ווען ס׳איז אין 1951 דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע קורצע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן ביז 1939, ביז יענעם מאָמענט ווען אַלץ וואָס ער האָט ליב געהאַט און באַשריבן איז געוואָרן — מצבה, האָט מען ערשט דערזען אַז זיין בוך געהערט צו די שענסטע ביכער פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור און אַז די דערציילונגען זענען דאָקומענטן, וואָס זענען נישט נאָר נייטיק ווי שיינע ליטעראַטור, נאָר ניצלעך ווי אַ לעבעדיקער פּנקס פון אַ פאַרשניטענעם דור.

כ׳האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט קאַגאַנאָווסקין אין 1934, אין וואַר־שעווער ליטעראַטן־פאַריין. ער האָט אויסגעזען דער באַהעמישסטער פון אַלע שרייבער. זיין ציגיינעריש פּנים האָט פאַרמאָגט אַ סך חן. זיין פיגור איז געווען אַ ביסל אַ שווערלעכע, אָבער זיין שמועס איז געווען אַ לופטיקער און אַן אויבנאויפיקער, ווי אַ זיך־באַוווּסטזיניקער קינסטלער, וואָס קומט צווישן אייגענע זיך אָפּרוען — פון זיך אַליין. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ באַ־זונדערן איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס וויל מאַכן אַן איינדרוק מיט זיין קינסטלעריש־זאָרגלאָזער האַלטונג. ער האָט הנאה געהאַט פון זיך אַליין און פון זיין קליינעם זון, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און געזאָגט חכמות און אויסגעזען ווי אַ סקולפּטור־קאָפּיע פון טאַטן. טאַטע און זון זענען געזעסן אויף אַ זייטיקער באַנק, אָבער זיי זענען געווען דער צענטער. קאַגאַנאָווסקי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַמעריקע און אויף יידישע שרייבערס מיט אַן אויבנאַראָפּיקער מאַניער, אָבער מיט אַ פּייערל פון פאַרדראָס, וואָס זיין שטערן שיינט נישט אַזוי ליכטיק אין אַמעריקע ווי אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין.

אין 1949, ווען ער איז געווען צו גאַסט ביי מיר אין האָטעל אין פּאַריז, צוזאַמען מיט לעאָ קעניגן, איז קאַגאַנאָווסקי שוין געווען מער צוגעלאָזן. ער האָט נישט געשאָסן מיט גלייכווערטלעך, נאָר געטראַכט און גערעדט און זיינע לעבעדיקע אויגן האָבן געוויזן שפּורן פון מידקייט. 15 יאָר איז נישט קיין קלייניקייט אין אַ מענטשנס לעבן, אָבער די פופצן יאָר, צווישן 1934 און 1949, זענען געווען יאָרן, וואָס האָבן אונדז דערנענטערט, נישט נאָר אין מרחק, נאָר אַפילו אין משפחהשאַפט. מיר זענען געוואָרן אַ קליינע יידישע משפחה. יידישע שרייבערס האָבן תמיד געפילט אָט דעם משפחהדיקן צובונד, אָבער נאָך די גרויליקע היטלער־יאָרן האָבן מיר זיך באַגעגנט ווי ברידער און

אַפילו נישט באַרירט דעם פּאָליטישן האַרבעריק, ווו קאַגאַנאָווסקי האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט געפונען אַ נייעם אויבנאָן.

מיר האָבן יאָ געהאַט אַ היציקע דיסקוסיע אַרום אַ באַזוך, וואָס ער און לעאָ קעניג האָבן זיך געקליבן אָפּשטאַטן ביי דעם קאַטאָליק, דעם זגערזשער משכיל, ישׂשכר שוואַרצס זון. מיר איז אויסגעקומען ווילד אָנצוהאַלטן אַ קאָנ־טאַקט מיט דעם מטורף און זיי, סיי קאַגאַנאָווסקי און סיי קעניג, האָבן עס פּאַרטיידיקט און נישט געזען קיין שום שלעכטס אין דער נאָענטשאַפט מיט אַ משומד.

דעמאָלט האָט מען נאָך אין פּאַריז גענומען קאַגאַנאָווסקיס איינהיימישן זיך צווישן קאָמוניסטן — זייער לייכט. ער האָט זיך שוין, אמת, אָנגעהויבן דערווייטערן פון חברים־שרייבערס אין פּאַריז, ערשטנס, מחמת דעם ביסל גאווה, וואָס ער האָט נאָך געטראָגן ווי אַ פּרץ־יורש, מיט אַן אָריגינעלער מעטריקע פון יענע יאָרן און צווייטנס, ווייל ער האָט געפילט אַז ער וועט דאַרפן האַלטן אין איין פּאַרטיידיקן ענינים, וואָס ער האָט זיך אין זיי נישט געוואָלט גריבלען, אָדער זיי אויפגריבלען ביי יעדער געלעגנהייט.

אָבער אַלע ווי איינער האָבן נאָך געמומען קאַגאַנאָווסקיס פּאַרבלאָנדזשע־ניש ווי עפּעס וואָס איז צייטווייליק, וואָס איז נישט ערנסט, וואָס וועט מיט דער צייט זיך אויסגלייכן. ס'איז מסתמא געווען אַ קאָמפּלימענט צו זיין באַהעמיש־קינסטלערישן געמיט, וואָס מ'האָט געהאַלטן אַז דער פּאָליטישער שידוך מיט די קאָמוניסטן פּאַסט אים נישט. אַ לאַנגע צייט האָט קאַגאַנאָווס־קי געזאָגט אלף ביי די קאָמוניסטן און דערביי געבליבן. אָבער ווי לאַנג קען מען לעבן אין יענער סביבה, נהנה זיין פון איר, קריגן אויבנאָן־באַהאַנדלונג, ווערן צעבלאָזן און נישט גיין ווייטער מיטן קאָמוניסטישן אלף־בית.

קאַגאַנאָווסקי האָט געמומען מאַכן גרויס פּאַרשריט. ער האָט געוווּסט וואָס צו פּאַרשווייגן, וואָס צו באַרעכטיקן, וואָס און ווען צו זידלען.

מיר דאַכט זיך אַז די פּאַרביטערונג זיינע, וואָס איז געוואַקסן מיט דער צייט, וואָס לענגער ער איז געווען אין קאָמוניסטישן לאַגער, איז געווען אַן איינזייטיקע, ווייל דער אַנדערער צד האָט אים אַ שטיק צייט געשאַנעוועט און אים ווי אַ טייערן קרוב געוואָלט אַרויסראַטעווען און אָפּראַטעווען פּאַר דער יידישער ליטעראַטור. דער צווייטער צד האָט אים אויך פּשוט געוואָלט ראַטעווען פון זיך, קענענדיק קאַגאַנאָווסקין פון זיינע וואַרשעווער יאָרן און פון זיין גאַנצן לייכטזיניקן און ציניש קוק אויף פּאָליטיק בכלל. שרייבערס ווי דערוואַקסענע מענטשן האָבן פּאַריבל, ווען מען זעט דורך זיי און מען נעמט זיי נישט ערנסט. קאַגאַנאָווסקי האָט מורא געהאַט, אַז ס'וועט פון אים אַרויסשרייען די טראַגישע לאַנגווייל, מיט זיין נייסטער פּאַרקניפּונג, האָט ער

זי פֿאַרשריגן און גענומען באַרעכטיקן די גרויסע אומגערעכטיקייט וואָס ער, אַ לעצטער פּרץ־יורש, איז באַגאַנגען לגבי דער געגרעכטער גאַנצקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז ביי אַלע אירע פּאָליטישע „דענאָמינאַציעס" קיינמאָל נישט געווען — טריף. דער אידעאַליזם פֿון אַלע ביז־סטאַליניסטישע פּאַרטייען, ביי יידן בכלל און צווישן יידישע שרייבער בפרט, איז געווען אַ כשרער און יעדער מחלוקה איז מייסטנס געווען לשם שמים. קאַגאַנאָווסקין איז באַשערט געווען דאָס אומגליק אַריינצופֿאַלן אין אַ פּאַרטיי־קאָך, וואָס איז אָפּהענגיק אין טאָג־טעגלעכע ברוטאַלע מאַנעוורעס פֿון מאָסקווע און וואָס יעדער מאַנעוור גרענעצט זיך מיט פֿאַרברעכן אָדער איז אַ פֿאַרברעכן.

איך האָב קאַגאַנאָווסקין נישט פֿאַרגעוואָרפֿן זיין — מילד־גערעדט — אומבאַקוועמע פּאָזיציע, וואָס ער האָט פֿאַר זיך געשאַפֿן. כ'האָב זיין בוך, וואָס איז דערשינען אין 1951, געלויבט אַן רעזערוואַציעס ווי דעם שענסטן אויסדרוק פֿון דער גרויסצוגיקער יידישער שעפֿערישקייט, וואָס איז נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט אַ לעבעדיק פֿאָלק. אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט געפֿייערט זיין 45סטן ליטעראַרישן יובל, צווישן פּרעמדע, איז די פֿאַרביטערונג, מיט רעכט, קעגן אים געשטיגן. קאַגאַנאָווסקי האָט מיט קיין איין וואָרט נישט פֿאַרדאַמט דעם אומברענג פֿון די יידישע שרייבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז געגאַנגען אין שפּאַן. ער האָט אַפֿילו זיך נישט איבערגעלאָזט קיין טראָפּן פֿרייע האַנדלונג, וואָס ער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען, ווייל אין יענע קרייזן איז זיין נאָמען געווען אַ נייטיקער פֿאַנצער פֿאַר אַלערליי געמיינהייטן און מען וואָלט אים געמוזט מוחל זיין אַ טראָפּן אמת אין ים פֿון פֿאַלשקייט און ווערטער־וואולגאַריזאַציע.

כ'האָב קאַגאַנאָווסקין נישט צו־שטאַרק נאָכגעפֿאָלגט דורך די לעצטע יאָרן פֿון זיין גייסטיקער געפֿאַנגענשאַפֿט אין פּאַריז. אוודאי האָט ער רעזיגנירט און זיך פֿרייוויליק אונטערגעגעבן צו דער געפֿאַנגענשאַפֿט, אָבער קיינער ווייסט נישט וויפֿל ווייטיק אַזאַ רעזיגנאַציע האָט אים פֿאַרשאַפֿט, און איך בין זיך משער אַז ער האָט קינסטלעריש געבוגט אַנגעווירן. ווען מ'איז נישט גאַנץ מיט זיך, איז זיך דער טאַלאַנט נוקם און ער שניידט פֿאָסן פֿון קינסטלער.

זיין גרעסטער ביי־טראָג פֿאַרבלייבט נאָך אַלץ די זאַמלונג פֿון די עטלעכע און פֿופֿציק קלענערע און גרעסערע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן ביז 1939. ער איז געווען דער מייסטער פֿון דער קורצער דערציילונג אין דער גרויסער טראַדיציע. קאַגאַנאָווסקיס קורצע דערציילונגען האָבן פֿאַרמאָגט אַ קינסטלעריש ליכט, אַ פֿאַרבאָרגן ליכט, וואָס האָט באַשיינט די דערציילונג און איר געגעבן אויך אַ מאָראַלישע עקזיסטענץ. אַ קורצע דערציי־

לונג מוז האָבן אַט־די מאָראַלישע באַרעכטיקונג. די צענטראַלע טעמע דאַרף זיין עיקרדיק, אַפילו ווען די גאַנצע דערציילונג זעט אויס צו זיין טריוויאַל. די עטלעכע זייטלעך מוזן עפּעס פּעסטשטעלן.

קאַגאַנאָווסקי האָט געוווּסט דעם סוד, ווי אַזוי אַזעלכע דערציילונגען דאַרפן געשריבן ווערן. ער איז נישט געווען קיין שפּראַך־מייסטער, אָבער ער האָט געהאַט אַ קינסטלעריש אויער פאַר יידישן שמועס. זיינע דערציילונגען זענען דערפאַר אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון יידישן דיאַלאָג, און פון אַ לעבעדיק געזעמל פון יידישע מענער און פרויען, אין האַנדלונג און אין טראַכטן. קאַגאַנאָווסקי האָט פאַרמאָגט אַ ביטערע קלוגשאַפט און אַ לירישן אופן ווי אַזוי אַריינצוגיסן די טראָפּנס פון דער קלוגשאַפט אין זיינע דערציילונגען.

ווען מען לייענט די דערציילונגען, ווערן זיי ליכטיק־טרויעריקע דערמאָנונג פון יענע טעג ווען ס'איז געווען אַ יידישע וואַרשע. די עיקרדיקע טעמעס פון קאַגאַנאָווסקיס קורצע דערציילונגען שטעלן צוזאַמען אַ קינסטלערישן צענזוס, כמעט פון יעדער ווינקעלע פון דער אַמאָליקער יידישער וואַרשע. אפרים קאַגאַנאָווסקי איז אַמאָל געווען אַ מאָלער און זיין מאָלערישקייט איז זייער קאָנטיק אין זיינע בעסערע דערציילונגען. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און אָפּטמאָל, דער עיקר אין זיינע מעמואַרן, זינדיקט ער אונטער מיט אינטעליגענטישקייט. זיינע זאַצן ווערן אָנגעבלאָזן מיט הויכע שלעכטפאַרבונדענע ווערטער. ער איז בטבע אויך געווען אַ שטיקל אַפּלאַכער און אין זיינע מעמואַרן פאַרגינט ער זיך טיילמאָל אומפאַרדינטע בייזקייט, אויפן חשבון פון אַמאָליקע חברים. אָבער אין די דערציילונגען פירט אים זיין קינסטלערישע דיסציפּלין, וואָס דערלאָזט נישט אַז זיין באַהעמישער ציניזם זאָל נעמען די אויבערהאַנט.

דערפאַר זענען זיינע געזאַמלטע דערציילונגען, ביז 1939, ערלעכע און ריינע קינסטלערישע ירושה. די יידישע ליטעראַטור נעמט עס אַריין אָן שום פּאָליטישע חשבונות. אוודאי טאָר דער פּאָליטישער חשבון נישט פאַרשוויגן ווערן, אָבער די דערציילונגען, ביז קאַגאַנאָווסקיס גלות־היטלער־פּעריאָדע, געהערן צו די שענסטע מוסטערן פון דער בלי־פּעריאָדע פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, וואָס איז געטריי געגאַנגען אין פּרצס וועגן.

.1958

ש. בערלינסקיס בראשית

ש. בערלינסקיס דערציילונגען און באַטראַכטונגען, וואָס זענען געדרוקט און אַרויסגעגעבן אין מינכען, צווינגען אונדז ווידער זיך צו פאַרטראַכטן וועגן שאַבלאָן, וואָס מיר וועלן מוזן אָננעמען באהבה, אַזוי לאַנג ווי אונדזער דור וועט לעבן. כ׳זאָג ווי דער, ווייל וועגן מרדכי שטריגלערס אַנגעליטע פערזן האָב איך אויך געזאָגט, אַז אין זיין אָנפאַנג איז פאַראַן אַן אַנהייבעריִשקייט פון אַ סאַלאַמאַנדער, וואָס ווערט געבוירן פון פייער. גאָר אַ סך פון דעם מין אָנהייבערישן פייער האָבן מיר אויך געזען אין די קינות פון ז. סעגאַלאָוויטש, וואָס האָט מיט זיינע לידער אויפגעלעבט דאָס געשטאַלט פון דעם זינגער אין די הייפן און האָט יענעם גראַם־און־אַלאַרם שאַבלאָן געגעבן אַ קינסטלערישן תּיקון.

אַז ש. בערלינסקי פילט דעם היתר פון אַזאַ שאַבלאָן, זעט מען פון דעם באַוווסטזיניקן נאָמען פון זיין זאַמלונג — „אַ דור פון בראשית״. ער פאַרענדיקט זיין לענגערע דערציילונג — „דער וועג אַהיים״, מיט די דאָזיקע ווערטער: „מיר זענען דאָך איצט אַ דור פון בראשית. פון אונדז פאַנגט זיך דאָך אָן״.

אָט דער נייער אָנהייב איז קינסטלערישע רעזיגנאַציע צום געפיל, אַז דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק האָט נישט נאָר אָפּגעווישט אונדזערע משפּחות און איבערגעלאָזט תּיבהדיקע און נאָך־מבולדיקע עקזעמפּלאַרן און מינים, כדי פאַרצוזעצן דאָס לעבן, נאָר די קאַטאַסטראָפע האָט אויך פאַרוויסט אונדזער קינסטלערישן זכרון און מיר זענען געצוווּנגען אויפסניי קינסטלעריש צו לעבן פון סאַמע אָנהייב. אונדזערע שרייבערס זענען אויך די שרייבערס פון בראשית. אין דער זעלבער דערציילונג זאָגט בערלינסקי: „ס׳וועט זיין ווי אין חומש שטייט: און אדם האָט געבוירן שתן, שת האָט געבוירן אנושן, אנוש האָט געבוירן קינען און קין מהללאלן״.

מיר מוזן אָננעמען די קינסטלערישע גענעאַלאָגיע פאַר ליב, ווייל די צייט אַליין האָט געהייליקט די אַלע שאַבלאָנען און זי האָט זיי געגעבן נישט נאָר אַ גלויבלעכקייט, נאָר אַ גלויביקייט.

פאַר אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען אַזאַ אויסצוג, אַלץ פון ש. בערלינסקיס גרעסערער דערציילונג — „דער וועג אַהיים״:

„זי האָט מיטאַמאָל אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אים אין די אויגן און — זיין פּנים האָט זיך צעשמייכלט.

— שלאָפסט נישט, יחיאל?

— עס שלאָפט זיך נישט.

— איך האָב דיר געוואָלט עפּעס פאַרטרויען, שוין לאַנג דיר געוואָלט פאַרטרויען.

— פאַרטרויען? — האָט ער אויפגעשפּיצט דעם קאָפּ מיט אומרו.

— שרעק זיך נישט, נאַרעלע — האָט ראָזע אים געגלעט איבערן קאָפּ

— איך שוואַנגער — — —

געזאָגט האָט זי אים דאָס וואָרט מיט שטילן פּליסטער, ווי אַ ווינט וואָלט עס געבראַכט צוטראָגן.

— און דו האָסט געשוויגן? ראָזע, טייערינקע?

— איך האָב דיר שוין געוואָלט זאָגן אויף זיכער.

— אַלזאָ, זיכער?

— זיכער.״

דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער ביישפּיל פון דעם שאַבלאָן וואָס מיר וועלן געצוווּנגען אויפצונעמען און וועלן זיין געצוווּנגען אויפצונעמען אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן. פּונקט ווי אונדזערע באָבעס האָבן געלייענט אין אַלערליי ראָמאַנען וועגן דעם „פּליסטער״ בעת דאָס ווייב פאַרטרויט דעם סוד פון איר שוואַנגערשאַפט צום מאַן, אַזוי וועלן מיר עס ווידער מוזן און דאַרפן לייענען, ווייל די צייט האָט אונדז אונטערגעטראָגן די סענטימענטאַליטעט פון אַ ווייטיק, וואָס מיר וועלן אַזוי גיך נישט אויסהיילן.

אויב דער „פּליסטער״ פון שוואַנגערשאַפט איז פאַרסאַכאַרינט געוואָרן אין אַלע ראָמאַנען, איז ער פאַר אונדז איצט ווידער פאַרהאַפטיקט געוואָרן און געוואָרן עיקרדיק, ווייל אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זיין משפּחהשאַפט, הייבט ווידער אָן לעבן און מיר זעען באַשיינפּערלעך, ווי די אויסגעפליקטע צווייגן קומען צוזאַמען און ס׳הייבט זיך אָן פון סאַמע בראשית — „און אדם האָט געבוירן שתן״.

אַ שאַבלאָן אויף אַ גרויסן נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. און ווי ס׳זאָל יחידים נישט דינען דער קינסטלערישער זכרון און אַפילו די קינסטלערישע נאָז, וועלן מיר באַזיגט, בעת מיר וועלן אָוועקגעשטעלט פאַר דער נייער גלויבלעכקייט פון אַן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג.

אין בערלינסקיס דערציילונג קומט יחיאל אַלטמאַן צוריק קיין לאָדזש זוכן זיין משפּחה, אָבער די חרוב־געוואָרענע געטאָ ווייזט אים אַפילו נישט די קברים פון זיינע אייגענע, פון זיין פרוי און קינד, און פון זיינע נאָענטסטע.

אין דעם אורחים־הויז טרעפט ער זיך מיט ראָזען, זיינס אַן אַמאָליקע געליבטע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן, אָבער וואָס האָט דעם אַנדערן אויך פאַרלוירן אין דער פאַרטיליקונג.ביידע נעמען אַ וווינונג און ס׳הייבט זיך אָן — בראשית.

וואָס קענען מיר טאָן, אַז דאָס לעבן האָט זיך ווידער געגומען לערנען לעבן אויף אונדזערע אָרימע פּלייצעס און שטעלן ערשטע טריט?

מיר קענען נאָכגיין פּוסטריט די גאַנצע דערציילונג פון ש. בערלינסקי, כדי צו פאַרשטיין טיפער, וואָס מיר מיינען מיט דעם שאַבלאָן, וואָס איז ביי אונדז געוואָרן גלויבן.

— נו, און אַ חופּה — האָט ראָזע צוגעוואָרפן האַלב אין שמייכל, האַלב ערנסט.

— אַ חופּה? ווייסט גאָר וואָס. אַ חופּה וועלן מיר שוין שטעלן אין ירושלים. דאָס וועט זיין אַ טאָפּלטער בונד — באַהעפטן זיך אויך מיט אונדזער לאַנד.״

ווען אַ געליבטער וואָלט פּלוצים פון דער העלער הויט אָפּגערעדט זיין געליבטע פון חופּה וקידושין און ער וואָלט איר געזאָגט, אַז אַ חופּה וועט מען ערשט שטעלן אין ירושלים, וואָלט דער ציוניזם ביי אַזאַ געלעגנהייט געקלונגען ווי פאַרשוועכונג, אָדער משכּילישע פרייע ליבע. נאָר דאָ־אָ, אויף דעם בראשיתדיקן אָרט, ווערט די ערד געהייליקט אַפילו פאַר אַזאַ ציוניסטישן דיאַלאָג, ווייל מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן פריִער זאָגט יחיאל אַליין:

„דאָס זענען די טענער פון אונדזער צייט. אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס דאָ היינט. אַ פאָלק ברעכט גרענעצן, מאַרשירט איבער לענדער, לאָזט זיך איבער ימים און רייסט זיך אין לאַנד פון זיין באַפרייונג.״

די חופּה אין ירושלים איז אַן אמת, אַ נייער אמת — פון סאַמע אָנהייב, און ווען דער געליבטער זאָגט עס זיין געליבטער אין אַ קליין צימערל, וואָס מען האָט ערשט אָפּגעקויפט פון אַ ווייבל, וואָס גרייט זיך אַליין אויך שמוגלען די פּוילישע גרענעץ, איז עס דער אמת אויך פון אַ בראשיתדיקער צוקונפט, וואָס איז טויזנט מאָל אמתער איצט, ווי אין הערצלס צייטן. דער דיאַלאָג, וואָס קלינגט ווי אַרויסגענומען פון אַן אַלטן, פריִערן „אהבת ציון״, ווערט אויך פאַראַמתט מיט דעם כּוח פון שוואַכע טריט פון אַן אַלטער קראַנקער צייט.

אין בערלינסקיס דערציילונגען און אין זיינע בילדלעך און באַטראַכטונגען באַמערקט זיך אַ כּסדרדיקער פּאַראַלעליזם. די איצטיקייט רופט אַרויס די פאַרגאַנגענהייט. די אָפּגעמעקטע פאַרגאַנגענהייט ווערט באַשריבן מיט דער טרויעריקער איצטיקייט.

בלימלעך וואַקסן אין די חורבות און דעקן אויף נאָך מער דאָס בעטלע־רישע געשריי פון דער חורבה. דער זעלביקער יחיאל אַלטמאַן, וואָס קומט צוריק זוכן זיינע קרובים אין לאָדזש, ווערט איבערגעשריבן אויף דעם בלייכן יונגנמאַן פון אַן אַנדער דערציילונג („אויף צוויי שליאַכן"). אויך יענער „יחיאל אַלטמאַן" טרעפט זיך מיט אַ פרוי און מען נעמט אַ בשותפותדיקע דירה.

אַלטמאַן זעט זיין חרובע פאַרגאַנגענהייט און ער נעמט צוריק בויען זיין לעבן. מרדכי יעלין (פון דער דערציילונג „די משפחה יעלין") זעט זיין חרובע היים און ער טראָגט זיך אויך אַרום מיט געדאַנקען „ווי אַזוי אויסצובויען אַ היים, אַ פאַמיליע — צוריק אויפשטעלן זייער גזע".

דער זעלביקער מרדכי יעלין זאָגט ווייטער:

„דאָס אייגענע איז דאָך מיטן גאַנצן פאָלק, האָט ער געטראַכט, דער שורש פון פאָלק איז דאָך נישט פאַרטיליקט. אָפּגעבראָכן אַ פּאָר צווייגן, נאָר דער שטאַם ווערט דאָך איבערגעפלאַנצט אויף אַן אייגענעם באָדן, אין אַ ייִדי־שער ערד, און ווידער וועט אויפשיינען די זון, און ווידער וועט אַראָפּני־דערן טוי, און צוריק וועט דאָס פאָלק בליִען און וואַקסן."

זענען דאָס ווערטער פון אַ סקאַרבאָווע ציוניסטיש פּראָפּאַגאַנדע־בלעטל? חלילה. דאָס איז דער אמת פון אונדזער איצטיק לעבן, אויף די חורבות פון ייִדישע הייזער, ווו גויים קוקן מיט רציחה אויף יעדער ייִד, ווי ער וואָלט גע־ווען אַן עכבר, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויסגעקראָכן פון אַ לאָך, אָדער „פון אויוון".

אָט דעם קבלת פּנים, וואָס באַפרייטע ייִדן קריגן אין פּוילן, שילדערט בערלינסקי אין זיינע דערציילונגען. ער ווייזט אונדז אויך די זאַטע, אָנגע־פרעסענע, געווירעטע דייטשע צורות, די פּינקטלעכע מאַטעמאַטיק פון זייע־רע צוגן, די פּינקטלעכקייט וואָס האָט אונדז פּינקטלעך פאַרטיליקט און אָפּגעווישט.

פאַר אַ בוך פון אַרום 130 זייטן איז די טעמאַטיק אַביסל אַ צו מאָנאָ־טאָנע און אַ צו גרויע, אָבער אויך די מאָנאָטאָניע איז אונדזערע, ווייל אונ־דזער דור וועט מוזן לאָזן דעם פּאַציענט ריידן און ריידן אַ לעבן לאַנג וועגן דער דאָזיקער שוידערלעכער אָפּעראַציע, וואָס ער האָט דורכגע־מאַכט און וואָס אונדזער גאַנץ פאָלק האָט דורכגעמאַכט.

פאַרקערט, מיר זענען דאַנקבאַר וואָס עס ווערן געשריבן און נאָך אַמאָל געשריבן אַזעלכע דערציילונגען און מיר זענען דאַנקבאַר, וואָס אין דעם חורבן, בליצן פון דעסטוועגן פונקען פון האָפענונג. מיר זענען דאַנקבאַר, וואָס

די טרייסט קומט גראַד פון דאָרטן, פון דעם אני הגבר, וואָס זעט דאָס אַלץ צו און באַשרייבט עס.

בערלינסקי באַשרייבט פאַר אונדז די ייִדישע זאַמלפונקטן, ווו מען קומט זיך צונויף מיטן כוח פון דעם נייעם וואָרט „עמך", וואָס ווערט דער ייִדישער פּאַראָל, דער נייער אויסרוף פון אנוסים, צווישן גויים, וואָס זענען בלוטיק אין כעס, הלמאַי ס'האָבן זיך נאָך געראַטעוועט ייִדן. אין די זאַמל־פונקטן טראַכט יעדער איינער וועגן צוויי זאַכן — ערשטנס, אפשר, אולי, וועט זיך פאַרט אָפּזוכן אַ נאָענט פּנים. און צווייטנס, ווי אַזוי לעבט מען ווייטער. יחיאל אַלטמאַן שרייבט אויף אַ מודעה אויף אַ וואַנט, וואָס איז שוין באַשריבן מיט צענדליקער נעמען: „יחיאל אַלטמאַן זוכט זיין פרוי מרים און זיין טעכטערל ביילקע".

שפּעטער זוכט ער זיך אַליין אין דער דאָזיקער פאַרלוירנקייט. ייִדן נעמען אַרויסגיין פון דער תּיבה און זיי טרעטן מיט אומזיכערע פיס אויף דער צעמבולטער ערד.

אונדז זענען אינטערעסאַנט נישט נאָר די טרייסט־מאָמענטן, אָדער די איינציקע טרייסט־ווערטער, וואָס ווערן געשאַפן אויף דער דאָזיקער בלוטיקער ערד, נאָר די מאָמענטן פון צוזאַמענדיקער אויסלייזונג. אין דעם אור־חים־הויז אויף יאַקובאַ זיצט אַ ייִד און קוקט אַריין אין אַ „ספר". „אַ יונגערמאַן, אַן ערך אַ צוואַנציק יאָריקער מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע", זיצט פאַרמוחט און לייענט גרעצס געשיכטע פון ייִדישן פאָלק.

די איינצלנע וואָס קומען אַרויס פון דער תּיבה, ווי באַזונדערע מינים, צו ראַטעווען די פאַרשאָלטענע ביאָלאָגיע, הייבן אָן קריגן אַ געפיל פון קאָלעקטיווער אחריות און די האָפענונג פון אַ נאַציאָנאַלער טרייסט.

„איך בין אַנומלטן געווען ביי אַ קיבוץ־פייערונג און געזען ווי אַזוי די ייִדישע יוגנט, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון די קאָלך־אויוונס, טאַנצט אַן ארץ ישראלדיקע האָראַ (זאָגט יחיאל אַלטמאַן), זענען מיר טרערן געקומען אין די אויגן. פונקען זענען געפלויגן פון אונטער זייערע פיס; אַזאַ ברען, אַזאַ התלהבות! איז מעגלעך אַז אַ יחיד זאָל הײַנט אַזוי טאַנצן ביי ייִדן? ניין, האָב איך געטראַכט, נאָר פאַר דער אויסלייזונג פון אַ פאָלק וואָס מען האָט עס געוואָלט פאַרטיליקן, קען מען אַזוי טאַנצן."

איז דער גוטער פּירוש אויף דער האָראַ אַ שטראַל אין דער פינצטערניש, אַן אויסלייזונג פון טרויער און אַ היתר אויף פרייד.

אַפילו פערזענלעכער וויטיק ווערט דערהויבן צו פאָלקס־טראַגעדיע און דערפאַר צו נאַציאָנאַלער טרייסט.

ווען ראָזע ווייזט יחיאלן אירע גרויע האָר, זאָגט ער:

„טייערינקע, דאָס איז נישט קיין גראָער מענטש, דאָס איז אַ געלייטער־טער מענטש. דו ביסט געלייטערט ווייס. דער ווייסער פלעק אויף דיין קאָפּ — דאָס איז דאָך אונדזער קרוין, די ייִדישע קרוין פון צניעות.״

אַט אַזוי האָבן זיך אויסגעלערנט ריידן ייִדן אויף דער ערד וואָס איז דורכגעאַשט מיט פאַרברענטע ייִדן. אַט די ווערטער זענען הייליקע מעלאָדראַמאַטישקייט, נישט שאַבלאָן פון געשיכטלעכן מאַרטירערטום, נאָר פון דער בלוטיקער קעגנוואַרט.

דערפאַר קען בערלינסקי אונדז אויך געבן אַזאַ ליבע־סצענע מיט אַ מאַקאַבער אַקאָמפּאַנירונג, וואָס מיר מוזן אָננעמען פאַר ליב און אמת:

„ער האָט מיט אַנטציקונג אויסגעשריִען:

און דאָס לייב וואָלט איצט שוין אַש געווען? פאַרשפּרייט אַש אויף די פעלדער פון אַ קרעמאַטאָריע, וואָס דער ווינט וואָלט זיך אַרומגעטראָגן דערמיט? אַך, וויפל הנאה, וויפל לוסט — האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן פאַר איר אויף די קני, ווי פאַר אַ מזבח — דיין לייב דאַרף מען דאָך אַוועקשטעלן אויף אַ פּעדעסטאַל, מיט אַ צושריפט: אַט־אָ דאָס לייב האָט דער שונא געוואָלט אין קאַלך־אויוון אַריינוואַרפן״.

אַט דער שוידער־מאַנאָלאָג פון אַ געליבטן איז דער בעסטער ביישפּיל פון דער בראשיתדיקער, אָדער גאָר נוחדיקער מעלאָדראַמע, וואָס די מבולדיקע צייט האָט אונדז אָפּגעשפּילט און וואָס מיר וועלן לייענען אַ לעבן־לאַנג און נאָך זיין דאַנקבאַר, וואָס פון דער ערד גייט אויף אַ נייע האָפענונג — נישט נאָר אויף אַ שענערער נאַציאָנאַלער צוקונפט, נאָר אויך אויף אַ קינסטלערישער צוקונפט, אויף אַ באַנייטער ייִדישער קונסט, נאָכדעם ווי זי וועט אויסקלאָגן פון זיך די מוראדיקע קלאָג פון אונדזער גרויסן חורבן.

.1948

III

אברהם זאַק / ברוך האַגערס חסידישע מעשיות / „אַ שטוב אין שטעטל״ פון יצחק יאַנאַסאָוויטש / מנשה האַלפּערן / משה דוד גיסער / אַ ייִדישער דיכטער אין קובאַ / דריי קורצע לידער פון ישראל אַשענדאָרף / ל. דאַ־מאַנקעוויטש / אלחנן וואָגלער / סאָלאָמאָן קאַהאַן / אַ ייִדישער דיכטער אין לאָנדאָן / הערץ בערגנערס נאָוועלן / י. פּאַפּיערניקאָוו / ישעיהו שפּיגלס לידער / „אין מדבר סיני״ / יאָסל בירשטיין / אריה שמרים ניי בוך לידער / צבי אייזנמאַן / י. צ. שאַרגעלס לידער / רבקה באַסמאַן / אַ ליד צו געדענקען / „ייִדישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד״ / איציק פעפער היט די ליניע / איציק פעפער.

אברהם זאַק

אברהם זאַק געהערט צו דער לייב ניידוס עפּאָכע און דאָס איז אַן עפּאָכע וואָס איז אָפּגערוקט פון אונדז אַזוי ווייט, נאָך ווייטער פון דער פּרוג־עפּאָכע. ווייל פרוגס לידער זענען געוואָרן אַ טייל פון ייִדישן נוסח, אָבער ניידוס איז געווען אַן איינדזעלע פאַר זיך און ער האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף די יונגע אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן מיט מער איבערצייגונג און מער כוח אַריינברענגען זיין באַציִונג צום פערז און צום מעלאָדישן וואָרט. אברהם זאַק איז געווען ניידוסעס פריינד און ביאָגראַף.

זאַקס קנאַפּע זעכציק יאָר האָבן באַוויזן צו „פאַרכאַפּן" אַ לאַנגע איינטערעסאַנטע און טרויעריקע ביאָגראַפיע. דער גראַדנער יונגערמאַן וואָס האָט געאַרבעט אין אַ וואַרשעווער צייטונג, האָט אָנגעשריבן אַ סך ביכער און אַריינגעכאַפּט אַ סך צרות איןביידע וועלט־מלחמות. זיינע אייגענע לידער זענען אויך איינדזלדיקע אין דעם זין, וואָס ער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך דורך די גאַנצע פערציק יאָר פון זיין שרייבן קיין איינפלוסן, וואָס וואָלטן אים געקענט באַרייכערן אָדער צומאָל נאָך מער פאַראַרעמען. ער איז געקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע כמעט אַ פאַרטיקער. די אַנטוויקלונגען זיינע זענען געווען מייסטנס אויפן געביט פון שפּראַך־לייטערונג. זיין לשון איז געוואָרן אַביסל בייגעוודיקער, אָבער ער איז נישט אַוועק פון דעם פּינטעלע לירישע ערלעכקייט, וואָס מיט אים איז ער גלייך געקומען. די איינפלוסן וואָס האָבן מיט אומגעפער פערציק יאָר צוריק שטאַרק געוועלטיקט אין דער ייִדישער פּאָעזיע האָבן אים, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעמיטן, אָבער די אַלע אַנדערע שטופּנווייזע אויפטועכץ אויפן געביט פון ייִדישן ליד האָט ער נישט צוגעלאָזט צו זיך, מיט דעם קלאָרן באַוווסטזיין, אַז ס'וועט זיין ליד בלויז פאַרטומלען און באַהאַלטן דעם אומפּערזענלעך־פּערזענלעכן טאָן זיינעם.

כ'זאָג אומפּערזענלעך, אָבער איך מיין אייגנטלעך צו זאָגן נישט אַרויספצווינגנדיקע פּערזענלעכקייט, וואָס קומט פון אַן אינערלעכער ענווות, אַז מ'דאַרף נישט פליען איבער זיך און גיכער אויסנוצן דאָס באַשערטע, ערלעכע, וואָס איז צוגעשפּאָרט געוואָרן. דערפאַר איז אים באַשערט געווען אויפן שטח פון זיין לאַנגער, געפלאָגטער ביאָגראַפיע צו פאַרצייכענען אין ליד זיינע „יאָרן אין וואַנדער". אַזוי הייסט טאַקע זיין ניי בוך לידער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַר־

געגנטינע. דאָס בוך פון קלענערע און גרעסערע לידער איז די ביאָגראַפיע פון אַ פּליט, וואָס האָט געהאָלפן גראָבן אָקאָפּעס לענגאויס פון דער ווייסל, אַנטלאָפן פון די נאַציס, אַנגעשפּאַרט אַזש אין די אָרעמבורגער סטעפּעס, צוריקגעקומען קיין לאָדזש און אין 1948 דאָרט געזונגען. —

חזק, זייט געשטאַרקט, אַ איר קעמפער ישראלס
געבענטשט אייער מוטיקע שווערד.
ס'איז קאַמף מיט מאַידאַנעק, מיט גאַז און מיט אויוונס
דער קאַמף פאַר דער יידישער ערד.

אָבער איידער אברהם זאַק האָט געקענט אַזוי ביאָגראַפיש אויסשטעלן זיין בוך לידער, האָט ער אויסגעקלאָגט זיין געוויין אויף די חורבות פון פּוילן, אין זיין בוך — „מיט אַש אויפן קאָפּ״, וואָס איז אין 1947 דערשינען אין לאָדזש. לויט מיין איינדרוק זענען אין דעם קליינעם ביכל לידער פאַראַן קוואַנטיטאַטיוו אַ סך בעסערע לידער, ווי אין דעם ביאָגראַפיש־עקספּאַנסיוון בוך — „יאָרן אין וואַנדער״. זאַק איז אָנגעקומען פון רוסישע סטעפּעס, ווו ער האָט שוין געמיינט, אַז ער וועט קיינמאָל קיין יידיש וואָרט נישט זען פאַר די אויגן. „מיט אַ דערהויבן געפיל״, שרייבט ער אין זיין פאָררעדע צו זיין בוך, „מיט אַש אויפן קאָפּ״, „טרעט איך צו צו מיין ליטעראַרישן המשך — צו דער אויסגאַבע פון מיין צוועלפטן בוך״.

איך פאַר צו דיר פּוילן, פון סטעפּעס און שנייען,
אַרויסבאַגלייט האָט מיך אוראַלישער ווינט.
דורך טעג און דורך נעכט רוישן טרויריק די רעדער,
אַז קיינער נישטאָ איז שוין דאָרטן אַצינד.
דו האָסט מיך באַגעגנט מיט גרינקייט פון פעלדער,
מיט בונטע קוואַדראַטן אויף באַרג און אויף טאָל,
דאָך, פּוילן, עס איז שוין מיין פרייד לאַנג געשטאָרבן
און כ'קען זיך נישט פרייען אַזוי ווי אַמאָל.

די צוויי פערזן זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אברהם זאַקס עלעגיש־ביאָגראַפישן טאָן, אויך פאַר זיין נישט געוואָרנטקייט מיט אַן איבעריק וואָרט, ווי — מיין פרייד לאַנג געשטאָרבן, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — און כ'קען זיך נישט פרייען אַזוי ווי אַמאָל.

אָבער גראָד די נישט געוואָרנטקייט גיט דעם בוך לידער אַ געפיל פון אבלות, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט זוכן קיין ווערטער, נאָר געקלאָגט דאָרט ווו די געקומענע ווערטער זענען נישט געקומען אויפן ערשטן רוף.

זאַק האָט געשריבן אַ סך לייכטע פערזן פאַר צייטונגען און די צייטונג־לייכט־קייט איז נישט קיין זעלטענער גאַסט אין זיינע לידער. זיין ליד קומט אָפט־מאָל אַרויס מיט צוויי גוטע פערזן און דריי אומגעראָטענע, ווי דאָס ליד וואָלט שוין באַדאַרפט גיין צום דרוק און מען קען נישט פאַרשפּעטיקן. מיט דעם שטראָם פון ערשטהאַנטיקע און צווייט־האַנטיקע ווערטער טראָגן זיך זיינע לידער אין ערלעכער פאַרצייכעניש.

עס רעדן די ציגל, כ׳פאַרשטיי זייער שפּראַך,
צעשאָטענע גאַסן דערציילן אַ סך.
נישט נייטיק קיין ווערטער, ס׳איז אַלץ פאַר מיר קלאָר,
אַז דאָ איז די גרענעץ, דער סוף פון אַ דור.
דאָ האָט זיך געענדיקט פאַר קליין און פאַר גרויס
געוועזן, געוועזן, געוועזן און אויס.

דער דיכטער דערזעט זיין צעשטויבטע וועלט אין די אַנגעוואָרפענע אַלטע ציגל. ער קען זיך נישט זעטיקן מיט חורבן. ער פאָרט קיין לאָדזש, קיין וואַרשע, קיין לובלין און ער שטייט פאַר די אויסגערויכטע אויוונס, וואָס גלאָצן אויף אים מיט דעם שוידערלעכן סך הכל.

די צוויי לידער ביכער, וואָס זענען דערשינען אין 1947 און אין 1949, פאַרמאָגן אַן אויטאָביאָגראַפישן סדר און המשך. זיי זענען ביכער, וואָס דער־ציילן אונדז די געשיכטע פון אַ פּליט, וואָס האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט אויפגעהערט צו זיין מיט זיינע נאָענטע, — אַן אַנטלויפער, וואָס איז נישט אַוועקגעלאָפן, אַ געראַטעוועטער, וואָס האָט זיך נישט דערראַטעוועט. ער דערציילט עס אונדז פּשוט און מיר גלייבן אים, ווען ער פאַרצייכנט אין אַק־בולאַק אַזעלכע שורות —

איך קען נישט קיין אַנדערן סדר היום —
פרימאָרגן, בייטאָג צי ביינאַכט —
נאָר וואַרשע, נאָר געטאָ, נאָר בלוטיקער תהום,
פון דעם נאָר איך רעד און איך טראַכט.

און וואָס האָט ער מיטגענומען מיט זיך אויף זיין וויטן וואַנדער?

כ׳האָב אין דער וואַנדערונג מיר מיטגענומען
אַ שטיקל קאַפּל פון מיין הויז,
אַ פּיצל קאַפּל פון אַ וויסטן אויוון —
צום אָנדענקען, אָנשטאָט אַ רויז.

י ע ק ב   ג ל אַ ט ש ט י י ן

איך היט דעם זכר, גלייך ווי אַ קמיע
נאָר דאָס געבליבן מיין פאַרמעג.
כ׳קוק אָפט אין שפיגל־ווייסן חורבה־קאָפּל
און זע און זע די עבר־טעג.

פאַראַן אמתער היים־ווײ אין די לידער פון אברהם זאַק, אַ היים־ווײ בענקשאַפט וואָס מיר קענען גאָרנישט באַגרייפן. דורך דעם גאַנצן האָפענונג־לאָזן טאָן פון זיין נע־ונד ליד, איז די היים־בענקשאַפט געוועזן דאָס שטאַרקנ־דיקע, דאָס געפיל וואָס האָט געגעבן כוח צו לעבן. מ׳האָט שוין מער נישט געלעבט מיט היים, — די היים איז געווען חרוב — מ׳האָט אָבער געהאַלטן טייער דעם טרויער נאָך דער חרוב־געוואָרענער היים, ווי דאָס איינציקע שטיקל אָפּגעשפּאָרטע קדושה, וואָס האָט פאַרבונדן מיט דעם עבר, אין דער ווייטער פרעמד.

דער דיכטער האָט אייביק מורא געהאַט, אַז מ׳פאַרמעסט זיך אויף זיין בענקשאַפט, אַז מען וויל אָפּמעקן פון געדעכעניש דאָס וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט. נאָך אין 1933 האָט אברהם זאַק געזונגען:

איך קום פון אַ ים, פון אַ בלויקייט,
פון כוואַליעס געיאָג,
פון מעוועס, וואָס בלענדן אין הויכקייט,
אין גאָלדענעם טאָג.
איך קום מיט גערויש און מיט ברומען
פון הפקרן ווינט.
כ׳האָב דאָס אַלץ מיט זיך מיטגענומען
אין מיר עס פאַרשפּינט.

דאָס איז בלויז אַ געדעכעניש, אַ מאָמענט, אַן איבערלעבעניש, וואָס ער פאַרשפּינט אין זיך און וויל עס נישט אויפגעבן, אַ פשיטא שוין דאָס גאַנצע ייִדישע פוילן, וואָס ער האָט מיטגעפירט מיט זיך אומעטום, ווו ער האָט נישט געטאָגט און נישט גענעכטיקט.

אין זיין בוך „יאָרן פון וואַנדער" זענען פאַראַן צען לידער — „דעם טאַטנס טויט" וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין גראָדנע, אין 1927, וואָס פּאַסן זיך ערשט זייער גוט אַריין אין דער שטימונג פון גאַנצן בוך. דער טאַטע איז שוין לויט היינטיקע באַגריפן געווען אַ גליקלעכער, ער איז גע־שטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן לוק־סוס פון ווידוי, גסיסה, קבורה, תהילים זאָגן און שבעה זיצן. דער טאָן פון

אין תוך געצומען

די לידער, וואָס שליסן דאָס בוך, איז אַ פּאַסיקער פֿאַרענדיקטער אַקאָרד צום גאַנצן בוך — „יאָרן אין וואַנדער".

און דאָס איז בן אדם דער סוף פֿון די סופֿן
אַביסעלע שטרוי און פֿאַרדעקט דאָס געזיכט
אַ צודעק אַ שוואַרצער צום אייביקן שלאָפֿן
עס נייגן אין טרויער די פֿלעמלעך פֿון ליכט.
און דאָס איז דער לעצטער, דער אמתער פּתרון
אַ נאָענט געוויין, וואָס ס׳פֿאַרנעמט נישט ס׳געהער.
עס שאָקלט זיך זקן צו זקן — „מה יתרון"?
עס קאַפּעט אויף צודעק אַ טרער נאָך אַ טרער.

.1950

ברוך האַגערס חסידישע מעשיות

אין בוקאַרעסט איז אין 1947 דערשינען אַ ביכל „נאָוועלן", וואָס איז אייגנטלעך אַ זאַמלונג פון אַ צענדליק קליינע דערציילונגען און אַ צוויי־דריי גרעסערע. די זאַמלונג, אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אויף דער קאַטש", זענען כמעט ווי נישט באַמערקט געוואָרן און דאָס איז אַ שאָד, ווייל דער מחבר ברוך האַגער ווייזט אַרויס אין אַלע זיינע מעשיות קינסטלערישע מעג־לעכקייטן, וואָס שטייען העכער פון זיין מאַטעריאַל. אַז מען לייענט די מעשות מוז מען קומען צום אויספיר אַז דער מחבר איז אַ זייער טאַלאַנטיר־טער מענטש, וואָס איז נישט געווען גאָר גליקלעך מיט זיין אויסוואַל פון טעמעס, אָדער בעסער געזאָגט פון זיין א יי נ צ י ק ע ר טעמע — די חסידי־שע מעשה.

אינטערעסאַנט איז, אַז צו זיין טעמע האָט ברוך האַגער נישט באַדאַרפט דערבלאָנדזשען, ווייל לויט זיין אָפּשטאַמונג איז די טעמע געקומען צו אים. זי איז ביי אים נישט קיין צופאַל און נישט קיין איינפאַל, נאָר זיין אייגן לעבן, און דאָך, ווייזט אויס, דאַרף מען מיטן לעבן זיין קינסטלעריש־פּאַרזיכ־טיק און נישט שניידן פון לעבן לעבעדיקערהייט.

האַגער טוט דאָס חלילה נישט, אָבער ס׳ווייזט אויס, אַז ער האָט בכלל נישט באַדאַרפט האָבן די גאַנצע טעמאַטיק. ווייל זיין דערפאַרונג האָט ביי אים געקענט און באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין קינסטלערישער טרייב־קראַפט צו טאָן עפּעס אַנדערש, אפשר גאָר צו האָבן דעם כוח זיך אַליין לגמרי אָוועקצוטראָגן פון דעם מקור, וואָס פון אים האָט ער כלומרשט געשעפּט זיין גאַנצע באַגייסטערונג.

איך זאָג כ ל ו מ ר ש ט און דאָס באַדאַרף אויפגעקלערט ווערן. זיינע אַלע דערציילונגען שטייען ערגעץ צווישן פּרצס „חסידיש" און די פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן. ביי פּרצן איז די נשמהדיקע מאָראַל עפּעס אַזוינס, וואָס זינגט אין גוף פון אַלע דערציילונגען. ווען פּרץ דערזינגט זיך צו אַ מאָראַל איז דער לייענער צוגעגרייט. די מאָראַל וואָס איז ביי פּרצן די נשמה פון זיין חסידישער אָדער פאָלקסטימלעכער מעשה, איז עפּעס אַזוינס וואָס וואַקסט אַרויס פון גאַנצן צוזאַמענשטעל פון דער מעשה. אויב מ׳זאָל מאַכן אַ דיאַ־גראַמע פון פּרצס אַ מעשה, וואָלט מען די מאָראַל געפינען אין סאַמע צענטער און פון צענטער וואָלטן געשלאָגן אָפּשטראַלונגען צו יעדער וואָרט. און דאָך

איז פּרץ געווען דער גרויסער סטיליזאַטאָר, וואָס איז געקומען צו דער חסי־דישער מעשה פון משכילישן דרויסן.

האָגער קומט (ביאָגראַפיש) פון אינעווייניק, פון סאַמע רבישן הויף, פון רבישן הויזגעזינד, און דאָך מאַכן זיינע חסידישע מעשות דעם איינדרוק פון סטיליזירטער סטיליזאַציע, פון עפּעס אַן אָפּגעקילטן מאַטעריאַל. כ'וואָלט געזאָגט פון אַ באַוווּסטזיניק אָפּגעקילטן מאַטעריאַל. האָגער האָט זיך זיכער אָפּגעגעבן דין וחשבון און געוואָלט מיט זיינע מעשות עפּעס מוסיף זיין, אָדער — עפּעס אָוועקנעמען.

און אין דעם אָוועקנעמען ליגט דווקא די אָריגינאַליטעט פון זיינע מעשות. זיי זענען אָפּגעקילטע חסידישע מעשות און דערציילעריש כמעט אָן אַ מאָראַל, כמעט אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע. טאָמער האָט ער יאָ עפּעס מאָראַל, טוט ער עס אָן צום סוף פון דער מעשה ווי אַ היטל, אָבער די ווערטער בלייבן אַמאָראַלישע, וואָס קערן זיך נישט אָן מיט דעם געוויינלעכן חסידישן מוסר השכל. די מאָראַל שטראַלט נישט אַרויס פון די ווערטער, און שטראַלט נישט צוריק צו זיי, נאָר די ווערטער, די דערציילטע און די געשילדערטע, ווערן פאַר זיך אַליין אַן עיקר.

„אויף דער קאַטש", די ערשטע דערציילונג פון בוך, איז אַ מעשה פון אַ פייערדיקן חסיד, וואָס איז אַ בריה אויף גנבענען טשאָלנט, ווען מען דאַרף עס האָבן פאַר אַ חסידישער הוליאַנקע, אָבער בעת מעשה פאַרבלאָנדזשעט ער צו אַן אשת איש. אין דער מעשה ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך צו שילדערן צוויי חסידים, וואָס זענען זיך תמיד גרייט דורס צו זיין, אָבער די פּנימער פון די צוויי קריגערס קומען אַרויס מטושטש און פון דער גאַנצער מעשה בלייבט נישט מער ווי אַ מעלאָדיע.

אין — „ערב פסחדיקע מצות" וויל ברוך האָגער שילדערן דעם צעוואָר־פענעם און פאַרחלומטן זלמנקע, וואָס טוט מצוות אין אַ צושטאַנד פון ה מ ש כ ד י ק ע ר פ אַ ר ח ל ו מ ט ק יי ט. דרימלט זיך אַריין אין אַ מצווה און ווערט פאַרלוירן אין איר. פון דער גאַנצער מעשה בלייבט אויך נישט מער ווי אַ ניגון.

אין דער מעשה וועגן דעם מחלוקת איבערן שוחט, ווען ר' חיים קאַסאָ־ווער איז מתיר די שחיטה פון אַ מתגדיש געשטיצטן שוחט, קומט די מאָ־ראַל צום סוף, ווי אַן אָנגעטאָן היטל, אַז ווי אין דער עקדה מוז אויף אומ־ברענגען אַ יידן גאָט אַליין הייסן און אויף נישט אומברענגען איז אַ מלאך אויך געגווג.

„די ברכה", „אַ בייטשל", „קאַרטשעוו", „אַ בליץ" זענען סתם קורצע חסידישע אַנעקדאָטן, וואָס זענען דערציילט אָן חסידישן ברען. און אין דעם ליגט טאַקע די סיבה פאַרוואָס די מעשות פון ברוך האָגער זענען פאַרזען

געוואָרן. מען האָט פאַרזען דעם מחברס קינסטלערישע מעגלעכקייטן און מען האָט אויך פאַרזען, אַז אין דעם וואָס ער איז געקומען אַוועקנעמען פון דער בוסח־געוואָרענער חסידישער מעשה, איז שוין געלעגן אַ געוויסער קינסט־לערישער צוגאָב.

דער אמת איז אַז האָגער איז ווי זיין אייגענער פאַרלוירענער ר׳ זלמנקע, וואָס אַזוי גיך ווי ער נעמט אין דער האַנט אַריין אַ שטיקל מצוה, הייבט ער זיך אָן אַריינצוחלומען, ביז ער פאַרלירט זיך אין איר און ס׳הייבן אים אָן פאַראינטערעסירן אַלע זייטיקע צוגאַנגען צו דער מצוה און ער ווערט גאָר נישט אַזוי זיכער ביי זיך, צי ער האָט בכלל דורכגעפירט די גאַנצע מצוה בשלימות, ביז פון זיין גאַנצן דערציילן בלייבט נישט מער ווי אַ געזאַנג.

נישט מער, אָבער דאָס אַליין איז גענוג אויף צו איבערצייגן, אַז ווען האָגער וואָלט זיך אַליין געטרויט אַן אַנדער מאַטעריאַל און נישט דאָס וואָס ער קען אַזוי אויסגעבונדן און וואָס ער וויל, שרייבנדיק, אַזוי שטאַרק דער־ווייטערן פון זיך, וואָלט ער געשאַפן אמת ווערטפולע זאַכן. ער אַנטלויפט אַזוי ענערגיש פון דער באַקאַנטער חסידישער מעשה, אַז ווען ער קומט אָן נאָכן אַנטלויף, בלייבט פון זיין מעשה נישט מער ווי לשון אַליין — וווּנדער־לעך לשון, מוזיקאַליש לשון אָבער פאַרט נישט מער ווי לשון.

אַלע זיינע מעשות זענען ווי מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס געשאַפן, אויפן הינטערגרונט פון אַ דערציילטער חסידישער מעשה, אַ שטייגער ווי רימסקי־קאָרסאַקאָווס „שעהערעזאַדע”. אָבער בעת ביי רימסקי־קאָרסאַקאָוון איז אַלץ מעלאָדיש פעט, איז ביי האַגערן זיין מוזיקאַלישער מאַטעריאַל אַ דינער און ראַפינירטער. ברוך האַגערס מעשות דאַרף מען לייענען נישט מיט די אויגן, נאָר מיטן געהער. דאָס דערמאַנטע, דורכגעלעבטע און אָנגעהערטע האָט ער איבערגעשפּילט און אַרויסגענומען דערפון יעדער פונק פון פערזענלעכער התפעלות, כדי דאָס וואָס איז ביים מחבר אַזוי סוביעקטיוו זאָל אַרויסקומען ווי ווייטער מאַטעריאַל פון טויזנט און איין נאַכט. ער האָט געזוכט דעם ריטם פון דער חסידישער מעשה און דאָס האָט זיך אים אין אַ גרויסער מאָס איינגעגעבן. אָבער געפינענדיק דעם ריטם איז ביי אים אויסגערונען דער אינהאַלט. די אַלע מעשות ווייזן, אַז ווען ער וואָלט נישט נכשל געוואָרן מיט אַ מאַטעריאַל וואָס איז אים אַזוי נאָענט, וואָלט די יידישע ליטעראַטור פון אים געקענט האָבן נחת. ער האָט מיט זיין נאָענטן מאַטעריאַל נישט געוואָלט ווערן צופיל שמעלקע אָבער ווען ער וואָלט געפונען אַ דערווייטערטע טעמע, וואָלט ער זי נענטער צוגעלאָזט צו זיך, ער וואָלט מיט איר געוואָרן היימי־שער, ווייל ער וואָלט נישט מורא געהאַט צו באַנאַליזירן זיין איינגעבוירענע אָריגינאַליטעט.

.1950

„אַ שטוב אין שטעטל“ פון יצחק יאַנאַסאָוויטש

ווען דער מאָלער גאַגען איז מיד געוואָרן פון זיין טאָג־טעגלעכער פּרנסה און פון דעם עול פון אַ שפּייזער, איז ער אַוועק פון זיין הויזגעזינד און גע־וואָרן ביסלעכווייז אַ גרויסער קינסטלער. ווען דעם דיכטער יצחק יאַנאַסאָ־וויטשעס פּאָטער האָט זיך גוט אָנגעמוטשעט אויף דער וועלט און שווייגנדיק אַריבערגעטראָגן די גרעסטע בזיונות און ממש מיטן נפש געאַרבעט ביי גאַרבעריי, ביי מילנעריי, ווי אַ טרעגער פון אויסגעווייסטע זעק, און אַלץ נישט געקענט אַריינברענגען דאָס שטיקל ברויט, איז ער אַוועק פון הויזגע־זינד, מיט טלית און תּפילין און ס׳תּהילימל, און פאַרשוואונדן צווישן אַנדערע ייִדן, מדינה־גייערס, זיך אויסגעמישט מיט זיי און געוואָרן אויס באַזונדערער ייִד און טאַטע.

דאָס אַלץ ווערט פּשוט דערציילט אין דער פּאָעמע — „אַ שטוב אין שטעטל“, וואָס איז אַרויס אין פּאַריז, אין דער סעריע ביכער פון ייִדישן פּען־קלוב. דער דיכטער יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט זיך אין משך פון דער מלחמה אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות, ראַטעווענדיק זיך אין אַזיאַטישן רוסלאַנד. נאָך דער מלחמה איז ער געקומען קיין פּאַריז, וווּ ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן ווי אַן עסייִסט און קריטיקער. ער האָט אויך געדרוקט פון צייט צו צייט קלענערע לידער, ביז ער האָט צונויפגענומען די צעשלאָגענע כּוחות און אָנגעשריבן אַ לאַנגע פּאָעמע וועגן זיין היים אין שטעטל, ערגעץ אין לאָדזשער געגנט, וועגן זיין פּאָטער, מוטער, פעטער, שוועסטער און עטלעכע שטעטלדיקע ייִדן; וועגן דער ווייַנענדיקער אָרעמקייט וואָס האָט דעם טאַטן געבויגן צו דער ערד פון בושה, ביז דאָס תּהילימל האָט אים אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט און אים געגעבן גענוג אָנשפּאַר און כּוח צו קענען אַוועק פון זיין יחידישער הילפלאָזיקייט און ווערן אַ קאָלעקטיווער ייִד, וואָס האָט שוין מער נישט קיין פּליכטן.

מיר זענען נישט רייך אין קיין לענגערע, דערציילערישע פּאָעמעס. און יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעמע איז אַ צוטראָג צו אונדזער ליטעראַטור. די פּאָעמע בלאָזט נישט פון זיך און בעת זי דערציילט צווינגט זי זיך אויף אייך נישט אַרויף מיט אַן אויסשטעל פון פּינקלענדיקער שיינקייט. מען פאַרגעסט אָפט אַז מען לייענט אַ פּאָעמע ווייל זי קאַפּיטולירט צום דערציילערישן אָטעם. די

שטילע גראַמען, הגם גאַנץ אָפט בריהשע, פאַרמאָגן אַן עניוות, וואָס קנעט זיי אַריין אין גאַנצן טעקסט און מישט זיי אויס און זיי שטערן דערפאַר קיינ־מאָל נישט דעם גאַנג פון דער פּאָעמע.

די פּאָעמע פאַרמאָגט אַ צענטראַלן העלד, און דאָס איז דער אָרעמער טאַטע, דער שווייגער און נכנע, וואָס וואָלט קיינמאָל נישט געחלומט, אַז ער, דער מענטש פון קנאַפן וואָרט, וואָס האָט נישט געהאַט דעם כוח צו פרעגן קשיות און מורמלען קעגן אייבערשטנס הנהגה — ער זאָל קענען האַלטן אַ גאַנצע פּאָעמע אויף זיינע אויסגעמאַטערטע פּלייצעס. אָבער דער זון אַנט־דעקט דעם טאַטנס גייסטיקע כוחות און ער ווייזט, אַז דעם פאַרשעמטן טאַטנס שווייגנדיקע רייד זענען געווען גוטע, יידישע, פּאָטערלעכע, וואָס האָבן אויפ־געפלאַקערט אין זיין קאָנטראַסט, אין דער רעוואָלוציאָנערער טאָכטער זיינער וואָס איז אַוועקגעפירט געוואָרן אַ געשמידטע אין קייטן.

אין דער פּאָעמע ווערט דערציילט און דערציילט זייער אַ סך, און וואָס מער מען לייענט די פשוטע דערציילערישע רייד, אַלץ מער דערשפּירט מען דעם דיכטערס תהילימדיקן ניגון, נישט דעם ניגון פון די קריסטלעך־געפרוי־רענע פּסאַלמען, פון דער פאַרגויישטער שיינקייט, נאָר דעם ניגון פון דעם יידישן שול־ און בית־מדרש־תהילים, דעם געזיפצן און געזאָגטן, דעם מורמ־לענדיקן, דעם רפואהדיקן תהילים, וואָס היילט די נשמה.

יאַנאַסאָוויטשעס פּאָעמע איז אַ למנצח פון יידישער אָרעמקייט, וואָס לייגט זיך שווער אויף דער מאַמעס פּלייצעס, ווייל זי איז די ערשטע צו זען דעם צער פון הונגעריקע קינדער. אָרעמקייט איז נישט קיין נאָווינע אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער די אָרעמקייט וואָס יאַנאַסאָוויטש באַזינגט, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, איז נישט די אָרעמקייט פון צמצום, נאָר ממש פון ברויטלאָזיקייט, פון אַ דחקות, וואָס איז נאָך אכזריותדיקער דערפאַר, וואָס זי לאָזט דעם טאַטן נישט אָפּ, זי ברעכט אים איין ביי דער גאַרבאַרניע, עסט זיך אין אים איין מיט דעם גאַנצן לעדערדיקן עיפוש, ווייסט אים אויס ווי אַ בלאַזן טראָגנדיק די זעק, און ערשט נאָך דער דאַזיקער פייניקונג, קומט ער אַלץ אַהיים מיט פאַרשעמטע און ליידיקע הענט.

אַפילו די שבתדיקע קאַפּאָטע, די שוואַרץ־געוואַנטענע, וויינט מיט איר אָרעמקייט.

נאָר איצט אַן אויסגעבליאַקעטע פון יאָרן,
אַן אויסגעפּרעסענע פון דלותדיקן שטויב,
כאָטש אויסגעבאַרשט, פאַרצירעוועט און גאַנץ —
זי האָט מיט גרינער אומעטיקער שייך געגלאַנצט,
מיט יענער בלינצלדיקער גרינער שיין
פון באַלעבאַטישער בכבודיקער נויט

וואָס פאַרמאַכט די לאָדנס אויף די פענצטער,
ווען קידוש מאַכן קומט איר אויס אויף ברויט,
ווען זמירות זינגען מוז זי וואָכעדיק און שפּל,
ביי אַ קאַלטן אביונדיקן טיש,
ווו אַנשטאָט לאָקשן עסט מען קילבלעכע קאַרטאָפל.

יאַנאַסאָוויטש איז אַ מבין אויף דער אינערלעכער מוזיק פון די ייִדישע אביונדיקע ווערטער, די וואָס שפּרינגען נישט אין די אויגן און פאַרמאָגן נישט דעם עזות פון אויפגעקומענקייט. ער קען זיי אויסשטעלן אַזוי אַז זיי זאָלן אין זייער צוזאַמענשטעל דערציילן אויף אַ ייִדישלעכן אופן, נידעריק, אָן אַרויפגעריסענע טענער.

פון די בעסטע קאַפּיטלען אין בוך איז דאָס געזאַנג פון אַן אורח אין פּראָסט. אַ בעטלער קומט מיט דער טאָרבע, ווען דאָס גאַנצע הויזגעזינד ליגט פאַרחלשט פון הונגער, און פון דער טאָרבע זיינער ווערט וואַרעמער און פריי־לעכער אין הויז. די דאָזיקע קוים אָנגעוווּנקענע אליהו הנביאדיקייט איז אויך, אין גייסט פון דער גאַנצער פּאָעמע: נישט אַן אליהו הנביא, וואָס וואַרפט רענדלעך, נאָר ער קומט מיט דער טאָרבע און מיט דעם געזאַנג פון בעט־לעריי, וואָס איז אויך גאָטס אַן אויסוועג פון אָרעמקייט.

נאָר ווי אַ הונט עס פּאַסט אַ פערדס געשפּאַן
און ווי אַ שטריימל פּאַסט דעם עלטסטן באָק פון סטאַדע —
עס פּאַסט דער אָרעמקייט דאָס גדלות פון גביר.
די גאווה וואַרפט אַוועק, ווי ס׳וואַרפט דער בוים
פון זיך אַראָפּ דעם דאַרן בלאַט.
ביי אונדזער האַר — דער זעלביקער בעל־יחסן איז
ווי דער גביר — דער פּושט יד.

פּאַראַלעל מיטן טאַטן ווערט אויך אויפגעבויט דער פעטער, וואָס איז אַ מערקווירדיקע געשטאַלט פון טראַגיקייט, להכעיס, גאווה און איינגעגע־סענעם ווידערשטאַנד, וואָס קעמפט כסדר פאַר גערעכטיקייט און גייט ביז בלוט דערפאַר, ביז ער פאַרלאָזט די ייִדישע עדה און ווערט אַ מיסיאָנער. אַ שפּור פון יאַנאַסאָוויטשעס פעטער האָב איך ערשט געפונען אין דער נייער ענגלישער פּאָעטישער נאָוועלע פון דעם קאַנאַדער דיכטער א. מ. קליין. כ׳ווייס נישט צי קליין האָט ווען עס איז געלייענט יאַנאַסאָוויטשעס „אַ שטוב אין שטעטל". ביי דעם פּאַרטיפטן פּאָעט קליין איז דער פעטער אינטעלעק־טואַליזירט צו אַ גרעסער געשטאַלט, אָבער די ביידע פעטערס פאַרמאָגן אַ קרובהשאַפט. עפּעס בורעט אין זיי אַ כסדרדיקער ווידערשטאַנד. אויך קליינס פעטער פאַרפלאָנטערט זיך מיט קריסטנטום, אויך ער שיקט אַ בריוו, וואָס וויינט מיט צער און פאַרלוירנקייט.

יעקב גלאַטשטיין

יאַנגאָסאָוויטשעס פּעטער לייגט אָפּ זיין חשבון מיט גאָט אויף יענער וועלט —

כ׳וועל בענטשן שוין אויף יענער וועלט
פּאַר גאָט אַליין... און דיינע פיינע מענטשן
זיי וועלן זיך נישט קוויקן מיט מיין צרה
ווי לאַנג איך לעב... זיי אַלעמען להכעיס,
איך וועל אין שול נישט גיין,
זיי זאָלן פון מיין שפּלות קלייבן נחת.

דער פּעטער לעבט אויף דעם יחוס זיינעם און דערציילענישן פון אַמאָל און ער ווייזט אָן די שפּורן פון זיין נישט־געשטילטער גאווה, וואָס דערפירט אים צו אונטערגאַנג —

אין פּריזע אַסיענגעכט, ביים פייער אין דער קיך,
מיר פלעגן זיצן שטיל און ער פלעגט ריידן, ריידן.
די טונקלקייט אין שטוב האָט פּלוצים אויפגעבלענדט
מיט לאַנגע ווייסע בערד. אַ זיידע נאָך אַ זיידע
פלעגט קומען דאָ צו גיין אין אַטלאַסענעם פּראַכט,
מיט הדרת־פּנים־שיין און זיכערקייט אין אַקסל.
מיט רענדלעך גאָלדענע, מיט תורה און מיט מאַכט.
עס האָט די שטוב מיט זיי זיך וונדערלעך צעוואַקסן.
אין אָט דער שפּעטער שעה, אין פּעטערס קול פאַרהערט,
האָט זיין דערציילן אונדז מיט פרייד אַדורכגענומען.
מיר האָבן טיף דערפילט, ווי עפּעס אין אונדז יערט
און עפּעס וואָס איז אונדז דערפון אויף צוגעקומען.

פאַראַן אַ סך אַזעלכע שטעלן אין דער פּאָעמע, וואָס זינגען זיך מיט אַזוי פיל מתיקות. דאָס קאַפּיטל ווידוי, ווען דער פּעטער שיקט אַ בריוו ממעמקים, פון זיין טיפער געפאַלנקייט, געהערט אויך צו די רירנדיקסטע קאַפּיטלען אין בוך.

איך האָב געלעבט און האָב געטאָן
לויט דעם ווי דו האָסט מיך געפורעמט,
און אויב איך בין געפאַלן טיף
אַראָפּ פון דיין נסיונות־טורעם,
איז עס דערפאַר,
וואָס דו, מיין האַר,
האָסט מיר קיין פליגלען נישט געגעבן.
זאָל פסקענען דיין הויך געריכט,
צי קען מען פון אַ וואָרעם וועלן,
אַז ער זאָל ווי אַן אָדלער שוועבן?

אין תוך געגומען

צי קען מען משפטן די שלאַנג,
וואָס נישט ווי אַ הירש איז זי געלאָפן?
ווען קאַליע ווערט די פאַרב אין טאָפּ,
ווילסטו ס׳געוואַנט דערפאַר באַשטראָפן?

דער פעטער איז געווען אַ מייסטער־פאַרבער און ער ענדיקט זיין ווידוי־בריוו מיט דעם לשון פון זיין צעך.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז אין דער גאַנצער פּאָעמע איז פאַראַן אַ שטילער תהילימדיקער ניגון, אַ ניגון פון דערלייזונג. דער דיכטער האָט זיך אין זיין פּאָעמע אויסגעהיט פון איבערגעשפּיצטקייט און געשריבן די קאַ־פּיטלען זיינע אין שליסל פון די ווערטער, וואָס טרייסלען נישט די זיילן פון דער וועלט, נאָר וואָס פאַרענטפערן גרויסע שאלות מיט אַ טיפן קרעכץ —

ער האָט די אויגן טיפער נאָך אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד
און נאָך עניוותדיקער, שעמעוודיק געשוויגן,
און איז אַרומגעגאַנגען, אין זיך אַליין פאַרהערט,
ווי ס׳וואָלט זיין אינגעווייד אַ קוים דערהערטן ניגון
אויסגעזוגען דין אַזוי און שטיל אים
מיט ווערטער טרייסטנדיקע פונעם תהילים.

אין זעלביקן קאַפּיטל „חצותן" קריגן מיר אַ הערלעכן אויסטייטש פון פּראָלעטאַרישער שפּירעוודיקייט, וואָס וויל זיך נישט גרויסן מיט לומדות, נאָר זוכט שלווה אין פּראָסטע, האַרציקע רייד. אפשר איז דאָס דער אַריינ־בליק אין סוד פון אונדזער יידיש לשון, וואָס איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן ווי אַ טרייסט פאַר שווערע שעהן אין אָרעמע שטובן.

נאָר איצט האָט ער דאָס לערנען אָן אַ צייט
אַוועקגעלייגט, ווי ס׳וואָלט געווען אָן עזות,
און אָט דעם מעמד זיינעם מיט לומדות זיך צו ווייזן.
אַ טרעגער... אַ שכיר יום... געטראַכט עס וואָלטן לייט:
זיין פּראָסטקייט איז דאָס לערנען גאָר מבזה.
ס׳האָט פאַר זיין שטאַנד אַצינד פיל מער געפּאַסט
די מוסר ספרים פּראָסטע, אָן די פּשטלעך.
עס האָבן טאַקע איצט פיל מער גערעדט
צו אים פון עברי־טייטש די וואונדערלעכע בלעטלעך.
דערזען האָט ער אין זיי אַ נייע וועלט
און אַ באַשייד אויף זיינע שאלות,
און אויב עס האָט אים עפּעס דאָך געקוועלט,
האָט ער געזוכט איצט טרייסט אין „שיר המעלות".

נישט אַלע פּסוקים אין דער פּאָעמע לייענען זיך אַזוי געשמאַק, אָבער דער דיכטער יצחק יאַנאַסאָוויטש ווערט קיינמאָל נישט געשמאַקלאָז. ווען די פּאָעמע בייגט זיך ערטערווייז און ווערט פּראָזע, ווערט זי אָבער נישט אָן דעם דיכטערס מיושבדיקן טאָן פון יידישער שכלדיקייט, וואָס איז פאַר זיך אַליין אויך געזאַנג. דאָס שענסטע קאַפּיטל אין בוך איז דער גלות, וואָס דער טאַטע נעמט אויף זיך ווען ער מאַכט דעם ויברח פון זיינע גשמיותדיקע אחריותן.

און פון שגעון זיינעם אַנגעגליט
האָט ער געפּלאַמט — אַ ברענענדיקער דאָרן.
גאַנץ אָפט האָט ער זיין בעט אַצינד געטיילט
מיט אַלערליי אביונים און עניים.
און ווי אַן אָרעמאַן,
ס'האָט גלייך געטאָן אַ צי אים,
גלייך איצט האָט ער געפונען דעם,
וואָס אין זיין זכות
עס האָט די וועלט אַ קיום.

פון אָרעמקייט צו הייליקייט. אָט דעם וועג פון קדושהדיקער אָרעמקייט גייט מיט אונדז דורך יאַנאַסאָוויטש אין זיין פּאָעמע. די טאַטעס, די יידישע, האָבן מורא געהאַט אָנצוטרויען דעם המשך צו די קינדער, אָבער ס'איז געווען אַן אומזיסטע מורא. יאַנאַסאָוויטשעס „אַ שטוב אין שטעטל" איז נישט־איבערגעריסענער המשך — פון ערשטן קאַפּיטל, מיט דעם פאַרשעמטן טאַטן ביי זיין אייגענעם אָרעמען שבתדיקן טיש; ביז די לעצטע ווערטער, וואָס שליסן דאָס בוך מיט דער בענקשאַפט פון דער אַלט־פרענקישער קאַפּאָטע, „וואָס האָט געבלאָזן זיך מיט פאַלעדיקן פלאַטער" און געבענקט נאָך דעם טאַטן אין שטוב —

וואָס האָט דאָרט ערגעץ ווי ביי שבתדיקע טישן אין דער פרעמד
געשמייכלט שולדיק און פאַרשעמט
צו זיך אַליין און צו זיין באָרד דער גרויער
מיט אַ דינעם לייכטנדיקן טרויער.

מיט דעם „דינעם לייכטנדיקן טרויער" איז באַשטראַלט די גאַנצע פּאָעמע פון דעם פּאָעט פון אָרעמקייט. אָבער נישט נאָר טרויער אַליין איז פאַראַן אין דער פּאָעמע, נאָר אויך אַ פלעמל פון קדושה.

1951

מנשה האַלפּערן

מנשה האַלפּערן, דער עלטסטער ייִדישער שרייבער פון בראַזיל, האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך זכרונות אונטערן נאָמען — „פּאַרמעטן״. דער זקן הסופרים פון בראַזיליאַנער ייִדישן ישוב, ווי ער ווערט אָנגערופן אין דעם קליינעם אַריינפיר צום בוך, איז שוין אָבער אַכציק יאָר אַלט, אין איין עלטער מיט דוד פּינסקין, מיט וועמען ער האָט זיך אַמאָל באַגעגנט און זיך געחברט*. גוט האָבן געטאָן די צוויי אינסטיטוציעס, דער סאַן פּאַולער אָפּטייל פון אַלוועלט־לעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס און דער פאַרבאַנד פון די סאַן פּאַולער בעסאַראַבישע ייִדן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דאָס ווערטפולע בוך.

דער מחבר אַליין זאָגט אויף זיך, אין זיין הקדמה, אַז ער איז איינער פון די לעצטע גלות־ייִדן וואָס שרייבן מעמוּאַרן. ער קוואַליפיצירט עס גלייך מיט דער דערקלערונג, אַז דער דור, פון וועמענס לעבן ער פאַרצייכנט די געשעענישן, איז שוין מער נישטאָ, ס׳איז דערפאַר נאָך אַ בוך פון אונדזער גרויסער נישטאָיקייט, נישט פון אומקום און חורבן, נאָר פון אַ פאַרשוווּנדענער, אפשר עטלעכע פאַרשוווּנדענע עפּאָכעס.

מנשה האַלפּערן זאָגט אונדז גאַנץ ריכטיק, אַז דער נייַנצנטער יאָרהונדערט האָט זיך פאַר ייִדן אין רוסלאַנד ערשט אָנגעהויבן מיט די זיבעציקער יאָרן. דאָס איז זייער טרעפלעך, ווייל דער צוואַנציקער יאָרהונדערט, ווי בכלל דער ציקל פון איינגעטיילטע וועלטלעכע יאָרהונדערטער האָט ייִדן ביז דעמאָלט כמעט ווי נישט אָנגערירט. די לבריאת־העולמדיקע צייטרעכענונג איז נישט געלאָפן פּאַראַלעל, מיט די יאָרהונדערטער און מיט זייערע געשעענישן און קינסטלעכע אַריינטייטשונגען. די געשיכטע פון יאָרהונדערטער האָט אונדז בכלל אויסגעלאָזט פון חשבון; מיר האָבן די געשעענישן נישט געפּערעמט, מיר זענען אַפילו נישט געווען די פּאַסיווע געניסערס, ווייל וואָס שייך ייִדן האָט זיך דער מיטלאַלטער נישט געטיילט אין יאָרהונדערטער. ווען די קריסטלעכע וועלט האָט שוין גענומען זען ליכט, איז אונדז פון דעם ביסל ליכט אָסור געווען הנאה צו האָבן מכמה וכמה טעמים — מען האָט נישט געלאָזט און מיר האָבן נישט געוואָלט.

---

* מנשה האַלפּערן, דער זקן־הסופרים פון בראַזיל און זיין יוגנט־חבר דוד פּינסקי זענען אַוועק פון דער וועלט כמעט אין דער זעלביקער צייט.

ערשט אין די זיבעציקער יאָרן האָט אַ פּאַרשפּעקטיקער ניינצנטער יאָר־הונדערט זיך אַריינגעריסן אין די ייִדישע געסלעך פון פּוילן און רוסלאַנד. מנשה האַלפּערן איז געבוירן געוואָרן אין 1871, דאָס הייסט לויט אונדזער מאָדיפיצירטער וועלטלעכער צייטרעכענונג, אין סאַמע אָנהייב פון ייִדישן ניינצנטן יאָרהונדערט.

ס'איז באמת אַ גרויסער שאָד, וואָס דער מחבר פון די „פּאַרמעטן" כאַפּט אָפּ בחפזונדיק זיין אייגענע ביאָגראַפיע, וואָס ווערט געבראַכט צום סוף פון ווערק. אָט די ביאָגראַפיע, וואָס איז ביז גאָר פאַרביק, האָט געמעגט אַריינגעקנאָטן ווערן אין די „פּאַרמעטן". די זכרונות דערציילן בלויז פון די זיבעציקער יאָרן, ביז הערצלס דערשיינען אויף אונדזער „היסטאָרישער בינע". שפּעטער באַמערקט זיך אַז דער מחבר האָט פאַרלוירן זיין שרייבעריש געדולד און ער האָט אויף גיך אָפּגעכאַפּט זיין אייגענע לעבנסבאַשרייבונג, און דערמיט געטאָן אויך אַן עוולה דעם יונגן בראַזיליאַנער ייִדישן ישוב, וואָס פון אים און זיין אַנטוויקלונג האָט מנשה האַלפּערן זיכער אַ סך צו דערציילן.

אָבער אַזאַ שטייגער ווערק פון קרוב צו דריי הונדערט פופציק זייטן דאַרף מען אוודאי נישט קריטיקירן פאַר דעם וואָס עס פעלט אין דעם, נאָר פאַר דער ברכה וואָס איז דאָ אין דעם — ווייל אין דעם בוך איז פאַראַן אַן עשירות פון אינפאָרמאַציע. אויב כ'דערמאָן די איינגעשרומפּענקייט און די סקעלעטישקייט פון דער אויטאָביאָגראַפיע, טו איך עס דערפאַר, ווייל דער דיכטער, פובליציסט און בעלעטריסט מנשה האַלפּערן, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1893, דאָס הייסט מיט גאַנצע זעכציק יאָר צוריק, געקראָגן שריפטשטעלערישע דערמונטערונג פון י. ל. פּרצן און פון פּרצס יונגן מיטהעלפער דוד פּינסקין, האָט זיכער געקענט רייכער אַוועקשטעלן זיינע אייגענע דורכגעלעבטע יאָרן, ווען ער וואָלט זיי באַהאַנדלט קינסטלעריש, און נישט שטיפּ־פאָטעריש — ווי זיין אייגן לעבן וואָלט קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, אָדער ווי ער וואָלט זיך איינגאַנצן אויסגעשעפּט מיט דער בהדרגהדיקער און סיסטעמאַטישער שילדערונג פון אַ וויכטיק פּערטל יאָרהונדערט ייִדיש לעבן, וואָס האָט זיך געשלאָסן מיט דעם ניינצנטן יאָרהונדערט.

די „פּאַרמעטן" ליידן פון אַ סך איבערחזרונגען. ס'קען זיין אַז שולדיק אין דעם איז די איילעניש ביים איבערקוקן און קאָרעגירן דעם מאַנוסקריפּט. דער מחבר דאַנקט „אַ ווילער ייִדישער טאָכטער" פאַר איר טעכנישער אַרבעט, וואָס האָט פאַרלייכטערט די פּיין פון אויספּעל אין דעם שרייבערס ראיה. און פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרפן אפשר מעמוּאַרן געשריבן ווערן אין די פריערע יאָרן, כדי מען זאָל נאָך אַליין קענען זיין באַלעבאָס איבער דעם אָנגעשריבענעם און איבער דעם וואָס דאַרף רעדאַקטירט ווערן.

דער ערשטער טייל פון די זכרונות הייסט — לינעצקיס־שמרס צייטן. ס׳רעדט זיך טאַקע אין דער אָפּטיילונג פון לינעצקין, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז שמר האָט אין ערגעץ נישט געקראָגן אַזאַ שטאַרקן מאָנומענט און וואַ־רעמע אָפּשאַצונג, אָן שום רעזערוואַציעס און צוריקצינישן, ווי ער קריגט אין מנשה האַלפּערנס זכרונות. שמר ווערט פּשוט פאַרגעשטעלט ווי דער ליכט־ברענגער, דער אויגן־עפענער פון דער יוגנט, דער פּראָגרעסיווער גייסט וואָס האָט דער ערשטער געבראַכט בוך, ליטעראַטור און לשון אין די שטעט און שטעטלעך פון יידישער צוריקגעשטאַנענקייט.

מיר האָבן דאָך אַלע געלייענט וועגן שמר דעם זשאַרגאָניזירער פון יידישן לשון, וועגן דעם אויסטראַכטער פון ווילדע נישט־געשטויגנס, אָבער אין מנשה האַלפּערנס זכרונות, פאַרנעמט שמר דאָס בכבודיקסטע אָרט, נישט נאָר פון אַ שרייבער, נאָר פון אַ קולטוריזאַטאָר, אַ מין לאָמאָנאָסאָוו, אָדער נאָך וויכ־טיקער — אַ רוסאָ.

אויף וויפיל דאָס איז בוכשטעבלעך אמת, נעם איך זיך איצטער נישט אונטער צו זאָגן. איך אַליין האָב זיך באַטייליקט אין דער אויפריכטונג פון שמרס געדעכעניש, אָבער ס׳האָט זיך מיר קיינמאָל נישט געחלומט, אַז ס׳וועט קומען אַן עלטערער שרייבער, וואָס וועט אים געטריי אָפּגעבן אַזאַ אויבנאָן.

אָבער גערעכט צי איבערגעטריבן, אַרום שמרן און זיינע ראָמאַנען, וואָס האָבן נישט נאָר געלערנט לייענען נאָר זיך ליבן, ווערט געשילדערט אַ יידי־שע וועלט, פון באַלמעלאָכעס, יחסנים, יידישע טעכטער, יינגלעך, וואָס וואַקסן שוין אויף אַנטקעגן די טאַטעס, און טאַטעס וואָס ווערן ביסלעכווייז ווייכער און נאָכגעביקער. ס׳ווערט דערציילט פון יידישע פּרנסות, יידישע טראַגע־דיעס און קאָמעדיעס, יידישן שטייגער און יידישן צוזאַמענלעבן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אין שרעק אָבער אויך אין איינגעלעבטער צוגע־וווינטקייט.

דערביי פאַרגעסט דער מחבר קיינמאָל נישט, אַז ער שרייבט אַ זעלטע־נעם פּנקס, און ער פאַרצייכנט הונדערטער פּראָזן און גלייכווערטלעך פון די אַכציקער יאָרן, וואָס באַרייכערן דאָס בוך מיט יידישן פאָלקלאָר און מיט אַ סך שוין־לאַנג פאַרגעסענע מנהגים, וואָס זענען קיינמאָל נישט אַזוי רעקאָר־דירט געוואָרן אין איין בוך.

אין שמרס צייטן (ווי געזאָגט איז שמר ביי מנשה האַלפּערנען אַ גאַנצע עפּאָכע), דערציילט אונדז דער מחבר, האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה אויף די שדכנים. מען האָט אויפגעהערט מורא האָבן צו שפּילן אַ ליבע און דער שדכן אַליין, כדי זיך מפרנס צו זיין, האָט געמוזט קומען אין אַזעלכע מקומות, ווו ס׳האָבן שפּאַצירט פאַרליבטע פּאָרלעך, כדי ער זאָל מיט זיין שדכנות סאַנק־

ציאַנירן דאָס, וואָס יונגע (פאַרשמרטע) פאַרלעך האָבן זיך שוין סיי־ווי־סיי דערלויבט.

דער צווייטער טייל איז געווידמעט די ייִדישע פּאָסעסאָרס, די ייִדישע פּריצים, גוטבאַזיצערס, און זייער רחבותדיק לעבן. אין דעם טייל זעען מיר דעם פּויער אין זיין צוגעבונדנקייט צום ייִדישן פּריץ. מנשה האַלפּערן ווייזט אונדז דעם ייִדישן פּאָסעסאָר, ווי אַ ייִד פון אחריות, וואָס שפּירט אַז דווקא ווייל אים איז באַשערט נגידות, מוז ער זיין גוט צום פּויער, כדי צו האַלטן הויך דעם ייִדישן נאָמען. מען זעט נישט חלילה, אַז מנשה האַלפּערן זאָל זיך אָנשטרענגען און שילדערן צום גוטן דעם ייִדישן פּאָסעסאָר מחמת אהבת ישראל, הגם ביי מיר איז עס נישט קיין עוולה, נאָר ער דערציילט אונדז וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע פּריצים מיט אַן ערלעכער פּשטות.

פאַראַן אין בוך אַ קורץ קאַפּיטל וועגן „צאַרישן גלות און פּאָגראָמען" און אַ רייכע אָפּטיילונג פון אַ הונדערט זייטן, וואָס הייסט „ייִדישער שטייגער". דאָס איז באמת אַ וויסנשאַפטלעכער און קאַטאַלאָגירטער שפּאַציר איבער דעם דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן און אַ צוריקרוף פון יענע צייטן. מיר האָבן דאָ צען גרויסע קאַפּיטלען וועגן ייִדישע שטעטלעך, וועגן ייִדישן האָב און גוטס, שילדערונגען וועגן דער איינגעשטעלטער ייִדישער שטוב, ייִדישער חיונה און אַפילו ייִדישער ליידיקגייערײַ; וועגן ייִדישן דלות, וועגן וואָך און שבת, און — מען זאָל באַהיט ווערן — וועגן זעלטענע פאַלן פון שמד; השכלה און משכילים, דרך־ארץ פאַר אַלטע לייט, ייִדישער דערציִונג, וועגן חדר און וועגן די עקזעקוציעס אין חדר, וועגן די שמיץ אין „ווי־הייסט־מענעסעל".

אַ גאַנצער מוזיי איז דאָס דאָזיקע זעלטענע בוך, און מיר איז באמת אַ וווּנדער, וואָס ס׳האָט נאָך ביז איצט נישט געקראָגן די אָנערקענונג וואָס אַזאַ ווערק פאַרדינט.

כ׳וויל דאָ פאַרענדיקן מיט אַן אויסצוג פון דעם מחברס אייגענער הקדמה, ווייל אין די צוויי פּאַראַגראַפן ווערט בקיצור געגעבן דאָס בילד פון דעם גאַנצן געסדרהטן מעמוארן־בוך, בעסער ווי איך קען עס געבן.

„מיט דער אַנטשקלאַפּונג פון אוקראַיִנער, פּאָלעסיער, ווייסרוסלענדער און אַנדערע פּויערים, האָבן אויך ייִדן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון פּוילישן פּאַן. די דאָזיקע דערשיינונג האָט געפירט צו אַ נייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. ייִדן האָבן אָנגעפאַנגען קומען אין באַריר דירעקט מיטן פּויער, דער עיקר־עלעמענט פון דער רוסלענדישער מאַסע. ייִדן האָבן דאַן אָנגעפאַנגען באַזעצן זיך אין דערפער. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם פּוילישן פּאַנס ירידה איז אויפגעקומען דער ייִדישער פּאָסעסאָר און מילנער. זיי האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער אויס־

בעסערונג פון דער באַדנווירטשאַפט און פאַרמערונג פון די פיש־ און ראַקעס־רייכקייט אין די טייכן. די פּאָסעסאָרן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן ציוויליזאַטאָרישן איינפלוס אויף די יידן און פויערים אין דאָרף, און באַזונדער אויף דער יידישער שטעטלדיקער יוגנט. גראָד אָט דער פּע־ריאָד איז גאָרנישט, אָדער שוואַך באַלויכטן געווען אין אונדזער ליטע־ראַטור. דער היסטאָרישער פּראָצעס אינעם יידישן לעבן דעמאָלט, אויך די השפּעה פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה צוליב דער באַפרייונג פון די באַלקאַנען, האָבן געבראַכט אויפלעבונג צו פיל איינגעשלאָפענע גייס־טיקע כוחות ביי יידן.

„איך האָב געזען די פאַרוואָרפונג פונעם זשאַרגאָן ביי יידן, און די אַנטשטייונג פון יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. איך בין געווען ביי דעם אויפקום פון אַ גרויסער יידישער לייענער־מאַסע פון באַלמע־לאָכעס, דינסטן, משרתים, באַלעגאָלעס, מאַרק־זיצערקעס און וואַנדער־הענדלערלעך, כל ישראל. איך דערמאָן זיך נאָך וועגן דער שנעל רעוואָ־לוציאָנירנדיקער ווירקונג פון לינעצקיס סאַטירעס און שמרס ראָמאַנען אויף יידישער יוגנט. אין יענע יאָרן האָט מיט שטורעם און דראַנג אָנ־געפאַנגען זיך צווישן קינדער און עלטערן אַ קאַמף פאַר וועלטלעכקייט און בילדונג. צום ערשטן מאָל אינעם גלות־לעבן איז דעמאָלט געוואָרפן געוואָרן אויף דער יידישער גאַס פּינסקערס רוף צו אויטאָ־עמאַנציפּאַציע, און די חבת־ציון־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן שטעלן טריט אויפן יידישן טראַקט. און אויך דעמאָלט שוין האָט די השכלה זיך פאַרקירעוועט צו די וועגן פון אַסימילאַציע...‟

1953.

משה דוד גיסער

„דאָס געזאַנג פון אַ לעבן", די לעצטע זאַמלונג לידער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע צום ערשטן יאָרצייט פון דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט משה דוד גיסער, איז אַ בוך פון קנאַפּע 300 זייטן, אָבער ס'האָט נישט געהאַט קיין גרויס מזל. ס'זענען נישט דערשינען קיין צופיל אָפּשאַצונגען, הגם ס'איז אַ פול בוך אָנגעפּיקעוועט מיט לידער פון אַלערליי שטימונגען. מ'וועט זיך נאָך אָבער זיכער אומקערן און ברייטער רעדן וועגן דעם דיכטער פון ערלעכן און אַמאָל אויך אָריגינעלן וואָרט. די ייִדישע ליטעראַטור איז בדרך כלל נישט קיין שלעכטע אָפּגעבערן. מיט אַלע גערעכטע און אומגערעכטע קריוודעס, וואָס פּאָעטן האָבן געוויינטלעך צו דער בוכהאַלטעריע פון אונדזער ליטעראַטור, קריגט, דאַכט זיך, יעדער זיין אָרט, ווען אַפילו בלויז אויף דערווייל ביז אַן איבערשאַצונג; און אַפילו ווען עמעצן איז ענג, ווייל אַן אַנדערער האָט פאַרכאַפּט אַ גרעסערע טעריטאָריע, איז אָבער דער פּאָעטישער טיש אַ גאַנץ עלאַסטישער, ער צערוקט זיך. נישטאָ קיין איין ליטעראַטור מיט אַזוי פיל פּאָעטן, וואָס רעכענען זיך און ווערן געציילט, ווי אין דער ברייטהאַרציקער ייִדישער פּאָעזיע.

קורץ פאַר זיין פריצייטיקן און אומגעריכטן טויט, האָט דער פּאָעט משה דוד גיסער באַזוכט ניו־יאָרק און געהאַט אַ ביסל שיברת הלב, וואָס מען האָט אים נישט געגעבן קיין צו־וואַרעמע אויפנאַמע. אָבער דאָס האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען אונדזערע, און בשעתו האָב איך געשריבן וועגן דעם און ס'איז נישט כדאַי דאָ איבערצוחזרן, פאַרוואָס אונדזערע קבלת־פּנימס צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבעריקער וואַרעמקייט. די גאַנצע ליטעראַרישע משפּחה האָט אָבער געוווּסט, אַז ביי אונדז אין שטאָט האָט פאַרבראַכט איינער פון דער משפּחה.

גיסער איז געבוירן געוואָרן אין ראָדעם, פּוילן. ער איז געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1924, אָבער ער האָט זיך דאָרט שטאַרק געמוטשעט און אין יאָר 1933 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין טשילע, ווו ער איז געוואָרן אַ תושב. ער איז געשטאָרבן אין 1952. ער האָט ביים לעבן אַרויסגעגעבן זעקס לידער־ביכער. דאָס לעצט־דערשינענע חסד של אמתדיק בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם משה דוד גיסער בוך־קאָמיטעט אין טשילע, האָט

ער נאָך אַליין אָפּגעקליבן און צוזאַמענגעשטעלט, משמעות אין אַ פּאַרגעפיל פון טויט, וואָס האָט געלויערט אויף אים און געמאַכט אַ סוף צו זיין ווונטש עולה צו זיין מיט זיין גאַנצער משפחה קיין מדינת ישראל.

אַז מען לייענט די לעצטע געזאַמלטע לידער, אַפילו מיט דער הילף פון דעם וואָרעמען אַריינפיר צום בוך, וואָס דעם פּאָעטס חבר, דער בעלעטריסט פנחס ביזבערג האָט געשריבן, ווערט קלאָר פאַרוואָס ס׳איז דערווייל נאָך שווער צוצוקומען צו דער אמתער ירושה פון דיכטער. משה דוד גיסער, ווי ער אַליין האָט עדות געזאָגט אויף זיך, האָט געהאַט אַ פערז „לייכט און צאַרט״, און דאָס אייגענע וואָרט זיינס האָט ער אָפט אַביסל צו־לייכט צע־זונגען. אונדזער צייט איז נישט מסוגל פאַר דער לייכט־פערזיקייט, וואָס דער פּאָעט האָט זיך אין איר געקלאָמערט. פנחס ביזבערג איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „פון משה דודן ווייעט נאָך אַלץ אַזוי פשוט־רייזעניש, היינעש, אַזוי איינפאַך טרובאַדאַריש״. ער ברענגט עטלעכע שורות פון דיכטערס זעלבסט־כאַראַקטעריזירונג —

> כ׳האָב ליב דאָס פשוטקייט פון וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך קיין שוים נישט.
> און ס׳קומט מיט ערלעכן געזאַנג צום האַרץ פון פאָלק דעם פּראָסטן.

אָבער שאַמפּאַניער איז נישט אַזוי פשוט און האָט אַ גאַנץ פיינע שפּי־לעוודיקע שוים, און גוט, פעט, פּראָסט ביר, האָט אויך אַ גאַנץ גוטע שוים, וואָס זאָגט עדות אויף דער קוואַליטעט פון דער משקה, און דאָס פאָלק דאָס פּראָסטע, איז בכלל מער נישט צו געפינען, זיכער נישט צווישען די לייענערס פון דער יידישער פּאָעזיע. דאָס „פּראָסטע פאָלק״ וואָס עפּנט אַ בוך פון גע־זאַנגען איז שוין לאַנג אויסגעפּראָסטעוועט, און משה דוד גיסער האָט עס גאַנץ גוט געוווּסט.

די פשוטקייט פון וואָרט: אמתע פשוטקייט איז שווער זיך צו דער־ראַנגלען, און אַלע פּאָעטן פון אַלע צייטן האָבן עס געזוכט און זוכן עס נאָך עד היום. זיי זוכן די פשוטקייט, וואָס אין צוזאַמענשטעל זאָל עס נאָך אַלץ לייכטן מיט דעם ליכט פון פּאָעזיע. דאָס איז אַ שווערער ענין און גיסערס פשוטקייט האָט נישט תמיד געפאַנגען די פשטות, וואָס צו איר האָט אויך מתפלל געווען מאַני לייב, ווען ער האָט געזונגען „קום פשטות״, וואָס איר פּנים איז אים באַשערט געווען צו זען ערשט אין זיינע לעצטע יאָרן.

גיסער האָט נישט געליטן פון קיין פאַרשלייערטקייטן, פאַרקערט, ער האָט געליטן פון פשוטקייט, וואָס האָט אים מסתמא אַליין נישט צופרידנגע־שטעלט... דערפאַר האָט ער מיט איר זיך אַרויסגעשטעלט, אָבער טיף אינער־לעך האָט ער געשפּירט, אַז פשוטקייט איז נאָך אַנאָנים, בעת פשטות קען

שוין טראָגן דעם חותם פון אינדיווידועלער שאַפונג. איז דערפאַר, לעת עתה, שווער צו דערגיין צום אינדיווידועלן וואָרט, וואָס משה דוד גיסער האָט געבראַכט מיט זיין ליד. אַ סך האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע טשילע־נער געזאַנגען, אָבער דאָס טשילענישע אין זיי האָט נישט מכפּר געווען אויף דער צעשויבערטקייט פון ליד און די אומאָריגינאַליטעט פון געזאַנג.

משה דוד גיסער האָט זיכער פאַרמאָגט אייגנס. ווידעראַמאָל קומען מיר צו פנחס ביזבערגס אַריינפיר און צו זיינס אַ זעלטן גוטן אויסדרוק „גוטס־גיניקייט". אין גיסערס בעסערע און אייגענערע לידער קומט צום אויסדרוק אָט די גוטס־גיניקייט — דאָס טראָגן אַ פול האַרץ מיט גוטסקייט אין פאַר־גינערישקייט. ווען מען שניידט אַרויס דאָס דאָזיקע וואַרעמע ביסל אייגנס, נאָכדעם ווי מען שניידט אַוועק דעם פרעמדן אָנוווקס, בלייבט אַ פּאָעט, וואָס האָט געהאַט אַ רעכט צו זאָגן — „און איך בין אויסטערליש אין אַלע מיינע גרייזן". די „אויסטערלישקייט" איז באַשטאַנען אין וואַרעמקייט צום פאַר־האַרעוועטן מענטש. דאָס האָט מסתמא דער פּאָעט געמיינט, ווען ער האָט גערעדט פון „פאָלק דעם פּראָסטן".

גיסער האָט שטאַרק ליב געהאַט זינגענדיקע שורות. ער איז דערפאַר מערערע מאָל פאַרפירט געוואָרן פון זיי. אַז ער האָט זיך צעזונגען האָבן אים ווערטער נישט אַלעמאָל געפאָלגט אָבער אין די מאָמענטן ווען ס'איז אים געלונגען איינצוזינגען זיינע רייד אין גוטע שורות, האָט ער געשאַפן איינ־דרוקספולע פערזן, וואָס האָבן געוויזן, אַז זיין גרעסטער פריינד איז געווען די שטרענגסטע דיסציפלין, וואָס קעגן איר האָט ער אָפט געזינדיקט. דער־פאַר האָט ער זיך פאַרזונגען, און ווען ער האָט זיך פאַרזונגען, האָט ער זיך אויך פאַררעדט.

> עס צינדט זיך שוין שקיעה אויף קעפּ פון די געטער,
> וואָס ברענען אין אָפּשיין פון זונען־פאַרגאַנג,
> פאַר זיי איז נישטאָ מער קיין העלפער, קיין רעטער,
> דער חושך פאַרשלינגט זיי און ס'טוט אונדז נישט באַנג.

דאָס זענען פיר שוואַכע שורות, די „געטער־דעמערונג" פון אונדזער צייט איז נישט געווען פאַר משה דוד גיסערס דיכטערישע כוחות, און זיין קאָמענטאַר, אַז „ס'טוט אונדז נישט באַנג", האָט דערפאַר געקלונגען... צום גראָם.

אָבער אין לידער וואָס ער האָט אין זיי באַזונגען דלות און נויט, זענען די גראַמען קיין שטער נישט, פאַרקערט, זיי פיקן צום ציל און מאַכן בולטער וואָס ער וויל זאָגן:

אין תוך געגומען

דאָס זענען מיינע הענט, נאַט אייך און אָט זעט זיי!
פון וווּנדן דורכגעאַקערט, פון האַמער־שלעק צעשלאָגן.
און אַלץ וואָס טרעפט מיין לעבן, רחמימלאָז געשעט זיי.
ווי ווילט זיך אויף זיי פרייען,
און ס'ווילט זיך אויף זיי קלאָגן:
אָ, הענט, איר שווערע, האַרטע,
איר הייליקע און צאַרטע,
מיט קנייטשן און מיט צייכנס אומצייליקע באַשריבן,
בלויז פאַר מיר פאַר איינעם,
און ווייטער נישט פאַר קיינעם,
זענט איר מיר, אָ, דלאָניעס, ווי לוחות צוויי געבליבן.

אין דעם פערז שטערן די צוויי שורות „פאַר מיר נאָר איינעם און ווייטער נישט פאַר קיינעם", וואָס קלינגען טעאַטער־לידל־מעסיק, אָבער די אַנדערע שורות זענען אַן עכטער אויסדרוק פון גיסערס שווערער מעטאַלורגישער אַרבעט, ווי אַן אייזנטאָקער.

איצט זענען זיי נישט צאַרט מער, נאָר האַרט מיט פעל באַצויגן,
די פינגער, ווי אין האַקעס, צעברעקלט און געבויגן.
צעגריבלט און צעגראָבן, מיט גאַרנישט צו פאַרווישן.

ווען מען דאַרף, האָט דער דיכטער אויך געקענט אַ קנייטש טאָן אַן אַלט וואָרט, ווי „צעגריבלט", „צעברעקלט" און פון דעם אַרויסשלאָגן גוטע וואָרט־חיונה. זיין רחמנות אויף די צעפּאָרענע הענט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטער, וואָס האָט בכלל געוויטיקט פאַר דעם מענטש פון נויט און פּראָצע.

מיט די וואָס אַרבעטן ביי גראָבנס און קאַנאַלן;
מיט די וואָס נאַקעטע די הוילע גאַסן שטייניקן.
אין טעג צעשמאָלצענע פון גליענדיקע שטראַלן,
וויל איך מיין קללה־ליד פאַראייניקן.
מיט די וואָס הונגערן, מיט די וואָס מויערן,
מיט טויזנטער פאַרפּייניקטע, געליטענע,
וויל איך חלומען און טרויערן,
און הייליק יאָמערן אויף לעבנס יונג־פאַרשניטענע.

אַוודאי איז דאָס אַן אַלט־באַקאַנטער מאָטיוו און סך דיכטער ווייסן וואויל, אַז מען דאַרף מיט דעם אַ קאָקעטיר טאָן, ווייל די גרויזאַמע וועלט האָט ליב די מענטשלעכקייט זאָל זיך וואַלגערן אין לידער; די אומגלייביקע וועלט האָט ליב גלויבן — און אַ סך פּראָזע־שרייבער און פּאָעטן ווייסן עס און זיי קלאַפּן אַריין אויך די טשוועקעס אין אָרון פון זייער אומשטערבלעכקייט. אָבער ביי משה דוד גיסער איז עס נישט קיין חנדל און נישט קיין

באַכגעזונגענע קאַקעטעריי, אַז אַזוי לאַנג ווי איין מענטש איז אין תפיסה, איז ער, דער וויטמאַניש־נאַכגעמאַכטער דיכטער, נישט פריי. ניין, גיסער זינגט נישט ווייל ס׳איז מאָדיש אַזוי צו זינגען. זיינע אַרבעט־ און הונגער־מאָטיוון זענען ערנסטע און איבערצייגנדיקע.

די פעלדער שרומפּן איין און ס׳שפּרייט זיך אויס אַ צאָרן —
פון וויסט און טריקעניש, אויף גראָז, אויף בוים און דאָרן.
פאַרברענט דער ווייץ און גערשט, און אַלץ איז האַרט און טרוקן,
גלייך ס׳וואָלט די ערד געהאַט אַ שאַנדפלעק אויף איר רוקן.
די טייכן דעמפּן ווייס און ס׳בלייבט נאָך זיי אַ שימל,
וואָס גלאָצט מיט גרינער גאַל אַרויף צום בלויען הימל.

דער פּאָעט משה דוד גיסער וואָס איז יונג אַוועק פון ראַדעם, פּוילן, און געוואָרן אַ דרום־אַמעריקאַנער תושב, האָט אויך געהאַט אַ זין פאַר דעם גע־קייטלטן המשך פון יידישער באַזעצונג אין פּוילן, און ער האָט פיל מאָל באַזונגען דעם ייד, מסתמא אַן אייגענעם, וואָס —

פון פראַנקפורט אַם־מיין
מיט דורות צוריק
איז אונדזער אַ זיידע
קיין פּוילן געגאַנגען,
מיט ווייב און קינד,
אַ גאַנצע פאַבריק,
מיט טיכלען און דריי־בענק,
מיט האַמערס אין די בוידן.

און אין אַן אַנדער ליד זינגט ער אַזוי פון דער פאַר־היסטאָרישער גע־שיכטע פון יידן אין פּוילן:

ווען פּוילן איז נאָך סטעפּ געוועזן,
ווילדעניש און וואַלד,
זענען אונדזערע זיידעס שוין געקומען מיט אַ שפּראַך
און האָבן אויסגעלערנט די שבטים פונעם אָרט
צו בויען זיך אַ הויז —
מיט פענצטער, טיר און דאַך.

— — — — — — — — — — — — —

און געלטער אויסגעמינצט
אויף אַלט־העברעיִשער שפּראַך.
געמאַכט אים ווערקשטאַטן,
וועגן, שליאַכן, איינגעפירט יריד.

משה דוד גיסער איז געווען פאַרליבט אין וואָרט, קלאַנג און דיכטער. פיל מאָל האָט ער געזונגען וועגן און פון חברים־פּאָעטן, וואָס זענען שטענדיק ביי אים געווען דאָס זיבעטע וווּנדער. ער האָט, לעבנדיק אין סאַנטיאַגאָ, טשילע, זיך געברודערט מיט דער גאַנצער יידישער פּאָעזיע אומעטום, און זיך געטרייסט, אַז ער איז איינער פון די זינגערס, וואָס —

שפּילן מיט שאָטנס,
ניואַנסן און קלאַנגען,
און ווילן פון האַרצן
פון עתיד דערלאַנגען.

פון אַלע זיינע לידער, פון אַלע זיינע געזאַנגען פון נייעם לאַנד, דערמאָנונגען פון פּוילן און היימישע געשטאַלטן, געזאַנגען וועגן מדינת ישראל, און צער־און־צייט־לידער, הייבט זיך אַרויס זיין געזאַנג צו אָרעמקייט און הונגער, וואָס האָט דעם דיכטער פאַרפאָלגט און אים כסדר געוואָרנט, אַז פון כאָאָס פון נויט, איז ער פאַרמשפּט צו שאַפן האַרמאָניע.

גייסט פון אָרעמקייט, דערהויבן זיי
איבער אונדז און איבער אונדזער נויט,
און הויב אויף הענט באַוואַקסענע,
און בענטשט אונדז שווייגנדיק און שטום.
מיר שטייען עלנטע — און הונגעריק —
פאַר דיינע טויטע טרעפּ,
מיט וווּנדן אין די פּנימער,
מיט דאַר געשמידטע קני און ליפּן קראַנק צעפּלאַקערטע,
און שטומע וואַרטן מיר —
מיט שטיינער אין געמיט.

אָט די תפילות צו דערהויבן דעם גייסט פון אָרעמקייט „איבער אונדז און איבער אונדזער נויט" איז דאָס סאַמע געראָטנסטע אין בוך פון משה דוד גיסערס אָפּקלייב פון זיינע לידער, וואָס איז ערשט דערשינען נאָך זיין אומדערוואַרטן טויט. דערפאַר איז איינס פון די בעסטע לידער „ביים טיגל, אַ ליד צו שווערער אַרבעט".

אויף מיינע הענט און ביינער, ווער וואָלט וועלן גלייבן;
אויף מיר, וואָס כ'האָב געשוימט
דאָס הייסע מעש פון טיגלען,
ווען ס'האָט אין פייער זיך דאָס שפּיאַלטער בלוי געבלעזלט
און אַלץ האָט זיס געדרייט זיך אין פעדער־גרינע שטויבן.
איך וואָס האָב געאָטעמט רויך מיט פולע לונגען
און פלעג מיט שווערע צוואַנגען די גרעסטע טיגלען הויבן.

יעקב גלאַטשטיין

זאָלן לידער זינגען און מיינע מעשים לויבן.
געלויבט זאָלן זיין די אָרעמס אויף פייער־בראַנד געבראָטן,
געבענטשט זאָל זיין דאָס פּנים, באַבויט, באַגרינט מיט שאָטנס
פון בראַנדיקע קאָלירן, באַשפּיאַלטערט און באַקופּערט,
נאָר ווײ איז דעם, וואָס היפּערט
און גיסט דעם גוס דערנעבן.

דאָס איז בלויז אַ העלפט פון דעם אָריגינעלן ליד, וואָס זינגט מיט דעם ריטם פון גוט־צוגעקליבענע ווערטער און עכטע בילדער פון „בראַנדיקע קאָלירן". נישט אומזיסט ברענגט פּנחס ביזבערג אַ ליד פון משה דוד גיסער (וואָס לויט זיין משפּחה־נאָמען שטאַמט ער אוודאי פון דור־דור מעטאַל־גיסערס), וועגן געשטאָרבענעם לאַמטערן־צינדער, און ער אידענטיפיצירט עס מיט דעם פרי־אַוועקגייענדיקן דיכטער.

דער מאַן, וואָס צינדט אָן פייערן,
דער מאַן איז מער נישטאָ.
און נישט זיין שפּאַן מאַכט ציטערן
די ערב אָוונט־שעה.
ער קומט נישט מער אָן ליגנדיק —
און ווו נאָר אַ לאַמטער,
וויגט זי זיך אין פינצטערניש
און וואַרט אויף אים נישט מער.
דער מאַן, וואָס צינדט אָן פייערן,
ער ברענגט נישט מער ס׳געשאַנק,
די בשורה פון זיין ליכטיקייט
און אויפשטיין פון געזאַנג.

אין אויפשטיין פון זיין עכטן געזאַנג, האָט משה דוד גיסער געבראַכט אַן אייגן געשאַנק דער יידישער פּאָעזיע, און זיין פריצייטיקער טויט האָט איבערגעריסן דאָס געזאַנג פון אַ דיכטער, וואָס האָט זיך דורך פּשוטקייט געריסן צו דער שלימות פון דערהויבענער פּשטות.

.1955

אַ יידישער דיכטער אין קובאַ

מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט דער פּאָעט אליעזר אַראָ־נאָווסקי אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך לידער אין האַוואַנאַ, קובאַ. דער יידישער ישוב אין קובאַ איז אַ יונגער, קוים דרייסיק יאָר אַלט. ס׳רעדט זיך נישט פון אויסנאַמען, פון פאַרבלאָנדזשעטע און פאַרהאַלטענע יידן, אויפן וועג צו אַנדערע לענדער; פון די געציילטע ספרדישע אָדער פון די אַמאָליקע מאַראַ־נען־משפחות. מ׳רעדט פון דעם אימיגראַציע־שטראָם פון אייראָפּעיִשע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט דאָרט און פאַרקניפּט זייער גורל מיט דעם קובאַנער פאָלק. די דאָזיקע באַוווסטזיניקע יידישע איינוואַנדערונג, מיט אַ ווילן צו בלייבן אין לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אליעזר אַראָנאָווסקי מעג דערפאַר צוגערעכנט ווערן צו די עלטסטע יידישע תושבים אין קובאַ, הגם ווען ער איז געקומען קיין האַוואַנאַ האָבן שוין דאָרט געוווינט אַרום פינף טויזנט יידן. היינט האָבן מיר דאָרט אַ ישוב פון קיין עין הרע איבער צען טויזנט יידן.

אַזוי גיך ווי דער פּאָעט אַראָנאָווסקי איז געקומען קיין האַוואַנאַ, האָט ער גלייך אָנגעהויבן שרייבן קובאַנער לידער. אַזוי הייסט טאַקע זיין ערשט בוך לידער, וואָס איז דערשינען אין 1928. ער האָט זיך פאַרליבט אין לאַנד און איז געוואָרן איינער פון אירע וואַרעמסטע און פּאַטריאָטישסטע באַזינ־גערס. פון דעמאָלט אָן האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע לידער־זאַמלונגען און זיינס אַ ליד האָט אַפילו געהאַט די זכיה צו ווערן כמעט אַ נאַציאָנאַלע הימנע. דאָס יידישע לשון איז דערמיט שטאַרק געגרויסט געוואָרן אין קובאַ. אַראָ־נאָווסקיס פּאַטריאָטישע געזאַנגען, איבערגעזעצט פון יידיש, זענען אַריין אין די שפּאַנישע טעקסט־ביכער פאַר די רעגירונג־שולן און זענען אַפילו געדרוקט געוואָרן אין אַ קאַטוילישן וואָכנבלאַט.

הכלל, אַט דער יידישער אימיגראַנט האָט, אין נאָמען פון יידישן ישוב, געצאָלט מיט ליבשאַפט צום לאַנד און די וועקסלען זענען כסדר באַצאָלט געוואָרן אויף יידיש. דערמיט איז אַראָנאָווסקי איינציקאַרטיק — אַ יידיש־פּאַטריאָטישער פּאָעט פון לאַנד פון זיין איינוואַנדער. אויך אַנדערע פּאָעטן האָבן געשריבן וואַרעמע לידער צו די לענדער פון זייער איינוואַנדערשאַפט, אָבער אַראָנאָווסקי האָט קובאַנער פּאַטריאָטיזם פּאַקטיש געמאַכט פאַר דעם הויפּט־מאָטיוו פון זיינע געזאַנגען. מען קען אפשר זאָגן, אַז קובאַ האָט אַ

מאַגנעטישן כוח, ווייל ווען דאָרט האָט געוווינט אַשר פען, האָט ער זיך אויך געשניטן אויף אַ פּאַטריאָטישן קובאַנער פּאָעט.

די גייסטע פּאָעמע פון אליעזר אַראַנאָווסקי הייסט „מאַרטי" און איז דאָס טרויער־און־האָפענונג־געזאַנג, אַרום דעם לעבן פון דעם קובאַנער „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן". כאָסע מאַרטי ווערט באַטראַכט פאַר דעם פאָטער פון דער קובאַנער רעפּובליק. אומזיסט וועט איר זוכן אינפאָרמאַציע וועגן דעם דאָזיקן פּאָעט־באַפרייער אַפילו אין די גרויסע אינפאָרמאַציע־ביכער. די „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ" פאַרגינט זיך אין גאַנצן נישט צו דערמאָנען זיין נאָמען, אָבער אין קובאַ גופא ווערט ער פאַרגעטערט און מיט עטלעכע חדשים צוריק, צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון כאָסע מאַרטי, זענען איי־בער גאַנץ קובאַ פאַרגעקומען גראַנדיעזע פייערונגען. ווי אַ געטרייער פּאָט־ריאָט־פּאָעט, האָט אליעזר אַראַנאָווסקי אויך צוגעגרייט זיין ביאָגראַפישע פּאָעמע וועגן דעם העלדישן קעמפער, וואָס האָט געהאָלפן באַפרייען דאָס קובאַנער פאָלק פון שפּאַנישן יאָך. זיין פּאָעמע איז דערשינען אין יאָר פון די נאַציאָנאַלע פייערונגען.

פון דער פּאָעמע גופא איז שווער צו כאַפּן דעם ביאָגראַפישן שטראָם פון אַ קורץ לעבן, וואָס איז געווען אינגאַנצן געווידמעט צו דער באַפרייאונג פון קובאַ. מאַרטי איז געבוירן געוואָרן אין 1853 און איז געפאַלן אין שלאַכט פאַר זיין אייגן לאַנד, אין עלטער פון 42 יאָר. ער איז געווען אַ פּאָעט און אַ פילאָזאָף. ער האָט געשריבן אַ סך עסייען, אויסדריקנדיק אין זיי דעם מענטשלעכן דראַנג נאָך פרייהייט. זיין פּראָזע, מער ווי זיין פּאָעזיע, האָט אים געשאַפן אַ פּערמאַנענט אָרט אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פון לאַטיין־אַמעריקע.

צו זעכצן יאָר איז ער שוין אַוועק אין גלות. ער איז אַרויסגעטריבן גע־וואָרן פון זיין לאַנד, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעוואָלגערט אין תפיסות פאַר דערוועגן זיך צו וועקן די דערשלאָגענע קובאַנער, אַז זיי זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער דעספּאָטישער שפּאַנישער הערשאַפט. מען האָט אים געפּאַסעוועט, געפּייניקט, אָבער זיין גייסט איז נישט געבראָכן געוואָרן.

ווי אַ פאַרטריבענער פון זיין לאַנד, איז ער אויסגעוואַקסן אין שפּאַניע, מעקסיקע, גוואַטעמאַלאַ, ווענעזועלאַ און ניו יאָרק. אומעטום האָט ער אומ־דערמידלעך געאַרבעט פאַר זיין פאָטערלאַנד. אין ניו־יאָרק האָט ער זיך מפרנס געווען שרייבנדיק אַרטיקלען פאַר דער איינגעפונדעוועטער ניו־יאָרקער „סאָן", וואָס איז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין 1895 האָבן די פלאַמען פון רעוואָלוציע אַרומגעכאַפּט מאַרטיס קובאַ. די פייערן האָט ער געהאָלפן אָנצינדן פון אומעטום, ווו ער האָט זיך געפונען.

ער איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין קובאַ און זיך געשטעלט אין שפּיץ פון די רעבעלירנדיקע אַרמייען. אין אַן אַנטשיידנדיקער שלאַכט איז ער געפאַלן פון אַ שפּאַנישער קויל.

די זאַמען וואָס ער האָט פאַרזייט זענען נישט געגאַנגען לאיבוד. דאָס זענען בקיצור די ביאָגראַפישע פּרטים פון דעם פּאָעטער פון קובאַס אומאָפּהענגיקייט. די שענסטע שטעלן אין אַראַנאָווסקיס פּאָעמע זענען די שורות וועגן מאַרטיס לעצטער שלאַכט. פאַראַן אַ מאָמענט, ווען דער באַפרייער זיצט מיט אַ חלבנע ליכט צווישן די קני און שרייבט אַ בריוו צו דער וועלט:

ברידער פון פרייהייטס־אַרמיי, איר זייט קיין סאָלדאַטן, נאָר פאָלק.
הייליק דאַרף זיין אייער טראָט.
אויסדערוויילטע פון גאָט צו באַפרייען זיין הייליקע ערד
פון בלוטיק אומווירדיקע טויט.

דער פּאַטראָנאַט פון דער ייִדישער היים אין האַוואַנאַ, וואָס האָט די פּאָעמע אַרויסגעגעבן, זאָגט אין דעם אַריינפיר — „זאָל דאָס זיין אונדזער צושטייער צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער פייערונג פון דעם הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג פון כאָסע מאַרטי, וועלכער איז געגאַנגען אין די פוס־טריט פון די נביאים און פון די גרויסע וועלט־גייסטער“.

אָט דאָס איז אַראַנאָווסקיס פּאָעמע — אַ צושטייער צו דער קובאַנער נאַציאָנאַלער פייערונג. ס׳איז אויך אַ צושטייער צו דער גלאָבאַלער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס — זיך לטובה — עפנט זי אויף אירע בלעטער פאַר אַ פּאָעמע וועגן דעם קובאַנער באַפרייער.

דאָס בוך פון אַ 110 זייטן, וואָס באַמיט זיך איבערצוגעבן די ביאָגראַפיע פון דעם פּאָעט און קריגס־פירער, איז איינגעטיילט אין זיבעצן קאַפּיטלען. ס׳איז אינטערעסאַנט ווי אַראַנאָווסקי האָט געכאַפּט דעם שניט פון דעם „לאַטייניש“ טעמפּעראַמענט. זיין ליד מוז קלינגען אָראַטאָריש און פּעט אין שפּאַנישער איבערזעצונג. ער הייבט אָן זיין פּאָעמע מיט די נוסחדישע שורות —

אויף דער גאָט־געבענטשטער ערד — מיט הונדערט יאָר צוריק,
איז אַ געסל נאָענט לעם ים, אין אַ הייזל ריין און קליין —
איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ מלאכל אַ שיינס,
אויגן — פונקען צוויי, און אַ האַרץ — אַ גרויס!

נישט לינקאָלן און נישט וואַשינגטאָן זענען געבוירן געוואָרן — שיינע מלאכימלעך, אָבער דער לאַטיינער וויל אַזוי איקאָנע־אַרטיק זען זיין העלד, פון געבוירן־טאָג אָן.

דעם פּאָעט געלינגט נישט קלאָר צו מאַכן דעם נאַראַטיוון טייל פון זיין געזאַנג, אָבער ווען עס קומט צו העלדן־פאַרגעטערונג שטייט ער זיכער נישט אָפּ פון די קובאַנער באַזינגערס.

קייטן קלינגען, קייטן זינגען אויף די צאַרטע (?) פיס מאַרטיס,
ווּנדן רייסן און זיי בריען און זיי גליען אין זיין לייב.

ער פירט אים דורך זיין גלות אין מעקסיקע, גוואַטעמאַלאַ, מאַדריד און ניו־יאָרק, און צוריק צו דער לעצטער שלאַכט. —

רופט מען פון צענדליקער שטעט: קומען זאָלן קומען מאַרטי!
די אַלע, פאַריאָגט און פאַרטריבן, בענקען פון גלות אַהיים.

און אָט איז אַ שילדערונג פון מאַרטיס יציאת נשמה, וואָס דאַרף אויך מסתמא קלינגען זייער שיין אין שפּאַניש:

פינצטער געוואָרן די וועלט. די נאַכט ליגט אין שוואַרצן צעלייגט.
שטערן נאָך שטערן זיך צינדט.
דער פלעמל, וואָס דאַכט זיך ער לעשט — ווערט נישט פאַרלאָשן
פאַרמעקט, ערגעץ אין רוים פאַרשווינדט...
און אין דער געטלעכער קרוין, וואָס איז פול מיט שטערן באַזעצט
וועט איר באַמערקן אַצינד
ווי די נשמה מאַרטיס שטערנט,
בלענדט און לייכט אַראָפּ צו אונדז אויף דער ערד.

אַזוי וואָלט טאַקע באַדאַרפט זיין. נאָכן טויט וואָלטן פאָלק־באַפרייערס גלייך באַדאַרפט ווערן אַ טייל פון דער געטלעכער קרוין. ס׳שטערט בלויז אַביסל דעם פּאָעטס פּראָזאַישע גאַראַנטיע — „וועט איר באַמערקן אַצינד“.

„מאַרטי“ איז גיכער אַ דאָקומענט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ פּאָעמע. אין אַזאַ פּאָעמע איז נישט שייך צו זוכן שפּראַך־חסרונות, אויסזעצן קעגן באַנאַליטעטן. אַראָנאָווסקי האָט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אַנט־פּלעקט דאָס פּנים פון אַ פאָלק־באַפרייער, וואָס איז אונדז ביז איצט נישט געווען באַקאַנט און דערפאַר אַליין קומט אים אַ יישר כוח.

אַ גלויבער אין דעם מענטשן, האָט מאַרטי פאַר זיך געמאָלן אַ וועלט.
פון פאַרבן העל צעלויכטן, פריש געצוואָגענע באַגינענס
צינדן טעג מיט בלענד פון זונען
אַ פאַרפלייץ פון ליכט און שיין.

אַ ייִדישער פּאָעט האָט באַזונגען אַ „גלויבער אין דעם מענטשן“, דעם פאָטער פון אַ קליין לאַנד; פון דעם „נאָבעלן און גאַסטפריינטלעכן קובאַנער פאָלק“, ווי עס זאָגן עדות די אַרויסגעבערס פון דער פּלאַמיק־פּאַטריאָטישער פּאָעמע.

.1954

דריי קורצע לידער פון דיכטער ישראל אַשענדאָרף

אַשענדאָרף איז געווען גוט באַקאַנט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט זיינע היים־ווי לידער און מיט זיין ווייכער מוזיקאַלישקייט. ער איז געקומען צו דער יידישער פּאָעזיע פון גאַליציע און ער איז געווען אין דער געטרייער טראַדיציע פון דער „גאַליציאַנער" מוזיקאַלישקייט אין אונדזער ליטעראַטור — פון אימבער, האַלפּערן און קעניגסבערג, ביז די יינגערע — באַמזע, שטאָלצענבערג, שטיקער. ישראל אַשענדאָרף האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פּאָעמע — „שאול", אין שליסל פון קלאַסישע דראַמאַטישע פּאָעמעס, מיט זייער מוזיקאַלישן דיאַלאָג.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ סך „ווי און וואַנדער" — איז דאָס געוואָרן דער פּאַרטיקער נאָמען פאַר זיין ניי־דערשינען בוך. נאָך איידער כ'האָב אויפגענומען די שייכות פון די לידער אין בוך (און לידער אין אַ בוך זענען עפּעס מער ווי אָפּגעדרוקטע לידער אין אַ זשורנאַל, וואָס האָבן נישט קיין התחייבות איינס צום אַנדערן, נאָר בלויז צו זיך אַליין) האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ קליין ליד פון בלויז ניין שורות. כ'האָב געוואָלט זען וויפל געצאַמטע אויסגעשוויגנקייט איז פאַראַן אין דעם ליד.

די בין זי פליט צו
צו דער געפאַרבטער קווייט,
וואָס אויף דיין קלייד,
וויל זויגן זאַפט פון איר
אויף האָניק.
בין איך דען בעסער, איך —
וואָס האַלט דיין בילד פאַר זיך
און זויג פון אים
דערמאָנונג.

דאָס ליד איז געבויט אויף נישט קיין שלעכטן איינפאַל. מיר מוזן זיך פאָרשטעלן אַ נאַריש־קלוגע בין, וואָס נישט דער ריח פון דער בלום ציט זי, נאָר אַפילו די פאַרב. זי איז אַזוי „ציוויליזירט" אַז אַ געפאַרבטע בלום קען זי אויך אָפּנאַרן.

אָבער דער פּאָעט, דער נמשל, איז אויך אַזוי נאַריש־קלוג און אויך אַזוי ביטער אַנטוישט ווי די בין. ער האַלט דאָס בילד און „זויגט" דערמאָנונג. דאָס ליד געווינט אַ סך פון דער קורצקייט, הגם קורצע ליבע־לידער זענען

אָפּט אין סכנה צו ווערן אַלבאַמיש, און דערצו איז דער אויסדרוק „זויגן דער־מאַנונג" נישט קיין גאַנצער פּאַראַלעל צו דער בין, וואָס האָט אַ רעכט צו וועלן זויגן זאַפּט פון אַ געפּאַרבטער בלום.

אַ ליד פון אַ העכערער מדרגה איז דאָס אַכט־שוריקע ליד — „שטויב". ס'איז אויך אַ ליריש ליד, אָבער ס'פאַרמאָגט אין זיך דעם עלעמענט פון נאָ־ציאָנאַלער, הגם נישט בכיוונדיקער, אַלעגאָריע, וואָס ווערט דערהויבן צו סימבאָליק.

פון יענער ערד, ווו כ'האָב געלעבט
נישט פאַרמאָגט האָב איך,
ווי דאָס וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט
צו מיינע שיך.
פון אַלע וועגן אומגעקערט,
פון נאָך אַ טרוים באַרויבט,
איך ווייס נישט אַלץ דעם טעם פון ערד
נאָר פונעם שטויב.

דער געדאַנק פון ליד לעבט זיך זייער גוט אויס אין דעם קורצן ליד און לעבט זיך גוט איין מיט די פּשוטע ווערטער. אין דער טראַגיק פון היימלאָ־זיקייט און אויסגעוואָרצלטקייט איז אויך פאַראַן אַ באַהאַלטענער שמייכל. ס'איז אַן אַנדער סאָרט שמייכל פון דעם באַרימטן היינע־זאָג צום פּרייסישן גרענעץ־באַאַמטן, בעת דער שאַרפער פּאָעט איז געקומען פון פראַנקרייך און אַנגעוויזן אויף דעם שטויב, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיינע שיך אַז דאָס איז פרעמדע טעריטאָריע, וואָס ער האָט איינגענומען פאַרן פאָטערלאַנד.

דער שטויב פון אַלע זיינע וואַנדערייען וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אַשענדאָרפס זוילן, איז אויך פרעמדע טעריטאָריע און דער איינציקער באַדן פאַר דעם פיל־אויסגעוואָרצלטן פּאָעט.

מיר דאַכט זיך אָבער, אַז דער דיכטער האָט גיכער געוואָלט זאָגן — „איך ווייס אַלץ נישט דעם טעם פון ערד", און נישט — „איך ווייס נישט אַלץ דעם טעם פון ערד". דאָס איז אַ פראַגע פון אַ ניואַנס און מיר קומט אויס, אַז „אַלץ נישט" איז נעענטער צום תוכן פון ליד.

גאָר פיין געשניצט איז דאָס ליד — „אותיות", וואָס עפנט ישראל אַשענדאָרפס בוך. דאָס איז אַ צייט־ליד פון בלויז אַכט שורות און ס'איז אין די אַכט שורות פון ליד אַריינגעזאָגט אַ וועלט מיט לענגערע לידער.

די גאָטישע אותיות זענען שפּיציקע —
באַגנעטן, שפּיזרוטן און מעסערס.
לאַטיינישע אותיות זענען קיילעכדיקע —
מיט רויטן וויין געפילטע פעסער.

אין תוך געגומען

די ייִדישע אותיות — נישט קיין שיכורע
פון יענעמס בלוט און נישט פון וויינען,
נאָר קאַנטיקע, פלעקלדיקע, הויקערדיקע,
ווי דאָס מזל פון פאָלק פון מיינעם.

מיר געפעלט זייער דאָס ליד. מיר געפעלט אַפילו דער פעניצישער אַד־יעקטיוו — „פלעקלדיקע" און דער ייִדישער אַדיעקטיוו „הויקערדיקע". איך וואָלט בלויז אין אַזאַ קורץ ליד געזוכט אויסצומיידן די מעגלעכע צווייִדייטיקייט פון וואָרט „וויינען", ווייל מ'קען דווקא זאָגן, אַז די ייִדישע אותיות זענען יאָ „שיכור" פון „וויינען". און ווייל „וויינען" און „מיינעם" איז אַן אַסאָנאַנס, און נישט קיין גאַנצער גראַם, וואָלט איך שוין ליבערשט געזוכט אַן אַנדער וואָרט. אָבער דאָס גאַנצע ליד, ווי די אַנדערע צוויי קורצע לידער, וואָס איך האָב געבראַכט פון ישראל אַשענדאָרפס ניי בוך — „ווייִ און וואַנדער", איז אַ באַווייז פון דער בענקשאַפט, וואָס אַ דיכטער טראָגט אין זיך צו דערגיין צו דער גרענעץ פון שווייגן. די דריי לידער זענען אויך אַ מוסטער פון דעם, וואָס מ'קען אָפּט אויפטאָן אין די ראַמען פון אַ קורץ ליד. דרך אגב זענען אַלע דריי לידער, אין זייער קורצקייט, כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן בוך.

1950.

ל. דאָמאַנקעוויטש

דער אַמעריקאַנער פּאָעט ראָבערט פראָסט האָט נישט לאַנג צוריק דערקלערט, אַז אויב מען קען נישט זען יעדער זאַך אין טערמינען פון עפּעס אַנדערש, זאָל מען בעסער אויפגעבן דעם געדאַנק צו זיין אַ פּאָעט. געמיינט האָט ער אייגנטלעך צו זאָגן, אַז אויב זאַכן רופן נישט אַרויס קיין אַסאָסיאַציעס פון געדאַנק קען מען נישט שרייבן קיין פּאָעזיע, ווייל פּאָעזיע איז אַ צעשפּיל און אַ צעלויכט פון געדאַנקען, וואָס פאַרוואַנדלט גלייך די זאַך וואָס דער פּאָעט באַטראַכט אין עפּעס אַנדערש. פאַרשטייט זיך, אַז דערצו איז נאָך נייטיק אַזאַ „קלייניקייט", ווי פאָרם, אָבער דער עיקר איז די רירעוודיקייט און לעבעדיקייט פון דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע, וואָס נעמט די זאַך, אָדער ווי מיר וועלן עס רופן די פּאָעטישע טעמע, און באַוועגט זי אַזוי לאַנג ביז זי ווערט פיל־געשטאַלטיק אָדער אַנדערש־געשטאַלטיק.

דאָס איז חל אויך אויף דעם בעלעטריסט און עסייען־שרייבער. ער מוז אויך קענען פאַרוואַנדלען זיין טעמע אין „עפּעס אַנדערש". ווען ער שלאָגט נישט אַרויס קיין לעבן פון זיין טעמע, ווען ער שפּילט זיך נישט מיט איר קינסטלעריש און ווייזט זי נישט פון פאַרשיידענע זייטן, איז ער אַן אויסטייטשער אָדער אינפאָרמאַציע־צושטעלער. פון דעם שטאַנדפּונקט זענען איבעריק אַלע דיסקוסיעס וועגן שעפערישקייט, אָדער קינסטלערישקייט, דורך די פאַרשיידענע שרייב־פאָרמען. אַ פּובליציסט קען אויך זיין אַ קינסטלער, אויב ער זעט דורך זאַכן עפּעס אַנדערש. אויב ער צעשפּילט זיין טעמע, אַפילו ווען דאָס איז אַן אַנדערנס בוך, דערציילונג אָדער ליד, און ער אַליין שלאָגט דערפון אַרויס אַן אייגענע חיות — איז דער פּובליציסט אויך אַ קינסטלער.

ל. דאָמאַנקעוויטש איז אַ שעפערישער עסייִסט, וואָס באַוועגט זיך פריי אין זיינע טעמעס, און וואָס פאַרוואַנדלט זיי מיט עלעגאַנץ — אין פאַרשיידענע אַסאָסיאַציעס. אין זיין בוך „פון אַקטועלן און אייביקן" געפינען מיר אַ דריי צענדליק עסייען און דורך יעדער עסיי באַווייזט זיך דאָס פּנים פון אַן אייגנאַרטיקן שרייבער, ווי באַשיידן ער זאָל זיך נישט וועלן באַזייטיקן און זיך שטעלן אין דינסט פון דער טעמע. ער שרייבט וועגן שרייבערס מיט אַ סך אָנערקענונג און ברייטהאַרציקייט, אָבער אים געלינגט זיך אַדורכשרייבן דורך זיי. ער באַהאַנדלט די שווער־וואָגיקע פּראָבלעמען פון אונדזער ייִדישער צייט און אים געלינגט מיט זיי אַוועקשפּאַנען, זאָל זיין אויף

עטלעכע טריט, פון דעם רשות הרבים, ווו די אַלע טעמעס ווערן צעפּילדערט און צעיאַרידעוועט. ער מיידט אַפילו נישט אויס ביבלישע „דרשות“ און איס גיט זיך איין צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס פאַראַנדערשט זיי און וואָס גיט דעם לייענער שכר הליכה פאַר מיטגיין מיט דעם שרייבער אויף דעם וועג, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ גאַנץ געוויינטלעכער און אומעטיקער שפּאַציר.

ל. דאָמאַנקעוויטש וווינט שוין אין פּאַריז העכער דרייסיק יאָר. ער ווערט שוין לאַנג פאַררעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע פּאַרשטייער פון דער ייִדישער שרייבער־גרופּע אין פּאַריז. ער איז זיכער איינער פון די תושב־דיקסטע ייִדישע שרייבער אין פראַנקרייך און דאָס דערקענט מען גלייך אין זיין שרייבן.

די עסייען זיינע זענען פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן. איצט, ווען טייל זענען אָפּגעקליבן געוואָרן אין אַ בוך גיבן זיי דעם איינדרוק פון ציל־באַוווסטקייט און צוזאַמענגעטראַכטקייט. זיי האַלטן אויס די בוך־פּראָבע, ווייל די עסייען פאַרמאָגן אין זיך נישט נאָר לעבעדיקייט, נאָר אויך ערנסטן תוכן. דער מחבר קען גוט דעם שפּיל, אָבער ער שפּילט זיך נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, ער שרייבט שיין, אָבער ער איז נישט קיין נוד־נער שיין־שרייבער, וואָס ציקלט זיך מיט געכתיבהטע אותיות. דערפאַר איז כדאַי צו וויסן, אַז נישט נאָר אין דער ייִדישער פּאַריז, נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ שריפטשטעלער וואָס זיין נאָמען איז ל. דאָמאַנ־קעוויטש.

שוין אין זיין ערשטע עסיי „קאָלעקטיווע דיסציפּלין און יחידישע אחריות“, דערזעט מען, אַז דער שרייבער פאַרמאָגט אייגן לשון, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו אָריגינאַליזירן אַ שטאַרק־איבערגעאַרבעטע טעמע. זיי־נע אַסאָסיאַציעס זענען אָנגעשאַרפט, און די אַלוזיעס זיינע זענען אינטערע־סאַנט: „די נבוכדנצרס פון אַלע צייטן האָבן זיך די ערשטע פאַרוואַנדלט אין בערן צו דער גרויסער פרייד פון המון, וואָס האָט שוין לאַנג געגאַרט צוריק־צוקערן צום אור־עלעמענט“; אָדער אין אַן אַנדער עסיי — „ווי אייז־ברעכערס, וואָס שניידן זיך דורך אַ וועג צו די פרייע וואַסערן, דורכהאַקנדיק די טיטאַ־נישע קריעס, זענען רעוואָלוציעס אַ נאַטירלעכער אינסטרומענט פון דער גע־זעלשאַפט, צו באַזייטיקן די שטרויכלונגען אויפן וועג פון פרייען געשיכט־לעכן גאַנג“. ער קומט דערפאַר צום אויספיר, אַז — „רעוואָלוציעס זענען די כירורגישע אינטערווענצן פון דער געזעלשאַפט אומצוקערן דעם קראַנקן סאָ־ציאַלן קערפּער זיינע מעגלעכקייטן ווייטער צו לעבן אַ נאָרמאַל געזונט לעבן“. דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז „ווען די רעוואָלוציאָנערן באַזייטיקן בלויז די טיראַנען, צו פאַרנעמען זייער אָרט, און נישט די טיראַניע גופא, ווען נאָכן

אַפּרוימען די שטיינער פון וועג לייגן זיי אַליין אַרויף אַ לאַנגדויערנדיקן צוואַנג אויף דער געזעלשאַפט, אין נאָמען פון ווייטע אַבסטראַקטע צילן, פאַר־לירן זיי אַליין די אַלע רעכט, וואָס דאָס לעבן האָט זיי געגעבן צו אינטער־ווענירן".

כמעט אין אַלע עסייען זיינע איז פאַראַן אַ מאָמענט פון באַלוינונג און אַלץ דערפאַר, ווייל דאָמאַנקעוויטש האַלט נישט די טעמע זיינע ווי אַ בער. ער איז מיט איר אין די ציוויליזירטסטע באַציונגען. ער איז אויך נישט פון די פּריקרע ציטאַטן־אויסשטעלערס, אָדער אומצניעותדיקע אָפּדעקערס פון אייגענער ערודיציע.

דאָמאַנקעוויטשן געלינגט אַפילו צו באַלייכטן אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן די יידישע זעלבסט־פאַרלייקענונג, וואָס דער קאָמוניזם האָט געבראַכט. דער מחבר ווייזט אָן, אַז די זעלבסט־פאַרלייקענונג פון קאָמוניסטישן ייד איז אונטערגעוואָרפן „אַ פעסט־אָרגאַניזירטער דיסציפּלין". ער ברענגט אַרויס בולט, אַז „דער אָפּגעשוואַכטער ווילן פון אַ גרויסן טייל פון יידישן בירגער־טום אויפצוהאַלטן זיינע היסטאָרישע ווערטן, האָט אין קאָמוניזם געפונען אַ גייסטיקן באָדן פאַר זיין אויפלייז־באַגער".

ווי מען קען זען פון די געבראַכטע ציטאַטן ווערט דאָמאַנקעוויטש נישט מיטגעריסן אין דעם שפּיל מיטן וואָרט, אָדער מיטן געדאַנק, נאָר ער באַלאַנ־סירט זיך תמיד און ער האָט טאָקע וואָס צו זאָגן. אָבער ער זאָגט עס אויך אויף אַ שעפערישן אופן. אַפילו זיין האַרטלעכע שפּראַך איז בלויז אויף אַזוי פיל האַרט, אַז זי זאָל נישט אַרונטערדריקן די ווערדע פון דעם באַהאַנדלטן קעגנשטאַנד, אָבער דער ריטם פון די זאַצן גיט לייכטקייט אין פלי דער גרעס־טער אַנגעלאָדנקייט.

מיט גרויס פאַרזיכטיקייט בין איך צוגעגאַנגען צו דאָמאַנקעוויטשעס ביבלישע עסייען. כ'האָב זיך געשראָקן פאַר די וועלטלעכע דרשות אויף מגילת אסתר, שיר השירים, רות, קוהלת. אָבער אויך אין די עסייען קומט ער אַרויס דער זיגער, אַדאַנק זיין אַסאָציאַטיווער קראַפט. מרדכי, זאָגט אונדז דאָמאַנקעוויטש, „איז דער ערשטער „ביי־צייטיקער" ייד, וואָס צ'ט אויף זיך די שנאה פונעם גוי, בלויז מיט זיין עקזיסטענץ... ביי פּרעהן איז עס געווען אַן „עגיפּטיש־יידישער ענין", אָבער נאָך נישט קיין „וועלט־יידן פּראָגע"... ווי „אומסימפּאַטיש" אונדזערע מגילה־העלדן זאָלן אונדז היינט נישט אויס־זען, מוזן מיר איינס מודה זיין. זיי זענען אונדזערע, אַזוי האָבן מיר געלעבט מיט ניסים, מיט צופאַלן, מיט שתדלנות".

און אַזעלכע געדאַנקען געפינען מיר אין די אַלע ביבל־עסייען, וואָס פּרע־

טענדירן נישט אויף קיין פאָרשונג, נאָר זענען פאַרזוכן צו פאַרהיינטצייטיקן דאָס מישן פון די הייליקע בלעטער.

„קהלת און איוב זאָגן עדות נישט בלויז וועגן זיך, נאָר וועגן אַ גאַנצן שטראָם, וואָס האָט לעבן הויפּט־שטראָם פון אמונה און רעליגיעזיטעט, אויך מיטגעפלאָסן אין דער זייט, און וועגן גאַנצע תקופות, וואָס זענען ווייט נישט געווען אַזוי אמונהדיק „גלייכגעשאַלטעט”.

אין דעם זאַץ איז בלויז דער אויסדרוק ג ל יי כ ג ע ש אַ ל ט ע ט אַ דיסאָנאַנס, און מיר איז אַ ווונדער, וואָס דער שפּירעוודיקער שרייבער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז מען טאָר דעם טריפהנעם „היינטצייטיקן” אויסדרוק נישט באַנוצן אין אַט דער ביבלישער אַנווענדונג.

אין די לעצטע צוויי אָפּטיילונגען רעדט דער מחבר וועגן מענטשן. און אַפילו ווי אַן אויפקלערער, לויבער, באַוווּנדערער און קריטיקער ווייזט ער אונדז, אַז זיין פּען קען, שרייבנדיק וועגן יענעם, אויף אַן עניוותדיקן אופן, באַשרייבן אויך זיך. בלויז זיין עסיי וועגן אַנרי בערגסאָן איז פאַר מיין „שאָוויניסטישן” געשמאַק אַביסל צו התפעלותדיק און נישט דערפירט צו יידישער לאָגישקייט. דאָמאַנקעוויטש צעגלידערט בערגסאָנס פילאָזאָפיע, אָבער אַז ס׳קומט צו זיין קאַטאָליציזם און כמעט־שמד, ווערט ער אַפּאָלאָגע־טיש. אויב ס׳איז אמת, אַז די פילאָזאָפישע קו האָט, געבנדיק פרישע מילך פאַר דער גאַנצער וועלט אויך אונדז יידן געגעבן אַביסל יי ד י ש ע מילך, האָט זי ביים סאָמע אויסמעלק אונדז דערלאַנגט אַ בריק אין פּנים, אַז ס׳איז אונדז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דעם איבערגאַנג פון וועלטלעכער מילך צום קאַטוילישן גלויבן פּטרט דאָמאַנקעוויטש צו גיך אָפּ. דערפאַר איז ער טרעפלעך ווען ער קומט צו אַשס זעץ, וואָס ער דערלאַנגט, אויך שוין ביים לעצטן אויסמעלק. אויף אַשס יידיש־קריסטלעכער מילך, וואָס ער האָט אונדז געגעבן, טאָר מען אויך קיין שהכול נישט מאַכן. דאָמאַנקעוויטש ווייזט אויף, אַז „משה”, אַשס ביבלישער ראָמאַן, איז „נישט זיין קרוין־ווערק און נישט די העכסטע שפּיץ אין אַשס קונסט־פּיראַמידע”. אמת, דאָ פעלט מיר אַביסל טעמפּעראַמענט און כעס. אַ קריטיקער מעג אויך אַרויס פון די כלים. קריטיק קען נישט תמיד אויסהאַלטן די צוואַנג־יאַקע פון פילאָזאָפישער געמיט־לעכקייט.

דערפאַר אָבער, ביי דער גאַנצער געמיטלעכקייט, געלינגט דעם מחבר צו זאָגן עטלעכע שאַרפע ווערטער וועגן — „יענעם צווייטן אַש, יענעם זוכער פון פרעמדע קרוינען, יענעם אָפּשטויסער און פאַריאָגער, וואָס שטויסט און יאָגט אָפּ פון זיך זינט לאַנגע יאָרן די יידישע המונים, וואָס האָבן אים ליב געהאַט און געזוכט ביי אים נאָענטקייט און וואַרעמקייט”.

און ווייטער, נאָכדעם ווי דאָמאַנקעוויטש ברענגט אַרויס, אַז „ווען אַש וואָלט געבליבן טריי זיין קינסטלערישער אינטויציע וואָלט ער אונדז נישט שאָקירט״, באַטאָנט ער, אַז מיט פּאָולוסן „דער ערשטער קריסטלעכער שונא ישראל, מיט אים און מיט מאַריע, אַזוי ווי זי ווערט געגעבן אין דער עוואַנ־געליע, האָבן מיר זיכער קיין שייכות נישט, און אַ יידישער שריפטשטעלער, וואָס איז נישט סתם אַ גוטער באַאַרבעטער פון אַ טעמע, נאָר אַ טרייער דינער פון זיין פאָלק און אַ טרייסטער אין אַן עת צרה, האָט ביי די דאָזיקע געשטאַלטן נישט וואָס צו זוכן און זיכער נישט אין אַ צייט פון אַזעלכע נסיונות״.

און דאָמאַנקעוויטש אַרבעט זיך דאָ יאָ אַרויף אויף אַ רעכט ביסל כעס און ער ענדיקט זיין אָפּשאַץ פון אַשן דעם „נאַצאַרענער״, אַז מען האָט „רעכט זיך צו פילן ווי אַנטוישט און אָפּגענאַרט. עס קומט אויס ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: זעט, מיט מיין גאַנצער אמונהדיקייט און מיין גאַנצן ווערק פון פופציק יאָר האָב איך מיך אָט צו דעם מכוון געווען; ווי זיין אייגענער „סמאָלע יידל״, אין „תהילים יִיד״, וואָס רעדט בלויז פון קדושה און טהרה, אָבער צום סוף „פאַררעדט״ ער זיך, אַז די כוונה איז צו שבתי צבי״.

פאַראַן אין דאָמאַנקעוויטשעס בוך עסייען אויך אַן אָנוויז, אַז דער מחבר פאַרמאָגט ערלעכן פּאַטאָס; איך האָב עס געפונען אין זיין — „די דריי אבות פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרן כסא הכבוד״. איך וויל שליסן מיין אָפּ־האַנדלונג וועגן דעם אָריגינעלן עסייִסט, מיט דעם בת־קול וואָס ענטפערט אויף די געוויינען פון די יידיש־אבות:

„זייט וויסן מיינע קינדער, מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם, אַז דער זוימען פון אברהם וועט נישט פאַרשניטן ווערן. זייט וויסן, אַז דער דור, וואָס לעבט איבער די פּיין, וועט אויך דערלעבן אַן אויסלייזונג; דער דור וואָס האָט פאַר זיך אַזאַ פינצטערניש וועט אויך דערזען אַ גרויס ליכט און אויך אייער ווערק וועט האָבן אַן אייביקן קיום, און אַלץ וואָס איר האָט געשאַפן וועט אַריינגעגאָסן ווערן אין אוצר פון יידישער אייביקייט״.

.1957

אלחנן וואָגלער

אין דעם נייסטן בוך לידער פון יונג־ווילנער אלחנן וואָגלער, וואָס האָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך קונה־שם געווען מיט זיין בוך — „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט״, געפינען מיר אין דעם עמאָציאָנעלן אַריינפיר אַזעלכע שניידיקע שורות:

„אין די חורבות פון שטעט און לענדער וואַלגערט זיך אין שטויב זיין (דעם מחברס) היים, די גרויע פיר ווענט מיטן פענצטער צו דער רוישיקער יידישער גאַס און די פאַרהוילענע וועלט פון זיין פאַרלוירן־געגאַנגענעם שרייבטיש״.

אין די ליטווישע נאַטור־לידער פון אלחנן וואָגלערס אַמאָליקע געזאַנגען האָט מען דורך דעם דיכטערס פאַרהוילענער וועלט געקענט קלאָר זען אַ היימישן דרויסן. אין דעם נייעם בוך, וואָס הייסט „פרילינג אויפן טראַקט״, איז דעם דיכטערס וועלט אָן שויבן צום דרויסן, און דער דיכטער וויל דעשיפרירן זיין פאַרהוילענע זעונג; ער וועל קלאָרער מאַכן דעם צעפּלעף וואָס אונדזער דור האָט געקראַגן און דערמיט אויך דערזען דעם אַנטלויפנדיקן ייִד, וואָס עס טוט אים — „אַצינד דאָס לעבן ווי, אפשר נישט ווינציקער ווי זיינע ברידער אויף דער ליטווישער און פוילישער ערד האָט בשעתו וויי־געטאָן דער טויט״.

אַט דעם שטאַרקן זאָג נעם איך אויך אַרויס פון דעם אַריינפיר צו וואָגלערס בוך. אַ סך לידער־שורות זענען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז מען מוז דעם פּאָעט, וואָס זיין נאָמען וואָגלער איז אַזוי ביטער מקוים געוואָרן, גלייבן די דאָזיקע שבועה פון אַ צעבראָכן לעבן.

וואָגלער איז קיינמאָל נישט געווען קיין לייכטער דיכטער. יעדער מענטש האָט זיין „פאַרהוילענע וועלט״, אָבער דער דיכטער אלחנן וואָגלער האָט זיך זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק. די פאַרהוילנקייט זיינע איז באַשטאַנען גראַד אין אַן אַריינבציִענדיקער לייכטקייט. די לייכטקייט איז ביי אים געווען כמעט אַ פאַלקסטימלעכע, און זי האָט מיט זינגעוודיקע שורות געמאַכט דעם איינדרוק פון לייכטער מעלאָדישקייט. אָבער ווען מען איז שוין געווען אין נעץ פון דער זינגעוודיקייט, האָט מען זיך ערשט געכאַפּט, אַז דער פּירוש המילות איז נישט אינגאַנצן קלאָר, און אַז הינטער דעם טייטש רופט ערשט טיפער און ווייטער די פאַרהוילנקייט. דאָס

טונקעלע ליכט פון דער געהיימער וועלט האָט „איבערגעפירט“ די פשוטע טייטשן פון זיינע שורות, מיט אַן אייגנאַרטיקער בילדלעכקייט. ער האָט פאַרמאָגט עטלעכע דימענסיעס, און אַז דער לייענער האָט אַפילו זיך געוואָלט באַנוגענען מיט דעם ביסל וואָס ער האָט געפונען אויבנאויף, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אַלץ טיפער, אין דעם דיכטערס טונקעלער אָריגינעלקייט.

אלחנן וואָגלערס ערשט בוך לידער — „אַ בלעטל אין ווינט“, וואָס איז דערשינען אין 1935 און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „יונג־ווילנע“, האָט גלייך געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז צוגעקומען אַן אָריגינעלער דיכטער מיט אַן אָריגינעלער זעעוודיקייט. דאָס נייסטע בוך זיינס טראָגט אויף זיך דעם אָפּיציעלן חותם פון ווילנע — ס׳איז דערשינען אין פּאַריז דורכן „פאַרבאַנד פון די ווילנער“ אין פראַנקרייך — אָבער פון יענער אַמאָליקער, אויפגייענדיקער יונג־ווילנע איז בלויז פאַרבליבן אַ טראַגישער כוללדיקער נאָמען און עטלעכע געראַטעוועטע מזלדיקע יחידים.

די לידער און פּאָעמען פון „פרילינג אויפן טראַקט“ זענען, ווי געזאָגט, פאַרזוכן אויפצוּוויקלען און אויפצוקלאָרן די פאַרהוילנקייט, וואָס ווערט אין מייסטע לידער נאָך פאַרטונקלטער. דאָ געפינט מען אויך וואָגלערס „אָפּבאַרערישע“ פאַלקסטימלעכקייט, וואָס זינגט —

אין בין געבוירן אין מדינת ליטע,
אירע טראַקטן, אויסגעוועבט מיט בלויע טריט,
און אירע ווײַנשל גערטנער צעבליטע —
זענען די טויערן פון מיין געמיט.

מיט דעם ליד עפנט דער דיכטער זיין בוך, אָבער אַזוי גיך ווי דער לייענער נעמט דורכגיין די צעעפנטע טויערן פון דיכטערס געמיט, געפינט ער אַזעלכע פערזן, וואָס זענען אַוועק פון פאַלקסטימלעכקייט שיינע עטלעכע תחום שבת:

איך באַהאַלט אין מיין אויער דעם ניגון
פון ווייסע פאַרמשפּטע הענער,
די זין פון מיין זוניקן טרוים אויסגעבריטע,
וואָס האָבן אין פרילינג מיט פאַרטיקע טענער
דיין דופטיקן נאָמען פאַר מיר אויסגעקרייט.

און ווייטער אין זעלביקן ליד —

פון שאָפּענעם דאָרף טוט אַ קלעטער
אַ זיפץ פון אַ שטומער געבונדענער עדה
און ציטערט אין תכלת.

די באַזונדערע ווערטער זענען דאָ קלאָר בתכלית האָקלאָרקייט, אָבער צוזאַמען וועבן זיי ווידער אויפסניי די געהיימקייט, וואָס דער דיכטער האָט

געוואָלט אין זיך באַשיידן, נאָך זיין אַנטלויף פון דער היים, מיט די פּענצ־טער צו דער רווישיקער יידנגאַס.

די בעסטע לידער אין אלחנן וואָגלערס נייעם בוך געפינט מען נישט צווישן די לענגערע מעשות, נאָר אין דער אַפּטיילונג — „אַ שפּראַץ אויף טאָג", ווו ער פאַרצייכנט געשעענישן און ווו ס'געלינגט אים טאָקע דורכצו־קלאַרן זיינע פּאָעטישע רייד, וואָס גאַנץ אָפט נעמען זיי די אויבערהאַנט און זיי פירן אים, און פירן אים אַוועק פון דעם וואָס ליגט אים אויף דער צונג. אָבער אין דער אַפּטיילונג געפינען מיר אויך פערזן וואָס רעדן זינגענדיק, און וואָס זייער פּאָעטישקייט ליגט נישט דווקא אין דער באַשיינונג פון בילד־לעכקייט, נאָר אַזוי גיך ווי די רייד ווערן אַרויסגערעדט הייבן זיי אָן לעבן אין אייגענעם זכות. ווען וואָגלער זינגט צו דער קראַנקנשוועסטער, ווערן אַפילו זיינע בילדער רעדעוודיקע פּאָעזיע:

איך בענטש דיינע הענט, האָסט געמאָסטן מיט זיי
מיין וועג צו די שטערן דורך דיין טערמאָמעטער;
אין מיין שטאָם דעם פאַרדאַרטן דורך נאָדלען פון שניי
אַריינגעפּלייצט פּרילינג־זאַפט פון דיינע בלעטער.
מיין שלאָפקייט האָסטו מיט דיין שיינקייט געגערט.
אָ, שוועסטער געטרייע, האַלט אונטער מיין אָרעם —
עס טוט אַזוי וויי מיר דאָס שלעכטס פון דער ערד,
הייל אויס מיט דער זון מיינע וווּנדן — די קברים.

די לעצטע צוויי שורות לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. הגם זיי זענען כמעט מער נישט ווי אַ ווייטיקדיקער אויסגעשריי, פאַרמאָגן זיי אַ נביאישן קריץ. אין דער זעלביקער אַפּטיילונג געלינגט אים דורכצולייכטן זיין אַמאָליקע פּאָ־עטישע פאַרהוילנקייט, דווקא מיט גבורהדיקע ווערטער, וואָס זענען אַן אָנזאָג אויף אַ דיכטער מיט נייעם, זיכערן אויסדרוק און זיכערן טראָט, וואָס וועט זיך מער נישט נייטיקן אין דעם צופיי און צושפּיל פון זיין אינסטרומענט — דעם פייפיאַל:

זון געטרייער, זיי געזעגנט,
ס'וועט מיין ערד זיין צו דיר גוט,
און די נאַכט, מיט מעש וואָס רעגנט
וישט פאַרלעשן וועט דיין בלוט.

אלחנן וואָגלער האָט אויך אָנגעווענדט דעם טרויעריקן „זיי געזעגנט" צו זיין אַמאָליקן היימישן שרייבטיש, וואָס האָט אים אין ווילנע געמאַכט פאַר דעם באַזינגער פון ליטווישן פייזאַזש. ביים נע־ונדיקן טיש ווערט דאָס געציקלטע פּאָעטישע בילד כמעט איבעריק. דער דיכטער עפנט דאָס מויל, אַפילו ווען ער פירט איינזאַמען טיש אין דער פרעמד.

1954.

סאָלאָמאָן קאַהאַן

סאָלאָמאָן קאַהאַן איז איינער פון די ווירדיקסטע פובליציסטן אין דער ייִדישער מעקסיקע. נישט לאַנג צוריק האָט ער אין נאָמען פון ייִדישן ישוב געגעבן דעם נאַצי־פּיאַניסט גיזעקינג אַ שוואַרצן קבלת־פּנים און ס׳איז אַ סברה, אַז דעם האַלב־ליידיקן קאָנצערט־זאַל וואָס האָט געגענעצט, האָט דער היטלער־פּיאַניסט געמעגט פאַרשרייבן אויף סאָלאָמאָן קאַהאַנס קרעדיט. קאַהאַן איז דער נישט־ייִדישער וועלט באַקאַנט ווי איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און געלערנטסטע מוזיק־קריטיקערס; זיין צוגאַנג צו מוזיק איז אַן אייגנאַרטיקער. אויך אין די נישט־ייִדישע מוזיק־קרייזן ביי אונדז אין די שטאַטן איז סאָלאָמאָן קאַהאַנס נאָמען נישט פרעמד. אָבער אין דעם בוך „מעקסיקאַנישע רעפלעקסן”, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַרויסגעגעבן, איז פאַראַן בלויז איין אָפּהאַנדלונג וועגן מוזיק. דאָס גאַנצע בוך איז אַ זאַמלונג פון קאַהאַנס פובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען און זשורנאַלן.

אמת, אַ העלפט פון בוך איז אָפּגעגעבן צו אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען, וואָס מען קען זיי באַטראַכטן פאַר קריטיק, אָבער זיי זענען אויך אין תוך נישט מער ווי לויפנדיקע און געאיילטע באַמערקונגען, געשריבן פאַר דער גיכער פאַרדייונג פון צייטונג און לייענער.

די אַרטיקלען זענען מייסטנס קורצע — צוויי־דריי זייטלעך אין פעטן שריפט, און זיי שלינגען זיך זייער גיך. אין פלוג ווילט זיך פרעגן אַ קשיה, פאַרוואָס האָט זיי דער מחבר געוואונטשן דאָס אייביקע לעבן און דווקא זיי געוואָלט זען אין בוך־פאָרם, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אָפּגעדינט און, אַזוי צו זאָגן, פאַרדינט זייער טעגלעך אָדער וועכנטלעך ברויט. מ׳שטיינס געזאָגט? דער תירוץ איז, דער מחבר האָט מסתמא געהאַלטן, אַז די מעקסיקאַניש־ייִדישע טעמעס, וואָס אויף זיי האָט ער, דער הייסער און טעמפּעראַמענטפולער פובליציסט געשפּילט, זענען ווערט אַז מען זאָל זיי געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און זיי אויסהערן צוזאַמען אין בוך־פאָרם.

און וואָס מער מיר לייענען די שטראָפערישע אַרטיקלען, וואָס זענען געשריבן אויף דער הייסער מינוט, מיט אַ סך פּאַטאָס און איבערצייגונג, אַלץ מער זענען מיר גענייגט מסכים צו זיין מיטן מחבר, אַז פון די אַנגעוואָרפענע „מעקסיקאַנישע רעפלעקסן” שטייגט אַרויס אַ גאַנצקייט — אי דאָס געשטאַלט

פון אַ ייִדישן ישוב, וואָס איז שוין אַ סך מאָל באַרעדט און אַרומגערעדט געוואָרן מחוץ מעקסיקע, אי די פּרעטענזיעס וואָס אַן אחריותדיקער ייִדישער פּובליציסט קען האָבן צו אַזאַ ישוב.

ס׳טרעפט גאַנץ אָפט, אַז סאָלאָמאָן קאַהאַנס אימפּעטיקע קריטיק רופט אַרויס אַ סך תרעומות און קעגן־קריטיק. מען האַלט אים פאַר אַן אייבזייטיקן חסרונות־געפינער, וואָס זעט בלויז די שאָטנדיקע זייטן פון ישוב און פאַרזעט די ליכט־פּאַסן. אָבער אַפילו ביי דער גרעסטער פאַרביטערונג איז מען קאַהאַנען נישט פּוגע בכבוד, ווייל מען שאַצט אָפּ זיין ערנסטקייט, און צייטנווייז ווען ער פאַרקריגט זיך מיט אַלעמען, ווייסט מען גאַנץ גוט אַז אַ גרויסער טייל פון זיינע מאָנונגען האָט האַפט און איז געבויט אויף אַ וואַרעמען ייִדישן באַזיס.

דער ייִדישער ישוב אין מעקסיקע, וואָס ציילט קוים עטלעכע און צוואַנציק טויזנט נפשות, האָט אויפגעבויט מאָנומענטאַלע ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס הלוואַי אויף אונדז געזאָגט געוואָרן — ייִדישע און העברעיִשע טאָגשולן און גרויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען דער שפּיגל פון דער ייִדישער לאַטיין־אַמעריקע, און וואָס מיר אין צפון־אַמעריקע האָבן קיינמאָל נישט באַוויזן אויפצושטעלן. דער דאָזיקער אויג־און־אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער אויפבוי איז טאַקע כולו ריווח, אָבער די פונדאַמענטן פון דער דאָזיקער אַרכיטעקטור שאָקלט זיך. דער ייִדישער פּובליציסט, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ סייסמאָגראַף, שפּירט אָפּט די סכנהדיקע אויפטרייסלונגען. וואָס שפּירעוודיקער דער סייסמאָגראַף, אַלץ אָפטער רעאַגירט דער ייִדישער פּובליציסט אין מעקסיקע אויף דער דופּליציטעט פון ייִדישן לעבן וואָס בויט גייסטיקע בנינים, וואָס זענען לרוב בלויז שיינע קאַמופלאַזשן. זיי, די שבת־יום־טובדיקע געביידעס, פאַרשטעלן און באַהאַלטן די ייִדישע וואָכנדיקע טעג, וואָס פאַרדינען אַ סך קריטיק.

און צוגעבן מוז מען, אַז די גאַנצע ייִדישע פּרעסע אין מעקסיקע איז מוטיק אין איר קריטיק. זי בייסט די האַנט וואָס שפּייזט זי און זי טוט עס אויף אַן אומדערשראָקענעם אופן. נאָר פון אַלע שטראָפערס און מוסר־זאָגערס אין סאָלאָמאָן קאַהאַן דער שטרענגסטער. ער איז זייער זעלטן מלמד־זכות אויף דעם ייִדישן ישוב. אָבער פון דער פאָרציע מוסר זיינער קען מען, אַפילו ווען מען וואַרפט אַ העלפט פון זיינע טענות אין וואַסער, זיך שאַפן אַ באַגריף, וואָס עס טוט ווי דעם ערנסטן ייִדישן פּובליציסט ווען זיין אויג פאַלט אויף די גייסטיקע ייִדישע געביידעס, און ער זעט אַז דער ייִדישער ישוב בויט נישט קיין צוקונפט פאַר זיי.

ווי אומעטום אין ייִדישן לעבן, איז די גרעסטע זאָרג דאָס ייִדישע קינד,

וואָס קומט אַרויס — שוין אַפּילו פון דער פּולער טאָג־שול — מיט אַ באַ־גאַזש, וואָס ער צעדריבלט גיך. ער וואַרפט זיך אַריין אין קאָך פון דער פּאַר־שלינגענדיקער און רייצנדיקער פרעמדקייט. אין מעקסיקע טראָגט נאָך דער־צו דאָס ייִדישע קינד דעם עול פון דעם טאַטנס פאַרמעגלעכקייט. פאַר אַ קינד איז עס אַ גרויסער עול, וואָס באַשווערט די קינדישע פּלייצע, און גיט אים אַ פּאַרטיקן שטאַנדפּונקט, אַז אַלץ וואָס ער לערנט איז אויף דערוויל און דער עיקר איז דאָס טאַנצנדיקע, עולם־הזהדיקע לעבן, וואָס וואַרט אויף דעם קינד און כאַפּט אים אַריין אין אַ טאַנץ. אים איז נישט באַשערט איין פרייע דאגהדיקע מינוט, וואָס זאָל אים שטעלן פּנים אל פּנים מיט זיך און אים געבן די געלעגנהייט צו זוכן דעם ענטפער אויף עטלעכע קאַרדינאַלע, מאָנענדיקע קשיות, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער צוקונפט פון דעם יונגן ייִד אין אַ פרעמדער וועלט, וואָס קען אַלע גנבישע שטיק און ווינקט צום ייִדישן יונגענמאַן מיט פאַלשער היימישקייט.

אָט די אַלע פּראָבלעמען קומען צום הייסן אויסדרוק אין סאַלאָמאָן קאַ־האַנס „מעקסיקאַנישע רעפלעקסן“. מיר לייענען דאָרט זיינע אימפּולסיווע בריוו צו די ייִדישע עלטערן, זיינע שטראָף־רייד צו די טאַטעס און מאַמעס, די באַזאָרגטקייט איבער דעם וואַקסנדיקן דור און אַפּילו באַטראַכטונגען איבער דער עקאָנאָמיק פון גאַנצן ייִדישן ישוב.

נישט מיט אַלץ מוז מען מסכים זיין, אָבער מ׳קען נישט לייקענען די אויפריכטיקייט און דעם ערנסט פון קאַהאַנס וואָרט, וואָס פאַרלירט אַביסל וואָג, מחמת דער איבערשוועררונג און שרייענדיקייט.

ס׳פאַרדריסט וואָס קאַהאַן האָט נישט באַאַרבעט זיינע אַרטיקלען, נאָר ער האָט זיי גענומען אין בוך מיט דעם גאַנצן פּולווער און רויך פון דעם טעגלעכן קאַמף. קאַהאַן האָט אַ טבע, אַז ער קען פּונקט אַזוי לויבן מיט אויס־געשריי און אימפּעט, ווי ער רייסט און קריטיקירט. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער שטראָפט מיט לויב, ער וואַרפט פייערדיקע שטיקער לויב אין פּנים אַריין, אַז מ׳קען קוים קומען צו זיך.

ווערטער דינען אים צו לייכט, אַז ער נעמט זיך אָפּט נישט די מי צו זען אויב די ווערטער זענען טאַקע די ריכטיקע און צי דינענדיק אים טוען זיי אים נישט קיין רעה, מיט זייער געפּילדער און מיט זייער האַניק־טריפנ־דיקייט. אַפּילו זיינע קורצע אַרטיקלען מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער מחבר האָט אַ טבע זיך צו פאַררעדן, און אַז בלויז דאָס באַגרענעצטע אָרט אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג האָט אָפּגעשטעלט דעם שטראָם רייד.

אָבער דאָס ביסל קריטיק דאַרף נישט שאַפן דעם איינדרוק, אַז די גע־זאַמלטע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „מעקסיקאַנישע רעפלעקסן“ זענען נישט

ניצלעך ווי פּובליציסטישע פּייזאַזשן, פון דעם ייִדישן ישוב אויף יענער זייט סמבטיון. אַ שאָד וואָס סאָלאָמאָן קאַהאַן האָט אונדז, אַ חוץ זיין איינציקן אַרטיקל וועגן דעם פּיאַניסט אַרטור רובינשטיין, נישט געגעבן קיין איין אָפּהאַנדלונג איבער מוזיק, וואָס האָט קאַהאַנען געגעבן אַ נאָמען אין דער ברייטער מוזיקאַלישער וועלט.

1954.

אַ ייִדישער דיכטער אין לאָנדאָן

דער דיכטער א. נ. שטענצל, וואָס רעדאַקטירט שוין שיינע עטלעכע יאָר דעם זשורנאַל „לשון און לעבן" אין לאָנדאָן, פאַרמאָגט אַ שאַרפע פּאָלעמישע פּען, וואָס שניידט זיך דורך אויך אין זיינע פילצאָליקע לידער. די שאַרפקייט איז אַמאָל דער בולטסטער סימן פון שטענצלס לידער; אָן דער דאָזיקער שניידיקייט וואָלט זיי געווען שווער צו קלאַסיפיצירן.

שוין אין דער איבערפלייצנדיקער פּראָדוקטיוויטעט איז פאַראַן אַ שאַרפע עקשנות. די זעלביקע עקשנות וואָס האָט אים די גאַנצע צייט געגעבן קוראַזש אַרויסצוגעבן זיין זשורנאַל, אין דער קאַלטער אַטמאָספערע פון דער ענגלישער הויפּטשטאָט, וווּ דער נאָכפרעג אויף אַ ייִדיש וואָרט איז אַ קנאַפּער; וווּ די פאַרשפּרייטונג פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל איז נישט אַזוי פאַרשפּרייטונג, ווי באַוווסטזיניקע אַרויפצווינגונג אויף אַ סך אַפּאַטישע, קאַלט־געוואָרענע, נאָכלאָזיקע ייִדן. מען מוז פאַרמאָגן אַ ים מיט גלויבן, כדי צו קעמפן מיט דעם פאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס עס הערשט צו ייִדיש, אַפילו אין די ענגע קרייזן, וווּ ייִדיש האָט נאָך געמעגט לעבן, לכל הפּחות, ווי אַ זיפץ אויף די קינדער־יאָרן, ווי אַ דערמאָנונג. ווען די אַסימילאַציע דערגרייכט שוין יאָ אַזעלכע קרייזן, איז שוין אַפילו נישטאָ וואָס צו אַסימילירן, ווייל אַלץ איז אַרומגעשימלט און פאַרוואַקסן מיט גראָז, אַזוי אַז די אַסימילאַציע האָט אויך קנאַפּ נחת פון אַזעלכע נצחונות.

ס'קומט בפירוש אַ סך אָנערקענונג דעם דיכטער שטענצל, וואָס איז געקומען מיט יאָרן צוריק קיין לאָנדאָן, און האָט דאָרט קיין איין מינוט נישט גערוט און רק געוועקט און געמאָטערט און ממש מיט גוואַלט סטימולירט אינטערעס אין ייִדישן וואָרט. ער איז גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גאַנצער פלעיאָדע שרייבער, וואָס זענען אַקטיוויזירט געוואָרן אויפצולעבן און צו פאַריונגן די ייִדישע ווייטשעפּל, וווּ ס'זענען אַמאָל געשטאַנען די דיכטערישע וויגעלעך פון אַזעלכע ייִדישע פּאָעטן ווי מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד; וווּ ס'איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דעם ייִדישן סאָציאַליסטישן געדאַנק און ייִדישער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

דאָס בוך לידער — „ווידערוווקס", וואָס איז נישט לאַנג דערשינען אין לאָנדאָן, איז אַ זאַמלונג פון די לידער וואָס דער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „לשון און לעבן", אין משך פון די צוויי יאָר 1950—1952. דאָס

בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט לידער און האַלט איבער 160 געדיכט־געדרוקטע זייטן. ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז שטענצל ווערט זייער זעלטן דערמאָנט, אויסגערעכנט אָדער געציילט, ווען מען ציילט יאָ און מען רעכנט אונדזער ביסל האָב און גוטס, מוז מען צוגעבן, אַז אַזאַ שפע פון לידער איז אַ גוואַל־טיקער ווידערשטאַנד, און ס׳פאָדערט זיך גאָר אַ סך כּוח צו מאַרשירן פאָרויס מיט אַזוי פיל לידער — אַנטקעגן אַזוי פיל פאַרשווייגן.

דיכטערס וואָס צווייפלען אין זייערע אייגענע כּוחות שרעקן זיך גע־וויינלעך פאַר באַנאַליטעטן. זיי האָבן מורא, אַז אין אַ ים מיט באַנאַליטעטן וועלן זיי איינגאַנצן דערטרונקען ווערן; מ׳וועט זיי נישט אַרויסזען און מ׳וועט נישט וויסן ווו זייער געבויין איז אַהינגעקומען. שטענצל באַקירט נישט קיין סך. ביי אים איז אַלץ אַ קרן און קיין אָפּגעריבן בילד, אָפּגעריבן וואָרט, אָדער אָפּגעטראָגענער גראַם איז ביי אים נישט קיין בראַק. ער זינגט און שפּילט זיך מיט אַלץ וואָס קומט אים אַנטקעגן, ווי ער וואָלט ווייזן, אַז ער קען אַלץ בייקומען און גובר זיין, און ער וועט דאָך באַווייזן אַריינצווואַרפן אַן אייגן וואָרט.

און ער באַווייזט טאַקע פון צייט־צו־צייט אַרויפצוקומען אויף דער אויבערפלאַך. מען מוז אים אָבער נעמען מיט אַ סך דיכטערישן טפל. זיינע לידער זענען דווקא געצוימטע, אויסגעהאַלטענע און אַפילו סאָנעטיש־דיסציפּלינירט. אָבער אין דער געצאַמטקייט, אין דעם צוזאַמענגעפּרעסטן צמצום קען ער אַ סך ריידן. ער איז פון אַזאַ דיכטערישן טייג געקנאָטן, אַז ער מוז אַ סך ריידן, ביז ער זאָגט דאָס ביסל וואָס איז אים באַשערט צו זאָגן.

מיר דאַכט זיך, אַז דער דיכטער שטענצל איז שוין אַ בן־חמישים און ס׳איז נאַריש צו קומען לערנען אַזאַ געשיקטן פערזן־שרייבער, ס׳איז נאָך נאַרישער צו קומען צו אים מיט פּרעטענזיעס און צו פאָדערן ביי אים עקאָנאָמיע פון וואָרט און בילד, אָדער בכלל מעלות וואָס ער באַזיצט נישט. זיינע בילדער בליצן אַזוי גיך, אַז ווי בליצן לאָזן זיי מייסטנס נאָך זיך איבער — טונקלעניש. דער גאַנצער מהות פון שטענצלס שרייבן איז פּזרנות און נישט אָפּקלייבערישקייט. ווען ער זינגט אין אַ סאָנעט —

> אַז עס דאַכט זיך מיר, דו ביסט עס דאָרטן, יענע פּרוי,
> ווערט אַ הימל פון ביסעלע בלוי אין מיינע אויגן
> און מיט שווערע וואָלקנס עס ווערט באַלד איבערגעצויגן
> אין מיינע פאַרטונקלטע אויגן דאָס ביסל בלוי.

זעען מיר אַז די פאַרהימלונג פון ביסעלע בלוי, איז נישקשה פון אַ גוזמא, אָבער מיר מוזן אָננעמען די דאָזיקע איבערטרייבונגען, כּדי צו דערגרייכן מיט

דעם דיכטער די זעלטענע מאָמענטן, ווען ער זאָגט אונדז אויך עפּעס, וואָס איז אייגן —

נאָך וואָס שרייבן דיר דען אַ בריוו,
אַז איין אות צו דיר מיין יעדעס גליד?

מען דאַרף, למשל, זיין אַ געוואָגטער דיכטער, אַז מען זאָל ביי זיך פּועלן אָנשרייבן אַזאַ שורה —

ס'איז אַ שפּילכל דאָס לעבן!

אָבער שטענצל דערוועגט זיך כסדר צו שרייבן אַזעלכע פאָלקס־איבער־געקאָכטע ווייזהייטן, ווייל ער האָט דעם גלויבן, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו טריומפירן איבער אַזעלכע אַלט־באַקאַנטע ווערטלעך.

פאַראַן אין שטענצלס לידער אַ סך דייטשישע אַנגעלייענטקייט און אָנ־געלערנטקייט, וואָס שטעקט אַרויס פון זיינע דימענטן, בלומען, ביימער און געמעל־לידער. אָבער צוזאַמען מיט דער אָנגעפּרעמדקייט קומען אויף זיינע לידער אַ סך מאָל מיט אַ קערנדיקער פאָלקסטימלעכקייט, כשרע יידישע ווער־טער, כשרע יידישע געפילן. אין דער גאַנצער סעריע ליבע־לידער איז פאַרט פאַראַן אַן אמתדיק געפיל, אַ שיר־השירימדיקע צודרינגלעכקייט פון געליבטן צו זיין זיווג, ביז זי ווערט אַזוי שטאַרק דערזונגען, אַז זי האָט מער קיין כוח נישט זיך צו ווערן.

מיר געפעלן שטענצלס וויטשעפּל לידער און די אַנדערע לידער, וואָס אין זיי קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס זאָגעוודיקייט, דאָס ביסל פּראָזע, וואָס ער וויל אונדז זאָגן און וואָס אים געלינגט אַמאָל דורכצוקומען דער־מיט זיין ליד.

נישט נאָר ס'קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער,
ביז עס ווערט צעבראָכן,
דער האַרטסטער פעלדזן־שטיין ווערט, ווי אַ קלייד פון וואָל,
פון מאָלן צעקראָכן.

אָדער אַזאַ נאַטור־בילד מיט אַלט־יידישע בילדער, — אין גוטן סטיל פון זיידע מענדעלע —

מיט דרשה־געשאַנק בעכערלעך אין הבדלה־פלאַם
שטייען די טוליפּן מיט זייער זילבער־געגלאַנץ:
אין סאַמעט און אין זיידנס די שלאַנקע גלאַדיאָלן,

אין תוך געגומען

פֿאַרבייגן זיך מיט עלעגאַנץ צום ערשטן טאַנץ.

— — — — — — — — — — — — — — —

הויך אויפֿצוהייבן שטייען גרייט שוין די באַקאַלן,
פֿול אָנגעגאָסן מיט פֿינקלדיקן געטראַנק,
נאָר די כּלה פֿאַר באַזעצן ס'האַרץ צו צענעמען,
אַ ווייגענדיקס פֿון אַ בוים אַראָפּ גיסט זיך געזאַנג.

א. נ. שטענצל שרייבט זייער אַ סך, און אויב ער איז נישט קיין גרויסער איבערקלייבער און אָפּקלייבער, איז ביי אים, אין דער שפּע זיינער, פֿונדעסט־וועגן דאָ וואָס אויסצוקלייבן.

1952.

הערץ בערגנערס נאָוועלן

הערץ בערגנער האָט שוין פריער פאַרעפנטלעכט צוויי ראָמאַנען און צוויי זאַמלונגען מיט נאָוועלן, אַ דריטן ראָמאַן האַלט ער אין פאַרענדיקן, און אַט איז זיינס אַ נייע זאַמלונג נאָוועלן. בערגנער קומט פון אַ ליטעראַרישער משפחה. זיין ערשט בוך איז דערשינען אין וואַרשע אין 1935, אָבער דעמאָלט איז שוין זיין עלטערער ברודער מלך ראַוויטש געווען אַ באַרימטער יידישער פּאָעט. די מאַמע, הינדע בערגנער, האָט געשריבן משפחה־זכרונות פון איר היים־שטעטל אין גאַליציע. ה. בערגנער האָט זיך באַזעצט אין מעלבורן, אויס־טראַליע, וווּ ער איז גלייך געוואָרן דער שילדערער פון דער דאָרטיקער אַקלי־מאַטיזאַציע — ס'איז אַן אומשולדיקער וואָרט ווי אַסימילאַציע. צו אים קען מען זיכער קיין טענות נישט האָבן, ווי מען האָט טענות צו אַ סך יידישע בעלעטריסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, הלמאַי זיי שרייבן בלויז פון היי־מישן שטעטל. ער האָט גלייך געשלאָסן קינסטלערישע באַקאַנטשאַפט מיט די יידן פון דער אויסטראַלישער אימיגראַציע, וואָס דראַפּען זיך, דראַפּען זיך אַרויף אָדער האָבן זיך שוין אַרויפגעדראַפּעט אויף דער לייטער פון דערפאָלג.

בערגנערס נייע זאַמלונג — „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" באַ־שטייט פון צען נאָוועלן, קורצע און לענגערע און אַלע, מיט איין אויסנאַם, זענען פון יידישן לעבן אין אויסטראַליע. די ערשטע נאָוועלע איז אויפן נאָ־מען פון בוך און מיר ווערן גלייך אַריינגעפירט אין שטוב און אין געשעפט פון אַן אַרויפגעאַרבעטן אַסימילירטן ייד, וואָס האָט זיין יחוס און זיין בת־יחידה, אָבער הגם ער האָט זי מיט גוואַלט אַוועקגעפירט פון איר קריסטלעכן חתן, מיט וועמען זי אַנטלויפט פון הויז, קען ער זי נישט דערהיטן, ווייל סוף־כל־סוף פאַרפלאָנטערט זי זיך און ער מוז דערפאַר לאָזן אַראָפּדינגען פון זיין שטאַנד און געבן זיין הסכמה, ווען זי ראַטעוועט זיך פון איר בושה, דורך אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ פּראָסטן יונג.

דער דאָזיקער בקיצורדיקער אינהאַלט קען נאָך געבן אַ פאַלשן איינדרוק, זאָל דערפאַר גלייך געזאָגט ווערן, אַז הערץ בערגנער איז אַ גוטער און גע־ניטער שרייבער. זיין געניטשאַפט טוט אים אפשר נישט קיין גרויסע טובה. נעמט ער אַ טעמע אין די הענט אַריין, ווייסט ער וואָס מיט איר צו טאָן, מען זעט ווי ער באַאַרבעט זיין טעמע, אַנטוויקלט זי ממש פאַר די אויגן פון לייענער. ער שילדערט, באַשרייבט אַלץ וואָס מען דאַרף און ווו מען דאַרף.

גייט צוריק, שפּאַנט פּאָרויס, שילדערט אַביסל די נאַטור, באַוועגונגען, גרי־מאַסן און אַפילו עמאָציעס. ער פּאַרמאָגט אַ גוט היימיש לשון, וואָס דינט אים צו באַשרייבן איינצלהייטן. אָבער די גענישטשאַפּט זיינע איז אַ מאָנאָ־טאָנע. נישט נאָר נעמט זי ביי אים די טעמע אין די הענט אַריין, נאָר זי נעמט אים אַליין אויך אין די הענט אַריין. זי לאָזט אים נישט ריזיקירן און וויל מיט אים אַליין אויך נישט ריזיקירן, אַז ער וועט זיינס אַ דערציילונג אַנדערש אויפבויען, ווי זי — די גענישטשאַפּט — דיקטירט.

הערץ בערגנער, האָב איך געזאָגט, איז אַ גוטער שרייבער. ער איז אָבער אַקוראַט אַזאַ גוטער שרייבער, וואָס רופט אַרויס פּאַרדראָס, הלמאַי ער איז נישט קיין בעסערער שרייבער. פּאַראַן גוטע שרייבערס, וואָס ווי באַגרענעצט די קינסטלערישע קוואַליטעט זייערע זאָל נישט זיין, זענען זיי, אין די ראַמען פון זייערע אייגענע דערגרייכונגען, פּאַרענדיקט. מען קען צו זיי נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס, און מען קען ביי זיי נישט מאָנען. אַזעלכע זענען זיי און אַזוי וועלן זיי שוין בלייבן. הערץ בערגנער איז דערוויל אַ צווייט אָדער דריטראַנגיקער שרייבער, מיט גרויסע מעגלעכקייטן און אַ סך צעזייטע אָנ־דייטונגען און אָנווייזונגען, אַז נישט נאָר קען ער זיין אַ גרעסערער שרייבער ווי ער איז, נאָר ער וויל. ער רייסט זיך, אָבער די גענישטשאַפּט זיינע לאָזט אים נישט אַרויס אויף אַ ברייטערן שליאַך, ווו מען קען טאָן וואָס ס׳האַרץ גלוסט. דער רעזולטאַט איז, אַז זיינע פּאָטענצן זענען די שאַרפסטע קריטיק אויף זיין אייגענער דערצייל־קונסט, וואָס איז נישט קיין שלימותדיקע.

בערגנער רופט סיי זיינע לענגערע און סיי זיינע קלענערע דערציילונגען — נאָוועלן, און ער איז גערעכט, ווייל אַפילו זיינע זייער קורצע דערציילונ־גען זענען קליינע נאָוועלן. בערגנער, מיט זיין גאַנצער גענישטשאַפּט, האָט זיך נישט אויסגעלערנט אָנצושרייבן אַ קורצע דערציילונג, וואָס זאָל זיין מיניאַטור־קונסט, פּאַרמאָגן אַן אייגן וואַרעם לעבן און איבערלאָזן אַן עכאָ, אַן אַקאָרד. דערפאַר זענען זיינע קורצע דערציילונגען בפירוש ליליפּוטישע נאָוועלן. דער מחבר נעמט זיך צו זיי און צו די מענטשן, ווי ער וואָלט גע־נומען בויען אַ ראָמאַן. ער לייגט אַן אויף זיי אַ סך פּאַרב, ער איז אַזוי פּאַר־נומען מיט זיין צעאַרבעטונג פון דעטאַלן, אַז ער גיט צופיל, ער באַלאָדט די קורצע דערציילונג מיט אַלדאָס גוטס און מיט אַזויפיל גוט־אויסגעאַרבעטע פּרטים, אַז ווען ער האָט ביים סוף פּאַרלירט ער דאָס געדולד. דער סוף קומט דערפאַר אַרויס אַ געכאַפּטער, אַ קינסטלעכער. ווען דער לייענער האָט שוין ביים לעצטן בלעטל כאַפּט אים אָן אַ רחמנות אויפן מחבר, וואָס האָט זיך אַזוי פּאַרשווענדט, און ער, דער לייענער, קען זיך בשום אופן נישט פּאָר־שטעלן, ווי אַזוי דער מחבר וועט זיך ראַטעווען און ווי ער וועט ענדיקן. דער

סוף איז אַז הערץ בערגנער פאַרענדיקט טאַקע מייסטנס נישט. מען זעט אַז ער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ צו גרויסער רחבות פאַר זיין קורצער דערציילונג. ער האָט זי לכתחילה נישט געבויט, אַז זי זאָל אויסגיין פון זיך אַליין.

בערגנער האָט אַ סך געדולד ביים אָנהייבן אַ מעשה, אָבער ער פאַרלירט דאָס קינסטלערישע געדולד, ווען ער זעט, אַז זי דאַרף זיך שוין ענדיקן. זיינע מעשיות זענען אָנגעהויבענע ראָמאַנען, מיט גרויסע קאַנוועס און ברייט־צע־נומענע הענט. ווען מען לייענט אַ קורצע דערציילונג, וואָס איז קינסטלעריש געבויט אַזוי, אַז זי זאָל זיין אין זיך אַליין עסענץ, גייט קיינעם נישט אין סוף פון דער מעשה. אָבער אין בערגנערס אַזוי־גערופענע נאָוועלן איז דער לייענער ביטער אַנטוישט, וואָס דער שרייבער, וואָס האָט זיך שטאַרק מטריח געווען די גאַנצע צייט און אַלץ באַוואָרנט, האָט פאַרגעסן, אַז אַזאַ מעשה מוז זיך ענדיקן. ביי בערגנערן בלייבט אַלץ געוויינלעך הענגען אין דער לופט, אָדער דער סוף מאַכט דעם איינדרוק פון אויף־גיך־צוגעטראַכט, בשעת הדחק, ווען ס'איז דעם שרייבער פלוצים ענג געוואָרן.

איינע פון די בעסערע דערציילונגען אין בוך איז „די קאָנקורענטן פון פאַקאַפּאַלאַ". אין אַ קליין אויסטראַליש שטעטל וווינט אַן אַלטער בחור, וואָס האָט שטאַרק מצליח געווען. זיין געוועלב האָט אים תמיד געגעבן פרנסה בריווח. דער איינציקער ייִד צווישן אויסטראַליער און איטאַליענער איז אַ לאַנגע צייט געבליבן דער איינציקער, ווייל אַזוי גיך ווי ס'האָט זיך באַוויזן אַ ייִדישער קאָנקורענט, האָט ער אים גלייך אַוועקגעלייגט. ער האָט געשניטן די פּרייזן, געשניטן יענעם דעם גאַרגל, ביז דער קאָנקורענט האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל. דער זעלביקער געשעפט־רוצח דערשפּירט זיך מיט־אַמאָל אַזוי איינזאַם, אַז ווען זיינער אַ נייער און פאַרעקשנטער קאָנקורענט, וואָס ליגט שוין אויך אַן אַוועקגעלייגטער אויף אַלע לאָפּאַטקעס, גרייט זיך צו מאַכן אַן אויספאַרקויף ערב זיין פאַרלאָזן דאָס שטעטל, נעמט דער איינ־געפונדעוועטער סוחר און שטעלט אים צוריק אויף די פיס, דורך רויִנירן זיך אַליין און ממש טרייבן די קונים פון זיך — צום קאָנקורענט אין געשעפט אַריין.

פאַר דעם קאַלטן, האַרטן און גאַרגל־שניידנדיקן סוחר, וואָס האָט תמיד געוואַרט אויף דעם פינצטערן סוף פון זיינע קאָנקורענטן, מיט אַ פייערל פון פרייד, איז די פלוצימדיקע „העפּי־ענדינג" צו „העפּי".

אין אַ „ברויט מיט אַ מעסער" בלייבט די מעשה גלאַט הענגען אין דער לופטן. ס'ווערט געבוירן אַ קינד, אָבער די הויכע רייזל, די געוועזענע גבירטע

און מיוחסת, ווען מען איר לאַנדסמאַן, דער אַמאַליקער שוסטער, האָט אַרײַנגעבראַכט אין אויסטראַליע איז אין אַ ביטערן מצב, און קיינער ווייסט נישט וואָס מיט איר וועט געשען מאָרגן. אַז דער מחבר וואָס האָט אָנגעצויגן די מעשה האָט פּלוצים פאַרלוירן דאָס געדולד, האָט ער „געמאַכט אַ ברית", און זיך געראַטעוועט פון דער נישט־פאַרענדיקטער דערציילונג.

ס׳וואָלט נישט געווען קיין גרויסע עוולה, וואָס בערגנערס מעשיות האָבן נישט קיין נאַטירלעכע סופן, די עוולה באַשטייט אין דעם געדולדיקן בויען און אין דער פּלוצימדיקער אומגעדולדיקער אײַלעניש צו פאַרענדיקן. דער מחבר מוז אַמאָל, אין איין זאַץ, אַרײַנלייגן אַזוי פיל פאַרלויפעניש, כדי צו דעריאָגן דעם סוף, אַז מען זעט ממש די קינסטלעכע שטעך.

האָב איך אפשר באַדאַרפט אָנהייבן מיט בערגנערס גרויסע מעלות. ער פאַרמאָגט גוט לשון, וואָס דינט אים פאַר לעבעדיקן, גראָטעסקן און באַוועגלעכן דיאַלאָג, און פאַר גוטע שילדערונגען פון פיזיאָנאָמיעס און געשטאַלטן. ער האָט הומאָר, אָן דער אָנשטרענגונג צו זײַן אַ הומאָריסט. אין זײַן דערציילונג „אַ טאַטע פון טעכטער" ווייזט ער אונדז אָן אַריבערגעקומענעם טאַטן, וואָס די דרײַ אויסגעגרינטע טעכטער נעמען אים אין דער אַרבעט אַרײַן און לאָזן אים נישט מאַכן קיין איבעריקן טריט אָדער זיך חלילה אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, ווײַל זיי שטייען אין שידוכים און האָבן מורא אַז ער וועט זיי קאַליע מאַכן די מערכה. דער טאַטע וואָס גייט ממש אויף ספּרוזשינעס און וואָס רײַסט זיך צו באַפרײַונג, איז געשילדערט מײַסטעריש. ער זיגט צום סוף, ביי זײַן טאָכטערס תנאים, ווען די ייִדישע לידער און דעקלאַמאַציעס געפינען אַ וועג צו די הערצער פון פאַרהאַרטעוועטע און אָפּגעפרעמדטע ייִדן.

אין אָט דער מעשה וואָס פאַרנעמט פערציק זײַטן אין בוך און וואָס דער מחבר האָט ווי תמיד צעאַרבעט אויף זײַן דעטאַלירטן שטייגער, ווייזט אונדז בערגנער אַז ער קען באַמייסטרעווען זײַן מאַטעריאַל, ווען ער האָט אַ גוטע טעמע און ווען ער פאַרלירט נישט דאָס געדולד אין די לעצטע זײַטלעך.

אגב איז „אַ טאַטע פון טעכטער" די געראָטנסטע דערציילונג אין בוך. די אַנדערע זענען אַביסל צו מאַנאָטאָן. די אַסימילירטע, פאַרגרעבטע און אַרויפגעאַרבעטע ייִדן זענען ענלעך צו די אַנדערע אין אַלע דערציילונגען, ווי די געשילדערטע נאַטור אין די אויסטראַלישע שטעטלעך, וואָס איז חמימהדיק, קלעפּיק און שווער. און הערץ בערגנער ווייס אַקוראַט ווו מען דאַרף אַרײַנשטעקן אַביסל „נאַטור", אָבער אים געלינגט נישט זי צו באַלעבן, נישט געקוקט אויף אַלע זײַנע אויסטערלישע פאַרגלײַכן.

הערץ בערגנער געהערט אָן ספק צו דער טראַדיציע פון די יוסטע פּויליש־ייִדישע שרייבערס. מען באַמערקט אַז ער האָט גוט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס לשון פון שלום אַש און ווייסענבערג; דער עיקר ווייסענבערגס שניידיקע שאַרפקייט און זיין נאָענטשאַפט צו גשמיותדיקע העלדן. ווען זיי זענען כלומרשט איידל זענען זיי שלעכט, קאַפּריזנע, צעלאָזן. אין זיין „קינגס־קאָרנער" גיט אונדז בערגנער אָן אמתע שלעכטע פרוי, אַ מין וואַריאַנט פון ווייסענבערגס שלעכטע פרוי, וואָס קען סיסטעמאַטיש דערגיין דעם מאַן די יאָרן און אים פאַרצאַפּן דאָס בלוט.

בערגנערס אייגענער טאַלאַנט באַשטייט אין דער אַסימילירונג פון דער וואַרעמער היימישקייט, וואָס די גרויסע שרייבערס אונדזערע האָבן פאַרמאָגט. זיי, די שרייבערס פון אונדזער איינגעפונדעוועטער טראַדיציע, האָבן זיך אים גוט „איינגעגעסן אין די ביינער". ער פאַרמאָגט אויך אין זיך עפּעס פון דעם עלטערן גאַליציאַנער קאָלעגע זיינעם — א. מ. פוקס — זיין קרומער קוק אויף מענטשן און אין דער זעלביקער צייט זיין צוגעלאָזנקייט צו די גרעבערע פאַרשווינען. ער פאַרמאָגט אָבער נישט יענעמס גופיקע טראַגיק, דעם געוואַי פון הענט און פיס. אגב איז דער גרויסער צייכן פון ווייסענבערגס טאַלאַנט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אונדז געבראַכט דעם פּאַטעטישן ציטער פון די חושים און די טראַגיק פון זיין צוגעטשעפּעט צו הענט און פיס, ווען דער מענטש, אַפילו דער גשמיותדיקסטער, וויל פליען.

הערץ בערגנער האָט אונדז מיט זיינע צען דערציילונגען און מיט זיינע פריִערדיקע ביכער, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מעלבורן, אין 1941, 1947 און 1950, געבראַכט אַ הויך פון אויסטראַליש ייִדיש לעבן, אָבער ס'איז אין דעם גאַנצן געראַנגל פון מסחר, איינזאַמע, פאַרוואָרלאָזטע שולן, אָפּגעטראָגענעם יחוס, בלאָזן זיך לגבי די צוגעקומענע פרישע אימיגראַנטן, געיעג נאָך שידוכים, פאַראַן אַ גרויע פלאַכקייט, אַ גלייכגילטיק און אומטראַגיש געפיל צום אייגענעם אויספלאַנץ און איבערפלאַנץ, צו דער גייסטיקער אויסזיכטלאָזיקייט. בערגנער קען אונדז ענטפערן, ווי ס'האָט אַמאָל געענטפערט דער גרויסער גאָגאָל, אַז מען טאָר נישט האָבן קיין טענות צום שפּיגל, ווען די צורה איז אַ פאַרקרומטע. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין דער פאַרפלאַכונג איז אויך שולדיק דער שרייבער אַליין, וואָס האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן געפונען. עפּעס פון קינסטלערס פערזענלעכער טראַגיק און פון זיין אייגענעם בליק אויפן לעבן, דאַרף דערהויבן זיין מאַטעריאַל.

איך בין שטאַרק מסופק, צי אין אויסטראַליע זענען טאַקע אַלע אַרויפגעאַרבעטע ייִדן און ייִדענעס אַזוי צוויי־דימענסיאָנעל. גיכער איז שולדיק די

געוווירעטע געניטשאַפט פון דעם שרייבער, וואָס טוט דערווייל מיט אַ דער־ציילונג אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן און וואָס די אבות האָבן געטאָן. ער האָט גרויסע כוחות, אָבער ער דאַרף זיי באַפרייען, אַנטפּעגטן, זיי צעזינגען און זיך מער פאַרטיפן אין זיך אַליין, ווייל די דערציילונגען פון אויסטראַליע דאַרפן אונדז נישט נאָר אָפּגעבן אַ גרוס פון ייִדן אין אויסטראַליע, נאָר פון אַ ייִדישן קינסטלער צווישן ייִדן אין אויסטראַליע.

.1955

י. פּאַפּיערניקאָוו

כ׳קלייב זיך נ י ש ט צו שרייבן וועגן י. פּאַפּיערניקאָווס לידער־בוך — „דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית״, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעגעבן געוואָרן „מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינט אין ישראל, אין תל־אביב״. די סיבה פאַרוואָס איך וועל נישט שרייבן וועגן דעם בוך איז פשוט; ווייל איך האָב אַמאָל דעם דיכטער שטאַרק אויפגעבראַכט און ער איז אַפילו אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָפענעם בריוו קעגן מיר, מחמת אים איז נישט געפעלן ווי איך האָב אויפגענומען זיינע ארץ ישראל לידער.

אין יענעם אָפענעם בריוו האָט מיר פּאַפּיערניקאָוו אַריינגעזאָגט, אַז איך אַליין בין אויך נישט פרימע־שעבעפרימע און איי־איי. ער האָט מיך דעמאָלט גאָר שטאַרק איבערצייגט, אין דעם וואָס איך האָב שוין לאַנג געוווּסט, אַז איך בין צו־אָפּט אַ קרבן פון אייגענע דורכפאַלן, און וואָס אַ יאָר וואַקסט די איבערצייגונג, אַז מיר וועט שוין שווער זיין מתקן צו זיין מיינע איינגעבוירענע חסרונות; אַז איך וועל נישט פלינקן העכער ווי ס׳איז מיר אָנגעצייכנט און באַשערט, אויב איך האָב בכלל אַרויסגעוויזן פלי־אייגנשאַפטן.

איז דאָס די צרה מיט מבינות־זאָגערס, וואָס שרייבן אַליין אייגענע ביכער און גיבן גלייך אַ געלעגנהייט מ׳זאָל כאַפּן אַ קוק און מ׳זאָל טאַקע באַלד זען, אויב אַזאַ דורכפאַלער מעג וואַרפן אַ שטיינדל, און אויב מ׳קען ביי דעם גרויסן מבין אַליין נישט געפונען שטרויכל אויף שטרויכל און דורכפאַל אויף דורכפאַל.

און אפשר איז עס גאָרנישט קיין צרה, ווייל עס גיט דעם קריטיקירטן מאָמענטאַן דעם נחת־רוח פון רעוואַנש. ער קען באַלד איינזען, אַז דער יפה דורש איז נעבעך אַ צרהדיקער מקיים, אַז ער קען אַליין נישט קיין שייטל עברי און אַז זיינע מיינונגען זענען נישט ווערט קיין שאָס פּולווער.

אָפּטמאָל, ווען איך שרייב אָן אַן איבערצייגנדיק שלעכט ליד און איך וויל עס נישט אַרויסלאָזן אין רשות הרבים, באַרעכן איך זיך און כ׳דרוק עס דווקא אָפּ מיט דער פרומער כוונה, אַז טאָמער האָב איך, חלילה, מצער געווען עטלעכע קאָלעגן, מיט אומפּאַרזיכטיקער מבינות, זאָלן זיי גלייך קענען ווערן קוויט מיט מיר און שורהוויז אַרומטראָגן, אָדער צעטראָגן, מיינס אַ שלעכט ליד אויף די געמאַרקן.

פון דעם טאָג ווען איך האָב דערצערנט דעם ארץ ישראל פּאָעט י. פּאַ־

פיערניקאָוו, זענען שוין אָפּגעלאָפן אַ סך, אַ סך שלעכטע לידער מיינע, און איך בין זיכער, אַז דער דיכטער וואָס וווינט שוין אַזוי לאַנג אין ארץ ישראל, האָט שוין אפשר לאַנג געקילט זיין כעס אויף מיר. אָבער דאָס נייע בוך — „דאָס לאַנד פון צוויטן בראשית" איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון דעם דיכטערס פריִערדיקע ביכער און איך וויל נישט ווידער געשטרויכלט ווערן מיט אומ־באַרעכטיקטער מבינות־זאַגעריי.

אויב איך רעד יאָ וועגן דעם ניי־דערשינענעם בוך איז עס פשוט דער־פאַר, וואָס איך וויל אָנווייזן, אַז דער אמת איז אַמאָל איינע פון די גרעסטע מעלות פון פּאָעזיע. כ׳וויל איצט נישט אַריינגעפּלאָנטערט ווערן אין אַ דיס־קוסיע, פאַרוואָס אמת איז נישט אַלעמאָל די גרעסטע מעלה פון פּאָעזיע, דער היפוך פון פּאָעטישן אמת איז אָגב נישט — ליגן, נאָר פאַנטאַזיע, איבער־אַנדערשונג, פאַרוואַנדלונג. דער גרויסער דיכטער טראַכט אַמאָל אויס... דעם אמת. אָט די אויסגעטראַכטקייט דערהייבט דעם אמת און גיט אים פליגל. אָבער דאָס איז אַן ענין, וואָס דאַרף דאָ נישט באַרירט ווערן.

אַמאָל איז אָבער דער פשוטער אמת, אויסגעשטעלט אין פיינע שורות און איבערגעגעבן מיט פיינע ווערטער, אויך פּאָעזיע. די ערשטע לידער אין בוך — „דאָס לאַנד פון צוויטן בראשית" זענען דאַטירט 1924, דאָס הייסט, אַז פּאַפּיערניקאָוו האָט נאָך איינגענומען דאָס לאַנד מיט דרייסיק יאָר צוריק. איצט מיינט דאָס אַ ייִדישער תושב, אַ ייִד מיט אַ ייִדישן פּאַספּאָרט פון אַ ייִדישער מדינה, און איצט קריגן די רייד זיינע, וואָס מיט זיי עפנט פּאַפּיער־ניקאָוו זיין בוך — דיכטערישע וואָג און האָפט —

וואָס דער טאַטע מייַנער, דער חובב־ציון,
האָט אַריינגעחלומט אין די זילבער־ווייסע האָר,
דערלעבט האָב איך אַן חלום — אויף דער וואָר;
און כ׳האָב אַן ציון־בענקעניש, אַן ציון־ווי —
דערלאַבט צום עסן פונעם אייגענעם פּאַרפּלאַנץ און אייגענעם פּאַרזיי:
די פרוכט פון שווייס און בלוט, אויף אייגן ערד,
וואָס אויסגעלייזט זי, האָבן מיינע ברידער —
מיט דער שאַרף פון אַקער און פון שווערד.

דאָס זענען פשוטע ווערטער און זיי זענען פשוט אמת, און זיי זענען געוואָרן פּאָעזיע אויך אַדאַנק דעם קליינעם קנייטש, מיט דעם „שאַרף פון אַקער", ווען מ׳האָט רייך־לינגוויסטיש אָדער באַנאַליסטיש דערוואַרט בלויז — שאַרף פון שווערד.

דערפאַר איז אויך רירנדיק־אמת און אויך פּאָעטיש־אויפריכטיק, דאָס אויטאָביאָגראַפישע ליד — „אין לאַנד פון מיין ווידערגעבורט", וואָס דער

דיכטער פּאַפּיערניקאָוו האָט געווידמעט אברהם סוצקעווערן. דער דיכטער זאָגט אויף זיך, אַז ער איז געווען דער ערשטער יידיש־זינגער אין מדינת ישראל. אָט די געשיכטלעכע ראָלע קען מען נישט פֿאַרלייקענען און אָט־דער זכות איז אין דער וווּנדערלעכער מקום־געוואָרנקייט אויף פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין פּאָעזיע.

איך וועל ברענגען די דערהויבענע פּערזן פֿון דעם ליד, וואָס זענען בכוח צו פֿאַרגיטיקן פֿאַר צענדליקער שוואַכע פּערזן און געקינצלטע גראַמען:

דאָס ערשטע היים־ליד האָב איך אויפגעזונגען דאָ — אין עמק —
(ווען ס׳לאַנד האָט נאָך קיין יידיש־זינגער נישט געהאַט),
ווען אַלץ איז נאָך געלעגן ווי אין בראשית, רוי און ליימיק,
זאַמדיק, ווי דער נגב איצט, און פעלדזיק ווי אילת;
ווען סטעפּ און מדבר האָט מיט טויט געדראָט פֿון אַלע זייטן,
געדראָט פֿון יעדע הויך, פֿון יעדע טיף און פֿלאַך,
און נישט געווען איז ווער ס׳זאָל קומען צו־דער־צייט פֿאַרבייטן
און אַראָפּנעמען אַ מידן שומר פֿון־דער־וואַך.
אין יענער צייט האָט מיך דאָס לאַנד צום צווייטן מאָל געבוירן,
געוואָרן מיר אַ מאַמע — זי, די מאַמע־ערד,
וואָס האָט יאָר־טויזנטער געהאַט די פרוכטבאַרקייט פֿאַרלוירן,
און פֿאַרקאַלכט — געלעגן טרוקן, דאַר און איינגעצערט.
אין יענער צייט איז אויפגעגאַנגען דאָ, ווי ס׳ווייץ און קאָרן
פֿון ערשטן אויסגעבענקטן, אויסגעקוקטן שניט —
אַזאַ געזאַנג מיינס, וואָס וואָלט קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן
דאָרט, וווּ כ׳האָב געשטעלט די ערשטע זינגענדיקע טריט.
די טריט, די היימלאָזע, וואָס האָבן אין־דער־פרעמד, דער קאַלטער,
געפירט צום וועג צום ווינטיקן פֿון נע־ונד;
איצט זינג איך נאָך, ווייל כ׳האָב מיין טרויעריקער היים מיין אַלטער
אויסגעביטן אויפן לאַנד פֿון נגב און אילת.

אָט די אויטאָביאָגראַפישע שורות, וואָס פֿאַרענדיקן פּאַפּיערניקאָווס ניי בוך לידער — „דאָס לאַנד פֿון צווייטן בראשית“ וועלן אַמאָל זיכער פֿאַר־צייכנט ווערן אין דעם ספר הגדול פֿון ניי־בראשית, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט, מיט אויפגעלעבטן ווילן, אָנגעהויבן צו שרייבן.

.1954

ישעיהו שפּיגלס לידער

דער גרויסער דערציילער פון דער געטאָ ישעיהו שפּיגל דאַרף האָבן דעם שטח פון אַ צוואַנציק לידער, כדי צו פאַרגליווערן דעם גרויל, וואָס איז פאַראַן אין זיינס אַן איינציקער קליינער דערציילונג, אָבער זיינע לידער זענען אַ ווייכטיקע אַקאָמפּאַנירונג צו די דערציילונגען. שפּיגל האָט אָנגעהויבן מיט לידער און אין 1930 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בוך לידער, וואָס האָט געהייסן — „מיטן פּנים צו דער זון". דעמאָלט האָט זיך אים נישט געחלומט אפילו, אַז אים וועט באַשערט זיין צו שטיין מיטן פּנים צו דער ערגסטער פינצטערניש און אַז ער וועט דער פינצטערניש קענען געבן ליכט, דורך דערהייבן דעם אומבאַשרייבלעכן פּחד אין דער געטאָ צו אַ מלכות־געטאָ. זיין קליין ביכל — „מלכות־געטאָ", מיט די קורצע דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן און באַגראָבן אין דער לאָדזשער געטאָ און שפּעטער אויפגעגראָבן, שטייען אויך „מיטן פּנים צו דער זון", אפשר צו אַ גרעסערער זון, ווי דער דאָזיקער סימבאָליש־גרייטער באַגריף באַטייט. אין 1930 האָט ער בלויז באַדאַרפט זיך אַ קער טאָן צו דער זון, אָבער אין זיינע געטאָ־דערציילונגען, אַ צענדליק יאָר שפּעטער, האָט ער זיך געמוזט דערגראָבן צו דער זון, ווי אַ לעבעדיק־באַגראָבענער, מיט אַנגסטן און דורך דער גרעסטער האָפענונגלאָזיקייט. אָבער דאָך איז אים געלונגען צו עפענען שטיקער ערד מיט די נעגל און זיינע דערציילונגען, וועגן דער ערגסטער חשכות, זענען געוואָרן באַלויכטן.

דאָס בוך לידער וואָס ער האָט נאָך־וואָס אַרויסגעגעבן אין לאָדזש טראָגט דעם נאָמען — „און געוואָרן איז ליכט". דער קינסטלערישער באַפעל איז מקוים געוואָרן אין אַ צאָל פון זיינע דערציילונגען אין זיין „מלכות־געטאָ", טיילווייז אויך אין „שטערן איבער דער געטאָ", אַ זאַמלונג דערציילונגען, וואָס איז דערשינען מיט אַ יאָר שפּעטער. אַ ניי בוך מיט דערציילונגען, וואָס פאַרענדיקט די סעריע פון די פאַרגראָבענע און אויסגעגראָבענע געטאָ־דערציילונגען — „מענטשן אין תהום", איז אַרויסגעקומען אין אַרגענטינע, גלייכצייטיק מיטן דערשיינען פון זיין בוך לידער אין לאָדזש. איבער די ניי־פאַרעפנטלעכע דערציילונגען וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן אַן אַנדערש מאָל.

לויט דער הקדמה צום בוך לידער, זענען די אַלע כתבים אַריינגעלייגט

געוואָרן אין דער פינצטערניש פון דער ערד דורך ישעיהו שפּיגלס פאָטער, משה ב״ר שמואל שפּיגל. דער פאָטער האָט „מיט האַלב־אָפּגעשטאָרבענע הענט״ פאַרגראָבן די לידער און נאָוועלן אין אַ בלעכערנער פּושקע אין אַ פינצטערן געטאָ־קעלער.

פאַרגראָבן — איז אַ גוט וואָרט און דאָס וואָרט געהערט צום מחבר. אויך די האַלב־אָפּגעשטאָרבענע הענט פון טאַטן, וואָס איז אומגעקומען אין דער לאָדזשער געטאָ, זענען געווען פול מיט האָפענונג, אַז ער באַגראָבט נישט אויף אייביק, נאָר ער פאַרגראָבט בלויז „ווי מען פאַרגראָבט אַ זוימען, וואָס דאַרף אַמאָל אויפגיין אונטער גוטע, ליכטיקע הימלען״. דער טאַטע, דערציילט אונדז ישעיהו שפּיגל, איז געווען אַ פּשוטער האָרעפּאַשנער פאָלקס־ייִד און פאַר אַזאַ ייִד איז עס געווען אַ באַזונדערע לאַסט צו טראָגן אין דער גרעסטער פינצטערניש, נישט נאָר דעם גלויבן אין גאָט, נאָר אויך דעם גלויבן אין מענטש, און דערצו נאָך דעם גלויבן אין דער ליכטיקער מיסיע פון זיין זונס פּאַפּירלעך.

נאָך דער אויסגראָבונג האָבן זיך שפּיגלס כתבים אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמת געווינס. זיי האָבן זיך איינגעבערענגט טויזנטער יאָר פון פאַרגראָבנקייט. צווישן דער חשכות פון דער געטאָ, ווו די דערציילונגען זענען געשריבן געוואָרן, אין די ליכטיקע כתבים איז סיי־ווי געווען אַ דיסטאַנץ פון טויזנטער יאָר. דאָס זענען געווען די טויזנטער יאָר וואָס אַ פאַרגראָבענע קינסטלערישע זאַך דאַרף האָבן, כדי זי זאָל זיך גוט אויסליגן און אויסשימלען, ביז זי ווערט רייף אויסגעגראָבן צו ווערן פאַר אַן אָפּשאַצערישער רעטראָספּעקציע, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן. אָבער אין דער גיכער דערלייזונג פון די כתבים, אין זייער אַרויסקומען פון דער טיפסטער, קעלערדיקער פינצטערניש, איז סיי־ווי פאַראַן דער ליכטיקער מרחק צווישן באַלוט, דער לאָדזשער געטאָ און דעם קינסטלערס הענט, וואָס האָבן זיי אַריבערגעהויבן איבער דער חשכות און איבער די פאַרסמטע גראַטעס.

דער נאָמען פון די לידער — „און געוואָרן איז ליכט״ איז חל אפשר מיט מער איבערצייגונג אויף די דערציילונגען פון דער געטאָ, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דעם „טאַטנס פאַרגראָבענעם גלויבן״. אָבער אויך די לידער פאַרמאָגן אין זיך שפּריצלעך ליכט פון יענער באַלויכטענער פינצטערניש, אויב מ׳לייענט זיי צוזאַמען, בעסער געזאָגט אויב מ׳זאָגט זיי צוזאַמען, ווי מ׳זאָגט תפילות. מען דאַרף זיי זאָגן איינס נאָך ס׳אַנדערע, כדי צו ווערן דורכגעדרונגען מיט דעם געזאָגטן, געציטערטן, הגם נישט אַלעמאָל אָפּגעציטערטן וואָרט און כדי צו דערפילן, אַז אין דעם געזאָגטן איז פאַראַן אויך די זעלביקע דורכגעליכטיקטע פּחדימדיקייט פון זיינע דערציילונגען.

אין די דערציילונגען איז ישעיהו שפיגל ליריש, אָבער ער דערגרייכט עס מיט אַ זעלטענער אָביעקטיוויטעט. ער מישט זיך נישט אַריין אין זײַנע דערציילונגען און ס׳איז פון דעסטוועגן נישט שווער צו זען דעם מחבר צווישן דער גאַנצער טרויעריקער עדה ייִדן אין דער געטאָ. אין די לידער זײַנע איז ער אויך ליריש, אָבער ס׳איז שוין שווערער צו זען, אַז צוזאַמען מיט דעם דיכטער איז אויך געווען אין געטאָ אַן עדה ייִדן.

כ׳וויס נישט צי שפּיגלס דערציילערישע קונסט לאָזט זיך אַנאַליזירן. ס׳וואָלט אפשר געווען ריכטיקער צו זאָגן — לאָזט זיך ש ו י ן אַנאַליזירן, אָבער מיר דוכט זיך, אַז זײַן ליכטיקייט אין דער חשבות קען זיך פאַרגלייכן מיט סוצקעווערס ליכטיקע פערזן, וואָס ער האָט אונדז אויך, אויף זײַן שטייגער, אויסגעגראָבן פון דער קעלערדיקער טיפעניש. ווען מ׳זאָל עס נעמען אין אַ העכערן זין, ווייל אויף אַ נידעריקער מדרגה קען עס קלינגען ווי פּראָפּאַנאַציע, מוז מען זאָגן, אַז ביידע קינסטלער, שפּיגל דער דערציילער און סוצקעווער דער דיכטער, פאַרמאָגן אין זיך אַ קינסטלערישע שפּילעוודיקייט, אַ גאָט־געבענטשטע שפּילעוודיקייט, וואָס האָט זיי נישט פאַרלאָזט אויך אין דער געטאָ, דורך דעם גרעסטן אומגליק. אַזוי גיך ווי זיי האָבן געזען ווערטער האָבן זיי געזען — ברויט. זיי האָבן געהאַט דעם כוח זיך צו זעטיקן מיט ווערטער און נאָך דעם געפינען דאָס זעטיקע געמיט זיך צו שפּילן מיט דעם מאַטעריאַל. נאָך אַמאָל — דאָס איז אַלץ גערעדט אויף אַ העכערער מדרגה, וווּ ס׳קען קיין רייד נישט זײַן פון פאַרשוועכונג. אין אַ געוויסן זין זענען די קינסטלער — די קינדער פון דער געטאָ, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן פון גאָט־וויס־ווו, ביי דער גרעסטער איינשטעלעניש, געבראַכט אַ פאַרפוילטן קאַרטאָפל, כדי דער קינדערשער שפּיל זאָל נישט אָפּגעשטעלט ווערן אויך אין געטאָ, ווו יעדער קינדער־שמייכל איז געווען אַזוי בייטיק פאַר די דערוואַקסענע.

צוזאַמען מיט דער גרויסער שליחות, אַז דער זוימען פון ליכט דאַרף, מוז און וועט אויפגיין ממעמקים, האָט אויך אין אַזאַ קינסטלער, ווי ישעיהו שפּיגל, געלעבט די קינדערשע נאַיוויטעט. מ׳דאַרף זיך קענען אומזיסטיק שפּילן ווי אַ קינד, כדי צו קענען אויפהאַלטן, אָפּפינצטערנדיק טעג און נעכט אין דער געטאָ, דעם גלויבן. ווען דער טאַטע האָט פאַרגראָבן די כתבים, מיט האַלב־אָפּגעשטאָרבענע הענט, איז עס אויך געווען אַזאַ אומזיסטיקער שפּיל, אָבער שרייבן לידער און דערציילונגען מיט האַלב־אָפּגעשטאָרבענע הענט, פאָדערט די ריזעוודיקייט פון אַ גאָניאַלן מענטשן, וואָס קען זיך קינסטלעריש שפּילן מיט זײַנע אייגענע פאַראַליזירטע הענט.

אָט די קינסטלערישע ליכטיקייט איז דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע, אַפּי־

לו פון אַ ריין־דאָקומענטאַרישן שטאַנדפּונקט, וואָס שטראַלט אונדז אין פּנים, ווען מיר לייענען די אויפגעגראָבענע דערציילונגען פון ישעיהו שפּיגל. אין זיינע לידער פּעלט דער דאָזיקער העכערער קינסטלערישער שפּיל. די טעמע — ייִדן אין געטאָ. ער אַליין איז זיך אַליין געפאַלן אַ סך שווערער, ווי ס׳זע־נען אים געפאַלן אַלע טעמעס, וואָס ער האָט דורכגעליכטיקט מיט זיין צער און שמייכל, בעת ער האָט געשריבן זיינע דערציילונגען. אין זיינע לידער איז דאָ אַ סך צער, אָבער ס׳פעלט יענער וווּנדערלעכער שמייכל, וואָס גיט זיינע דערציילונגען די הויכע מדרגה פון קינסטלעריש ליכט.

אין די לידער זיינע שטייען מיר פּנים אל פּנים מיט אַ מאָנאָטאָנער פאָרעם און מיט אַ צוגאַנג צום ליד, וואָס איז אַ סך הינטערשטעליק לגבי זיין געפּונענער אינטימיטעט מיט דער דערציילונג. עס פעלט אין זיי די צי־טערדיקע פרייד פון שעפערישע הענט, אָבער, ווי געזאָגט, מען מוז זיי לייע־נען — אַ סך לידער צוזאַמען — כדי צו זען, אַז ס׳איז געווען כדאַי אויך אַ טייל לידער צו פאַרגראָבן אויף שפּעטער.

די לידער זענען איינגעטיילט אין פיר סעריעס. די ערשטע סעריע איז געשריבן אין די יאָרן נאָך דער באַפרייונג און זיי זענען ווי אַ נאָכדענק צו די געשעענישן. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט די שורות:

שענק מיר דאָס געדעכעניש פון טויט,
פון אַלע די וואָס זענען אַש געוואָרן.
שענק מיר דאָס געדעכעניש פון דור,
פון זיין לעצטער פּיין, פון זיין לעצטן צאָרן.

אַ צווייט ליד הייבט זיך אָן אין אַ פאָלקסטימלעכן טאָן, כמעט דירעקט ווי אַ פאָלקס־ליד:

ס׳הענגט נידריק איצט דער הימל אויף מיין פענצטער,
דער ווינט, ער טראָגט שוין פּרוכט אין גרינע סעדער.
נאָר נישט פאַרגעסן כ׳וועל אייך, געסעלעך פון געטאָ,
ביי אַלע שטערן טו איך איצט אַ נדר.

כ׳האָב געבראַכט די דאָזיקע צוויי ציטאַטן, כדי צו ווייזן אַז ווען ס׳איז געקומען צו דערציילן פון דער געטאָ, האָט שפּיגל נישט געהאַט קיין אבות און ער האָט אַליין, אָן מורא, גענומען שאַפן זיינע אייגענע מוסטערן. אָבער אַז ער איז געקומען צום ליד, האָט ער שוין געזוכט טראַדיציאָנעל. אונדזע־רע קלאָג־לידער זענען מער אין דער טראַדיציע פון דער ייִדישער און אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור, ווי אונדזערע קלאָג־דערציילונגען. די קלאָג־דער־ציילונגען ליגן און וואַרטן אויף אַ נייעם קינסטלערישן תיקון. פון אונדזערע

קלאָג־לידער דאַרף זיך ערשט אַ קינסטלער שטאַרק אויסהיטן, ווייל זיי הענ־גען זיך אָן מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זייער איינגעוווינטן געוויין.
אויך אין זיינע נאָכדענקנדיקע לידער געלינגט דעם דיכטער־דערציילער צו שילדערן, אָבער בלויז ווען ער פאַרגעסט דעם פרימיטיוון קלאָג־נוסח.

פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן —
אַ גראָע קלויזן־וואַנט געקושט פון פלאַם.
ווען ס׳האָט דער אָונט בלוטיקן געגומען,
האָב איך געקושט דאָס לעצטע אות אין פייער־ים.
דער ווינט האָט פון די הימלען אָפּגעווישט די שטערן
און ווי אַ בעטלער אַריינגעוויינט אין רויטע ציגל,
פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן.
די רעדלעך הילצערנע פון אַ יידיש וויגל.
אַ פאַרהענגל אַ ווייס — אַ זומערדיקער וואָלקן
האָט זיך אין טויטע פענצטער שטום באַוויגן;
פון טויזנט פעלדזן ס׳איז אַ פעלדז געבליבן,
דאָס וואָרט אין טויטע קינדערישע אויגן.

אין די אויבנציטירטע שורות איז פאַראַן אַ סך פון דעם דערציילער ישעיהו שפיגל, וואָס האָט זיין נאָמען אַריינגעשריבן מיט זיכערע הענט צווישן די גרויסע נעמען אין אונדזער ליטעראַטור. די רעדלעך פון אַ יידיש וויגל, ווי דער איינציקער פאַרבליבענער פעלדז, דער ווינט, ווי אַ בעטלער וואָס וויינט אַריין אין רויטע ציגל, דאָס וואָרט אין טויטע קינדערישע אויגן — דאָס זענען נישט קיין שורות אין נוסח קלאָג־ליד, נאָר אין נוסח גרויליקער דערצייל־קונסט פון ישעיהו שפיגלס אייגענער געבענטשטער פעדער. אַזעל־כע שורות זענען פאַראַן אַ סך אין זיינע לידער.

די הימלען הענגען נאָך פאַרפּייניקטע געשוואָלן
פון לעצטן רויך, פון לעצטן שריי פאַרשטיינט.
ס׳האָט זיך אַ ייִד אַוועקגעזעצט ביים טויער
און הויך אויפן קול אין זאַמד אַריינגעוויינט.

עס גיט זיך דעם דיכטער איין צומאָל אויך אין גאַנצע לידער צו פאַר־געסן דעם גרייטן נוסח פון פאָלקישן קלאָג־ליד און אַפילו אויך די גרייטע ווערטער. אָט איז אַ קליין ליד מיט דער דאַטע 1941 וואָס לייענט זיך, אויב מ׳קען זיך אַזאַ זאַך פאָרשטעלן, ווי אַ זוניקער גרוס פון דער געטאָ.

כ׳בין הונגעריק נאָך דיין ליכט יעדן טאָג,
ווי נאָכן ברויט, וואָס איך עס אינעם חלום,
כ׳בין דורשטיק נאָך דיין וואָרט יעדן טאָג,
ווי נאָכן ווייַן וואָס איך טרינק אינעם חלום.

דו האָסט מיך פֿאַרשטילט ווי אַ מושלע
אין גאָלד־זאַמד אויף אַ ווייטן ברעג.
די שטערן צינדן מיך אָן —
איך הענג איבער אָפֿענעם תהום
און טרינק דיין קילע אָוונטיקע שיין
פֿאַר טויט און פֿאַרגיין.

ווען מען עסט ברויט אין חלום איז שווער אָנצושרייבן אַזאַ שטערן־באַלויכטענע ליד. ס׳איז אַ סך לייכטער צו קלאָגן ווי צו שרייבן מיט הונגעריקע הענט — „דו האָסט מיך פֿאַרשטילט ווי אַ מושלע אין גאָלד־זאַמד אויף אַ ווייטן ברעג״. די נישט־געגראַמטע שורות פֿאַרמאָגן אין זיך מער מוזיקאַלישקייט, ווי אַ סך געגראַמטע לידער.

נאָך אַ ליד, געשריבן אין געטאָ, פֿון פֿאַרוואַנדלטן שרעק און הונגער וואָלט מען באַדאַרפֿט ציטירן אינגאַנצן. כ׳מוז זיך באַגנוגענען בלויז מיט די ערשטע פֿיר שורות.

איך ליג בייִנאַכט אַ הונגעריקער, נאַקעט נישט פֿאַרדעקט,
דער הימל הענגט אין שויב גליווערדיק און טויט.
מיט דראָבנעם מאָן פֿאַלט אויף מיין קאָפּ דער מילכוועג
און ס׳ציטערט אויף מיין מויל דער לבנה־זוים — אַ שטיקל ברויט

אַט דאָס איז אויך ישעיהו שפּיגל, אַלע אַלטע שיינקייטן פֿון דער וועלטס פּאָעטישן סידור, דערפֿירט צום טראַגישסטן חלום פֿון אַ שטיקל ברויט.

פֿאַראַן אין שפּיגלס לידער אַ סך קינסטלערישע ערלעכקייט. די ערלעכקייט קומט דיר אַנטקעגן אין אַ צאָל לידער, און דערהויפּט אין זיין פּאָעטישן דיאַלאָג צווישן די צוויי ייִדן, אין זיין דראַמאַטישער פּאָעמע — „געזעגענונג״. איין ייִד באַשליסט צו בלייבן בויען זיין צוקונפֿט אין נידערשלעזיע, דער צווייטער ייִד קען שוין מער נישט בויען. ער מוז לעבן מיט דעם שרעק ביזן סוף פֿון זיינע טעג. אין די הענט פֿון אַן אַנדער קינסטלער וואָלט אַזאַ ליד, געשריבן אין נידערשלעזיע, אין 1947, געקענט ווערן אַ פּראָגראַמאַטישע רעדע. אָבער שפּיגלס ליד פֿינקלט מיט ערלעכקייט, אויף אַ וואָגשאָל פֿון תמימות. זאָגט איין ייִד:

דו גלייבסט — עס האָט אַ נס דיין לייב געשיצט.
נאָר איך, איך גלייב נישט מער אין ניסים.
דיין לעבן האָט געשיצט דער העלדנטויט פֿון טויזנט זין,
פֿון יענעם לאַנד וואָס ליגט אין מזרח און אין קאַלטן צפֿון —
דער טויט פֿון טויזנט זין — דאָס איז געווען דער נס
און זייער הייליק וואָפֿן.

אין תוך געגומען

ענטפערט דער צווייטער ייִד:

אַ לעסטער נישט דעם שאָטן דעם הייליקן פון פאָלק,
פון אַלע פשוטע און פּראָסטע ייִדן.

זאָגט דער ערשטער ייִד:

נישט אַלץ וואָס איז געווען — געווען איז הייליק.

אָבער דער צווייטער ייִד דערמאָנט אים:

דער טויט אַליין — מאַכט הייליק שוין זייער שאָטן,
וואָס פאַלט אויף מיינע און אויף דיינע אויגן.

צו קענען אַזוי ערלעך פאַרטיילן לשון צווישן צוויי ייִדן אין נידערשלע־זיע, האָט שפּיגל געמוזט זיין דער אויפריכטיקער קינסטלער פון זיינע איי־גענע דערציילונגען.

אין די לעצטע לידער, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין 1949, איז פאַראַן מער ווי איין סימן פון זיך־פאַרגעסנדיקער נאָכדענקונג, פון אַוועק־גיין פון נוסח קלאָג־ליד. ס׳הייבט אויף דעם קאָפּ דער אָריגינעלער קינסט־לער, וואָס קען זיך גרויסשטייגערדיק שפּילן מיט זיין מאַטעריאַל און וואָס געפינט מוזיק און ווערטער דערפאַר, אַז דער שפּיל זאָל נישט לעסטערן דעם אינהאַלט. גראָד זענען די מייסטע לעצטע לידער געשריבן אין פרייען פערז און גראָד זינגען זיי מיט אַ טיפערער מוזיק, ווי שפּיגלס שווער־איינגעשפּאַנ־טע לידער. כ׳ברענג דאָ ציטאַטן פון עטלעכע אַזעלכע לידער:

טויזנט יאָר ווי אַן אומגעקערטער וויין־בעכער,
ליגט אויף די וואַסערן פון פאַרגעסנגלעכקייט.
און דו — דו זינגסט נאָך אַלץ ביינאַכט,
ווען נעמסט אַרום דעם בלייכן זוים
פון ציטערדיקן לבנה־שאָטן אינעם טייך.

דאָס איז אַן אויסצוג פון אַ ליד צום געניאַלן וויין־טרינקער לי־טאַי־פּע. אָט זענען שורות פון אַ ליד, וואָס שניידן אויס אַ ווינטער לאַנדשאַפט אין ווראָצלאַוו.

די שטילקייט אויפן שניי לויערט. אַ דערשראָקענער הירש שפּרייזט
לעבן אַן איבערגעקערטן זשאַווערדיקן טאַנק.
די ערד פאַרבונדן מיט ווייסע שניי־באַנדאַזשן,
איז אין איר שטילקייט קראַנק.

דער גרויסער דערציילער ישעיהו שפּיגל שילדערט דיכטעריש דריי ייִדי־

שע זקנות, וואָס ווי „דריי אַלטע דרימלענדיקע פייגל מיט פאַרשפּיצטע שנאָבּ־לען ציילן זיי צווישן די אַלטע פינגער אַלע דורות, וואָס זענען מיט די וואָלקנס אָפּגעשוואומען".

אַ שפּראָץ אויף ליכט איז אויך פאַראַן אין זיין ליד צו אַ יידישן קוילן־גרעבער —

די טיפעניש פון ערד איז נישט קיין בונקער,
נאָר די טויטע וועלדער בענקען אַרויף אויפסניי
צו ווערן גרין,
צו ווערן ליכט
דורך דיינע אָדערדיקע הענט —
מיין שווייגנדיקער ברודער.

פאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע שורות, וואָס רייסן זיך „צו ווערן גרין, צו ווערן ליכט", צו באַפרייען זיך פון איינגעשפּאַנטקייט און צו ווערן קינסט־לעריש באַפרייט, ווי קינסטלעריש באַפרייט ס'זענען זיינע גרויסע אויסגע־גראָבענע געטאָ־דערציילונגען.

1950.

„אין מדבר סיני“

אין זיין בוך לידער „אין מדבר סיני“, צעוואָרפט דער פּאָעט א. סוצקע־ווער אַ סך באַמערקונגען וועגן לידער און דעם פּאָעטס שמידעריי פון סטראָפן און ווערטער. אויף וויפל מיר דאַכט זיך, איז ער, אין דעם נייסטן בוך, מער פאַרנומען מיט דעם צוגאַנג צו לידער און מיט אַ רעוויזיע פון פּאָעזיע בכלל, ווי אין זיינע פריערדיקע ביכער. ס׳איז זיכער נישט קיין רעטראָספּעקטיווער בליק אויף זיין קאַלאָסאַלער שפע און זיינע געבענטשטע דערגרייכונגען, נאָר אַן ערנסטער אָפּשטעל, פּאָעטישע זעלבסטקריטיק, וואָס איז אַ סך שטרענ־גער צו זיך, ווי די שטרענגסטע קריטיק; און איז זיכער וויכטיקער, ווי די שענסטע זאַלבּ־לויבן.

אַ דיכטער אין זיין שרעק צערייסט
אַמאָל זיין ליד: צו־שיין, צו־אָפן.

אַזוי דערציילט אונדז אויפריכטיק דער פּאָעט סוצקעווער סודות, גוט־באַקאַנטע סודות, פון יעטוועדן פּאָעטס לידער־קוזניע. אָבער אין דעם סוד ליגט אויך אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס סוצקעווער צערייסט אַמאָל אַ ליד: ס׳איז צו־שיין, צו־אָפן.

צווישן צו־שיין און צו־אָפן שטייט אַ קאָמאַ, וואָס קען געטייטשט ווערן אויף צוויי אופנים: אַז צו־שיין און צו־אָפן זענען איינס און דאָס זעלביקע; אָבער מ׳קען אויך טייטשן אַנדערש און זאָגן, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע סיבות פאַר צערייסן אַ ליד — „צו־שיין“, אָדער „צו־אָפן“. ביי מיר האָט איר געפועלט, אַז צו־שיין עפּנט אויף צו ברייט די טירן פון אַ פּאָעטס לאַבאָראַ־טאָריע און באַרויבט דאָס ליד פון דער מיסטעריע, פון דעם אַרומשלייער, וואָס אַ ליד דאַרף האָבן. ס׳באַווייזט ווי אָפן דער דיכטער אָפּעריִרט מיט פאַרבן, בילדער, סוגעסציעס, גראַמען, געציקלטע ווערטער, — ווי ער רופט עס אַלץ צו הילף, ווי ער שלאָגט צוזאַמען זיין ליד. ס׳איז אָבער מעגלעך, ווי געזאָגט, אַז סוצקעווער האָט אונדז געגעבן צוויי פאַרשיידענע און באַזונדערע חסרונות, וואָס צווינגען אים אומצוואַרפן אָדער אַוועקוואַרפן אַ ליד.

אָבער אין אַ ליד וואָס טראָגט אַזאַ דירעקטן נאָמען ווי „פּאָעזיע“, ווייַ־טער אין בוך, מיט אַ אַכצן זייטן, דעפינירט סוצקעווער פאַר זיך און אפשר אויך פאַר אַנדערע פּאָעטן, אַז פּאָעזיע איז —

י ע ק ב   ג ל אַ ט ש ט יי ן

אַ טונקל פּיאָלעטע פלוים,
די לעצטע אויפן בוים,
דין הייטלדיק און צאַרט ווי אַ שוואַרצאַפּל,
וואָס האָט ביינאַכט אין טוי געלאָשן
ליבע, זעונג, צאַפּל,
און מיטן מאָרגן־שטערן איז דער טוי
געוואָרן גרינגער —
דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מען זאָל נישט זען קיין סימן פון די פינגער.

קלאָר הייסט עס, אַז דער פּאָעט גיט אונדז דאָ אַ ליד, אַן אָנוואורף פון „שיינקייטן" וואָס צוזאַמען זענען זיי אפשר „צו־שיינקייטן" און ער זאָגט, אָן שום צוריקהאַלט, אַז „דאָס איז פּאָעזיע". ער גיט נאָך דערצו אַן עצה, אַז דער באַריר פון דער טונקל־פּיאָלעטענער פלוים, אָדער פון „פּאָעזיע", זאָל זיין אַזאַ רוחניותדיקער, אַז ס'זאָל נישט איבערלאָזן קיין פינגער־סימן — אַ מין אומגעלייזט פּאָעטיש „פאַרברעכן" — טו אָפּ אַלץ, אָן פינגער־צייכנס.

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט אונדז סוצקעווער אויס אַנדערע „סודות" פון זיין לאַבאָראַטאָריע.

איך זע און הער. און מיט די קלאַנגסימבאָלן, ווי מיט נאָדלען,
פאַרניי איך ווונדן אויף די ווייסע מוסקלען פון פּאַפּיר.

דאָס איז שוין דער סאַמע היפּוך פון נישט־באַרירן, פון נישט לאָזן קיין פינגער־צייכנס. ווען מען פאַרנייט ווונדן מיט נאָדלען, מעג עס זיין אויף פּאַ־פּיר, טוט עס וויי, ווען דאָס פּאַפּיר האָט מוסקלען, און דער פּאָעט נעמט אויף די ווונדן און איז זיך מטפל מיט זיי. אַ ווונד דאַרף מען אי היילן, אי פאַר־נייען, ס'איז אַ פּאָעטישע כירורגיע, וואָס איז אַ סך באַרירלעכער ווי דער דין־דינער אָנריר פון אַ „פּיאָלעטענער פלוים".

כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף די עטלעכע (אין בוך זענען פאַראַן אַ סך) קאָמענטאַרן איבערן ליד וואָס זענען אייגנטלעך סתירות, און וואָס, לויט וואָלט וויטמאַנען, זענען זיי אפשר די חנעוודיקע סתירות, וואָס צו זיי איז יעדער פּאָעט באַרעכטיקט. אָבער מיט דער גאַנצער באַרעכטיקונג, בלייבט אונדז דער איינדרוק, אַז אין די לידער פון „אין מדבר סיני", האָט דער פּאָעט אַוועקגעשטעלט זיך אַליין צוקאָפּנס אַ זיך־קריטיקער, וואָס מאַכט באַמערקונ־גען, זוכט אָריענטאַציע, דריקט אויס מיינונגען, וויל געפינען אַ וועג אפשר טאַקע — צווישן צו־שיין און צו־אָפּן, צווישן נישט־אָנזעעוודיקן באַריר פון פּאָעזיע, און דער כירורגיע פון פאַרנייען ווונדן אויף קראַנקן פּאַפּיר.

אין דעם בוך זענען פֿאַראַן אַלע גרויסע מעלות פֿון דעם וווּנדערלעכן פּאָעט סוצקעווער, אַלע זיינע איבעראַשנדיקע רייכטימער, זיין מוזיק, זיין ממש פּסיכיש געפֿיל פֿאַר וואָרט און קלאַנג, זיין גרויסע וואַריאַציע פֿון גראַמען, וואָס ער מיידט אויס איבערצוחזרן. אָט גיט ער אונדז „וויע־נסיעה", אָבער אויף אַן אַנדער אָרט גראַמט ער שוין „וויע־זכיה". זיינע גראַמען זענען בליץ־געבוירענע און די דערפֿינדערישקייט איז מייסטנס די דערפֿינדערישקייט פֿון אַ פּאָעטישן מעשה־בראשית. כ'זאָג מייסטנס, ווייל ווען מען „דערפֿינדערט" גראַמען, מוז מען אַמאָל אויסמוטשען און אויסמוחן אַ גראַם. דער עיקר ווען סוצקעווער צווינגט זיך אַריין אין אַ ווינקל און ער גראַמט פֿרעמדווערטער ווי „וועלפֿין" מיט „דעלפֿין" אָדער „באָרדאָ", דער קאָליר, מיט „מאָרדע"; „פֿעניקס" און „קעניגס"; „זאַווייע", „קאַסיאָפּייע"; „בחפֿזון", „נאַרקאָזן". אָבער די פֿרישטשיקלעך מוזן אַמאָל באַשלאָגן אַ ליד ביי דער גרעסטער גראַמען־עשירות. מיר זעען אין בוך דעם מייסטער פֿון זיינע ערשטע גרויסע און בלייבעוודיקע לידער, אָבער איבערן גאַנצן בוך הענגט אַן אייגן געשטעלטער פֿרעגצייכן: וווּהין און וואָס ווייטער?

דערפֿאַר איז מיר דאָס בוך ליב, ווייל פֿון אַלע ביכער, וואָס דער פּאָעט האָט אַרויסגעלאָזט אין מדינת ישראל, איז „אין מדבר סיני" זיין ערשט בוך פֿון אָריענטאַציע. ער חזרט דאָ איבער די מאָטיוון פֿון אַלע פֿריערדיקע לידער, נישט בלויז ווי אַן איבערזאָגער, נאָר ווי אַן אויספֿרווּווער. ער זינגט פֿון זיין פֿאָטער, פֿון אירטיש, פֿון די טויטע קינדער, פֿון זיין קינדהייט, פֿון חברים. ער פֿאַלט צו צום נייעם ישראלדיקן פּייזאַזש, און ער וויל זיך פֿאַרבינדן מיט יעדער ניסימדיקער געשעעניש. די צען לידער וועגן דער סיני־אַקציע, זענען דער שענסטער אָז ישיר, וואָס אַ יידישער פּאָעט האָט געקענט אויסזינגען — אויף דער הייסער מינוט. קיינער האָט דעם נס פֿון כסדרדיקער יידישער זיגרייכקייט נישט געקענט אַזוי אַרומרינגלען מיט פּאָעטישע „גוזמאות", ווי סוצקעווער, וואָס מאָביליזירט אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט בילדער, מיט דערמאָנונגען, אַסאָסיאַציעס, פֿאַרבינדונגען צווישן וואָר און אומוואָר, וויזיע און חושים.

פֿאַראַן אין די צען לידער אַ סך „לאָרעאַטישקייט", אַ מין זעלבסט־באַשטעלונג צו באַזינגען אַ גרויס געשעעניש, וואָס קומט אַרויס — אויב נישט צו־שיין, איז צו־פֿייערלעך. אָבער אין די צען לידער ווערט אויך צוזאַמענגעבראַכט אַלץ, וואָס סוצקעווער קען באַווייזן, ווען ער גיט זיך אַ נעם צו אַ ליד, אַלצאיינס צי דער באַשטעל קומט פֿון אינעווייניק, אָדער פֿון דרויסן; צי דער באַשטעל איז געווען אַ נייטיקער אָדער אַן איינגערעדטער.

סוצקעווער קען אָפּווישן, אויף אַ גרויסאַרטיקן אופֿן, די מחיצה צווישן

קינסטלעכן און קינסטלערישן, צווישן באַנאַליטעטן און אָריגינאַליטעטן. ער נעמט אַ באַנאַלע שורה און קוועטשט זי אַריין, מ׳זאָל זי נישט אַרויסזען, צווישן אַזוי־פיל פינקלענדיקע סורפּריזן, אַז ס׳דאַכט זיך אַז דער שורה ווערט גאַנץ היימלעך.

פון ערשטן מאָמענט ווען דער אַז ישיר פון סיני זינגט־אויף, פון די שורות —

די טרער די בענקנדיקע אויף מיין ווײַע
איז אַלט ווי דו, פון דור המדבר שטאַמט זי —

ווערט גלייך פייערלעך דער גאַנצער געקנאַטענער מאַטעריאַל, אַפילו ווען ס׳ווערט צו אַרומגעשיינט און אַרומדעקאָרירט מיט „סאַנאַפּיר אינדזל פון קאָראַלן״, „פּורפּורנע פמליא״, און „אַנטהילטע ברוסט״ פון דער מלכה־שבא.

דאָס לשון אין די סיני־לידער איז גרויסאַרטיק. „ס׳בלעקען רינדער״, „ס׳נעדעלע מאַגנעט״, אַלץ איז פון גרויסן סוצקעווער שייער, אַפילו די אי־בערטרייבונגען — „און סנהען ווערן די שוואַרצאַפּלען״.

אין דעם בוך איז אָבער אויך דאָ אַ נייער סוצקעווער, וואָס זוכט זיך אַרום אין נייעם פּייזאַזש. מיר געפינען לידער וואָס זייער לשון איז אַביסל דערוויטערט פון אונדז. געדענקענדיק דעם סוצקעווער פון טיפן און אַפילו פון דעקאָראַטיוון טרויער, ווילט זיך נאָכשיקן שומרים, שטאַפּעטן, מיט אַן אָנזאָג, אַז סוצקעווער זאָל אונדז, די וואָס געדענקען אים פון זיין ווילנער תקופה און פון זיין קיינעמס לאַנד תקופה, נישט פאַרפאַלן ווערן. דאָס גע־שעט ווען ער זעצט זיך איבער אויף „צו־שיין״, ווען ער באַשטעלט ביי זיך די געלעגנהייט שטימונגען, ווען ער שווייגט נישט איין אין זיך דעם נייעם פּייזאַזש און ער איז אומגעדולדיק, ווען ער פאָרט קיין סדום למשל, און ער וויל דווקא הערן —

ווי איבער אונדז און אונטער אונדז פאַרליבן זיך די שטערן,

אָדער ווען ער זעט אַזעלכע צו־שיינע אָדער צו־אָפענע בילדער —

רויטער מיראַזש פון נקמה זעגט מיט געזאַלצענע פלאַמען.
זאָלץ וועט נישט שטילן מיין הונגער, סיידן — אַן אלף, אַ גימל.
היישעריק, לאָז מיך נישט איבער, ס׳בלײַען שוין זאַנגען אין הימל.

סוצקעווער איז צו־קלוג אַז ער זאָל זיך פלוצים נעמען אויסטענהן (אַפי־לו דיכטעריש) מיט אַ היישעריק, נאָך דעם ווי עדגאַר עלען פּאָו האָט זיך נאָ־ריש געמאַכט מיט זיין לאַנגן מאָנאָלאָג צום ראָב און באַוויזן ביי אים אַרויס־צוקריגן אַן איינציק וואָרט, אָדער נאָך שעליס נאַײוועד אָדע צו דער „הימל־לערך״.

אַ דיכטער וואָס איז אַזוי באַוווסטזיניק־שפּילעוודיק בעתן שרייבן, אַז ער ווייסט פון אַ „ווייבלעכן גראַם פון אַ מענערישן ריפּ אויסגעקנאָטן", דאַרף נישט אָנקומען צום גרייטן דיכטערישן „מעבל", ווי „צוויטשערן פייגל דען אונטער דער ערד מיט ג ע ט ל ע כ ע ט ר ע ר ן", אָדער „ווערטער ב אַ ה אַ ל ט ן א י ן פ י ד ל ע ן".

אין דעם בוך „אין מדבר סיני" געפינט מען צופיל אַלבום־לידער, טרי־וויאַלע איבונגען, וואָס דאַרפן בלייבן אויף יענער זייט פון אַ בוך. דאָס איז אייגנטלעך אַ שווערע און אומגערעכטע פאָדערונג, פון דיכטער צו דיכטער, ווייל וואָס איז ביי יענעם טריוויאַל, איז ביים דיכטער אַליין דאָס אויבערשטע פון שטייסל. מיר דאַכט זיך אָבער פאַרט, אַז אַזאַ ליד ווי „אַ גליוואָרעם אין גראָז" זאָגט זייער ווייניק —

דער ים־וואָלף זינקט אין גסיסה,
און וואַיעט צו זיין וועלפּין.
מיט ציינער־זעגן זיסע
באַגעגנט אים אַ דעלפין.
אַ וואַקל און אַ שאָקל.
די פינגער צוקן, צאַפּלען.
און ציִען דעם בינאָקל
צו זיינע טויטע אַפּלען.

אין בוך בלאָנדזשען אַרום אַ גוטער צענדליק אַזעלכע איבעריקע איבונ־גען. אָבער אין נייסטן בוך זענען פאַראַן אויך וווּנדערלעך־גרויסע לידער, איי־ביקע לידער וואָס זענען דאָ מיט דער גאַנצער און פולער זיכערקייט פון אַ ביישטראָג צום אוצר פון דעם אייביקן יידישן ליד. אַזעלכע לידער זענען טייל קינדער־לידער און קינדהייט־לידער.

דיינע שפּילצייג, מיין קינד, האַלט זיי טייער,
דיינע שפּילצייג נאָך קלענער ווי דו,
און ביינאַכט, ווען ס'גייט שלאָפן דאָס פייער,
מיט די שטערן פון בוים דעק זיי צו.
לאָז דעם גאָלדענעם פערדעלע נאַשן
די פאַרוואָלקנטע זיסקייט פון גראָז.
און דעם ייִנגל טו אָן די קאָמאַשן
ווען דער אָדלער פון ים גיט אַ בלאָז.
און דיין שימלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט.
ווייל ס'האָט קיינער פון זיי נישט קיין מאַמע,
און זיי וויינען צו גאָט ביי דער וואַנט.

האָב זײ ליב דײַנע קלײנע בת־מלכהס,
און געדענק אַזאַ טאָג — װײ און װינד:
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געװען אַן אַ קינד.

דאָס תמימותדיקע ליד איז שײן און נישט צו־שײן, איז אָפן און נישט צו־אָפן, און דער פּאָעט רירט יאָ אָן די פּאָעזיע מיט פעסטע פינגער, װאָס זײערע סימנים זענען קלאָר. די פינגערצײכנס זענען די פולע חתימה פון א. סוצקעװער. אַזעלכע זענען אױך די אומגעשראָקן־קלאָרע לידער „װילנע״, „צײט״ —

אַצינד, װען יענער זײגער איז פאַרברענט,
איז אױך מײן צײט װי אָפּגעברענטער קאָרן.
און בלױז דער בלינדער קו־קו זוכט אַ נעסט אין מײן זכרון.

אָדער אַזעלכע טײערע אליהו הנביא שורות:

און מיר אין אױסגעבענקטן לאַנד, װי דענקמעלער פון אײזן,
באַשטענדיק װאַרטן מיר און בענקען, דאָ זאָל זיך באַװײזן
דער אָדלערדיקער פײערװאָגן זעגנדיק דעם נעפּל,
מיט קינדער, קינדער, נישט קײן רױכן, זוניקע װי עפּל.
און אליהו, ער אַלײן, זאָל זײן מיט זײ צוזאַמען,
צו אָנװײזן די קלײנע זײער טאַטן, זײער מאַמען,
און ער אַלײן זאָל אױפהײבן אַ כּוסה, מאַכן קידוש
און פונעם פײערװאָגן זאָל ער בענטשן זײ אין ייִדיש.

ס׳שטײען אײן אַזעלכע גרױסע לידער, צװישן די בײטן פון סוצקעװערס זעלבסט־קריטיק, אין זײן בוך „אין מדבר סיני״. דאָס בוך איז דערפאַר אַן אַנטפּלעקונג פון דעם פּאָעטס דיאַלאָג מיט זיך װעגן ליד, און פון זײנע טענות צו זיך אַלײן, האַפּטיקע, װאָגיקע און אױך רמזימדיקע טענות, און פון זײנע דעפיניִרטע באַשטעלונגען װאָס ער גיט זיך —

אײננעמען שטחים פון צײט מיטן װאָרט,
זאַלבן אױף זײ דײַנע זוּיבערע זילבן;
װיקלען אין קלאַנגען־רצועות די מוסקלען,
אָנטאָן אַ שטילקײט אין ערדישע הױטן,
שפּאַלטן אַ גראָם װי אַ מילגרױם און טרינקען,
לאָזן די גלידער פאַרשװימען אין לידער
ביז דײַנע לידער אױפסנײ װערן גלידער —
אָט צוליב דעם ביסטו, ייִנגל, באַשאַפן.

נישט מיט אַלע דעפיניציע־שורות אין דעם ציטירטן ליד בין איך מסכּים, אָבער מ׳קען זאָגן דעקאַרטיש, אַז װען אַ דיכטער טראַכט איז ער דאָ, און װען

סוצקעווער נעמט זיך צו זיך אַליין, איז ער אַוודאי און אַוודאי דאָ — מיט אַן אויפסנייאיקן אָנזאָג און צוזאָג אויף לידער וואָס „ווערן — גלידער" און אויף דער שטילקייט אָנגעטאָן אין „ערדישע הויטן". ער זוכט זיך, סוצקע־ווער, צווישן צו־שיין און צו־אָפּן, אין זיין באַשערטער, באַשטענדיקער אַלט־געזעסנקייט אין מדינת ישראל, און די רעזולטאַטן פון זיין זוכן זענען קאָנס־טרוקטיוו, אַנרעגנדיק און שעפעריש. זיין זעלבסט־קריטיק איז דער זיכערסטער קאָמפּאַס פאַר דעם גרויסן פּאָעט, וואָס היט זיינע טריט, איז אַ מבין און וואַכט איבער זיינע אייגענע שטרויכלונגען.

1958.

יאָסל בירשטיין

יאָסל בירשטיין, אַ דיכטער וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער — „אונטער פרעמדע הימלען", אין מעלבורן, אויסטראַליע, אין 1949, וווינט שוין אין מדינת ישראל. וועט זיין אינטערעסאַנט צו זען, וואָס ער וועט דאָרט טאָן מיט זיין פילצוזאָגנדיקן טאַלאַנט. בירשטיין איז אַ מענטש מיט אַן איי־גענער דיכטערישער וואַרעמקייט און צוטרוי צום יידישן וואָרט.

כ׳שטרעק אויס מיין האַנט אַ לעצטן מאָל
נאָך דער ברכה פון זכרון.
מיין טאַטע לייענט מיר פאָר
אַ מעשה פון אַ מענטש.
אַ משל מיט אַ מענטשנס יאָרן.
ער זאָגט צו מיר: זיי אָפּגעהיט
זיי אָפּגעהיט פון גיין פאַרלוירן.
ס׳קען זיין, אַז גאָט איז אומעטום.
מערער — ווו מען ווערט געבוירן.

דעם טאַטנס ברכהדיקע וואָרנונג נישט צו גיין פאַרלוירן איז אים ביי־געשטאַנען אין אויסטראַליע, און לאָמיר האָפן, אַז ער וועט זיך געפינען אין מדינת ישראל, ווו גאָט דאַרף אַוודאי זיין, כדי צו וואַכן איבער אַ פאָלק וואָס ווערט ווידער געבוירן.

אין יאָסל בירשטיינס בוך לידער זענען פאַראַן גאָר אַ סך רמזים, אַז ס׳וואַקסט אַן אייגנאַרטיקער פאָעט נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ צאָל לי־דער זיינע זענען נישט פריי פון אָפּענע איינפלוסן. נאָר גראָד אין די באַ־איינפלוסטע לידער זעט מען אין אַ שורה, אָדער אַפילו אין אַן אויסדרוק, אַז דער דיכטער האָט דעם כוח צו געפינען אַן אייגענעם געמיט. ער פאַרמאָגט אין זיך אַפילו אַן אייגענע אינטימע שטילקייט.

נאָר שטום ווי אַ דומם און אומהיימלעך גרויס
געוואַכט איבער אים האָט די שטילקייט פון הויז.

בירשטיין פאַרמאָגט אַ גוט מוזיקאַליש אויער פאַר דער מעלאָדישקייט פון יידישע שורות. אָפטמאָל עסט די מוזיק ביי אים אויף די ווערטער, אָדער זי באַנאַליזירט די ווערטער, אָבער ער איז אַ מנגן און זיינע שורות לייענען

זיך מיט טעם, נאָך איידער מען נעמט זיך אַנאַליזירן די ווערטער און די שורות.

כ׳קום איצט פון היילן, פון וואַלד און פון פעלד.
ווונדערלעך, ווונדערלעך, גאָט, איז דיין וועלט.
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?
מער ווי די שרעק פאַר מיין היימישע שטאָט,
יאָגט מיך דער פּחד פון אייגענעם טראָט —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?
ווי גרויזאַם דאָ איז, ווי רויק, ווי שטיל.
אויך איך בין פאַרגרויזאַמט און מיד שוין פון שפּיל —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?
כ׳בין מקנא דעם שטיין וואָס עס וואַרפט ווער אַריין
אין אַ ברונעם אַריין און ער זינקט דאָרטן איין —
וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך?

מיר געפעלן זיינע צוויי שורות פון אַ ליד, וואָס זענען טראַדיציאָנעל ווי אַ תפילה — „פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים, אין דעם גורל פון מיין היים״.

בירשטיין באַזיצט די ליבשאַפט צו וואַרעמע יידישע ווערטער. ער איז פאַרקנאָטן אין די חנעוודיקע טייטשן פון יידיש. זיי זינגען זיך צוזאַמען אין אַ קלאָרקייט, וואָס איז אָפט אפשר זיין גרעסטער חסרון. צופיל קלאָרקייט פאַר אַ יונגן פּאָעט.

איך קוק זיך אַרום און איך זע:
פון יעדער באַזונדערער זאַך
קוואַלט אַזאַ שטומקייט אַרויס,
וואָס ווייַנט אויף אַן אייגענע שפּראַך.

בירשטיין פאַרמאָגט נאָך נישט דעם געוויין פון שטומקייט, וואָס וויינט „אויף אַן אייגענער שפּראַך״, אָבער אַז ער צעזינגט זיך ווילט זיך אים הערן, אַפילו ווען ס׳דאַכט זיך, אַז דאָ און דאָרט זינגט ער נאָך אפשר מיט אַ פרעמד קול. איך וועל פאַרענדיקן מיט דער ערשטער העלפט פון אַ ליד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר בירשטיינען. אַזאַ ליד פאַרמאָגט אין זיך די מעלות וואָס אויף זיי איז חל דעם טאַטנס וואָרנונג — „זיי אָפּגעהיט, זיי אָפּגעהיט פון גיין פאַרלוירן״.

איך רוים אַראָפּ די זאַטקייט פון מיין טיש,
טו זיך אויס פון וווילקייט, ווי פון פרעמדע קליידער
אַן אורח איז געקומען אויף מיין שוועל,
ער מיינט פאַרבלייבן דאָ כסדר.

י ע ק ב   ג ל אַ ט ש ט ײ ן

ער זעצט זיך לעבן מיר בײַם טיש אַװעק
און װאַרט ביז מיר װעט װערן אײגן
דער אומגליק פֿון זײַן גוף,
זײַן אומעט און זײַן שרעק
װאָס ליגט באַהאַלטן װוּ, אונטער זײַן עול פֿון שװײַגן.
זײַן קאָפּ איז אין די אַקסלען טיף פֿאַרקלעמט,
און איך דערקען, דאָס װאַרט ער כ'זאָל אים זאָגן:
איך װיל אױך זײַן װי דו פֿאַרשעמט,
איך װיל אױך זײַן װי דו דערשלאָגן.

.1950

אריה שמרים ניי בוך לידער

די לידער אין אריה שמריס בוך „אַ שטערן אין פעלד“, וואָס איז מיט עטלעכע חדשים צוריק דערשינען אין תל־אביב, אין פאַרלאַג „גאָלדענע קייט“, האָב איך פריִער פון אַלץ געלייענט שורותווייז און אַפילו גראַמענווייז און קודם־כל הנאה געהאַט פון דער פרייד מיטן ייִדישן וואָרט און מיט דער צעזונגענער דערפינדערישקייט, וואָס דער דיכטער ווייזט אַרויס איןביידע, אַפילו ווען די קונציקייט פאַרשטעלט אַמאָל די קינסטלערישקייט, און, פאַרשטייט זיך, ווען די קינסטלערישקייט שטראַלט דורך די גרויסאַרטיקע וואָרט־און קלאַנג־נצחונות, איז שמרי צו באַוווּנדערן, נאָך איידער מען כאַפּט דעם זעטיקן אינהאַלט פון די לידער.

אריה שמרי וווינט שוין שיינע צענדליקער יאָרן אין ארץ ישראל און זיין ליבשאַפט צום ייִדישן וואָרט קניפּט זיך מיט דער ליבשאַפט פון די שענסטע ייִדישע פּאָעטן אויף דער גאַנצער וועלט, מיט זייער באַזאָרגעוודיקער צערטלעכקייט און מיט זייער אויסזוכערישער און געפונענדיקער שפע. דערפאַר האָב איך זיך געלאָזט ווילגיין און איידער כ׳בין נאָך אַריין אין זאַגעוודיקן אינהאַלט פון די לידער, האָב איך קודם־כל געקליבן נחת פון דער אַל־איבערצייגנדיקייט פון ייִדישן לשון. ס׳זענען געווען אַ סך מאָגערע ייִדיש־יאָרן אַרום שמריס ליד אין ארץ ישראל אין זיין קיבוץ־לעבן, ווען ער איז נאָך נישט געווען אַרומגערינגלט מיט דער גרויסער חברותא פון ייִדישע פּאָעטן, און דאָך האָט ער, ממש אויף אַ מיסטישן אופן, דורכגעמאַכט דעם וועג פון דער ייִדישער פּאָעזיע, דורכגעשטרויכלט און דערגאַנגען צו וואָרט־שלימות, ביז ער איז מיט זיין ליד און מיט זיין דורכגעפירטער שליחות אויס־געקומען אין סאַמע אויבנאָן פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

ווייל ווען כ׳לייען שמריס לידער אין זיין נייעם בוך, (ווי ווען כ׳האָב געלייענט די לידער זיינע אין זיין פריִערדיקן בוך „אין וואָכיקן ליכט“, וואָס איז דערשינען אין 1953), הער איך זיך נישט אויף צו וווּנדערן אויף דער גוואַלדיקער אָנשפּירעוודיקייט זיינער, וואָס האָט די לידער קיינמאָל נישט געלאָזט פאַרגליווערט ווערן אין אָפּגעריסנקייט, נאָר ער האָט זיי תמיד גע־שטעלט מיטן פּנים פאָראויס צו דער פולער אַנטוויקלונג פון ייִדישן ליד.

די לידער אין בוך „אַ שטערן אין פעלד“ זענען איינגעטיילט אין זעקס סעריעס און אין די באַזונדערע סעריעס זענען נאָך פאַראַן קלענערע סעריע־

לעך און אַלע זענען אינהאַלטלעך פֿאַרבונדן מיט ערד, בלומען, פּלאַנצן, אַר־בעט און צייטן פֿון יאָר; און, ווי פּריִער געזאָגט, נאָך איידער מען דערגייט צום „תּמצית פֿון אַ טרערנדיקער וועלט", שפּירט מען שוין די „גוטסן", די רייכע מתּנות וואָס דער פּאָעט ברענגט, אַפֿילו ווען ער פֿאַרשווענדט זיך און לאָזט זיך גופֿא נישט איבער קיין סך „גוטסן", נאָכדעם ווי ער צעגיסט זיין וואָרט־עשירות.

אָבער „תּמצית פֿון אַ טרערנדיקער וועלט" איז פֿאָרט פֿאַראַן אין די מערסטע לידער, ווו דער פּאָעט דערזינגט זיך צו פֿאַרטיפֿטער אינהאַלטלעכ־קייט, וואָס באַטייט נאָך אַ העכערע מדרגה, ווי זיין פֿריִערדיק בוך. נאַטור־לידער קענען אָפֿט זיין שטומע און אין זיך פֿאַרדביקהטע געזאַנגען — וואָס זאָלן דערשטיקן דאָס וואָרט, אָבער שמרי טריומף באַשטייט אין דעם וואָס אין אַלע זאַנגען, רעגנס, שלאַקסן און חמסינען איז ער דאָ, מיט זיין געזאָגט און געדענקלעך וואָרט, און ער קריגט אַרויס אַ סך פֿולן אינהאַלט, נישט אַי־בערפֿירנדיק דעם פּייזאַזש פֿון זיין קינדערשן ווונדער.

אין דעם נייעם בוך איז אריה שמרי צוגעקומען נענטער צו אייגענער אינהאַלטלעכקייט, ווען אים געלינגט — און ס'געלינגט אים אַ סך, אַ סך לידער — אַפּירצושאָטענען זיין געזאָגט וואָרט פֿון דעם רייכן צעשפּיל, וואָס ער גיט אונדז מיט אַזאַ רחבֿות אין זיין בוך, און וואָס איז פֿאַר זיך אַליין אויך אַ געווינס. אָבער נאָך אַ גרעסער געווינס פֿאַר דעם פּאָעט, איז זיין ייִדיש ליד, צוזאַמענגעפּירט מיט דער פֿולער אויסגעצערטלטער און אויסגעע־כאַוועטער ליבשאַפֿט צו ערד און בלום און בוים, וואָס דער דיכטער ברענגט אונדז; און אַ גרויסע מדרגה איז די פֿאַנטעזיסטישע טראַגיק פֿון פֿאַרגיין, וואָס פֿאַרמאָגט איר טרייסט פֿון אַרייַנוואַקסן אין יעדער באַזונדער גרעזל און פֿון דורכוואַקסן און דורכזינגען. ס'איז אַן אַלטע טעמע, אָבער שמרי באַנייט זי פֿאַר אונדז ייִדישע פּאָעטן. ער רעאַליזירט זי, ווייל די נחלהדיקייט פֿון זיין ערד איז אַלעמענס און אייגן, ליב און איינגעוווינט — אַ נייע פּאָעטישע דער־פֿאַרונג, וואָס באַנייט די טראַגיק פֿון דער טעמע אויפֿבלי און פֿאַרוועלק.

און נאָך עפּעס — כ'וואָלט עס געוואָלט זאָגן אַן סאַטירישע שפּיצלעך, מיט פֿולער תּמימות. — דער פּאָעט שמרי לייזט אויס פֿאַר דער פּאָעזיע — מאָנאָגאַמיע, אַ שטאַרק פֿאַרנאַכלאַזיקטע טעמע פֿון מאַן און זיין איינציק ווייב. לעצטנס האָבן מיר געלייענט אַזעלכע לידער ביי עטלעכע ייִדישע פּאָעטן אויך אין אונדזערע אייגענע מקומות, אָבער ביי שמרין זענען דער געטרייער אָדם און זיין באַשערטע חוה געבונדן אויך מיט פֿיזישער ליבשאַפֿט, אויף די עלטערנדיקע יאָרן. די לידער פֿון מאַן צו זיין איינציקער פֿרוי זענען זעלטן

שיין און פול־אינהאַלטלעך. די שיינקייט פון וואָרט צאַפּלט זיך צוזאַמען מיט דער טיפקייט פון אינהאַלט און געפיל.

די לידער אין בוך הייבן זיך אָן מיט דער סעריע „אַ מושל ביים ים" און דער פּאָעט שלאָגט אַרויס פון מושל אַ סך חיונה פון דעם געווינס, וואָס איז געלעגן און אַריינגעהערט אין זיך אַזויפיל אור־סודות.

ניגונים אין מושל
זיך צ:ען מאַגנעטיש צו מיר,
געשפּאַנט אַלע חושים
און איך הער אַ טרער און געפריר.

דאָס „מויערקעפּל־אויער איינגעהערט צו דער מוזיק פון ים" האָט דעם פּאָעט אַ סך איבערצוגעבן און שוין אין די לידער דערזינגט זיך דער פּאָעט צו דעם וואָס ער זוכט און געפינט אין זיינע בעסערע לידער „די תמצית פון אַ טרערנדיקער וועלט".

פון די רירנדיקסטע לידער אין בוך זענען די לידער צו דער מאַמע. דער פּאָעט האָט די מאַמע פאַרשלאָפן מיט קינדישע שפּילערייען און ווען ער איז אויפגעוואַקסן, איז ער „ווי אַ הירש אַנטלאָפן". ער טראָגט צו דער ערשטער „באַטעמערין" פון זיינע ליפּן אַ חוב און דער חוב ווערט כמעט באַצאָלט.

באַלד קומט די רגע פון גרויסן שטומען גנאָד,
ווען אַלע ווערטער ווי בלעטער פאַראיאָריקע,
ווייט צעוואָרפן וועלן ליגן
און נאָר דיין ווייסער קנאָספּ,
דער טויט־ווייטער, חלום־וואָריקער
אָט דאָ אין סאָד וועט אייגענען און היגן,
די ליבשאַפט וועט דעמאָלט זיגן,
שטיל פון שטילער וועל איך רופן: מאַמע,
און ווי אַ געשלאָגענער פון הינט
וועל איך שטיין פאַר דיר שעמעוודיק געבויגן:
פאַרגיב דיין קינד,
דיין טרער האָב איך נישט געפונען אין קיינעמס אויגן.

איז דער מאַמעס טרער אפשר די תמצית פון דער טרערנדיקער וועלט, וואָס דער פּאָעט זוכט אין די שטומסטע זאַכן, ווען ער „פאַרטייטשט" פאַר אונדז די בלומען, די גלאַדיאָלעס, אַלע אַנדערע און אַנדערע פון זיינע איבּ־טימע באַקאַנטשאַפטן אין גאָרטן און אין פעלד —

דאָס איז די שעה ווען קנאָספּן ווערן עפּל
און פעלדער זאַנגלען צו די שייערס.

די „זאַנגלדיקייט", די מוזיק פאַרן אויג און אויער הערט און לאָזט אונדז הערן שמרי אין דעם יִדישן לאַנד און ער רירט אונדז תמיד מיט דער תפילה־דיקייט פון זיין פאַרליבטשאַפט אין אייגענעם גראָז און בוים —

אויב וועלט איז שלעכט — בענטש אַ לאַנד
מיט ליכט פון זון די וונד באַגלעט,
צו בוים און בלי — שטרעק די האַנט,
און קוש זיין האַלץ — דיין ארון־ברעט.

ווען מ'זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן קורץ דעם טעם פון שמריס לידער, וואָלט מען נישט געקענט געפינען קיין שענערן אויסדרוק, ווי „מיט ליכט פון זון די וונד באַגלעט". אַפילו אין די טרויעריקסטע לידער, ווי אין ליד פון פאָטער צום שטומען קינד, באַלעבט דער פּאָעט דעם קינדס „תפיסהדיקע ליפּן" מיט דער טרייסלענדיקער זון פון ליד —

שטום און שאַ,
צי וועסטו קיינמאָל מיך נישט רופן טאַ,
און דיין מאַמעס וויגליד אויך נישט הערן?
ווער האָט דיינע ליפּן אָפּגעבריט?
וועלכער בייזער שטערן?

די זון, די אייגענע און פאַראייגנטע זון פאַרמאָגט אַ סך היילונג פאַר אַלע וווּנדן. דער פריאיקער דערבליק פון אַן אייגענעם הימל איז משמעות עפּעס וואָס מיר דאַ, ווייט אָוועק פון די ניי־דעראָבערטע אַלטע געפילן, קענען נישט שפירן —

צו דיר אַלע וואָרצלען זיך ציִען
פון טיפע געשליימען מיט בלי.
צו דיר אַלע שוועלבעלעך פליִען
צו ברענגען דער ערד אַ גוט־פרי.

אָט דאָס איז דער וווּנדער: אַליין אונטער דעם דאָזיקן הימל צו אַנט־פּלעקן די חנען פון דעם איינגעכישופטן וואָרט־אוצר, די געזאַנגען פון די „געשליימען" און די פרישע גראַמען פון דעם „גוט־פרי". און דערפאַר זענען אַפילו די טויט־לידער פאַרהיילט און פאַרליכטיקט מיט זון, ווייל דער פּאָעט קריגט זיין יניקהדיקע וואָרעמקייט אי פון דעם אָרום, אי פון די פולע יִדיש־זינגענדיקע חושים, וואָס קענען באַגעגענען און אויפנעמען יעדער צאַפּל־גע־פיל מיט ליכטיקע רייד:

דו ערשטער חבר אין באַגינען —
דו פייגעלע אין פענצטער,

אין תוך געגומען

פלאַטער, פלאַטער,
זוך מיך צו געפינען
ווען איך וועל מיין שטוב פאַרלאָזן.
פלאַטער אַריבער גרודעס,
באַשוועב די גראָזן,
אפשר וועל איך דערהערן
ווי דיינע פעדערלעך זיך בלאָזן.
ווי אַמאָל — אויף שויבן,
אין מאַרגנבלוי דערהויבן —
קום מיך וועקן אין מיין נייער היים.
פלאַטער, פלאַטער,
לאָז מיך גלייבן,
לאָז מיך גלייבן,
אַז איך וועל אַרויסזינגען פון ליים.

אָבער שוין פון דער דוממדיקייט פון אַ סך ליימיקע טעמעס זינגט דער פּאָעט שמרי אַרויס דאָס שענסטע וואָס מ׳קען אַרויסזינגען פון ערלעך־צוזאַמענגעציטערטע שורות. ווער שמועסט ווען דער פּאָעט דערגייט צום תמצית פון אַ טרערנדיקער וועלט, ווערט ער אַוודאי דערהויבן צו דער מדרגה פון אונדזערע פאַראויסגייענדיקע פּאָעטן.

כ׳וועל לאָזן דעם אַקערביים סוף פון דער בייט,
אַ גלעט טאָן דעם פערד אויף דער וואַרעמער גריווע;
מיט אַ שעפּסעלע ריידן מיינע לעצטע רייד,
און ס׳וועט הערן דאָס פעלד, די גאַנצע סביבה —
ווי איך בעט מחילה ביי אַ תמע לאַם,
אויב כ׳האָב איר אַמאָל אויף דערנער געפיטערט,
ביז די שעה וועט זיין גוט, און אויך איך תם ווי לאַם,
מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר, וואָליק צעציטערט —

און ווייטער אין צווייטן ליד־אָפּטייל פון זעלביקן ליכטיקן פאַרגיין:

איך בין געווען מיט זיי, און זיין וועל איך
פאַרפעדעמט אין וואָל און פאַרקערנט אין זאַנג,
ס׳וועלן גרודעס געדענקען די שטויביקע שיך,
וואָס האָבן אין גאַנג געטופּעט געזאַנג.

פאַר אַזעלכע שורות אין אַ יידיש ליד ווי „פאַרפעדעמט אין וואָל און פאַרקערנט אין זאַנג" דאַרף מען טיף דאַנקען ארץ ישראל, און פאַר „די שטויביקע שיך וואָס האָבן אין גאַנג געטופּעט געזאַנג" — אַ דאַנק דעם יידישן לשון וואָס האָט זיך מיט אַלע טעמען איינגעוואָרצלט אין דער יידישער מדינה.

1958.

צבי אייזנמאַן

צבי אייזנמאַן, אַ מיטגליד פון דער גרופּע „יונג־ישראל", האָט זיין ערשט בוך דערציילונגען, „די באַן", אַרויסגעגעבן באַשיינט מיט עטלעכע פּיינע צייכנונגען פון יאָסל בערגנער. מלך ראַוויטש, בערגנערס פאָטער, פירט אַריין די דערציילונגען מיט אַ וואַרעמער הקדמה, וואָס איז גלייכצייטיק אַ וועגווייזער נישט נאָר פאַר לייענערס, נאָר אויך פאַר קריטיקערס. ער רופט די ייִדישע דערציילונגען פון 36־יאָריקן קיבוצניק „בילדער שטיל־לעבנס". איז די הקדמה־קריטיק אויך אַ באַשיינונג פאַר דעם ערשטלינג־בוך פון דעם יונגן בעלעטריסט. אָבער די שענסטע באַצירונג פאַרן בוך זענען די צוויי ווערטער „יגור, ישראל". דער גרויסער קיבוץ ווו אייזנמאַן אַרבעט ווי אַ גערטנער, און וואָס האָט שוין ביי אַ סך פּריזערדיקע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן דערמונטערנדיקע וואַרעמקייט צו ייִדיש, און דער עיקר טאַקע צו דער יונגער גרופּע ייִדיש־שרייבערס, האָט געהאָלפן דאָס בוך אַרויסגעבן און דערקלערט עס שטאָלץ אויפן שערבלאַט. דער רעזולטאַט איז אַ פיין בוך, וואָס איז אַ נחת צו האַלטן אין דער האַנט: דער ליכטיקער שריפט, דאָס פּאַפּיר, די איינבאַנד און די זעקס און צוואַנציק קלענערע און אַביסל גרעסערע דערציילונגען, שטעלן צוזאַמען אַ זעלטענע גאַנצקייט. ס׳איז דאָס צווייטע בוך פון דער ביכער־סעריע „יונג־ישראל" (דאָס ערשטע איז געווען יונגמאַנס לידער־זאַמלונג).

כ׳האָב בכיוון אָנגעהויבן מיט אָט די באַמערקונגען, וואָס מיט זיי ענדיקט זיך געוויינלעך אַן אָפּשאַצונג פון אַ בוך, ווייל די דאָזיקע אינפאָרמאַטיווע אָנווייזונגען געהערן צום תוך פון גאַנצן ענין, דערהויפּט טאַקע צו דער שטילער איינבירגערונג פון ייִדישן בוך און ייִדישן שרייבער אין דער ייִדישער מדינה. צבי אייזנמאַן איז בפירוש אַ גוטער באַווייז, ווייל זיינע דערציילונגען זענען אין זייער סאַמע עיקר אָפּגעציטערטע אימפּראָוויזאַציעס מיט ייִדיש. די זאַמלונג דערציילונגען, ווי אַ פּאַרטיקער פּראָדוקט, וואָס איז אויסגעגאָרטנט געוואָרן אין דעם צווייטן גרעסטן קיבוץ אין מדינת ישראל, איז אַ דערהייבונג פון ייִדישן לשון. די דערציילונגען פון פּוילן, רוסלאַנד און ישראל זענען קודם־כל אַ פרישער באַווייז, אַז די יונגע גרופּע „יונג־ישראל" טוט אויף גאָר גרויסע זאַכן פאַר דער לעבעדיקער דערהאַלטונג פון ייִדיש, סיי אין ליד, סיי אין פּראָזע.

אייזנמאַן איז אַ וואַרשעווער. געראַטעוועט האָט ער זיך אין אוראַל־געגנט אין סאַוועטרוסלאַנד. נאָך זיין רעפּאַטריאַציע צוריק קיין פּוילן, האָט ער ערשט דורכגעמאַכט אַ פיינעם מאַרשרוט, אַנגעשפּאַרט אין איטאַליע, טשעכיע, עסטרייך; צוויי יאָר פאַרזוכט ענגלישע געפאַנגענשאַפט אין ציפערן, פאַר דעם חטא וואָס ער האָט געוואָלט געפינען זיין מקום־מנוחה אין ארץ ישראל. אָבער אין 1949 איז ער אָנגעקומען אין משק יגור, וווּ ער וווינט און אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג. ראַוויטש דערציילט אונדז אין זיין אַריינפיר, אַז אייזנמאַן האָט געענדיקט אַ יידיש־וועלטלעכע שול אין וואַרשע. ווי כ׳ווייזט אויס פון די עטלעכע ביאָגראַפישע שטריכן, וואָס דער בעל־הקדמה גיט אונדז, האָט אייזנמאַן אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע דין־געשניצטע דערציילונגען, ווען ער איז נאָך געזעסן אין ציפערן, הינטער שטעכל־דראָט. אָבער ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַ סך פריִער איידער ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע דערציילונג, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ שרייבער. די ערשטע דערציילונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, איז געווען „דער אַנטיקוואַר״. דאָס איז אַ טעמע וואָס אַ סך שרייבערס האָבן זיך צו איר צוגערירט; אין זיין ערשטער שרייבערישער תקופה האָט אונדז י. י. זינגער אויך קינסטלעריש געגעבן די איבערלעבונגען פון אַ וואַרשעווער אַנטיקן־הענדלער. דער אַנטיקן־הענדלער קען גאַנץ לייכט שאַבלאָניזירט ווערן, ווייל דער וועג איז אָן אויסגעטראָטענער. ס׳איז שווער זיך צוריקצוהאַלטן פון דעם לייכטן צוגאַנג, אַז דער אַנטיקן־הענדלער מוז מיט דער צייט אַליין ווערן אַ שטיק אַנטיק, און ווערן איינס מיט זיין מסחר. כ׳האָב נאָך אין ערגעץ נישט באַגעגנט, כ׳מיין אין דער ליטעראַטור, אַ פרישן יוגנטלעכן אַנטיקן־הענדלער, וואָס ציט דערפון פרנסה, אָבער וואָס לעבט אָן אייגן לעבן, און וואָס האָט עטלעכע שעה אין טאָג, ווען ער קען זיך אויסטאָן פון זיין געשעפטלעכן צוואַנג, וואָס זאָל פון אים אַליין מאַכן אַן אַנטיק.

אייזנמאַן האָט אויך נישט אויסגעמיטן דעם שאַבלאָן פון דעם געוויינלעכן אַנטיקן־סוחר, וואָס שימלט אַריין אין זיין געשעפט. אויף דעם דאָזיקן שאַבלאָן הענגט ער נאָך אָן אַ צווייטן, מיט אַ ראָמאַנטישער ליבע, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט אַן אַלט בילד פון אַ פרוי, וואָס טראָגט אונטער אַ רויז „אין האַלבן וועג צו דער נאַזי״. אָבער שוין אין דער דערציילונג האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען, ווי דער יונגער שרייבער האָט זיך געראַנגלט מיט ליטעראַרישן שפּינוועב. זיין לשון האָט ליכטיק געמאַכט דעם שווערן טונקל פון דער פּאַרטיקער טעמע. ער האָט זי ווי איבערגעשריבן אויף אייגן, מיט זיינע אייגענע ווערטער, וואָס האָבן אים געגעבן מעגלעכקייטן אָנצורופן אַ סך זאַכן אויף יידיש, וואָס עלטערע שרייבערס האָבן בלויז אָנ־

גערוונקען, ווייל זיי האָט געפעלט די קונסט פון שפּראַכלעכער דעטאַלירונג. זיי האָבן פאַראַלגעמיינערט און זענען געווען ענלעך אויף די ערשטע רויע ווערטערביכער, ווו דער לעקסיקאָגראַף איז באַין־ברירה אָפּגעקומען מיט דעם אַרויסדרייי פון אַזאַ מין פויגל, אַזאַ מין בוים, אָדער אַזאַ מין בלום.

ס׳האָט זיך שוין אין דער ערשטער דערציילונג פון צבי אייזנמאַן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, — אין אַ דערציילונג, וואָס האָט, ווי געזאָגט, טעמאַטיש געלעבט פון אַלעם גרייטן, און וואָס איז נישט אַרויס פון דער הנחה, אַז דער סוחר מוז ווערן איינס מיט דער סחורה זיינער — אַפילו אין אַזאַ דערציילונג האָב איך מיט גרויס צופרידנקייט געזען, ווי דער שרייבער צערוקט די ענגע ווענט פון יידישער באַשרייב־קונסט, אַז אים פעלן נישט קיין ווערטער נישט פאַר קיין זאַכן און נישט פאַר קיין געמיט. כ׳האָב בלויז געהאָפט, אַז אייזנמאַן וועט אָנווענדן זיינע שפּראַכלעכע דעראָבערונגען אויף פּראָזאַישערער פּראָזע, אויב מ׳קען אַזוי זאָגן, און מיט זיינע אויסדרוק־מעגלעכקייטן זיך איינבייסן אין לעבן.

ס׳קען זיין אַז ס׳איז לייכט צו זיין אַ חכם נאָך דעם ווי מען ווייסט שוין אַז אייזנמאַן האָט געענדיקט אַ יידיש־וועלטלעכע שולע. מען קען דעמאָלט מאַכן געוויסע באַמערקונגען וועגן אייזנמאַנס סטיל, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון טייל חברים זיינע, פון דער גרופּע „יונג־ישראל", וואָס ברענגען זייערע יידישע ווערטער נענטער צו העברעיש. זיי וואַרעמען און לייטערן זיי אין העברעישן פלאַם, און ווען ס׳ווערט אַביסל סכנהדיק, ציען זיי אָפּ מיט זייער יידיש, וואָס האָט דערווייל געקראָגן אַן אייגנאַרטיקן חן פון דער געפאַר־דערנענטערונג. קלאָרער גערעדט, אין אייזנמאַנס לשון זענען דאָ ווייניק טראַדיציאָנעלע יידישע וואָרצלען, אָבער דערפאַר איז זיין קענעוודיקייט, אין די ראַמען פון אַן אויסגעוועלטלעכטן יידיש, אַן אמת פאַרגעניגן. ס׳פעלן אים נישט קיין אויסדרוק־מיטלען.

אָבער צבי אייזנמאַנס ערשטלינג־בוך מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרוזדור צו זיין אייגענער קינסטלערישער פּראָזע, ווייל דער מחבר ציטערט און פלאַטערט צופיל אַרום זיין מאַטעריאַל. ער האָט מורא פאַר זיינס אַ דערציילונג, אַז זי זאָל לעבן אויף אייגענע קעסט. ער מוז זיין דערביי און פירן יעדע דערציילונג זיינע אויף אַ גילדן קייטעלע.

די זעקס און צוואַנציק דערציילונגען ליידן דערפאַר פון צופיל זינגעוודיקייט. דער מחבר ליריזירט צופיל. ס׳איז אפשר אמת, אַז יעדער גרויסער פּראָזע־קינסטלער איז אַ פּאָעט, אפשר אַ קאַליע־געוואָרענער פּאָעט, ווי וויליאַם פאָוקנער זאָגט אויף זיך, אָבער דער פּאָעט דאַרף זיין אין זיין פּראָזע — מיט דער וואַרעמקייט, וואָס גיט דער פּראָזע דעם אָטעם פון שעפעריש־

קייט און פון אַ לעבעדיקער פאַנטאַזיע, וואָס שטעלט איבער און שטעלט איין אַן אייגענע קינסטלערישע באַלעבאַטעשאַפט. אַן דער דאַזיקער פאַנטאַסטיק ווערט פּראָזע טרוקן ווי ביין, און אַן דער וואַרעמער מענטשלעך קינסטלערישער שעפערישקייט ווערט פּראָזע אכזריותדיק און האַרצלאָז.

אָבער פּראָזע טאָר נישט בלאָנדזשען מיט זינגעוודיקע טריט, ווייל דער ריטם שלעפּערט איין דעם שרייבער און דעם לייענער. דער שרייבער זעט דאָס לעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין האַלב־דרימל, און דעם לייענער זינגט עס איין צו שלעפערישקייט.

אייזנמאַנס דערציילונגען פון פּוילן, רוסלאַנד און ישראל זענען אַ מין אויסלאָדונג פון לירישע געפילן, מיט גוזאַנג־באַגלייטונג, אין פּראָזע. דער מחבר געטרויט נאָך נישט זיינע דערציילונגען פון דאַנען אַהין. ער פירט זיי און צערטלט זיי און באַזינגט זיי. ער לאָזט זיי נישט מאַכן קיין האַרטן טראָט. ער וויל זיי נאָך נישט צולאָזן צו נאָענט צום לעבן. ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז זיי וועלן זיך אָנשטויסן אויף ביטערע דערפאַרונגען.

און הגם זיינע דערציילונגען זענען פון ביטערער דערפאַרונג. „די באַן" (די קליינע דערציילונג, וואָס אויף איר נאָמען איז אָנגערופן אייזנמאַנס גאַנצע זאַמלונג) — טראָגט זיך שוין מער נישט פאַרביי. דער חולה־מסוכן אין ווייטן רוסלאַנד וואַרט, אַז דער שנעל־צוג סווערדלאָווסק־מאָסקווע זאָל זיך פאַרבייטראָגן און ברענגען אַ גרוס פון לעבן, דורך דעם טויט־ווייסן שניי וואָס באַגראָבט אַלע האָפענונגען. ס'איז אַ ביטערע דערציילונג, אָבער זי ווערט פאַרזיסט פון אַן איינוויגעוודיקער זינגעוודיקייט. „ביים שפּיל", אָפּגעריבענע יידישע אותיות אויף אַ פאַרוואָרפענעם און עלנדן יידישן מצבה־שטיין, אין אוטמורדישע סטעפּעס, ווערט אויך נישט מער ווי אַ בליציק בילד, וואָס דער ווייטיק דערפון ווערט פאַרוויגט און פאַרזונגען. דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן אַזעלכע אידיל־געשעניצטע זאַכן ווי „בענטשלייכטער", אָדער „אַ מעשה וועגן ניסים פון הר טוב", און אַפילו וועגן אַזאַ טעמאַטיש־פרישער זאַך ווי „יגאל האָט חתונה", — איינער פון די פינף בלינדע חברים, וואָס וווינען צוזאַמען, פאַרלאָזט זיינע פיר פריינט אין פינצטערניש, ווייל אים האָט געטראָפן אַ גליק, ער האָט חתונה. אַפילו אַרום דער דאָזיקער דערציילונג פלאַטערט אַלץ דער מחבר און ער שילדערט צופיל, ער לאָזט זי נישט אָפּ אויף גאָטס באַראָט, אַז זי זאָל זיך אַליין דערשרייבן. אייזנמאַן פאַרגעסט נישט אַריינצוזינגען זיין געמיט אין זיין שטענדיקן ריטם.

„יגאל ווייסט אַליין נישט, צי ער זאָל זיך פרייען. גיכער איז ער צערודערט און נישט זיכער. די פיר חדשים זיין אין צימער מיט אָט דער חברה,

ליגן אים אין בלוט. זיין האַרץ האָט ער שוין פון לאַנג צעטיילט אויף פינף חלקים, און איצט קומט אַ זעקסטער, אַ זי, און נעמט עס צו אינגאַנצן״.

איינער פון די בלינדע פלאַצט אַרויס מיט אַ באַליידיקונג פאַר דעם אַוועקגייענדיקן חבר. ס'ווערט אָבער דערפון נישט מער ווי אַ קליין בילדל דער מחבר דערלויבט זיך נאָך נישט קיין רחבות.

אָבער צבי אייזנמאַן פאַרמאָגט אַ סך, אַ סך מעלות, וואָס אויב מ'זאָל נעמען די אַלע דערציילונגען ווי אַ גוטן און קראַנטן אַדערויף, מוז מען דעם יונגן פּראָזע־שרייבער געטרויען אַ סך מער, ווי ער אַליין געטרויט זיך דער־ווייל. ער וועט זיך מיט דער צייט אָפּקניפּן פון זיינע אייגענע דערציילונגען און אַוועק מיט האַרטערע שטיוול אויף אַ גוטן פּראָזאַישן שליאַך. ער וועט זיך זיכער דערשרייבן צו גוטער זעטיקער שוואַרצערד און זיך אויסלייזן פון דעם לירישן געזאַנג, וואָס באַגלייט נאָך זיינע פּאַרזיכטיקע ערשט־טריט.

דער מחבר דאַנקט ראָוז און מאַקס האַלצמאַן, פון פּאַלם ספּרינגס, קאַ־ליפאָרניע. אויף וויפל אָט די אַמעריקאַנער פרייַנט האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום משק יגור, אַז די ערשטע זאַמלונג פון דעם גערטנער זייערן, זאָל דערזען די ליכטיקע שיין, אין מדינת ישראל, האָבן זיי זיכער זיך נישט אָפּ־געגנאַרט, ווייל אין די יונגע, ווי ראַוויטש רופט זיי — שטיל־לעבנס, איז פאַראַן געגנוג צוזאָג אויף להבא, אַז אייזנמאַנס וויטערדיקע דערציילונגען וועלן קריגן די לעבעדיקע און קרעפטיקע באַוועגלעכקייט פון גוטער, געזונ־טער, חיונהדיקער קינסטלערישער בעלעטריסטיק.

1956.

י. צ. שאַרגעלס לידער

איינער פון די פּיאָנערן פון יידישן ליד אין ארץ־ישראל איז יעקב צבי שאַרגעל. ער האָט געהאַלטן אַרויסגעבן, מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, עטלעכע איינמאַליקע זאַמלונגען, וואָס האָבן אַפילו אונטערגעשטראָכן זייער איינמאַליקייט, מיט אַזעלכע נעמען, ווי „איינס" און „צוויי". דעמאָלט האָט מען שאַרגעלס נאָמען אָפטער געזען אין דרוק, אָבער מער ווי איין בוך לידער האָט שאַרגעל נישט אַרויסגעגעבן. ער האָט אויך ווייניקער פון זיינע חברים געשיקט זיינע לידער קיין חוץ־לארץ. אָבער נישט לאַנג צוריק איז אין דעם זייער אַקטיוון פאַרלאַג „י. ל. פרץ" אין תל־אביב, דערשינען יעקב צבי שאַרגעלס צווייט בוך לידער, אונטערן נאָמען — „פון ווי און גלויבן", וואָס איז אַ זאַמלונג און אַ סך־הכל פון העכער צוואַנציק יאָר פּאָעטישע באַטראַכטונגען. די פינף סעריעס אין בוך פאַרצייכענען די ביטערע יאָרן פון 1939, ביז דעם אויפשטייג פון דער מדינה, און די געטיילטע פרייד פון באַשיצטער אייגנקייט, צוזאַמען מיט אַ סך געראַטעוועטע און צוגעקומענע יידן. דער דיכטער „פאַרגינט" זיך דערפאַר צום סוף פון בוך פערזענלעכע לידער, די אינטימערע פרייד מיט ווייב און קינד.

מיך אַרט נישט די אמתע כראָנאָלאָגיע פון די לידער, מען קען נעמען דאָס בוך לידער ווי אַ ווערק, וואָס איז דורכן דיכטער אויפגעבויט געוואָרן, אין משך פון די צוואַנציק יאָר, וואָס האָבן אונדז אַלעמען אַזוי שטאַרק אַרומגעקנוילט מיט חורבן, אבלות און אויפריכטונג. אין שאַרגעלס בוך לידער געפינט מען דאָס אַלץ פאַרצייכנט, אי פערזענלעך, אי שליח־ציבורדיק, ווייל אַ סך לידער זיינע זענען מוציא דאָס געוויין און די פרייד פון יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס קענען שאַרגעלס לידער לייענען און זאָגן און געפינען אין זיי די טרייסט פון אויסדרוק.

איינע פון די גרעסטע מעלות פון בוך איז טאַקע, וואָס מ'קען טייל שאַרגעלס לידער לייענען און צוריקקומען צו זיי און ווידער דערשפירן אין זיי דעם טעם פון ווערטער, וואָס זאָגן זיך זינגענדיק און וואָס מיינען עפּעס זאָגעוודיק. מען האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט דעפינירט וואָס עס מיינט אַזוינס אַקוראַט פשטות אין ליד און וויפל באַוווּסטזיניקע קינסטלערישקייט איז אפשר גאָר אַ מוז פאַר אַ ליד, אויב די באַוווּסטזיניקע קינסטלערישקייט לאָזט פון זיך מאַכן די מאַגישע פשטות, וואָס ווערט נישט פאַרפּראָסטעוועט.

מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט דעם סוד פון ליד. מיר ווייסן אַפילו נישט אַזעלכע טעאָרעטישע קליינינקייטן, צי אינהאַלט מעג דאָמינירן דאָס ליד, אָדער טיף אַריינזינגען אין ליד, אַז עס זאָל ערשט אַרויסזינגען; צי איז גלייכער צו שאַפן אַ באַלאַנס צווישן אינהאַלט און וואָרט, אָדער דאַרף דער אינהאַלט אַזוי אויס־גענוצט ווערן, אַז ער זאָל בלויז געבן קאָליר צום ליד און די האַרטע שאָלעכץ פון אינהאַלט זאָל אַוועקגעוואָרפן ווערן. אַזוי ווי מיר ווייסן נישט, אַזוי זאָל עס אונדז נישט שאַטן. יעדער באַזונדערער און עכטער פּאָעט דעפינירט זיך אַליין, און וואָס מער ער שאַפט נייע דערשטוינענדיקע וווּנדער, ווען ער איז עובר אויף אַלע כלומרשטע טעאָריעס וועגן ליד, אַלץ מער באַרייכערט ער די מיסטעריע פון ליד־שאַפונג.

דערפאַר ווען איך זאָג פשטות, וויל איך אַז מען זאָל עס אויך פאַרשטיין, ווי אַ קינסטלערישע דעראָבערונג און נישט ווי אַ לייכטער נאָכזאָג. אַ צאָל לידער אין בוך — „פון ווייט און גלויבן" פאַרמאָגן די ראַפינירטע פשטות, וואָס איז נישט געקומען ווי אַ לייכט פאַרדינסטל. אָבער נישט דאָס איז די גרעסטע מעלה פון בוך. דאָס בוך האָט צוויי גרויסע מעלות און זיי זענען: דער פיין־געוועבט־און־געשטריקטער יידיש — נאָכאַלעמען שאַרגעל איז שוין עטלעכע און דרייסיק יאָר אין מדינת ישראל און זיין יידיש שפּיגלט מיט קינסטלער־רישער רייכקייט — און די מעלה פון נאַטירלעכער ארץ־ישראלדיקייט. ס׳איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַביסל לענגער אויף די דאָזיקע צוויי מעלות, וואָס קו־מען אויך צום אויסדרוק אין די לידער פון געציילטע אַנדערע יידיש־שרייבנ־דיקע פּאָעטן אין ישראל, אָבער יעדער מאָל ווען די דאָזיקע מעלות גיבן אונדז אַ לייכט אין פנים אַריין, מוזן מיר אויסדריקן אונדזער פאַרוווּנדערונג. דאָס לשון פון די לידער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די געגעבעכטע קלאָג־רייד וועגן מצב פון יידיש אין דער גאָרער וועלט. כ׳ווייס נישט, דעם אמת געזאָגט, וואָס איז פאַנטאַזיע און וואָס איז די וואָר, אויב לידער שרייבן איז פאַנטאַ־זיע־יידיש און דער מצב פון יידיש איז די וואָר, איז די פאַנטאַזיע אַ סך לע־בעדיקער און אמתדיקער פון דער וואָר, נישט נאָר לעבעדיקער נאָר זי מאַכט זיך לחלוטין נישט וויסנדיק, וואָס די וואָר פאַרברעכט די הענט. אָבער דאָס אַליין, די דאָזיקע מאָדנע דערשיינונג ברענגט אונדז אפשר אויפן געדאַנק, אַז דער פּראַקטיצירער פון יידיש אין ליד אָדער אין דער דערציילונג, איז ערשט די וואָר, און ווי־און־קלאָג איז די אומפּרוכטבאַרע טעאָרעטיזירונג, וואָס האָט נישט קיין שום שליטה אויף דער לעבעדיקער עקזיסטענץ פון יידיש.

ווי אַנדערש וואָלט מען געקענט זיצן אין ישראל און שרייבן אַזאַ יידיש, אָן שום קאָמפּלעקסן, אָן שום אַפּאָלאָגיעס, אָן הענט־ברעכעניש, און דער עיקר, ווי מען וואָלט נישט געוווּסט און נישט געהערט צען מאָל אַ טאָג, אַז

יידיש איז שוין פאַרמשפּט. אַז מען לייענט י. צ. שאַרגעלס לידער, האָט מען קודם־כל הנאה פון דער לעבעדיקייט פון זיין יידיש, פון דער פולער זעטי־קייט, פון דער געקייטלטקייט מיט דורות און פון דעם געפּיל, אַז יידיש שטייט נישט אויף אַן אָרט, נאָר שאָפט זיך אַלע טאָג אין דער וואָך.

די צווייטע מעלה, איז די ארץ־ישראל לאַנדשאַפט, די פעסטע דאָזיקייט, די ליבשאַפט צו אַלץ וואָס וואַקסט און בליט; און אויך דאָ איז צו באַוווּנ־דערן די נאַטירלעכקייט פון זאָגן דאָס אַלץ — אויף יידיש. די שירה צום לעבעדיקן באַזיץ איז נישט נוסח־פּאַטריאָטיזם, נאָר נוסח ליד, וואָס שרייט נישט אַריבער די רייד, די שורות טראָגן נישט קיין שווערע שטיוול, נאָר זיי לייגן זיך אויפן גומען און זענען גוט צום אויער.

ווי געזאָגט, זענען דאָס מעלות פון אַ צאָל יידישע פּאָעטן אין מדינת ישראל, אָבער תמיד ווען מען באַגעגנט די דאָזיקע מעלות, גלוסט זיך מאַכן אַ ברכה.

מיט פּאַנעץ פון שוואַרצע געוואַנדן,
מיט שאַרבן און נאַקעטן ביין.
איבער בערג און אין טאָלן זיי לאַנדן,
זיי ציִען לאַנד־אויס און לאַנד־איין.
פון אַלע פיר זייטן זיי קומען,
פאַרדאַרבער אויף טויאיקן פעלד,
דער הימל אין שריפות פאַרנומען
לאָזט זיך נידעריקער אַראָפּ צו דער וועלט.
די נאַכט אין זילבערן געלייטער,
פיבערט ביי מיין טיר און זי ציטערט —
פון אַלע פיר זייטן — רייטער,
קומען־אַן מיט אַ ווילדן געוויטער.

איך רעד דאָ איצטער נישט פון אינהאַלט פון ציטירטן ליד, וואָס גע־פינט זיך אין דער ערשטער אָפּטיילונג, וואָס הייסט „ווינטיקער אָנזאָג" און וואָס זאָגט אָן די היטלער־קאַטאַסטראָפע, נאָר ס׳רעדט זיך פון געזאַנגיקן יידיש, פון אַזאַ אַלט וואָרט ווי „פאַרדאַרבער" און אַזאַ באַנייט וואָרט ווי „געלייטער": דאָס אַלץ איז אין דער טראַדיציע פון יידיש איבער דער גאַנ־צער וועלט בכל אתר ואתר, און ווען מען זעט אַז אויך פון ארץ־ישראל קומט אַזאַ יידיש (כ׳זאָג ארץ־ישראל, ווייל כ׳וויל זיין היסטאָריש־פּינקטלעך מחמת דאָס ליד איז געצייכנט — 1940) פרייט מען זיך להכעיס אַלע פאַראויס־זאָגן.

יעקב גלאַטשטיין

די צווייטע מעלה פון לאַנדשאַפט און פּאַנאָראַמישער דאָיקייט געפינט מען אין גאָר אַ סך שאַרגעלס לידער.

אַ בוים מיט ציטרינען,
אַ בוים מיט מאַראַנצן
און ביימער פון ליד פון די לידער.
שלום דיר, דאָרף,
אַ גוט מאָרגן אייך, פלאַנצן,
שלום אייך, דאָרפישע ברידער.

אָט דער שלום צו די „דאָרפישע ברידער" וויברירט אין צענדליקער לידער און מען נעמט זיי אָן ווי גוטע געשמאַקע גרוסן. וואָס טראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט פון אויסגעבענקטקייט און פון שטילער ליבשאַפט אַפילו צו פּאַראבלטע געסלעך:

קוואַרטאַלן אין באַלאַגערונג פאַרקלעמטע,
ווי איר כ'בין דאָ איינגעהילט אין גרוי,
געסלעך פּאַראבלטע, פאַרשעמטע,
כ'וועל נאָך זען אייך אין אויפקום, אינעם בוי.

דאָס וואָרט „פאַרקלעמטע" גראַמט זיך מיט „פאַרשעמטע", אָבער מיטן גראַם איז אין „באַלאַגערונג פאַרקלעמטע" דאָס פּינקטלעכסטע וואָרט.

יעקב צבי שאַרגעלס ליד פאַרמאָגט אין זיך נישט נאָר די פּרוכט פון שעפערישן יידיש, נאָר פון אַ מיטגענומענעם, אַ געדענקטן, אַ חומשדיק פאַרטייטשטן. אָט די לידער זיינע, וווּ דער אינהאַלט איז אַ קוים אָנגעאָנטער און ווען זיי זאָגן זיך געשמאַק מיטן אַלטן טראָפּ, מאַכן אַ טיפערן איינדרוק, ווי די לידער וואָס אין זיי האָט ער אַריינגעגאָסן אַ לכתחילהדיק פאַרגליווערטע טעמע.

די שעה איז אַ נאַכטיקע, ער קומט אין איר אָן.
די לופט איז שאַרף און איז בלאָ,
ער גייט־אויף מיט די פעלדזן צו דער הויך,
פון לאַגלען מיט טרערן ער בויט־אויף אַ טראָן
פאַר דעם יונגן ניי־געבוירענעם כוח.
דער הימל אַן אומענדלעך ווייטער,
די בערג הייכן־איבער איינס דעם צווייטן.
איז דאָ שוין דער וועג צו דער גבורה?
שטייגט שטאַפּל נאָך שטאַפּל אויף דער לייטער
צו גרייכן דאָס ליכט פון דער בשורה.
זיין יונגשאַפט ברעכט דורך, רייסט־אויף דאָס געשטיין.
דער מאַמעס ברכה באַלייט אים.
און דאָס האַרץ גייט איבער, זידט־אויף אינעם ווילן.

אַ, באַשיץ אים און באַשירעם זיין געביין.
ער זאָל גרייכן דעם ציל פון די צילן.
סקאַלעס לויפן אָפּ, ווי די ווידערס,
עס מאַכן אַ וואַרע דער קיזל און דער מירמל:
נעם אונדז איין דור פון באַפרייער.
זיין האַמער זינגט דאָ אויס אַלע לידער
אויפגעגאַנגענע אין סנהדרין פייער.
און פון וויטנס וועקט זיך ירושלים.
בלויע הייכן שטרעקן אויס אים די אָרעמס.
מאָרגן־ליכט רייט אַריין אינעם וועג.
די זון פלאַמט־אויף, ווערט אַ בעכער פול לחיים.
ער גייט אַנטקעגן אויפגעהעלטע טעג.

כ׳האָב בכיוון געבראַכט דאָס גאַנצע ליד — „באַרג אַרויף״, ווייל ס׳פאַר־מאָגט אַלע מעלות, וואָס כ׳האָב פריִער דערמאָנט און מ׳דאַרף זיי לאַנג נישט זוכן. דער חומש־ייִדיש פון „די בערג הייכן־איבער איינס דעם צווייטן״. די „פאַרגרייזונג״ פון איינס דעם צווייטן דאָס איז אַלץ מחיהדיקער פוילישער ייִדיש, ווי מחיהדיק ס׳איז „דער מאַמעס ברכה ב אַ ל יי ט אים״. דער אינהאַלט איז דאָ איינגעטוליעט אין וואָרט און אין בילד און פאַרגראָבן אין „געשטיין״ און אין „קיזל״. און ווען די זון פלאַמט אויף — „אַ בעכער פול לחיים״, דערשפירן מיר פיזיש דעם אויפוועק פון ירושלים.

גוטע לידער געפינט מען אויך אין דער לעצטער אָפּטיילונג פון פער־זענלעכע לידער.

איך בענטש דיין ווילן וואָס וואַקסט אַריין אין ליד
און עפן מיט דער בענטשונג יעדן ריגל, יעדן שלאָס.
אַלץ ווערט פאַר מיר אָפּן, אויך דאָס ערשטע אות,
וואָס האָט ביי אונדזער שוועל בלומיק זיך צעבליט.

כ׳האָב דערמאָנט, אַז י. צ. שאַרגעל איז געווען פון די ערשטע עקשנים־בויערס פון ייִדישן ליד אין ארץ־ישראל. כ׳האָב נישט דערמאָנט, מיט וויפל „ווי און גלויבן״ דאָס איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן. דאָס איז שוין געשיכ־טע און געשיכטע קען האָבן אירע אייגענע מיסטישע דרכים. אפשר איז די עקשנות געווען אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דעם קאַמף און שווערן אַנטקעגנ־שטעל. דער רעזולטאַט פון דעם ריזיקן קאַמף איז אַ פּרוכטיקער. דער העב־רעיִשׁ צד האָט געוווּנען גוטע „העברעיִשע״ לידער — אויף ייִדיש, און דער ייִדיש צד האָט דערפון געוווּנען עטלעכע גוטע פאָעטן, וואָס זענען אַ באַשיי־נונג פאַרן לאַנד און אַ צוגאָב צו איר קולטור. יעקב צבי שאַרגעלס נאָמען פאַרדינט אָפּט געציילט צו ווערן צווישן דעם ייִדיש אַנשפּאָר אין מדינת ישראל.

.1959

רבקה באַסמאַן

רבקה באַסמאַן, פון דער „יונג ישראל"־גרופּע, האָט נישט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן איר ערשט בוך לידער, וואָס גיט אַ געלעגנהייט צוצוקומען אַביסל נענטער צום לירישן געמיט פון דער דיכטערין. אירע לידער האָבן גע־צויגן אויפמערקזאַמקייט ווען מ'האָט זיי געלייענט באַזונדער און אין קלע־נערע סעריעס אין „די גאָלדענע קייט". דאָס בוך הייסט — „טויבן ביים ברונעם" און ס'איז דערשינען אין פאַרלאַג „י. ל. פּרץ" אין תל־אביב, וואָס האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן אַ צוויי טוצן יידישע און העברעיִשע בי־כער.

„טויבן ביים ברונעם" מעג קלינגען אַלט־פּאָעטיש, אָבער ביי רבקה באַס־מאַן קומען די טויבן צום ברונעם זייער רעאַליסטיש, און די דיכטערין דאַרף ערשט דערפון אַרויסשלאָגן טאָג־טעגלעכע פּאָעטישע חיונה. זי זינגט פון פעלדער, זאַנגען, שניט, שעפּסן, ציגעלעך, פון אויפגייענדיק ברויט, און זי פאַרסודעט אַלץ וואָס זי זעט. רבקה באַסמאַן האָט דעם סוד ליבער פון וואָרט, און נישט נאָר זאָגט זי עס זייער אָפט אַליין, ווי אין ליד —

קינדער, מיינע קינדער,
איך בין פול מיט סוד.
אויף די שטילע וועגן
זע איך אומגיין גאָט —

נאָר זי איז בכלל אַ פאַרסודעטע אין זיך און זי האָט ליב אַלע פּאָעטישע דע־קאָראַציעס וואָס כאַפּן אויף דעם סוד און פאַרוויגן אים.

אין דעם ליד „קינדער, מיינע קינדער", פון די סאַמע ערשטע לידער אין בוך, דערשפּירט מען גלייך, אַז רבקה באַסמאַן לעבט אין אַן אייגענער טרויער־וועלט. זי מאָנט ביים פעלד־גאָט, דעם גאָט פון שפע, אַ רעכנשאַפט — אויף אַ שטילן נישט אַריבערגעשריגענעם אופן. דער גוזעענער גאָט פאַר־שטעלט זיך. ער טראָגט אויף די אַקסלען —

פרישע פעלדער ברויט
און זיין באָרד צעוואַקסן
זוניק רויט.

אָבער זי דערקענט אים און זי לאָזט ווייסע ציגעלעך אים שטעלן אַ גאַנץ האַרבע קשיה:

זאָג, ביסטו דער זעלבער
אין אַ ביסן ברויט,
און ביי שוואַרצע שייטערס
דער פון קינדערס טויט?

ס׳איז אַ ביטערע פראַגע. דער ענגלישער דיכטער וויליאַם בלעיק האָט אַמאָל געשטעלט די קשיה אַביסל אַנדערש; ער האָט געוואָלט וויסן, צי די זעלביקע האַנט, וואָס האָט געפורעמט און אויסגעקנאָטן דאָס לעמעלע האָט אויך באַשאַפן דעם טיגער, „וואָס ברענט ליכטיק אין דעם וואַלד פון דער נאַכט". רבקה באַסמאַנס קשיה איז אַ דירעקטערע. זי וויל וויסן צי דער ברויט־גאָט איז אויך דער טויט־גאָט, נישט נאָר פון שטילע, דערגאַנגענע טויטן, נאָר אויך פון אכזריותדיקע קינדער־מאָרדן.

אָט די קשיה וואָס די דיכטערין לאָזט פרעגן די ציגן איז, אגב, פון די זעלטן־קלאָרסטע פראַגעס אין בוך. אָפטער זענען די ווערטער איינגעסודעט און אַרומגעוויגט און די קלאָרקייט ווערט פאַרבלאָסט, נישט אַזוי פאַרבלאָסט, ווי אַרומגעוואָלקנט מיט געזונגענע און איבערגעזונגענע שורות. די דיכטערין דרייט זיך אַרויס פון באַווייזן איר פּנים און לאָזן הערן איר קול. זי האָט אַ נייגונג צו פאַרקינדערשן אירע לידער און זיי געבן וויגעלעך, ציגעלעך, פאַוועס און שעפעלעך, כדי זי זאָל נישט דאַרפן זאָגן קלאָר, וואָס איר טוט וויי אָדער אַפילו וואָס איר פריידיקט. אפשר איז גערעכט רבקה באַסמאַן, אַז נאָך אַזויפיל חורבן־לידער דאַרף מען בלויז אָנווינקען טרויער מיט דער פשטות פון פאָלקס־ליד —

קומט צו גיין דאָס פאַסטוכל
מיט שעפעלעך פאַרברענטע,
קומט דאָס ווייסע ציגעלע
פון וויגעלעך פאַרשעמטע.

אין רבקה באַסמאַנס לידער חזרט זיך איבער אַ סך מאָל דאָס וואָרט „טרוים", ווייל אויך טרוים העלפט פאַרסודען דאָס וואָרט. אָבער ווען איר געלינגט אויף אַן אמת צו דערגרייכן די גאַנצקייט פון אַ ליד, מיט אייגן־געזעענע בילדער, פאַרמאָגן אירע שורות אַ נאָכקלאַנג, אַ נאָכדענק. דאָס ליד „אין בלוי" איז אַ ליד, וואָס מען מוז לייענען עטלעכע מאָל און מען קען זיך נישט באַפרייען פון איינדרוק און פון דער געשאַפענער טרויעריקער שיינקייט. די דיכטערין זאָגט ערגעץ אַנדערש, אַז טרויער איז טויט און דערמיט איז אפשר געמיינט אונדזער ירושהדיקער טרויער, נאָך חורבן־ייִד, אָבער אין

דעם ליד „אין בלי" וואַקסט דער טרויער אַריין אין זעטיקער ערד מיט וואָרצלען און ווערט אַ לעבעדיקער ניגון. אַפילו די מוזיק פון ליד ווערט אַן אומרויִקע און די בילדער זענען פרישע, כמעט אין יעדער שורה, נישט קיין פאַרגלייך־בילדער, וואָס מען דאַרף ערשט איבערזעצן אויף פּאָעזיע, נאָר דירעקט־געזעענע, ווי די שורות —

וועןׂ זון דעמפּט פון גלידער אַרויס
דעם וואַרעם פון גרינגלעכע טעג.

ס'לוינט זיך בפירוש צו געבן דאָס גאַנצע ליד, ווייל ס'איז אַ מוסטער־ליד, אי פאַר דער דיכטערין, אין אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ווען אַזאַ ליד קומט צו גאַסט, איז עס אַ געשאַנק.

איך ווייס נישט דעם יאָרטאָג נאָך דיר,
דעם טאָג פון דער וויט,
פון ניט־הי —
זוך איך אַ סימן צו דיר
אין פעלדער, אין בלי;
אין שפּראָצן אין ערשטע, אָט די
וואָס זינגען מיט רעגן און ברויט,
וועןׂ זון דעמפּט פון גלידער אַרויס
דעם וואַרעם פון גרינגלעכע טעג
און ס'גייט אויף דאָס ברויט פּאַזע וועג.
די פערד מן הסתם פילן אויך
אין לופטן דעם בלי
און ציִען דעם האַלדז צו דער הייך
באַפרייט ווי צום פלי.
אַ רויִקייט לייכט פון דער ערד
דורך דינעם וואָרצל־געזאַנג.
ווו האָב איך דעם ניגון געהערט —
אין אויגן ביי דיר, צי אין זאַנג?
פלוצים אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר
דיין ווייטער טאָג פון נישט־הי,
וואָס זייט זיך אין וואָרצלען אַריין
און בעט זיך צום בלי.

דאָס איז אַן אייביק ליד, ווייל אַלץ אין ליד איז פריש און אייגן און, צו ריידן מיטן לשון פון דער דיכטערין — אַלץ איז „אַרויסגעדעמפּט פון די גלידער אַרויס". אַפילו די פערד זענען נישט קיין דעקאָראַציע, נאָר אויך זיי זענען גראַציעז, ווי די באַזונדערע שורות און די העלדזער רייסן זיך צו די

הייכן, ווי צום פלי. סיי־ווי זענען די שורות פליִענדיקע און יעדער געזונגען וואָרט איז אויך געזאָגט אויף אַן אייגענעם אופן.

כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף דעם ליד, ווייל ווען מען לייענט אַזאַ ליד גלוסט זיך אָפּ צו מאָנען, צו פרעגן, אָפּפרעגן אָדער געבן עצות, ווייל אויב רבקה באַסמאַן פאַרמאָגט אַזעלכע שורות אין זיך, מעג מען וואַרטן געדולדיק אויף די ספּעציעלע „גרינלעכע טעג", ווען איר געלינגט אַרויסצו־זינגען פון די אייגענע גלידער. רבקה באַסמאַן בלאָנדזשעט און בראַדיעט דורך די וועגן פון אַ גרייטער פאַלקסטימלעכקייט, אָבער אַט גיט זי זיך אַ זאָג —

איך פאַרליר מיין געוויין
ווי אַ הילצערנער גאָט.

זי האָט עפּעס אייגענע חשבונות מיט אַן אייגענעם גאָט און ס'נעמט איר לענגער זיך צו דערגראָבן צו אַן אייגן וואָרט. ס'פאַרדריסט אַ סך מאָל וואָס זי פרימיטיוויזירט אירע לידער. אונדזער צייט פאַרטראָגט שוין מער נישט אַזעלכע שורות ווי —

מיין אומעט, אויף איינזאַמע וועגן,
אין ווייטעניש וואָגלט אַליין.

דער אומעט וואָס גייט אַליין אויף איינזאַמע וועגן איז אַן אַלט־באַקאַנ־טער פאָעטישער וואָגלער און ס'ווילט זיך אים אַפילו נישט אָפּגעבן קיין שלום, ווען מען באַגעגנט אים, אָבער טאַקע אין זעלביקן ליד — „זילבערנער עיגול", דערזינגט זיך די דיכטערין צו אַזעלכע שורות —

איך ציטער אַריין אין מיין אָטעם
אַ תפילה צום הוילן געביין,
איך זאָל צווישן חלום און שאָטן
צום אייגענעם פּנים דערגיין.

אָדער אין אַן אַנדער ליד צום „שניי", שלאָגט זי פון קאַלטן שניי אַרויס וואַרעמע דערמאָנונגען און אַפילו אַן אָריגינעלן קנייטש פון וואָרט —

אַ וואַרעמקייט האָט מיך באַאָטעמט
ווען כ'האָב זיך געבויגן צו דיר,
נאָר האָסט זיך געאיילט, און פאַרשאָטן
דאָס בינטעלע רויזן אין דיר.

צווישן „חלום און שאָטן" זוכט רבקה באַסמאַן צו דערגיין צום אייגע־נעם פּנים און דער לייענער פון איר ליד בייגט זיך אָן און קומט אַלץ נענ־טער, כדי צו הערן איר וואָרט און צו דערזען איר פּנים. אַ סך מאָל איז איר

חלום און שאָטן אַ צו־לייכטער שפּיל, אָבער ווייזט אויס אַז די דיכטערין נייטיקט זיך אין דער אַרומרינגלונג פון אַ סך גרייטע, אַלטע בילדער, כּדי צו דערגיין צו אייגענער קלאָרקייט. די גרייטקייטן זענען „בינטעלעך אומעט״, אָבער פון זיי לערנט זי תּמיד עפּעס, אַמאָל טאַקע אין זעלביקן ליד, ווי אין „היינט אין זוניקן טאָג״, ווען רבקה באַסמאַן זעט ווי אירע בינטעלעך אומעט „שטעלן זיך אויס ווי גאַרבן אין פעלד״; אַמאָל דאַרף זי שרייבן אַ סך לייכט־וואָגיקע לידער, ביז זי דערזינגט זיך צו אָריגינעלע שורות אין אַן אַנדער ליד און איר געלינגט — „ווידער אויפוועקן קוואַלן אין אַלעמענס אויגן״.

דאָס אומגעריכטע בילד אין וואָרט קומט ביי איר ווי אַ בליץ און ווי אַ באַלוין פאַר אַ סך איבערגעזאָגט. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר רבקה באַסמאַנס לידער. מען מעג געטרויען דער דיכטערין, אַז ערגעצוו אינמיטן וועג, ווען ס׳דאַכט זיך שוין, אַז מען הערט די קולי־קולות פון אַנאָנים־קאָלעקטיווער און אָפּגעטראָגענער פּאָעטישקייט, וועט זי פּלוצים אונדז אַרויספירן און דערפירן —

אַ באַלאַדענע מיט לאַגלען
אַזש צום וויינשטאָק פון תּנ״ך.

דאָס ערשטע לידער־בוך פון רבקה באַסמאַן מעג אויפגענומען ווערן ווי אַ בוך פון גרויסן צוזאָג. זי האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט אָפּצוואַרפן אַ סך שאָלעכץ. ס׳פעלט איר די מבינות אויף זיך אַליין. ווען זי וועט דערשפירן איר אייגענע קלאָרקייט און זי וועט בכלל זיך דעררײדן צום געזאָגטן וואָרט, וועט זי אויס דרך־ארץ צום אייגענעם ליד פּטור ווערן פון ווילד־שורות און לייכטע גראַמען. די 34־יאָריקע דיכטערין לאָזט אַ צווייגל זיך אויסטענהן און איר זאָגן, אַז „די וואָרצלען זייגן״

אָבער ביז וואַנען דו וועסט דערזען עס —
מוז איך נאָך שווייגן.

אַ סך לידער אין „טויבן ביים ברונעם״ ווייזן, אַז רבקה באַסמאַן הייבט שוין אָט אָן ריידן, און מיט אַ סך האָפענונג וואָרטן מיר אויף די רייד, ווען זיי וועלן זיך אַרויסקנוילן פון פאַרסודעטער און פאַרזונגענער פּאָעטיזאַציע.

.1959

אַ ליד צום געדענקען

דאָס ליד וואָס איך האָב געלייענט, ביי דער יזכור־דעמאָנסטראַציע וואָס דער יידישער „פּען־קלוב" האָט אַראַנזשירט, צו ערן דעם אָנדענק פון די אויסגעמאָרדעטע יידישע שרייבערס און אויסצושרייען קעגן די פּאַרטיליקערס, באַטראַכט איך פאַר אַ גרויס געווינס. דער דיכטער דוד האָפּשטיין האָט עס געשריבן אין 1930 (ס'איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין „זאַמלביכער" נומער אַכט, אונטער דער רעדאַקציע פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק). ס'איז דאָס פּערטע ליד פון אַ סעריע „מיין גאָב". דער דיכטער טענהט זיך אויס מיט זיין פּאָעטישן גאָב, מיט זיין טאַלאַנט, און ער ראַנגלט זיך און שטיקט זיך מיט ווערטער. ער ווייס נישט ווי אויסצודריקן זיין מורא און אומזיכערקייט. ס'איז שוין דריי יאָר נאָכדעם ווי סטאַלין האָט אַריינגעקראָגן די אייזערנע מאַכט, אַ יאָר נאָכדעם ווי טראָצקי איז אַרויסגעטריבן געוואָרן, און איז אַוועק אין גלות. סטאַלין זיצט שוין פעסט אין זאָטל. האָפּשטיין איז געווען דער יידישסטער פּאָעט פון אַלע סאָוועטישע דיכטערס. זיינע ערשטע טריט זענען געווען העברעיִשע לידער. ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון סאָוועטרוסלאַנד, אין יענע צייטן ווען מ'האָט נאָך געקענט אַנטלויפן, ווייל ער האָט אונטער־געשריבן אַ פּראָטעסט קעגן דער אונטערדריקונג פון העברעיִש אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד. ער איז דעמאָלט אַוועק קיין ארץ ישראל, אָבער ס'האָט אים צום אומגליק געצויגן צו זיין רוסישער היים. אפשר האָט מען אים נישט גענוג אָנ־געוואָרעמט און מקרב געווען. אָבער ווען מען האָט אים רעהאַביליטירט אין סאָוועטרוסלאַנד — דעמאָלט האָט מען נאָך רעהאַביליטירט לעבעדיקע מענטשן — איז ער צוריקגעפאָרן.

האָפּשטיין איז געווען אַ הויך־אינטעליגענטער מענטש. ער האָט זיך ערנסט פאַרנומען מיט זיין פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע, און אין 1928 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך „ליטעראַטור־קענטעניש", וועגן די „כללים" פון „פּראָזאָדיע", אָדער פּאָעטישער מלאכה און טעאָריע.

אין זיינע לידער „מיין צוגאָב" אַנאַליזירט ער שוין דעם ביטערן גע־ראַנגל צווישן דעם וואָרט וואָס ער מעג זאָגן, און דעם פאַרבאָטענעם וואָרט; צווישן די ספקות און שרעקן וואָס נאָגן אים. מיר זוכן שפּורן פון מאַראַנענ־טום אין אַ סך סאָוועטיש־יידישע לידער, און מען געפינט זיי נישט צופיל, אָבער אין דעם ליד, וואָס איך ברענג דאָ ווייטער ווי אַ דאָקומענט — איב־

גאַנצן, קומט דער ביטערער מצב פון דעם נישט־הוראַ־סטאַלין־שרייענדיקן פּאָעט, צום שטאַרקסטן און קלאָרסטן אויסדרוק. אין דעם ליד הערט מען דאָס געוויין אויף דער איזאָלאַציע פון דעם סאָוועטישן ייִדישן פּאָעט, דאָס אָפּרייסן זיך פון דער וועלט, פון ברידער־ייִדן און ברידער־פּאָעטן. ער קלאָגט, אַז ער איז „דאָך מיט זיי געוואַקסן", און „אין איין געביין געבונדן". ס'הערן זיך אין דעם ליד די טויט־קוילן פון סטאַלינס גערעכטיקייט. דער פּאָעט האָפּשטיין זעט „די בייזע שעה", וואָס „גליווערט די גלידער". ס'שטיקט אים, זאָגט האָפּשטיין קלאָר און בפירוש „יענעמס שטריק". און צום סוף קומט די פּאַטאַלע פראַגע: „מאָרגן? ווער?"

סטאַלינס ענטפער איז געקומען, מיט אַ צוועלף־דרייצן יאָר שפּעטער, און דער ענטפער איז געווען — אַלע. די גאַנצע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור!

אָט איז דאָס ליד וואָס וועט בלייבן ווי אַ קלאָרער באַווייז, פון דעם קלעם, וואָס אין אים האָבן זיך געפונען און ווערגן און שטיקן ערלעכע סאָוועטישע ייִדישע שרייבערס, אַזוי גיך ווי סטאַלין האָט זיך באַפעסטיקט און גענומען אָפּרייניקן זיינע חברים:

איך בין מיט זיי געוואַקסן,
געלעבט מיט זיי
אין וויי, אין האַס,
אין גרויסע פריידן...
זאָל זיין פאַרשיידענע —
דאָך יעדער,
דאָךביידע,
און איך, ווי זיי —
רעדער
אויף איינער
אַ גרויסער אַקס,
געהעפט, געטריבן
דורך איינעם אַ מעכטיקן
אַ ברייטן פּאַס,
אין איין געביין
געבונדן
מיט האַרט געשניצטע
ציין...
און איצט
בין איך
אין לעבן
אַליין
געבליבן...

אין תוך געגומען

עס ברענט דער לאָמפּ.
דאָרט הינטער טיר און טויער
די שטאָט אין טומל הויערט.
ס׳איז צופיל שטיל געוואָרן
אין מיין ווינקל,
אַ שאָטן־דאָרן
וואַקסט דאָרט אין דער טונקל.
אָט איז זי דאָ,
די בייזע שעה.
אָט איז זי ווידער,
און בינדט
און גליווערט מיר די גלידער...
מיך וואַרגט,
מיך שטיקט,
אַ יענעמס שטריק...
איך ווער אין גליווער ווי דערוואָרגן,
נאָר אָט אַ שטים
און ס׳עקבערן צוויי ווערטער:
דער... נעכטן...
רויך...
דאַמף...
אַ קויל;
מיך וואַרפט
אין גרויל
אין לעצטן קראַמף.
און ווידער שטיל...
אויף דער טויטער וואַנט דער בלייכער
פון די שאָטנס אין די ווינקלען
פונעם גאַנצן טונקל,
וואָס געווען איז דאָ פאַרבאָרגן,
וואַקסט אַ צייכן,
וואַקסט אַ פראַגע,
און צו מיר זיך קערט:
מאָרגן?
ווער?

.1956

„יידישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד“

א.

ווער זענען אַזעלכע שרייבערס ווי כ. ווײַנערמאַן, חנה לעווין, מ. אַלבערטאָן, מ. שטורמאַן, א. וועלעדניצקי, אַבטשוק, אברהם קאַהאַן? דאָס זענען שוין פּאַקטיש אָפּגעמעקטע נעמען, וואָס ווערן צוריק אויפגעריכט און קריגן טיילווייז אַ תיקון, יעדער לויט זײַנע פאַרדינסטן, לויט דער מאָס ערלעכקייט, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט דורכגעראַנגלט דעם פּאָליטישן קלעם — אין דעם בוך „ייִדישע שרייבער אין סאָוועטנרוסלאַנד“ פון ש. ניגער.

וועגן די פריִער־געבראַכטע נעמען זענען פאַראַן אויספירלעכע אַרטיקלען, אָדער קלענערע באַמערקונגען מיט ציטאַטן, אין בוך פון קנאַפּע 500 זײַטן; און דער לייענער קריגט אַן אומסענטימענטאַלן באַגריף וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט פאַראיבעריקט פון דעם מין געוואַלד־אָפּגעפרעמדטן שבט — ייִדישע סאָוועטישע שרייבערס. דאָס איז באַנד איינס פון אַ געפּלאַנטער סעריע ביכער, וואָס אַ קאָמיטעט ביים אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן. ס'איז גוט וואָס דאָס ערשטע בוך איז אַ „הייסע“ טעמע, און ס'איז טאָפּלט גוט וואָס זי ווערט אַנטוויקלט דורך די אויגן פון אַ קיל־ניכטערן אָפּשאַצער, וואָס הגם ער האָט גלייך פון אָנהייב אָן געזען, אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד טראָגט די זוימען פון איר אייגענער גייסטיקער פאַרניכטונג, האָט ער אָבער נישט געזוכט קיין פּאָליטישע חשבונות, נאָר דעם קינסטלערישן אָפּשפּאָר, וואָס קען אַריין אין שייער פון דער אַלגעמיינער ייִדישער ליטעראַטור.

דער צונויפשטעלער און אויסקלייבער פון די געזאַמלטע אַרטיקלען, ה. לייוויק, זאָגט מיט רעכט אַז ש. ניגער האָט נאָכגעפאָלגט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור סיסטעמאַטיש, פון 1920 אָן. כ'וואָלט נאָך צוגעגעבן, אַז ש. ניגער איז צוגעצויגן געוואָרן צו איר מיט באַזונדערער פריינדשאַפט, און אויב ער האָט נישט געמשפּט די שרייבער פּאָליטיש, האָט ער אָבער מער ווי אַ סך אַנדערע גענומען אין באַטראַכט דעם פּסיכאָלאָגישן קלעם, וואָס אין אים האָבן זיך געפונען די סאָוועטיש־ייִדישע שרייבערס, פון זייער גלאַנצפּעריאָד אָן, ווען עס האָט זיך זיי נאָך געדאַכט, אַז זיי זענען אײַנגעגלידערט געוואָרן אין דער אַלפאַרבאַנדישער ליטעראַטור — ביז דעם מאָמענט ווען

מען האָט זיי אָנגעהויבן וואַרפן פון די פאַטערלענדישע ענציקלאָפּעדיעס, און זיי ווי פרעמדע אָנוווקסן מבזה געווען און ליקווידירט.

קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ „סיסטעמאַטישן" נייגער, ווי ש. ניגער, בעת ער האָט געזוכט אָפּצונעמען גוטע גרוסן פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור; ער האָט אַרויסגעוויזן פרייד, ווען ער האָט געמיינט אַז די ייִדישע ליטעראַטור קריגט אויך ביי דער ליטעראַטור אין קייטן, אויב נישט קיין געזונטן ביישטייער, איז כאָטש מעשר, וואָס בלייבט נאָכדעם ווי מען וואַרפט אַוועק דעם אָנשטעל פון ברוגז און פרעמדקייט, לגבי דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן נוסח ביי אַלע סאָוועטיש־ייִדישע שרייבערס. ש. ניגער האָט געקענט צייטנווייז באַהאַלטן זיין פאַטערלעכע קריטיק, איבער דעם סאָוועטיש־ייִדישן ניי־פלאַנץ. אַרויפוואַרפנדיק באַשיצעריש זיין קיל מאַנטל אויף דער דאָרטיקער ייִדישער ליטעראַטור, איז אים דאָך געלונגען אָנצוהאַלטן דעם טאָן פון דעם גערעכטן שופט.

אין וואָס איז ש. ניגערן געגאַנגען? וועגן דעם אַלמאַנאַך „וווּספּ", אַ זאַמלונג פון אוקראַיִנישע פּראָלעטאַרישע ייִדישע שרייבערס, וואָס איז דערשינען אין כאַרקאָוו אין 1929, שרייבט ש. ניגער מיט גרויס לויב, וועגן דער דיכטערין חנה לעווין, אַז „די ייִדישע פּאָעזיע האָט (איך ווייס נישט אויף ווי לאַנג) גענומען אורלויב ביי איר שטרענגן שעף". ניגער האָט כסדר געזוכט אָט די זעלטענע מאָמענטן פון אורלויב. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז נאָך געווען אין יאָר 1929, (דאָס אַרטיקל וועגן דער זאַמלונג האָט ער געשריבן אין 1930). צו יענער צייט האָט ער זיך נאָך געקענט פאַרגינען צו זוכן דעם דורכראַנגל פון ערלעכער שעפערישקייט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער בייזער סאָוועטישער קריטיק און אָנגעוויזן, אַז זי טוט אירס, זי בייזערט זיך, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור טוט איר אָפּ אויף טערקיש. „די קריטיק בייזערט זיך, ווי פריִער, עס חלומען זיך איר אַלץ «רעכטע» אָפּנייגן, אָבער דער דיכטער גייט זיין וועג. ער גייט פּאַמעלעך, ער היט זיך, ער האָט נאָך אַלץ מורא, ער זאָל חלילה נישט געשטרויכלט ווערן און נישט פאַרקריכן צו ווייט רעכטס, אָבער ער גייט, ער טאַפּט דעם וועג אַליין, ער וואַרט נישט מען זאָל אים קומען פירן".

און אין דער זעלביקער לענגערער אָפּהאַנדלונג, וועגן דעם זאַמלבוך פון די אוקראַיִניש־ייִדישע שרייבערס, ווו מיר געפינען, אַחוץ די שוין פריִער דערמאָנטע, לאַנג פאַרגעסענע נעמען, אויך אַזעלכע ווי ב. אָליעווסקי, א. שאַפּירא, י. קאַטלאַר און דעם ייִנגערן איציק פעפער, וועמעס לידער האָבן שוין

אָנגעהויבן „צו שמעקן אַביסל מיט פּראָגראַם און מיט דעקלאַמאַציע", קומט ניגער צום דעם דאָזיקן אָפּטימיסטישן סך־הכל: „די סאָוועטיש־יידישע קרי־טיק שטייט אַלץ מער און מער אָפּ פון דער ליטעראַטור, די קריטיקער זענען פאַרנומען מיט ציטירן לעגינען און זוכן חטאים איינע ביי די אַנדערע. זיי זענען פאַרטאָן אין אַן אייביקער פּאָלעמיק וועגן «רעכטע» אָפּנייגן און באַ־מערקן נישט, ווי די ליטעראַטור «נייגט זיך», נישט רעכטס און נישט לינקס, נאָר צו זיך אַליין".

אָבער די זעלביקע ליטעראַטור האָט לאַנג נישט געקענט ווידערשטיין די חטאים־זוכעניש און פּראָדוצירט איר אייגענעם פּסיכאָלאָגישן זעלבסט־טע־ראָר. וואָלט בלויז דער טעראָר באַשטאַנען פון בייזער קריטיק, וואָלטן שוין די שרייבערס ווי עס איז געקענט דורכקומען מיט איר. אָבער דער טעראָר איז געוואָרן די אַטמאָספער פון גאַנצן לאַנד, און דער אַזוי גערופענער קריטיקער איז שוין מער נישט געווען נייטיק, ווייל יעדער סאָוועטיש־יידישער שרייבער האָט צוגעלייגט זיין אויער צו דער פּאָליטישער שטימונג און געזוכט צו כאַפּן איר צייטווייליקע טעמפּעראַטור. דער קריטיקער איז שוין בכלל געוואָרן אויס קריטיקער, נאָר אַ פּשוטער מסור, וואָס האָט מיט זיין קריטיק אָנגעוונקען נישט אַזוי אויף ליטעראַרישע בלאָנדזשעניש, ווי אויף פּאָליטישע פאַרברעכנס. דער יידישער שרייבער האָט שוין מער נישט מורא געהאַט פאַרן קריטיקער, נאָר פאַר אַן אייגענעם אויסגליטש, און איינער פאַרן אַנדערן.

דאָס בוך וועגן סאָוועטיש־יידישע שרייבער איז דערפאַר אַ דאָקומענט פון אַן עקספּעדיציע, אַ זוכעניש צו געפינען די מאָמענטן אין אַ שטיף־ברו־דערלעכער ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך אויף אַ מאָמענט באַפרייט און גע־נומען אורלויב ביי איר „שטרענגן שעף". מיט דער מאָס איז ש. ניגער כסדר צוגעגאַנגען צו דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור און צו אירע שרייבערס — פון אַזעלכע ווי בייניש שטיינמאַן, וואָס איז אומגעקומען אין אוקראַינע אין 1919, אין עלטער פון 21 יאָר; אַשר שוואַרצמאַן, וואָס איז ווי אַ רויט־אַרמייער געפאַלן אין שלאַכט אין 1919, אין עלטער פון 30 יאָר — ביז דעם סאַמע לעצטן אַרטיקל אין בוך, וואָס ניגער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1951. דאָס אַרטיקל הייסט „זענען געווען צווישן זיי אנוסים"? אין אַט דעם שפּעטן אַרטיקל, ווען אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז די פאַרשטומטע סאָוועטיש־יידי־שע ליטעראַטור, שטייט אונטער דעם גזר פון סטאַלינס באַפעל — להשמיד, להרוג ולאבד, אַ דעקרעט וואָס איז נאָך גילטיק ביזן היינטיקן טאָג, נישט גע־קוקט אויף אַלע שקרים און ציין־פאַרדרייעניש, זוכט נאָך אַלץ ניגער מיט ליכט דאָס פּיצל קינסטלערישע און מענטשלעכע ריינקייט, וואָס די ליקווי־דירטע יידישע ליטעראַטור האָט דאָך איבערגעלאָזט בירושה דער גאַנצער

יידישער ליטעראַטור. אין לעצטן אַרטיקל איז שוין ניגער דער אונטערצייכענער פון אַ סך־הכל. די האָפענונגען וואָס ער האָט געלייגט אויף דער דאָרטיקער ליטעראַטור זענען צערונען און דער פּאַנאַנדערפאַל איז שוין געשטאַנען פול־אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען. דער מאַסן־מאָרד איז שוין געקומען ווי דער אַנטי־קלימאַקס צו אַ גייסטיקן ראַק, וואָס האָט געפרעסן די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור פון אינעווייניק.

דאָס בוך וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ סך מעלות, און איז דער עיקר נוצלעך ווי אַ מאָנומענט נאָך אַ פּאַרטיליקטער ליטעראַטור. די פאַרשיידענע אַרטיקלען גיבן אונדז אויך אַ בהדרגהדיק בילד פון דער אינערלעכער אויפלייזונג, וואָס ש. ניגער האָט מיט גרויס ווייטיק נאָכגעפאָלגט, דורך אַלע זיינע וואָרענונגען, ווי ער וואָלט נאָך יעדן קינסטלערישן שטרויכל אויסגערופן: ניטע! לא זו הדרך! דער לייענער לייענט דאָס בוך מיט אינטערעס, הגם ער ווייסט לכתחילה דעם טרויעריקן סוף, וואָס ס'איז געוואָרן פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

פון די סאַמע ערשטע אַרטיקלען אָן, וועגן די פריער דערמאָנטע שטייגמאַן און שוואַרצמאַן, האָט ש. ניגער אַליין מיט אייגענער באַטירלעכער ניי־גער געוואָלט זען, ווי „מען וועט עס מאַכן", וואָס עס וועט ווערן מיטן עקספּערימענט פון רעוואָלוציאָנערער ליריק. ער רימט די „גוט איינגעהאַלטענע פּאָעטישע פייערלעכקייט" ביי אָשר שוואַרצמאַנען, „זיין רויִקע קאָנצענטרירטקייט". ער פאַרענדיקט די עסיי וועגן שוואַרצמאַנען, אַז ער איז „נישט געווען דער זינגער פון דער רעוואָלוציע, ער איז געווען איר עכאָ, איר געלייטערטער עכאָ".

מיט די געלייטערטע עכאָס פון דעם עקספּערימענט האָט ש. ניגער נישט אויפגעהערט מיטצוגיין און ער האָט זיי געשאָנקען אַ סך מער באַוווּנדערנדיקע אויפמערקזאַמקייט, ווי אַנדערע, מער פאַרדינסטפולע יידישע פּאָעטן. אים אַליין, ניגערן, האָט פאַרכאַפּט דער עקספּערימענט, דער סכנהדיקער געראַנגל צווישן פּאָליטיק און וואָרט, צווישן פּחד און קינסטלערישער באַפרייונג, צווישן דעמאָראַליזאַציע און זיך־לייטערונג. דאָס אַרטיקל וועגן לייב קוויטקאָ האָט ניגער געשריבן אַזוי פרי, ווי אין 1922, אין אים האָט ער פאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן „באמת איינער פון די וואָס בויען טרעפּ פאַר דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע". דאָס אַרטיקל איז אַגב פון די בעסטע אָפּשאַצונגען אין בוך, ווייל ניגער ווייזט אַרויס אַ סך אינטערעס אין קוויטקאָס פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע, ער ברענגט גוטע געלונגענע און איבערצייגנדיקע ציטאַטן — נישט קיין אָפּטע דערשיינונג ביי ניגערן. ער הייבט אַרויס אַזאַ דורכגעפינקלטע שורה, ווי „ער טאַנצט אַ שווייגנס מיט אַ שטילקייט", וואָס

איז באמת אַ כאַראַקטעריסטישע קוויטקאַ־שורה, אויך פֿאַר זיינע שפּעטער־דיקע שאַפֿונגען.

דאָס בוך האָט נאָך אַ גרויסע מעלה, און די מעלה איז שוין אַ פּאַראַ־דאָקסאַלע. די פּאַנאָראַמע פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, אין דער שעפּערישער המשכדיקייט, ווי זי ווערט געגעבן אין ש. ניגערס זאַמלונג פֿון עסייען, איז אין דראַמאַטישן זין אַזוי פֿאַרכאַפּנדיק און באַלערנדיק, ווי אַ גריכישע טראַגעדיע אין אַ סטאַליניסטישן איבערשפּיל, מיט אירע טראַגישע פּערסאָנאַזשן, קלענערע און גרעסערע, וואָס אַלע זענען באַזיגט און צעטראָטן ווי אַ פּאַטום, וואָס איז געווען אידענטיש מיט איין מענטשן; מיט זיין אַלער־העכסטן גרימצאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אַ גאַנץ לאַנד, אויף אַלע — בוכשטעבלעך אַלע — צענדליקער מיליאָנען מענטשן — אַז מען פֿאַרגעסט דערווייל צו וועלן שאַצן ניגערן דעם קריטיקער, ווי ער מאַניפֿעסטירט זיך אין דעם מאָנומענטאַלן בוך, אַפֿילו אין אַזעלכע גרעסערע צוזאַמענגעקליבענע אָפּהאַנדלונגען, ווי די עטלעכע און פֿופֿציק זייטן וועגן קולבאַקן, די איבער דרייסיק זייטן וועגן מאַרקישן, אָדער די קנאַפּע זעכציק זייטן וועגן בער־געלסאָנען.

ווייל דאָס בוך פֿאַרכאַפּט אונדז גיכער, ווי די געשיכטע פֿון אַ טראַגישן דורכפֿאַל, איידער מיט די באַזונדערע ליטעראַרישע עסייען, וואָס זענען מער געלונגענע אָדער ווייניקער געלונגענע. ס׳גייט דאָ נישט אין ש. ניגערן דעם קינסטלער־קריטיקער, וועמענס געשטאַלט וועט מסתמא בולטער אַרויסגע־בראַכט ווערן, אין די אַנדערע אָנגעצייכנטע ביכער פֿון דער סעריע.

דאָס בוך שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ הזכרה אויף דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געמאַכט דורך אַלע טרעפֿלעך צוזאַמענגעקליבענע און גוט געסדרטע אַרטיקלען. גאָר אינטערעסאַנט לייענען זיך די לענגערע אָפּהאַנדלונגען. קולבאַק גיט ניגערן אַ געלעגנהייט צו פּשטלען, טייטשן און אַרויסשיילן דעם שרייבער פֿון די „משכיליש־קאָמוניסטישע מליצות״. בער־געלסאָנען לאָזט ניגער שפּאַנען אונטער דער באַלייכטונג פֿון דעם טיפֿן דרך־ארץ, וואָס ער האָט תמיד געהאַט פֿאַר זיין טאַלאַנט. ער באַוואַכט אים ביז צום לעצטן מאָמענט, ווען זיינע „נייע דערציילונגען״ גיבן ווידער ניגערן אַ געלעגנהייט צו טרויִמפֿירן מיט (איינגערעדטן?!) גלויבן, אַז בערגעלסאָן „זאָל האָבן קינסטלעריש תשובה געטאָן״. מאַרקישן „דעם באַלשעוויק״ פֿאָלגט ער נאָך פֿון 1922 אָן ביז 1943. ווען ער, פּרץ מאַרקיש, איז פֿול מיט „דיסאָ־נאַנסן״ און ער שרייבט „מיט אימפּעט פֿון אונדזער צייט״ ביז זיין לעצט ווערק „פֿאַר פֿאָלק און היימלאַנד״. צו מאַרקישן באַציט זיך ניגער אַ סך קי־לער, ווי צו קלענערע סאָוועטיש־ייִדישע טאַלאַנטן. ער געפֿינט אין מאַרקישן

אומבאַשרענקטע „גרויס־רעדנעריי״, אָבער ער גיט צו, אַז ער האָט אַריינגע־בראַכט אין דער יידישער פערזן־קונסט „די טעמע און דעם טאָן פון פייער־לעכקייט, פון פאַטאָס און העראָיזם״.

טאָ ווי אַזוי דערשיינט דער קריטיקער ניגער אַליין אין זיינע עסייען? דאַרף מען זיך שפּאָרן מיט זיינע מיינונגען, איבערשפּאָרן זיין מבינות, אָפּ־פרעגן געוויסע דערקלערונגען? איז ער אַליין, נוצנדיק זיינס אַן אויסדרוק, אפשר מער גרויס־רעדנער, אין די אַלע אָפּגעקליבענע געלעגנהייטס־אַרטיק־לען, ווי קריטיקער — עסייאיסט? צו שטעלן אַזעלכע פראַגעס וואָלט געווען אַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט, און אפשר נישט אין גוטן טאָן, בעיקר אין שייכות מיט אַ בוך וואָס איז אַן אזכרות נשמות, אויך אַ סייסמאָגראַף פון די אָפּטע ירידות און זעלטענע עליות פון סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, וואָס זענען ליקווידירט געוואָרן — ווער פריער, ווער שפּעטער; פון דעם טרויעריקן אי־בערבלייב זייערן, וואָס די יידישע ליטעראַטור נעמט אַריין מיט וואָרעמער באַרימהאַרציקייט, אַן אַ סימן פון נקמה, אָבער מיט אַ מאָראַלישער לעקציע לדורות.

די לעקציע באַשטייט אין דעם, אַז ביי דעם גאַנצן אל תדין את חברך, דאַרף מען זוכן אויסצוטיילן די שפּורן פון אויפריכטיקייט און מיט ווידער־ווילן עס אָפּטיילן פון דער טומאה.

.1958

איציק פעפער היט די ליניע

די פראַגע, צי איך בין איינער פון די פּאָפּולערסטע ייִדישע שרייבער אין אַמעריקע, איז אויפגעהויבן געוואָרן אין מאָסקווע, ביי אַ גרויסער פאַר־זאַמלונג פון מאָסקווער ייִדישע שרייבער, קולטור־טוער און פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיקער. דער ציל פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען „צו אַקטי־ווייזירן די סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק" און ס'האָבן גערעדט אַזעלכע בערן, ווי בערגעלסאָן, דאָברושין, קוויטקאָ, און אחרון אחרון חביב איציק פעפער. און וואָלט די פראַגע פון מיין פּאָפּולאַריטעט געווען בלויז אַן אַקאַ־דעמישע, וואָלט איך אסור פאַרלוירן צייט. איך וואָלט גלייך דורכגעפירט אַ שטיקל פאָלקס־ציילונג און געזען ווי ס'האַלט מיט מיר. די ציפערן וואָלטן שוין גערעדט פאַר זיך און איך וואָלט זיי באַלד געקייבלט קיין מאָסקווע. די פאָלקס־ציילונג וואָלט מען זיכער דורכגעפירט אויף אַן ערלעכן, דעמאָקראַ־טישן אופן. מיט אַ ציטערדיק האַרץ און פאַרחלשט געמיט, וואָלט איך באַין ברירה געלאָזט ציפערן רעדן — אַהין אָדער אַהער.

אָבער די פראַגע וועגן מיין פּאָפּולאַריטעט איז ווייט נישט אַזאַ וויציקע און כ'וואָלט דערפאַר געבעטן אַלע היגע חברים פון קאָמוניסטישן לאַגער, אויב ס'איז מעגלעך מיר אַרויסצוגעבן אַ דיפּלאָם פון „גוטער אויפפירונג". דערהויפּט וואָלט איך געבעטן דעם קאָלעגע נ. בוכוואַלד, וואָס האָט ערשט אַזוי שטאַרק באַאַגריסט דעם „מוטיקן אַרויסטריט" מיינעם וועגן די גריכישע הינריכטונגען. זיין באַגריסונג איז געדרוקט, שוואַרץ אויף ווייס, אין זיין וועכנטלעכן איבערזיכט פון דער ייִדישער פּרעסע, אין דער „מאָרגן־פריי־הייט" פון 13טן מאַי. „מען דאַרף באַגריסן (שרייבט ער) דעם צאָרנדיקן אַרויסטריט פון יעקב גלאַטשטיין קעגן דער פאַשיסטישער אָרגיע פון מאַסן־מאָרד אין גריכנלאַנד"... „זיין צאָרן איז געווענדט נישט בלויז קעגן די פאַ־שיסטישע תליונים אין גריכנלאַנד, נאָר אויך — און אפשר דער עיקר — קעגן די וואַשינגטאָנער און לאָנדאָנער פּאָליסי־מאַכער, וואָס שטייען הינ־טער זיי".

איך האַלט אַז דער קאָלעגע בוכוואַלד וואָלט זיך באַדאַרפט מטריח זיין און צושיקן זיינע גוטע רייד אויף מיין חשבון, צו די מאָסקווער ייִדישע שריי־בער, און דערעיקרשט צו איציק פעפערן, ווייל ס'איז ממש פּיקוח נפש. אפשר וועט עס העלפן ראַטעווען פון אַ ביטערער פאַרלעגנהייט אַ ווילן מאָסקווער

שרייבער. אַט האָט זיך ביי מיר ווידער אַרויסגעכאַפּט אַ גוט וואָרט וועגן אַ יידישן שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און ווער ווייסט צי כ׳שטעל אים נישט, אונטער די איצטיקע אומשטענדן, אין אַ טאָפּלטער פאַרלעגנהייט.

נישט נאָר גייט עס אין מיין פּאָפּולאַריטעט נאָר אויך אויף וויפל איך מעג זיך דערלויבן צו לויבן אַ סאָוועטישן יידישן שרייבער. איך מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מפשפש זיין אין מיינע מעשים און אויסגעפינען, צי בין איך טאַקע אַזאַ שונא פון סאָוועטנפאַרבאַנד און אַזאַ ביטערער רעאַקציאָנער, אַז מיינס אַ גוט וואָרט וועגן אַ יידישן שרייבער אין מאָסקווע איז פאַר אים דאָרט אַ קנאַפּע טובה. אַזוי ווי מיר זענען באמת ליב עטלעכע יידישע שריי־בער אין סאָוועטרוסלאַנד, דאַרף איך עס זייער שטאַרק וויסן, צי דאַרף איך פון היינט אָן און ווייטער צוריקהאַלטן מיינע לויב־געזאַנגען, כדי ס׳זאָל זיי דאָרטן חלילה נישט אויספאַלן באָקאָם.

ווייל אויב איך בין טאַקע אַ רעאַקציאָנער, איז חבר נוסינאָוו מיט מיר ביטער אַריינגעפאַלן. דער דיכטער מיט די אמתע שפּאַרבער־אויגן, איציק פעפער, וואָס זעט אַלץ, הערט אַלץ און ווייסט ווי אַנצווואַרפן אַ שרעק אויף אַלע יידישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד, האָט אים ממש געכאַפּט ביי דער האַנט, אַז ער האָט זיך געבוקט פאַר מיין „אַווטאָריטעט״. איר דאַרפט וויסן, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד האַלט עס איצט ביים קורס, אַז מ׳טאָר זיך נישט בוקן פאַר אויסלענדישע אויטאָריטעטן. די אַנטי־אויסלענדישקייט האָט שוין געטראָפן די סאָוועטישע מאָלער, מוזיקער און שריפטשטעלער. דער ערשטער סאָוועטישער שרייבער, וואָס אַרום אים איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרינט־לעכע קריטיק־עקזעקוציע, איז געווען פאַדייעוו מיט זיין ראָמאַן „די יונגע גוואַרדיע״. אויף וויפל די קריטיק איז צו אונדז דערגאַנגען אַהער, האָט מען געקענט זען אַז גערעכט זענען דווקא געווען די סאָוועטישע קריטיקער, ווייל פאַדייעוו, וועמענס באַרימטקייט האָט ממש ביז איצט געבושעוועט אין רוס־לאַנד, האָט זיך מיט זיין ראָמאַן געלאָזט ווילגיין. ער האָט חוזק געמאַכט פון די עלטערע באָלשעוויקעס און זיך געזוכט אָפּצורייסן פון טראַדיציע. ער האָט זיך געריסן צו באַווייזן, אַז די יונגע העלדישע גוואַרדייצעס האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו לערנען פון די עלטערע באָלשעוויקעס, וואָס זענען געווען פּחדנים. דער חוזק און חוצפה־טאָן איז שאַרף קריטיקירט געוואָרן און דער שרייבער האָט צוגעזאָגט איבערצושרייבן זיין ראָמאַן און צו פאַרריכטן זיי־נע טעותן.

אָבער די קריטיק איז געווען דער סיגנאַל פאַר אַ ריי אַנדערע בליץ־און־דונער־קריטיקן. דערווייל איז געוואַקסן די פּאָליטישע אָפּפרעמדונג צווישן סאָוועטרוטלאַנד און אירע אַליאירטע. די קריטיק האָט דערפאַר, לויט זשדאַ־

נאָווס אָנגעצייכנטער ליניע, אָנגעהויבן זוכן אויסלענדישקייט, אויסלענדישע איינפלוסן, אומגעזונטע אויסלענדישע „אַווטאָריטעטן". ס'איז געבוירן געוואָרן דער לאָזונג, אַז מ'דאַרף אַרויסטרייבן דעם אויסלענדישן איינפלוס פון דער סאָוועטישער קונסט און ס'האָבן זיך גלייך געיאָוועט צענדליקער אַרויס־טרייבער, וואָס האָבן גענומען טרייבן די אַרויסטרייבונג אַזש ביז שאָסטאַ־קאָוויטשן, פּראָקאָפּיעוון, כאַטשאַטוריאַנען. די פּאָליטישע אָפּפרעמדונג האָט גענומען אָפּשפּרעכן די קונסטן אַן עין־הרע, כדי זיי זאָלן מיט קיין אויגל נישט קוקן אויף אויסלאַנד.

כ'ווייס נישט, אויב ס'איז אין דער איצטיקער צייט מעגלעך צו שאַפן אַזאַ שטרענג נאַציאָנאַלע קונסט, ווען קונסט (אַפילו ליטעראַטור!) האָט גע־קראָגן אַן אוניווערסאַל לשון. יעדער שעפערישער מענטש איז ממילא אוני־ווערסאַל און מ'קען דעם דיבוק פון „אויסלענדישקייט" מער נישט אַרויס־טרייבן פון דער קונסט. די סאָוועטישע ליטעראַטור און די סאָוועטישע מוזיק זענען יונגע שפּראָצונגען, כאָטש זיי האָבן שוין אַזעלכע ריזן ווי שאָלאָכאָוו און פּראָקאָפּיעוו. די יונגע קינסטלער ווילן זיך נישט סומך זיין אויף אויס־לאַנד — קיין עכטער קינסטלער חנפעט זיך נישט צו פרעמדע — נאָר זיי ווילן אַריינפאַלן אין דעם קלאַסישן שטראָם. זיי ווילן זיך אָנקניפּן אין דער וועלט און דערפילן די משפחהדיקייט מיט דער קונסט פון איבער דער גאַנ־צער וועלט. די אַזוי גערופענע אינטערנאַציאָנאַלישקייט פון דער קונסט איז אַ געפאַר פאַר פּאָליטישענס פון אַלערליי שאַטירונגען און קאָלירן, ווייל קינסטלער שמועסן זיך דורך, איבער די קעפּ פון פּאָליטישענס.

דאָס האָט מען איצט גענומען אָפּשטעלן אין מאָסקווע. און פון די דע־קרעטן און קריטיקן וועט דער סאָוועטישער קונסט קיין געזונט נישט צוקו־מען. נאָר גערעכט זענען זיכער די סאָוועטישע פּאָליטיקער, וואָס ווייסן אַז קונסט פאַרבינדט און פאַרברודערט — זיכער דערגרייכט עס די מוזיק — און דאָס איז איצט קעגן דער ליניע.

אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער יידישער ליטעראַטור אין סאָ־וועטרוסלאַנד? קיינער צווינגט נישט דער יידישער ליטעראַטור דורכצומאַכן דעם זעלביקן חיבוט הקבר. אָבער עטלעכע יידישע שרייבער ווילן זיך דווקא אויסצייכענען אויף דעם געביט אויך. זיי ווילן ווייזן, אַז זיי שטייען אויף דער וואַך און זוכן „אויסלענדישן" איינפלוס אויך אין דער יונגער סאָוועטי־שער יידישער ליטעראַטור. ס'איז דאָ נישט דאָס פּלאַץ אָנצווייזן אויף די עטלעכע מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען דער נאָרמאַלער שטראָם איז שטענדיק אָפּגעשטעלט געוואָרן און מיט געוואַלד פאַרקערעוועט געוואָרן אין פרעמדע ריכטונגען,

בלויז דערפֿאַר ווייל עטלעכע ייִדישע שרייבער האָבן דווקא געוואָלט קריגן מעדאַלן פֿאַר האַלטן אַן אויג אויף אַ ליטעראַטור, וואָס האָט מיט זיך קיין־מאָל נישט פֿאַרגעשטעלט קיין געפֿאַר פֿאַרן סאָוועטישן פּאַטערלאַנד. די זעלביקע פּאָליטיש־געשולטע שרייבער האָבן בעל כּרחה אָפּגעריסן די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער גאַרער וועלט. איצט ווערן די זעלביקע אָפּעראַציעס דורכגעפֿירט אין פּוילן און אין רומעניע. געווען יאָרן ווען מען האָט אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד געלייענט „פּראָגרעסיווע", נישט דווקא קאָמוניסטישע שרייבער פֿון אויסלאַנד, אָבער די ייִדישע סאָוועטישע נאַדזיראַטעלס האָבן נישט דערלויבט קיין קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפֿילו פֿאַר היגע קאָמוניסטישע ייִדישע שרייבער איז קיין אָרט נישט גע־ווען אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. מ'האָט מיט זיי אויך נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע ומשא. מ'האָט געציטערט פֿאַר „אויסלענדער", נאָך איידער די קסענאָפֿאָבישקייט האָט גענומען באַפֿאַלן די סאָוועטישע קריטיק.

איציק פֿעפֿער האָט אַ גוטע נאָז. ער האָט מיט יאָרן צוריק דערשמעקט, אַז ס'איז גלייכער נישט איינצושטעלן און ריזיקירן מיט היגע נעמען. ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט — פֿעפֿער מאַכט נישט קיין טעות. זיין גרוי־סע קונץ באַשטייט אין זיין פּאָליטישער כיטרעקייט, פֿאָראויסצוזען דעם מאָרגנדיקן טעות, וואָס מ'קען היינט פֿאַרריכטן. אויף נישט האָבן קיין פֿאַר־בינדונג מיט דער היגער ייִדישער ליטעראַטור וועט מען קיין חרטה נישט האָבן. און בעת היגע ייִדישע שרייבער האָבן געמאַכט ערנסטע פּרוּוון איינ־צושטעלן אַ שטיקל פֿאַרבינדונג מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועט־פֿאַרבאַנד, האָט זיך איציק פֿעפֿער אָוועקגעשטעלט ווי אַ מויער און נישט דערלאָזט צו קיין דערנענטערונג.

אין די סאַמע ערשטע וואָכן, ווען איך האָב נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו שרייבן קריטיק אין „ייִדישן קעמפֿער", איז מיר אונטערגעקומען דאָס סאָוועטישע זאַמלבוך „דער זיג". איך האָב דעמאָלט אַרויסגעהויבן פּרץ מאַרקי־שעס אַ פּאָעמע און זי שטאַרק געלויבט. איך האַלט נאָך איצט די פּאָעמע פֿאַר איינס פֿון די גרעסטע ייִדישע טרויער־געזאַנגען פֿון אונדזער חורבן. די פּאָעמע פֿאַרמאָגט אַ סך וואָרעמקייט און גאָר אַ סך נאַציאָנאַלע דערהייבונג. כ'איז אַ נאַציאָנאַלע פּאָעמע, געשריבן ממעמקים, וואָס וועט בלייבן אייביק אין אונדזער אוצר. אויך די ריינע ווירטואָזיטעט פֿון דער פּאָעמע איז צום באַוווּנדערן.

איך האָב דאָס געזאָגט אָן שום צוריקגעהאַלטנקייט, ווייל איך האָב

בשעת מעשה נישט געטראַכט, צי בין איך פּאָליטיש ראוי צו לויבן מאַרקי־שעס ליד. סאָוועטרוסלאַנד איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק צע־קריגט מיט אַמעריקע, האָב איך דעמאָלט געמעגט באַוווּנדערן די ייִדישע בריק, צווישן מאַרקישעס ליד מיט דער גאַנצער, גרויסער ייִדישער ליטעראַטור.

איציק פעפער, אַ פּעיִקער פערזן־שרייבער, וואָס שפּירט מער ווי אַנדע־רע זיין אייגענע פּלאַכקייט, האָט דערפאַר זיך אַרויפגעדראַפּעט צו דער פּאָ־זיציע פון אַ דעה־זאָגער. ס׳איז אים נישט היימיש מיט זיין אייגן ליד, פאַר־טומלט ער זיך מיט גבאות. ער פאַרמאָגט גוטע נאָזלעכער און ער דערשמעקט באַלד יענעמס שוואַכקייט, לויט דעם סאַמע לעצטן פּאָליטישן קורס, דערפאַר איז ער אַלעמאָל גערעכט און מ׳קען אים נישט אַנטקעגנריידן. אַז ער גיט אַ קלאַפּ אין טיש, רופט זיך אָפּ די שער — אַ שאַרפע שער וואָס איז שוין גרייט צו שניידן. ער איז, לויט מיין מיינונג, די גרעסטע טראַגעדיע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער קען אָנוואַרפן אַ פּחד, וואָס זאָל זיין אַקטועל־איצטיק. די מורא איז שטענדיק אַזעלכע, אַז ס׳נעמט וואַרפן דאָס זיבעטע קדחת. ציטערט מען טאַקע פאַר אים. מ׳ווייסט אַז ווען ער רעדט, זאָגט ער שטענדיק דעם אמת — דעם פּאָליטישן אמת פון מאָמענט, וואָס ער האָט דערכאַפּט פריִער פון אַלעמען. ער קלאַמערט זיך אין דעם אמת, ווייל ער האָט נישט קיין אייגענעם, אינערלעכן פּאָעטישן אמת. זיין אינעווייניקסט ליכט סמאַליעט און וואַרפט שאָטנס אויף אים אַליין. שלייערט ער זיך אין דעם אמת פון דעם דעקרעט, וואָס מיט אים איז זיין ליד געחתמעט, ווי מיט רעגירונג־טריוואַקס. ער האָט מער ווי אַ סך אַנדערע געטאָן שאָדן דער סאָ־וועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, געשטערט איר נאַטירלעכער אַנטוויקלונג און איר פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער ייִדישער וועלט.

איך האָב אים אַמאָל מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק באַליידיקט — פאַרגעסט ער עס קיינמאָל נישט. ער פאַרמאָגט אַ רעגירונגס־אַרכיוו און וואָס פאַרגעלטער די בלעטער ווערן, אַלץ געפערלעכער ווערן זיי, אַלץ מער שימלען זיי זיך איין אין זכרון מיט שנאה.

ווען ער איז געקומען צו אונדז קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט מיכאָעלסן, האָב איך אָנגעשריבן אַ וואַרעם אַרטיקל. איך האָב זיך אָבער דערוועגט צו זאָגן, אַז מיר, די ייִדישע ליטעראַטור, דאַרפן זיך דאָ צוזאַמענטרעפן מיט די פאַרטרעטער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אָן דער פאַרמיטלונג פון פּאָליטיק און פּאָליטיקער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איך בין געווען גערעכט, אַז צוליב דער פּאָליטיק איז טאַקע נישט געקומען צו קיין ברודערלעכן צוזאַמענטרעף. פעפער האָט שוין געזען אַז ס׳זאָל נישט קומען דערצו.

אָבער מיר קומען צוריק צו מיין פּאָפּולאַריטעט, וואָס פעפער האָט אָפּ־

געפרעגט, אויף אַזאַ געפערלעכן אופן, נישט חלילה פאַר מיר, נאָר פאַר פּראָפעסאָר נוסינאָוו.

נוסינאָוו האָט געשריבן אַן אַרטיקל וועגן פּרץ מאַרקישן אין דעם רוסישן זשורנאַל „סאָוויעטסקאַיאַ קניגאַ“. האָט ער זיך דאָרט סומך געווען אויף מיין קריטיק און ער איז באַגאַנגען די קאָלאָסאַלע עוולה, וואָס ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּאָפּולערן דיכטער.

די היגע פּראָ־סאָוועטישע „איינקייט“ האָט מיך אַפילו באַגריסט עדיטאָריעל פאַר מיין אַרטיקל וועגן מאַרקישן, האָט עס מסתמא פאַרפירט פּראָפעסאָר נוסינאָוון, אַז מ׳מעג זיך יאָ סומך זיין אויף מיין אַווטאָריטעט. אָבער פּעפער וויקלט נוסינאָווס „דורכרייס“ אין די חטאים פון איצטיקן מאָמענט. די פּאָליטיק פון מאָמענט דיקטירט צו פירן אַ קאַמף קעגן רעאַקציאָנערע אויסלענדישע „אַווטאָריטעטן“, און פּעפער ווייסט עס גאַנץ גוט, ווי אַזוי עס גלייך איבערצוזעצן אויף יידיש, כדי צו ווערן דער גרויסער שטעקן פון לאָקאַלער „אַווטאָריטעט“. הינטער אַזאַ „אַווטאָריטעט“ ווערן שטענדיק אויסגעשפּילט פּעפערס קליינע קנאה־שנאהס, זיינע נקמהלעך און נישט־פאַרגינערייען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט די רעזולטאַטן, וואָס האָבן אָפּט געקענט זיין זייער און זייער גרויזאַם.

דערפאַר אַז איך האָב געלייענט דעם באַריכט וועגן דעם גרויסן צוזאַמענקום פון די מאָסקווער סאָוועטישע שרייבער, ווי ער ווערט איבערגעגעבן אין דער מאָסקווער „איינקייט“ נומער 47, פון 17טן אַפּריל, האָט מיר דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן, ווען איך האָב געזען ווי פּעפער נוצט אויס מיין „רעאַקציאָנערישקייט“, כדי אונטערצושטעלן אַ פּיסל פּראָפעסאָר נוסינאָוון און — אומדירעקט אויך מאַרקישן. פּעפער איז געווען אויפן פערד, אין דער גלענצנדער שטימונג פון „זעלבסט־קריטיק“ — אויף דעם חשבון פון פרעמדע קעפּ. אַלע האָבן גערעדט וועגן יידישער קריטיק אָבער פּעפער האָט עס אַקטואַליזירט און גלייך געוויזן אַז ער פאַרמאָגט אַ שמעקער, אַז קיין קראַמאָלאַ גייט אים נישט פאַרביי.

איך ציטיר פון דעם באַריכט אין דער מאָסקווער „איינקייט“:

„וועגן די פעלערן פון אונדזער קריטיק, זאָגט חבר איציק פּעפער, האָט מען דאָ נאָך ווייניק גערעדט, ס׳פעלט אין די רייען פון אונדזערע קריטיקער די געהעריקע מאָביליזירטקייט. די הויך־פּרינציפּיעלע קריטיק, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַרום א. פאַדייעווס ראָמאַן «די יונגע גוואַרדיע» האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין די אַרבעטן פון די יידישע סאָוועטישע קריטיקער. אויפן שעפערישן אָוונט פון דיכטער ש. רויטמאַן זענען געווען איינ־

קע פעלערהאַפטע אַרויסטרעטונגען, אין דעם אַלט־באַוווסטן נוסח פון «קונסט לשם קונסט».״

צו דעם דאָזיקן „קונסט לשם קונסט״ נוסח האָט פעפער דערלייגט די באַבעס ירושה און ער קען עס נישט אַריבערטראָגן. כ׳קען נישט דעם דיכטער רויטמאַן, נאָר טאָמער האָט מען אים געוואָלט מעסטן מיט דער מאָס פון קונסט, האָט פעפער גלייך געכאַפּט דעם שטעקן פון דער איצטיקער סאָוועטישער קריטיק און מיט אים גענומען פאָכען איבער די קעפּ פון דערשראָקענע ייִדישע שרייבער. אָבער וואָס ווייטער ווערט אַלץ ערגער און געפערלעכער. ווייטער זאָגט איציק פעפער:

„אָדער נעמט די פראַגע פון בוקן זיך פאַר «אַווטאָריטעטן» פון בורזשואַזן אויסלאַנד. אויך אונדזער קריטיק איז נישט אינגאַנצן פריי דערפון. אָט, למשל, האָט חבר נוסינאָוו אין אַן אַרטיקל אינעם זשורנאַל «סאָוויעטסקאַיאַ קניגאַ» וועגן פּרץ מאַרקישן זיך פאַררופן אויף דער «אַווטאָריטעט» (די געגנדזנפּיסלעך זענען פעפערס) פונעם אַמעריקאַנער ייִדישן דיכטער יעקב גלאַטשטיין. אָט דעם רעאַקציאָנערן דיכטער שטעלט פאַר חבר נוסינאָוו פאַרן רוסישן לייענער אַלס איינעם פון די פּאָפּולערסטע שרייבער אין אַמעריקע. אַזאַ איז ער אָבער קיינמאָל נישט געווען. גלאַטשטיין איז אַלעמאָל געווען אַ בורזשואַזער אינזיכיסט, וואָס האָט זיך בלאָקירט מיט די שונאים פון סאָוועטנפאַרבאַנד.״

זעט, ווי מיט יעדער וואָרט ווערט עס געפערלעכער פאַר נוסינאָוון. זעט אויך, וואָס פאַר אַ שפּאַרבער־אויגן דער פעפער האָט. ער האָט מורא געהאַט אַז דער רוסישער לייענער וועט פון דער „היטל־באַקאַנטשאַפט״ מיט מיר פאַרפירט ווערן און מיך אייביק טראָגן אין זכרון, פון נוסינאָווס באַמערקונג. אָבער דער טעות מיט מיין פּאָפּולאַריטעט איז אַ הונט קעגן מיין רעאַקציאָנערישקייט און קעגן מיין „בלאָקירן זיך מיט די שונאים פון סאָוועטנפאַרבאַנד״.

כ׳שטעל זיך פאַר ווי פּראָפעסאָר נוסינאָוו האָט זיך געפילט, ווען מ׳האָט אים דערלאַנגט דעם דאָזיקן טערעבענץ אונטערן גאַרטל און דערהויפּט ווען פעפער האָט מיט אַזאַ בר סמכאדיקער אויטאָריטעט מיך דערקלערט פאַר אַ רעאַקציאָנער און פאַר אַ שונא פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אַזאַ דורכרייס אין דער „סאָוועטסקאַיאַ קניגאַ״ איז אומפאַרגעבלעך. פעפער האָט טריומפירט. ער האָט אונטערגעשטעלט אַ פיסל צוויי שרייבער מיט אַמאָל — נוסינאָוון און מאַרקישן, און לויט דעם סאַמע לעצטן נוסח פון בוקן זיך פאַר „אַווטאָריטעטן״, פון בורזשואַזן און רעאַקציאָנערן אויסלאַנד.

נו, קומען מיר צוריק צום קאָלעגע בוכוואַלד, וואָס האָט מיך דאָ

בישט לאַנג מכבד געווען מיט אַ באַגריס „פּאַר מיין מוטיקן אַרויס טריט קעגן דער פּאַשיסטישער אָרגיע פון מאַסן־מאָרד אין גריכנלאַנד“. אָט האָט ער אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט אויך צו מאַכן אַ מוטיקן אַרויסטריט און ראַטעווען פּראָפעסאָר נוסינאָוון. ער דאַרף בלויז אַרויסקומען און זאָגן, אַז אויב די „מאָרגן־פרייהייט“ איז זיך סומך אויף מיין „אַווטאָריטעט“ אין אַ „פּאָליטישער שטעלונג“, מעג אויך דער קריטיקער נוסינאָוו זיך דערלויבן צו סומך זיין אויף מיין „אַווטאָריטעט“ ווי אַ דיכטער.

1948.

איציק פעפער

כ׳וואָלט זיך אַמאָל געוואָלט אויספּיינען אויף איציק פעפערס חשבון. ס׳איז אַזוי: כ׳האָב איציק פעפערן נישט ליב, ווייל ער שרייבט לידער וואָס זענען מיר נישט צום האַרצן. בעט איך ביים שר פון פּאָעזיע, אַז ער זאָל מיר אונטערשיקן פעפערס אַ בוך לידער, אָדער כאָטש אַ סעריע לידער, וואָס זאָל מיר געבן אַ געלעגנהייט אַרויסצוווייזן גרויסמוט צו אַ פּאָעט וואָס געפעלט מיר נישט. אָבער דער שר פון פּאָעזיע וויל נישט כ׳זאָל קריגן די גאָלדענע געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז אַ גוט ליד איז ביי מיר אַ גוט ליד, אַפילו ווען כ׳דערטאַפּ עס ביי אַ טאָטער. רוקט מיר דער דאָזיקער שר אַלץ אונטער אַזעלכע לידער פון דעם פּאָעט פעפער, וואָס וואָרצלען איין אין מיר אַליין דאָס געפיל, אַז כ׳לייד פון אַ פאָרורטייל צו דעם דאָזיקן שטאַרק פּאָפּולערן פּאָעט. מילא, סערוויר איך דאָ מיין מיינונג צוזאַמען מיט מיין פאָרורטייל.

ס׳איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון מאָסקווע איציק פעפערס לידער־בוך „אַפּסגיי״, אַ שיין בוך אַרויסגעגעבן אין „אָגיז מלוכה־פאַרלאַג דער עמעס״. כ׳האָב גענומען בלעטערן דאָס בוך, איז מיר מעשה שטן, גלייך אונטערגעקומען אַ ליד וועגן גליק — און ווער האָט עס נישט ליב צו לייענען וועגן גליק?

אייגער זאָגט אַז גליק איז גאָרנישט,
און דער צווייטער אַז ס׳איז אַלץ.
זאָגט דער דריטער: גליק איז ליבע,
און דער פערטער — ברויט מיט זאַלץ.

זאָגט די נאַכט אַז גליק איז חושך,
זאָגט די זון: אַז גליק איז שיין.
אייגער זוכט דאָס גליק אין פריינטשאַפט
און אַ צווייטער זוכט אין וויין. (ז. 201)

כ׳מוז צוגעבן אַז דאָס איז ממש געווען אַן אומגליקס־פּאַל. כ׳מיש ביי־געריק די בלעטער און גראָד דאַרף זיך אויפמישן פאַר מיר אַזאַ דיכטערישע חכמה־זאָגעריי, וואָס קוהלתט ווייטער אויף אַזאַ מין שטייגער:

זעט דער חכם גליק אין חכמה,
און אין נאַרישקייט — דער נאַר.
ס׳זוכט דער פּחדן אויפן בוידעם
און דער העלד אין דער געפאַר.

כ׳האָב אויף אַ ווייל צוגעמאַכט דאָס בוך, געשלאָסן די אויגן און געגער־מען טראַכטן, ווער ביי אונדז, אין אונדזער אָרעם מלוכהלע פון וואָרט, וואָלט זיך דערוועגט צו זינגען אויף אַזאַ מין שטייגער, און כ׳האָב בשום אופן נישט געקענט אָנרופן קיין איין נאָמען. וואָס־זשע, מיינט איר, איז געווען דאָס צווייטע ליד, וואָס כ׳האָב דערטאַפּט? דאָס צווייטע געזאַנג איז שוין נישט געווען קיין לעבנס־ווייזהייט וועגן גליק, נאָר אַ דיכטונג וועגן ים — דעם פּאָעטס געפילן צום ים אויסגעדריקט אין וואָסערדיקע גראַמען.

כ׳האָב ליב דעם ים דעם גרויסן,
וואָס שלאָפט ווי איך אינדרויסן,
אַ ים איז דאָך אַ ים.
זיין רוישן און זיין שווייגן,
זיין פאַלן און זיין שטייגן
האָט אַ באַזונדער טעם,
כ׳האָב זייער ליב דעם ים. (ז. 129)

די צוויי שורות: „זיין פאַלן און זיין שטייגן האָט אַ באַזונדערן טעם" — זענען זייער שפּאָרעוודיקע שורות, כ׳מיין זיי זענען אַזעלכע שורות, וואָס האָבן דעם דיכטער איינגעשפּאַרט איבערצוגעבן דעם „באַזונדערן טעם" פון דעם ימס פאַלן און שטייגן. ס׳איז גענוג אַז דער דיכטער דערציילט עס אונדז און ווייל מיר קענען אים, מוזן מיר אים גלייבן אויפן וואָרט. דערהויפּט ווען ער אַרבעט זיך אַרויף אויף אַן עקסטאַז און ער שווערט זיך, אַז ער האָט בפירוש זייער ליב דעם ים.

די צוויי לידער האָבן מיך, מוז איך צוגעבן, היפּש אַנטוואָפנט. כ׳האָב שוין געגומען פאַרלירן מיין גאַנצע פיינטשאַפט צום פּאָעט און כ׳האָב שוין אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף דער נאַקעטקייט פון וואָרט, וואָס סטאַרטשעט אַרויס אָרעם און אומבאַשיצט, ווי אַן איינציקער צאָן אין אַ זקנס מויל.

אַזעלכע לידער האָבן שוין גאָרנישט צו טאָן מיט די אַלע קלינגענדיקע דרשות און רעדעס פאַר און קעגן, פאַר פּראָלעטאַרישע לידער, קעגן בורזשואַזע לידער, פּאַרמאַליסטישע לידער, פאַרשטענדלעכע לידער, אומפאַרשטענדלעכע לידער — אַלץ איז אַריין אין ים אַריין. אַ ים איז דאָך אַ ים — איז אַזאַ מין אוניווערסאַלע שורה, וואָס מיר אַלע, אין אונדזער הילפלאָזיקייט, וואָלטן גערן אָנגעשריבן, ווען מ׳וואָלט נאָר געלאָזט, ווען ס׳וואָלטן נישט געלויערט שונאים אויף אַלע וועגן.

אָרום אַזאַ שורה וואָלטן שלום געמאַכט אַלע הילפלאָזע פּאָעטן פון אַלע קלאַסן, אָבער ביי אונדז, אין דער כלומרשט פרייער מדינה, וואָלט מען בשום אופן נישט געלאָזט שרייבן אַזאַ טייערע שורה, ווי למשל, „כ׳האָב זייער ליב

דעם ים״, — אַפילו נישט אין אַ בריוול פון סי־געיט, אָדער ראַקאָוועי ביטש, מכל שכן אין אַ ליד. דאָ, ביי אונדז, אין דער פרייער רעפּובליק פון וואָרט, הערשט אַ דעספּאָטיזם, וואָס וואָלט אַפילו די ווייטערדיקע דענקערישע שורות וועגן ים אויך אונטערדריקט.

ער שפּילט דען אויף אַ פידל,
אַ שפּיל איז אים די טיף,
זיין ליד איז נישט קיין לידל,
זיין ליד איז זייער טיף,
און טיפער נאָך מיסטאַם
אַפילו פונעם ים.

אָט איז נאָך אַ שורה וואָס איז פשוט מקנא צו זיין. צו געבן אַ זאָג וועגן אַ טיפן ים, אַז זיין ליד איז זייער טיף, איז אַ שורה, וואָס איז אַזוי טיף ווי דער ים און טיפער נאָך מיסטאַם. אָבער אָט איז אַ גראַם, וואָס בעט זיך ממש מ׳זאָל עס אַ נעם טאָן אויף דער פען, נאָר ביי אונדז, דאָ־הי, וואָלט זיך קיינער נישט דערלויבט דעם לוקסוס פון אַזאַ אומגעשטערטער און אומגעצאַמטער פרייהייט.

נאָך דער באַגריסונג פון די דאָזיקע צוויי לידער האָב איך ערנסט זיך אַ נעם געטאָן צום בוך און איבערגעלייענט אַלע 240 זייטן, אַלע זיבן סעריעס. שוין אַריינגערעכנט די לעצטע סעריע פון פאַבלען. באַשלאָסן האָב איך, אַז מיין אומליבשאַפט צום פּאָעט פעפער פאַרבלייבט אייביק און אַז אין דעם צירקל פון אומליבשאַפט וועלן מיר שויןביידע אָפּלעבן ביז הונדערט און צוואַנציק.

די לידער, אַלע אָן אויסנאַם, די נישט־אַהין־נישט־אַהעריקע, די שלעכטע און די ערגערע האָבן אין מיר באַנייט דעם איינדרוק, אַז אויב פּאָעזיע איז אַלץ וואָס איך האָב נישט ליב, איז איציק פעפער אַ גאָר גרויסער פּאָעט. אָבער די גרעסערע צרה מיט זיינע לידער איז די געגראַמטע זעלבסטצופרידנקייט און אייגענע זעטיקייט, וואָס אָטעמט צווישן זיינע שורות. אַזאַ בורזשואַזקייט איז זעלטן צו געפינען אין די סאַמע בורזשואַזסטע לידער.

איציק פעפער קאָקעטירט מיט פאָלקס־לשון און ער גיסט אין דעם אַריין אַלץ וואָס ער וויל זאָגן, אָבער דער דיכטער האָט בפירוש גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אַז ער זינגט נאָך, זינגט ער אין דער בעסטער טראַדיציע פון ש. פרוג, ווי פון פרוגן ביז אונדז וואָלטן אַלע פּאָעטן געזונגען פרוגיש.

ווילסט מיך פרעגן, פרעג, מיין לעבן,
קענסט מיך פאָלגן אָדער נישט
נאָר אַן עצה קען איך געבן
ווי אַ גוט געניטער ייד. (ז. 157)

אָדער —

איר פרעגט מיך, וואָס איך פריידיק,
איר שטעלט זיך גאַרנישט פּאָר,
די שכנה מיינע, רייזע,
געבוירן האָט אַ פּאָר. (ז. 46)

אויך איך האָב ליב דעם געגראַמטן שאַסיי, וואָס גליטשט זיך פון זיך אַליין, אָבער במה דברים אמורים, ווען איך געפין עס אין פּאַרצייטישע ביכּלעך, אָבער ווען כ'לייען ביי מיינס אַ בן־דור, אַזאַ מין חנדלען זיך מיט פּאָלקסטימלעכקייט, ווי —

מע דריגעט מיט די פּיסלעך,
מע סמאָטשקעט מלא חן,
צווי נעזלעך ווי די ניסלעך,
צווי מיילעכלעך אָן ציין.

ווערט מיר נמאס דאָס גאַנצע פּאָעזיעווען. כ'זעץ עס גלייך איבער אויף אַנדערע קונסטן און כ'פרעג אַזאַ שאלה: וואָלט אַ היינטצייטיקער מוזיקער געשריבן אַזאַ ליד אין שליסל פון אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעך חנדלען זיך מיט פאָלקעוואָטע לשון? וואָלט אַ מאָלער אַזוי געמאָלט? האָט אונדזער אייגענער יאַרהונדערט, יאַרצענדליק, אָדער יאָר־יאָר גאַרנישט וואָס צו זאָגן אייגנס, אין צוגאַנג צו לשון, אָדער צו מוזיקאַלישקייט פון דער שורה? איז דאָס די פּאָעזיע, וואָס וועט שוין אַזוי שפּינען איר שפּינוועב איבער אונדז און פאַרוואָרלאָזן דאָס יידישע ליד?

דאַרף מען, מוז מען היינט אויך אַזוי זינגען אַ ייִדיש ליד וועגן פרילינג? זענען פאַראַן צאַמען פאַר דעם ליד, אָדער מעג מען נאָך אַזוי זינגען אַ מאַי־געזאַנג?

קומט ער אין אַ סאָד אַ קאַלטן,
ווערט אין סאָד אַ צוויטשער,
און די פויגלען טראָגן אונטער
אַלע פליגעלעך דעם מאַי.

אַוודאי טראָגן די פייגעלעך אויף די פליגלען און דווקא אונטער דעם וואויל־באַקאַנטן מאַי, אָבער אין בריוועלעך צו אַ כלה־מויד איז מען דאָך שוין אויסקלייבערישער און מ'איז מער מדקדק ווען מ'וויל אַ זינג טאָן וועגן די פייגעלעך און די פליגעלעך?

פעפער פאַרמאָגט אין זיך אַ סך געבאַרגטע און געדענקטע מוזיק. די ווערטער זיינע גיסט ער אַריין אין פאַרטיקע לאַגלען. איבער זיינע שורות טאַנצט מען.

הייבט מען אָן אַ ליד, גיט מען אַ טאַנץ ביז אַרונטער אין אַ הרף עין. דאָס לענגסטע ליד זיינס איז קורץ און לייכט אויף דער וואָג. ס׳קאָסט אים זייער ווייניק צו שרייבן, ס׳קומט אים אָן גרינג, אָבער מיר קריגן אויך נישט קיין מציאה.

פערסישער אומעט
עגבערט און זשומעט,
זשומעט און קלעמט,
פערסישע וועגן לויפן אַנטקעגן,
כ׳בין אין דער פרעמד. (ז. 143)

און ווייטער אַרבעט זיך דער דיכטער אַרויף אויף אַ פּראָלעטאַרישן זיפץ, וואָס איז ווי אַ פּאַטש צו גוט־שבת, אין דעם גאַנצן געבוי פון ליד:

פערסישער טרויער
ביי יעדן טויער,
ביי יעדער טיר,
מאָגערע רינדער,
באָרוועסע קינדער,

דאָס ליד איז געשריבן אין טעהעראַן, אָבער דער ריטמישער זיפץ איז ווייט פון פערסיש. אַפילו דער סוף — „פערסישע טרערן, ווען וועט איר ווערן — דערלייזט?״ קלינגט ווי צוגעטשעפּעט צו אַ ליד, וואָס פאַרמאָגט אַן אויסגעטראַכטע און שפּראַכלעך־באַנאַליזירטע עקזאָטיק.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס נייסטע בוך פעפערס איז אַפילו אַן אַנטוישונג לגבי זיינע אייגענע לידער. ער פעפער אַליין האָט עס, ווייזט אויס, אויך דער־פילט און ער שרייבט אַזעלכע שורות:

חיי איז צו מיר.
איך הער, מע זאָגט, מיין ליד איז מיד,
זי וואַקלט זיך, זי פאַלט שוין.
איך הער שוין ריידן, אַז מיין ליד
איז גרוי שוין און איז אַלט שוין.

זי גייט אויף קוליעס, זאָגט מען מיר,
זי גייט שוין נישט, זי שלעפּט זיך,
זי האָט פאַרלאָרן איר קאָליר,
מיין ליד האָט אויסגעוועפּט זיך. (ז. 197)

איז עס טאַקע אמת, אַז אויך אַרום זיך האָט דער פּאָעט געהערט ווי מען שושקעט זיך וועגן זיין ליד? כ׳ווייס נישט צי דאָס איז נישט אויסגעטראַכט, ווייל כ׳גלייב קוים, צי עמיצער וואָלט זיך דערלויבט דאָרט זיך צו שושקען

וועגן פעפערס ליד. ס׳קען זיין אַז דער פאָעט האָט עס גיכער געשריבן נאָך אַ זעלטענעם אָנפאַל פון זעלבסט־קריטיק און ער ווערט דערפאַר געוואָגטער אין זיין זעלבסט־פאַרצווייפלונג:

און אפשר איז שוין טאַקע צייט,
איך זאָל אַוועקלייגן די פען;
און וואָס געווען — זאָל זיין געווען!
ס׳איז אפשר צייט שוין גוטע לייט? (ז. 198)

שווער צו געבן אַן עצה אויף אַזאַ מאָנאָלאָג. אָבער בדרך כלל קען מען זאָגן אַזוי: וואָלט אין דעם פרעגן אַליין געלעגן ווייטיק און וואָלט מען אין די שורות געזען דעם צער פון פאָעט, וואָס איז דערגאַנגען צו שטומקייט, וואָלט מען אים אפשר געעצהט זיך אָפצורוען אַ ווייליטשקע, אָבער דער וואָרעם פון צווייפל ביי פעפערן איז אויך אַ פריילעכער און אַ לייכט־געגראַמטער. דערפאַר וועט דער דיכטער גאָרנישט אויספירן מיט אַן אורלויב פון זיין ספעציפישער מוזע.

.1948

אינהאַלט

I

דער קאַמף מיטן קריטיקער — 9
ש. ניגער — ה. לייוויק — 15
אין קלוגן יידישן קרייז — 21
יידיש אין ווענעציע — 27
אַ פרילינגדיקע באַמערקונג — 33
מחשבות וועגן אומשטערבלעכקייט — 36
העברעיזמען און פתגמים — 43
ביאַליקס יידישע לידער — 47
מעשות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב — 53
אַכט הונדערט יאָר יידישע מאכלים — 59
מורא פאַר פראָבלעמען — 66
אונדזער גלותל — 72
שמעון ראַבידאָוויטש — 77
שרייבערס אָן אַ ליטעראַטור — 83
דער חודש פון יידישן בוך — 88
אויפקלייבן און אָפּקלייבן — 94
מחשבות וועגן קריטיק — 98
מעשהלעך און משלים פון נפתלי גראָס — 104
אַ נאָטיץ וועגן די געזאַמלטע לידער פון נפתלי גראָס — 110
די קינסטלערישע יענע וועלט — 113
מענטשן און ווערק — 119
אַ דעבאַטע וועגן פּאָעטישן לשון — 124
לידער וואָס ברענגען נאָך אַרויס פון די כלים — 131
י. מ. ווייסענבערגס „געקליבענע שריפטן" — 136
אויפן פריפּעטשיק פון וואַרשאַווסקיס פאָלקסליד — 139
לייב ניידוס — 147
מאָריס ראָזענפעלדס בריוו — 152
ר׳ שמואל אושקיס „טרייסט צו די יידן פון ישראל" — 158

II

יעדער שוועל אַ פעסטונג — 167
אַ בוך וועגן יאַנוש קאָרטשאַק — 172
„ירושלים דליטא" — 176
יידישע פאַרטיזאַנער — 182

וילנע 1939, מאָסקווע 1949 — 188
שמערקע קאַטשערגינסקי — 192
פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער — 197
משה בראָדערזאָן — 204
אפרים קאַגאַנאָווסקי — 208
ש. בערלינסקיס בראשית — 213

III

אברהם זאַק — 221
ברוך האַגערס חסידישע מעשות — 226
„אַ שטוב אין שטעטל" פון יצחק יאַנאַסאָוויטש — 229
מנשה האַלפּערן — 235
משה דוד גיסער — 240
אַ יידישער דיכטער אין קובאַ — 247
דריי קורצע לידער פון ישראל אַשענדאָרף — 251
ל. דאָמאַנקעוויטש — 254
אלחנן וואָגלער — 259
סאָלאָמאָן קאַהאַן — 262
אַ יידישער דיכטער אין לאָנדאָן — 266
הערץ בערגנערס נאָוועלן — 270
י. פּאַפּיערניקאָוו — 276
ישעיהו שפּיגלס לידער — 279
„אין מדבר סיני" — 287
יאָסל בירשטיין — 294
אריה שמריס נײַ בוך לידער — 297
צבי אייזנמאַן — 302
י. צ. שאַרגעלס לידער — 307
רבקה באַסמאַן — 312
אַ ליד צום געדענקען — 317
„יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד" — 320
איציק פעפער הּיט די ליניע — 326
איציק פעפער — 334

קיום
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

פארלאג־אדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים-דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות-יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן
20. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (באַנד איינס)

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel

אין גיכן דערשיינט:

יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (באַנד צוויי)
זלמן שזר — ליכטיקע פּערזענלעכקייטן
בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוויעטן
שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן

Este libro se terminó de
imprimir en el mes de
marzo de 1960, en
los Talleres Gráficos de
JULIO KAUFMAN, S.R.L.,
Avenida Corrientes 1976,
Bs. Aires, Rep. Argentina

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

SUM AND SUBSTANCE
Copyright by
JACOB GLATSTEIN
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

JACOB GLATSTEIN

EN ESENCIA

TOMO I

BUENOS AIRES
1960